STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01687

DER SHTILER DON

Mikhail Aleksandrovich Sholokhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

ידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק

1936 וואַרשע

מיכאיל שאָלאָכאָוו

דער שטילער דאָן

דאָס עלפטע בוך

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

69409 11

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

1936 וואַרשע

Printed in Poland

Druk. „Grafia", Nowolipki 7.

69409 11

XXXII

פון יענער זייט דאָן, פון די אייבערשטע ברעגן, פון אַלע קאַנטן, זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן ברייטן פונאַנדערגיסן זיך פון אויפשטאַנד. עס האָבן זיך צעבונטעוועט שוין נישט בלויז צוויי סטאַניצעס. עס זענען אויפגעשטאַנען און אייליק געשאַפן סאָטניעס די שומילינער, קאַזאַנער, מיגולינער, מיעשקאָווער, וויעשענסקער, יעלאַנער, אוסט-כאָפּערער סטאַניצעס; עס זענען אָפּן אַריבער אויף דער זייט פון די אויפשטענדער די קאַרגינער, באָקאָווער, קראַסנאָקוטער. דער אויפשטאַנד האָט געדראָט זיך אַריבערצוּוואַרפן אויך אין די שכנישע אוסט-מעדוועדיצער און כאָפּערער קרייזן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפרודערונג אין די בוקאַנאָווער, סלאַשטשעווער און פיעדאָסעיעווער סטאַניצעס; עס זענען געווען אומרויִק די פון וויעשענסק שכנותדיקע כוטאָרן פון דער אַלעקסעיעווער סטאַניצע... וויעשענסק — די קרייז-סטאַניצע — איז געוואָרן דער צענטער פון אויפשטאַנד. נאָך לאַנגע וויכּוחים און דעבאַטן האָט מען באַשלאָסן איבערצולאָזן די פריערדיקע סטרוקטור פון דער מאַכט. אין אויספיר-קאָמיטעט פון קרייז האָט מען אויסגעקליבן די חשובסטע קאָזאַקן, דער עיקר יונגע. אַלס פאָרזיצער האָט מען באַשטימט דעם מיליטערישן באַאַמטן פון אַרטילעריע-געביט דאַנילאָוון. עס זענען געשאַפן געוואָרן אין די סטאַניצעס און כוטאָרן ראַטן, און, ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט אויסזען, — איז געבליבן אין אומגאַנג אפילו דאָס פריער געטאַדלטע וואָרט „חבר". עס איז אויך געוואָרפן געוואָרן דער דעמאַגאָגישער לאָזונג: „פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט, אָבער קעגן דער קאָמונע, דערשיסונגען און רויבערייען". דעריבער האָבן אויף די פּאַפּאַכעס פון די אויפשטענדער, אַנשטאָט דעם פריערדיקן איינציקן ווייסן בענדל, זיך באַוויזן צוויי: אַ ווייס, געקרייצט מיט אַ רויטס...

סויאַראָוון, אויפן קאָמאַנדיר־אַמט פון די פּאַרטייניקטע אויפ־שטענדערישע כוחות, האָט פאַרביטן דער יונגער — אַכטאונצוואַנ־ציק־יעריקער — כאָרונזשי קודינאָוו פּאַוועל, דער גענאַרגי־קאַוואַ־ליער פון אַלע פיר מדרגות, דער פיינער שמועסער און דורכגעטרי־בענער חברה־מאַן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין כאַראַק־טערלאָזיקייט און נישט פעיִק געווען אַנצופירן מיטן צעבונטע־וועטן קרייז אין אַזאַ שטורמישער צייט, אָבער די קאָזאַקן האָבן געצויגן צו אים צוליב זיין פשוטקייט און גוטער באַנעמונג. דער עיקר — האָט קודינאָוו טיף געשטעקט מיט די וואָרצלען אין דער שוואַרץ־ערד פון קאָזאַקנטום, פון וועלכן ער האָט געשטאַמט, און איז געווען ווייט פון גאווה און אָפיצירישער אַראָגאַנץ, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אויפגעקומענע. ער האָט זיך תמיד געקליידט באַשיידן, געטראָגן לאַנגע, קיילעכיק־אַרומגעשוי־רענע האָר, געווען געהאָרבעט און גערעדט שנעל. זיין דאַר פּנים מיט דער לאַנגער נאָז האָבן אויסגעזען פויעריש און מיט גאָרנישט זיך אויסגעצייכנט.

אַלס שעף פון שטאַב האָט מען אויסגעקליבן דעם אונטער־עסאַול סאַפּאָנאָוו איליאַ בלויז דערפאַר, וואָס דער בחור איז גע־ווען פחדנותדיק, אָבער לייכט אויף דער האַנט, דאָס הייסט, — ער האָט געקאָנט גוט שרייבן און לייענען. וועגן אים האָט מען אַזוי געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג:

— סאַפּאָנאָוון זעצט אַריין אין שטאַב. אויפן פראָנט טויג ער נישט. ביי אים וועלן זיין אי מער פאַרלוסטן, ער וועט די קאָזאַקן נישט אָפּהיטן, אי ער וועט זיך אַליין באַלד איינברעכן. פון אים קאָן אַזוי זיין אַ קעמפער, ווי פון אַ ציגיינער אַ פּאָפּ.

אַ קליינגעוואוקסיקער, אַ קיילעכיקער, האָט סאַפּאָנאָוו אויף אַזאַ באַמערקונג פריידיק אַ שמייכל געטון אין די געל־גרויע וואָנכעס אַריין און מיט גרויס צופרידנקייט מסכים געווען איבער־צונעמען דעם שטאַב.

אָבער קודינאָוו און סאַפּאָנאָוו האָבן בלויז אַמטלעך באַ־שטעטיקט דאָס, וואָס די סאָטניעס האָבן זעלבשטענדיק דורכגע־

פירט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער אָנפירונג האָבן זיי געבונדענע הענט, און עס איז טאַקע נישט געווען פאַר זייערע כוחות אָנצופירן מיט אַזאַ מעכאַניזם און נאָכצואיילן דעם שטורמישן פאַרלויף פון די געשעענישן.

דאָס פערטע זאַאַמורער רייטער־פולק, מיט די באָלשעוויקעס פון אוסט־כאָפּערער, יעלאַנער און, טיילווייז, וויעשענסקער סטאַניצע, וואָס האָבן זיך דערין אַריינגעגאָסן, איז קעמפנדיק דורכגעגאַנגען אַ רייע כוטאָרן, אַריבער די יעלאַנער גרענעץ און מיטן סטעפּ, לענגאויס דעם דאָן, זיך באַוועגט אויף מערב.

דעם פינפטן מערץ איז אין טאָטערישן כוטאָר אָנגעקומען אַ קאָזאַק מיט אַ מעלדונג. די יעלאַנער האָבן אייליק געפאָדערט הילף. זיי האָבן אָפּגעטרעטן כמעט אָן ווידערשטאַנד, נישט געהאַט קיין קוילן און ביקסן. אויף זייערע נעבעכדיקע שאָסן, האָבן די זאַאַמורצעס זיי פאַרשיט מיט אַ רעגן פון מאַשינגעווער, געדעקט פון צוויי באַטאַרייעס. ביי אַזאַ לאַגע איז קיין צייט נישט געווען צו וואַרטן אויף פאַראָרדענונגען פון קרייז. און פיעטראָ מעליעכאָוו האָט באַשלאָסן אַרויסצוטרעטן מיט זיינע צוויי סאָטניעס.

ער האָט איבערגענומען די אָנפירונג אויך איבער די איבעריקע פיר סאָטניעס פון די שכנותדיקע כוטאָרן. אינדערפרי אַרויסגעפירט די קאָזאַקן אויפן בערגל. לכתחילה, ווי עס פירט זיך, האָבן זיך פאַרטשעפּעט די פּאַטראָלן. די שלאַכט האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער.

ביים רויטן טאָל, אַכט וויאָרסט פון טאָטערישן כוטאָר, דאָרט ווו גריגאָרי האָט אַמאָל געאַקערט מיטן ווייב און איר צום ערשטן מאָל געזאָגט, אַז ער האָט זי נישט ליב, — זענען אין טונקעלן ווינטער־טאָג אַראָפּגעשטיגן אויפן שניי ביי די היילן די רייטער־סאָטניעס, זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין קאַמף־ליניעס, און די אָנטרייבער האָבן אַוועקגעפירט די פערד אין אַ געדעקט אָרט. פון אונטן, פון טיפן רחבותדיקן טאָל, האָבן אין דריי קאַמף־ליניעס זיך גערוקט די רויטע. דער ווייסער שטח פון טאָל איז געווען אויסגעזייעט מיט שוואַרצע פּינטעלעך פון מענטשן. צו די קאַמף־

ליניעס זענען כסדר צוגעפאָרן וואָגנס, האָבן זיך דערנענטערט רייטער. די קאָזאַקן, וואָס זענען אָפּגעטיילט געווען פון קעגנער אויף אַ מהלך פון צוויי וויאָרסט, האָבן נישט אײַליק זיך געגרייט אָנצונעמען די שלאַכט.

אויף זײַן זאָט, לייכט-דערהיצט פערד האָט פון די יעלאָנער שוין-צעשיטע סאָטניעס צוגאַלאָפּירט צו גריגאָריען פּיעטראָ. ער איז געווען פריילעך אויפגערעגט.

— ברידער! די קוילן — שוינען! שיסן — נאָר ווען איך וועל אַרויסגעבן די קאָמענדע... גריגאָרי, פיר אַוועק דײַן האַלבע סאָטניע אויף אַ הונדערט פּופציק קלאַפטער לינקס. אייל דיך צו! זאָלן די אָנטרייבער זיך נישט צונויפגיין אין אַ קופּע! — ער האָט געגעבן נאָך עטלעכע לעצטע פאַראָרדענונגען, אַרויסגענומען דעם בינאָקל. — מיר דאַכט זיך, זיי שטעלן אַוועק אַ באַטאַרייע אויפן מאָטוויעוועער בערגל?

— איך האָב דאָס שוין לאַנג באַמערקט: מיט די בלויזע אויגן זעט מען.

גריגאָרי האָט גענומען פון זײַן האַנט דעם בינאָקל, זיך אײַנגעקוקט. הינטערן בערגל מיטן אָפּגעקערטן שפּיץ פון די ווינטן, — האָבן זיך געשוואַרצט וואָגנס, האָבן געשימערט קליינע מענטשלעכע פיגורן.

די טאָטערישע פּוסגייער — די „פּלאַסטונצעס", ווי דאָס ריי-טער-מיליטער האָבן זיי אין שפּאַס גערופן, — נישט געקוקט אויפן שטרענגן באַפעל זיך נישט צונויפצוגיין, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרופּעס, געטיילט מיט די קוילן, גערייכערט, דורכגעוואָרפן מיט וויצן. אויף אַ קאָפּ העכער פון די נידעריקע קאָזאַקן האָט זיך געוויגט כריסטאָניעס פּאַפּאַכע (ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער אינ-פאַנטעריע, פאַרלירנדיק דאָס פערד), זיך גערייטלט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשס הוט. אין דער אינפאַנטעריע זענען געווען צו-מיינסט אַלטע און גאָר יונגע. רעכטס פון די נישט אָפּגעשניטענע געדיכטע שטאַנגען פון די זון-רויזן, אויף אַנדערהאַלבן וויאָרסט ווײַט, זענען געשטאַנען די יעלאָנער. זעקס הונדערט מאַן זענען

געווען אין זייערע פיר סאָטניעס, נאָר כמעט צוויי הונדערט זענען געווען • אָנטרייבער. אַ דריטל פון גאַנצן קאָמפּלעט האָט זיך פאַרבאָרגן מיט די פערד אין די משופּעדיקע קאָרידאָרן פון די היילן.

— פּיעטראָ פאַנטעלעיעוויטש! — — האָט מען געשריגן פון די אינפאַנטעריע-רייען. — פאַרלאָז אונז נישט, פּוסגייער, אין דער שלאַכט!

— זייט רויִק! מיר וועלן אייך נישט פאַרלאָזן, — האָט פּיעטראָ געשמייכלט, און קוקנדיק אויף דער פראָנט-ליניע פון די רויטע, וואָס האָט פאַמעלעך זיך באַוועגט באַרג-אַרויף, האָט ער אָנגעהויבן נערוועז פאָכען מיטן ראַפּניק.

— פּיעטראָ, קום נאָר אַהער, — האָט גריגאָרי אַ בעט געטון, אַוועקגייענדיק פון דער ליניע אין דער זייט אַריין.

יענער איז צוגעריטן. גריגאָרי האָט געזאָגט, קרימענדיק זיך מיט קענטיקער אומצופרידנקייט:

— די פּאָזיציע געפעלט מיר נישט. מען וואָלט געדאַרפט אויסמיידן די היילן. זיי קאָנען אונז אַרומרינגלען אין פלאַנג — מיר וועלן נאָך כאַפּן צרות. הא?

— וואָס דו רעדסט דאָרט! — האָט פּיעטראָ פאַרדראָסיק מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט. — וואָס הייסט — זיי וועלן אונז אַרומרינגלען! איך האָב אין רעזערוו איבערגעלאָזט איין סאָטניע, און אין ערגסטן פאַל, וועלן די היילן אויך צונוצקומען. זיי זענען נישט קיין שטערונג.

— גיב אַכטונג, חברה-מאַן! — האָט גריגאָרי מיט התראה אַ זאָג געטון, אַרומטאַפּנדיק נישט צום לעצטן מאָל די געגנט מיט שאַרפע אויגן.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין ליניע, באַטראַכט די קאָזאַקן. ביי אַ סך זענען שוין נישט געווען די הענטשקעס אויף די הענט. די אויפרעגונג האָט געשלאָגן מיט היץ אין די אברים — זיי האָבן זיי אויסגעטון. עמעצער האָט זיך געלאַנגווייליקט: דאָ די שווערד זיך גלייך געמאַכט, דאָ דעם פּאַסעק ענגער פאַרצויגן.

— אונזער קאָמאַנדיר איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד, — האָט

פּיעדאָט באָדאָווסקאָוו געשמייכלט און איראָניש אַ לייכטן שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין דער זייט אַריין פון פּיעטראָן, וועלכער איז מיט ברייטע טריט צוגעגאַנגען צו די רייען.

— הער נאָר דו, גענעראַל פּלאַטאָוו! — האָט דער איינהענטיקער אַליאָשקא שאַמיל געהירזשעט, באַוואָפנט בלויז מיט אַ שווערד. — הייס געבן צו גלעזלעך בראָנפן די דאָנער!

— שווייג, שיכּור! די רויטע וועלן דיר אָפּהאַקן די צווייטע האַנט, מיט וואָס וועסטו צום מויל צוטראָגן? ס׳וועט דיר אויסקומען פון דער קאָריטע צו זופּן.

— נו־נו!

— איי, וואָלט איך געמאַכט אַ כּוסה! — האָט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו אַ זיפץ געטון און זיך אפילו פאַרדרייט די בלאָנדע וואָנסע, אַראָפּנעמענדיק די האַנט פון הענטל פון דער שווערד.

דאָס שמועסן לענגאויס דער פראָנט־ליניע איז גאָרנישט פּאַסיק געווען פאַרן מאָמענט. און אַלע זענען גלייך שטיל געבליבן, ווי נאָר הינטערן מאַטוויעיעוו־בערגל האָט אַ זעץ געטון אַ שאָס פון אַ האַרמאַט.

דער גערדיכטער פּוליוואָגיקער קלאַנג האָט זיך אַרויסגעריסן פון גאָרגל פון האַרמאַט ווי אַ קנויל, לאַנג איינגעגאַנגען איבערן סטעפּ, ווי אַ ווייס שוימיק רויכל און זיך פאַרענדיקט מיט אַ הילכיקן, קורץ־אָפּגעהאַקטן אויפרייס. דער גראַנאַט האָט נישט דערגרייכט צום געהעריקן אָרט, אויפגעריסן אויף אַ האַלבער וויאָרסט ווייט פון דער קאָזאַקן־ליניע. אַ שוואַרצער רויך אין ווייס־שטראַלנדיקער שניי־באַפּעדערונג האָט פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן איבערן פעלד, אַ פּאַל געטון אַראָפּ, קריכנדיק און זיך טוליענדיק צו די קוסטעס. באַלד האָבן אין דער פראָנט־ליניע פון די רויטע אָנגעהויב רבעטן די קוילנוואַרפער. די פראָסט האָט פאַרשלונגען די שאַרפקייט פון קלאַנג, די קוילנוואַרפער האָבן כּסדר געקלאַפּט, ווי דער קלאַפּער פון אַ נאַכט־וועכטער. די קאָזאַקן האָבן זיך אויסגעלייגט אין שניי, אין די קוסטעס, אין די צעשויבערטע אָנקעפּיקע שטאַנגען פון די זון־רויזן.

— דער רויך איז זייער אַ שוואַרצער! ווי פון אַ דייטשישן גראַנאַט! — האָט פּראָכאָר זיקאָוו אויסגעשריגן, זיך אומקוקנדיק אויף גריגאָריען.

אין דער שכנותדיקער יעלאַנער סאָטניע האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. דער ווינט האָט דערטראָגן אַן אויסגעשריי:

— דעם קום מיטראַפּאַן האָט עס דערהרגעט!

אונטערן פייער איז צו פּיעטראָן צוגעלאָפן דער גאַל־בערדיקער רוביעזשינער סאָטניע־קאָמאַנדיר איוואַנאָוו. ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן אונטער דער פּאַפּאַכע און געסאַפּעט.

— שוין איינמאָל אַ שניי! געדיכט — אַז מ'קאָן קיין פוס נישט אַרויסשלעפּן!

— וואָס ווילסטו? — איז פּיעטראָ אויפמערקזאַם געוואָרן, צונויפרוקנדיק די ברעמען.

— אַ געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן, חבר מעליעכאָוו! שיק איין סאָטניע מיטן טאָל צום דאָן. נעם אַראָפּ פון דער ליניע און שיק. זאָלן זיי מיטן טאָל זיך אַראָפּלאָזן, אַוועקלויפן צום כוטאָר און פון דאָרט אַ קלאַפּ טון אין רוקן פון די רויטע. זיי האָבן דאָך זיכער די טאַבאָרן איבערגעלאָזט... נו, וואָס פאַר אַ וואַך קאָן דאָרט זיין? וועלן זיי אָנמאַכן אַ פּאַניק.

דער „געדאַנק" איז פּיעטראָן געפעלן. ער האָט באַפוילן זיין האַלבע סאָטניע צו שיסן, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו לאַטישעוון, וואָס איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער וווקס און פלינק אַוועקגעשפּרייזט צו גריגאָריען. ער האָט אים דערקלערט אין וואָס עס האַנדלט זיך און קורץ באַפוילן:

— פיר אַוועק אַ האַלבע סאָטניע. טרעט זיי אָן אויפן ווינדל!

גריגאָרי האָט אַרויסגעפירט די קאָזאַקן, זיי האָבן אין טאָל זיך אויפגעזעצט אויף די פערד און אַוועקגעלאָפירט צום כוטאָר.

די קאָזאַקן האָבן אַרויסגעלאָזט צו צוויי קוילן־מאַגאַזינען פון אַ ביקס און פאַרשוויגן געוואָרן. די טיראַליערן פון די רויטע האָבן זיך אויסגעלייגט. עס האָבן זיך פאַרכליניעט אין זייער גרע־

גערן די קוילנוואָרפער. ביי איינעם פון די אָנטרייבערס האָט זיך אויסגעריסן מאַרטין שאַמילס ווייס־פּיסיק פערד, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן דורך אַ פאַרבלאָנזשעטער קויל, אַרייַנגעפאַלן אין ווילדן אַנגסט, דורכגעריסן די ליניע פון די רוביעזשינער קאָזאַקן און אַוועק באַרג־אַרויף צו די רויטע. אַ שטרייף פון מאַשינגעווער האָט עס אונטערגעשניטן, און דאָס פערד האָט אינמיטן לויפן הויך אַ שליידער געגעבן מיטן הינטן און אַ פאַל געטון אין שניי אַריין.

— צילן אין דער באַדינונג פון מאַשינגעווער! — האָט מען זיך איבערגעגעבן פּיעטראָס באַפעל אין דער ליניע.

מען האָט געצילט. עס האָבן געקלאַפּט בלויז די גוטע שיסער און אָנגעמאַכט שאָדן: דאָס נישט אָנזעעוודיקע קאָזאַקל פון אייבערשטן קריווער כוטאָר האָט איינעם נאָכן צווייטן אַוועקגעלייגט מיט זיינע קוילן דריי מאַן פון דער מאַשינגעווער־באַדינונג, און דער „מאַקסים" איז פאַרשוויגן געוואָרן. אָבער די דערהרגעטע פון דער באַדינונג זענען פאַרטרעטן געוואָרן דורך אַנדערע. דער קוילנוואָרפער האָט ווידער גענומען קנאַקן, זייענדיק מיט זוימען פון טויט. די זאַלפן האָבן אָפט זיך איבערגעחזרט. די קאָזאַקן האָבן שוין אָנגעהויבן זיך לאַנגווײלן, אַלץ טיפער זיך איינגראָבנדיק אין שניי. אַניקושקאַ האָט זיך דערגראָבן צו דער גאָלער ערד, נישט אויפהערנדיק צו שפּאַסן. די קוילן האָבן זיך ביי אים אויסגעלאָזט (ער האָט זיי געהאַט פינף שטיק אין גרינעם פאַרזשאַווערטן מאַגאַזין), און אַרויסרוקנדיק דעם קאָפּ פון שניי, האָט ער אַלעמאָל אַרויסגעבערענגט מיט די ליפּן אַ קלאַנג, וואָס איז זייער ענלעך געווען צום פייף פון אַוויעוויורקע, ווען זי דערשרעקט זיך.

— אַכיו!... — האָט אַניקושקאַ ווי אַ וויעוויורקע אויסגעשריגן, דורכפירנדיק איבער דער ליניע זיינע לצישע אויגן.

רעכטס פון אים האָט ביז טרערן זיך געקייקלט סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו און לינקס האָט בייז געבורטשעט אַנטיפּקאַ ברעך.

— הער אויף, שלאַנג! געפינען אַ צייט, ווען זיך צו וויצלען.

— אַכיו!... — האָט אַניקושקאַ זיך אויסגעדרייט אין זיין זייט אַריין מיט געמאַכטער שרעק אין די קיילעכיקע אויגן.

אין דער באַטאַרייע פון די רויטע האָט, משמעות, פאַרפעלט גראַנאַטן: אויסשיסנדיק אַ דרייסיק מאָל, איז זי פאַרשוויגן געוואָרן. פיעטראָ האָט כסדר געוואָרפן אומגעדולדיקע בליקן צוריק, אויפן שפּיץ פון באַרג. ער האָט אַוועקגעשיקט צוויי שליחים אין כוטאָר אַריין מיט אַ באַפעל, אַז די גאַנצע דערוואַקסענע באַפעלקערונג פון כוטאָר זאָל אַרויסגיין אויפן באַרג, באַוואָפנט מיט היי-גאָפּלען, דרענגער און קאָסעס. ער האָט חשק געהאַט צו וואָרענען די רויטע און אויך אויסשפּרייטן דריי פראָנט-ליניעס.

באַלד האָט אויפן שפּיץ באַרג זיך באַוויזן דאָס פאָלק און אין געדיכטע מחנות זיך גענומען שיטן באַרג-אַראָפּ.

— זע נאָר, שוואַרצע קאַווקעס האָבן זיך אַרויסגעשיט!

— דער גאַנצער כוטאָר איז אַרויסגעגאַנגען!

— דאַכט זיך, ווייבער זענען אויך דאָרט!

די קאָזאַקן האָבן זיך איבערגעשריגן און געשמייכלט. זיי האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט שיסן. פון דער זייט פון די רויטע האָבן געאַרבעט בלויז צוויי קוילנוואַרפער, זעלטן האָבן גע-קנאַלט זאַלפן.

— אַ שאָד זייער באַטאַרייע איז פאַרשוויגן געוואָרן. זיי וואָלטן אַרייַנגעוואָרפן איין גראַנאַט אין ווייבערישן חייל, וואָלט דאָרט לעבעדיק געוואָרן! — זיי וואָלטן מיט נאַסע פּאָדלס אין כוטאָר אַריין אַנטלאָפן! — האָט דער איינהענטיקער אַליאָשאַ מיט צופרידנקייט געזאָגט, אפנים אויף אַן אמת באַדויערנדיק, וואָס די רויטע ווען נישט אויסשיסן קיין איין גראַנאַט אויף די ווייבער.

די מחנות האָבן אָנגעהויבן זיך אויסגלייכן, פונאַנדערשפּרייטן. באַלד האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אין צוויי ברייטע ליניעס. שטיין געבליבן.

פיעטראָ האָט זיי נישט געהייסן זיך דערנענטערן אפילו אויפן מהלך פון אַ שאָס פון דער קאָזאַקן-ליניע. אָבער בלויז זייער באַוויזן זיך האָט שוין געמאַכט אויף די רויטע דעם געהעריקן איינדרוק. די רויטע טיראַליערן האָבן אָנגעהויבן אָפּטרעטן, זיך אַראָפּלאָזנדיק פון דער שיפּוע. קורץ זיך באַראַטנדיק מיט די סאָטניע-קאָמאַנדירן,

האָט פּיעטראָ אויפגעדעקט דעם רעכטן פלאַנג, אַוועקנעמענדיק די צווי רייען יעלאָנער. ער האָט זיי באַפוילן אַוועקצורייטן אויף צפון, צום דאָן, כדי דאָרט אונטערצושטיצן גריגאָריעס אָנפאַל. די די סאָטניעס האָבן זיך פאַרמירט אין אָנבליק פון די רויטע אויף דער צווייטער זייט פון די רויטע היילן און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן טאָל צום דאָן.

דאָס שיסעריי אויף די אָפּטרעטנדיקע רויטע טיראַליערן איז באַנייט געוואָרן. אין דער צייט זענען פון „רעזערוו“, וואָס איז באַשטאַנען פון ווייבער, אַלטע לייט און יונגוואַרג, אין דער קאַמף־ליניע אַריינגעדרונגען עטלעכע דרייסטערע ווייבער און אַ חברה קליינוואַרג. מיט די ווייבער איז מיטגעקומען אויך דאַריאַ מעליעכאָוו.

— פּיעטיאַ, לאָז מיך, איך וועל אויסשיסן צו אַ רויטן! איך קען דאָך אומגיין מיט אַ ביקס.

זי האָט טאַקע גענומען פּיעטראָס ביקס, זיך אַ זעץ געטון אויף דער קני און אויפן מענישן שטייגער, זיכער צודריקנדיק די קאָלבע צום שמאָלן אַקסל, האָט זי צוויי מאָל אויסגעשאָסן.

און דער „רעזערוו“ האָט געפּרירט, געטופּעט מיט די פיס, אונטערגעשפּרונגען, געשנייצט די נעז. ביידע רייען האָבן זיך גע-וויגט, ווי פון ווינט. ביי די ווייבער זענען בלוי געוואָרן די באַקן און ליפּן; אונטער די ברייטע פאָדלס פון די קליידער האָט שטרענג געבאַלעבאַטעוועט די פראָסט. די אַלטיטשקע לייט זענען אײַנגאַנצן געפרוירן געוואָרן. אַ סך פון זיי, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען דער זיידע גרישאַקאַ, האָט מען אונטער די הענט געפירט אויפן באַרג אַרויף פון כוטאָר. נאָר דאָ, אויפן באַרג, וואָס איז געווען אָפן פאַר די ווינטן, זענען די אַלטע פון דער שיסעריי און קעלט הייטער געוואָרן. אין די רייען האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו שמועסן וועגן די פריערדיקע מלחמות און שלאַכטן, וועגן דער שווערער איצטיקער מלחמה, אין וועלכער עס קעמפט אַ ברודער מיט אַ ברודער, אַ פאָטער מיט אַ פאָטער

און די האַרמאַטן שיסן פון אַזוי ווייט, אַז מ'קאָן זיי מיטן בלויזן אויג נישט דערזען...

XXXIII

גריגאָרי מיט דער האַלבער סאָטניע האָט צעקלאַפּט דעם טאַבאָר פון דער ערשטער ליניע זאַאַמורצעס. אַכט רויטאַרמייער זענען דערהרגעט געוואָרן, פיר וואָגנס מיט קוילן און צוויי רייטפערד זענען צוגענומען געוואָרן. די האַלבע סאָטניע איז אָפּגעקומען מיט אַ דערהרגעט פערד און נישטיקן ראַן אויפן קערפער פון איין קאָזאַק.

אָבער בשעת גריגאָרי האָט זיך דערוויטערט ביים דאָניעץ מיט די אָפּגעשלאָגענע וואָגנס, דורך קיינעם נישט פאַרפאָלגט און שטאַרק דערפרייט פון זיין דערפאָלג, — האָט אויפן בערגל זיך אָפּגעשפּילט דער פינאַל פון דער שלאַכט. אַן עסקאַדראָן זאַאַמורצעס האָט מיט אַ וויטן רונדן וועג נאָך פאַר דער שלאַכט זיך אַוועקגעלאָזט, כדי אַרומצורינגלען. ער האָט געמאַכט אַ צענוויאָרסטיקן קרייז און פלוצלינג אָנקומענדיק פון הינטערן באַרג אָפּער, אַטאַקירט די אָנטרייבער. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. די אָנטרייבער זענען אַרויס מיט די פערד פון דער רויטער הייל, טייל קאָזאַקן באַוויזן צו דערלאַנגען די פערד און איבער די איבעריקע האָבן שוין זיך צעגלאַנצט די קלינגען פון די זאַאַמורצעס. אַ סך אומבאַוואָפנטע אָנטרייבער האָבן סתם צעלאָזט די פערד, גענומען זיך פונאַנדערשפּרייטן, די אינפאַנטעריע, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו שיסן, אויס מורא נישט צו טרעפן אין די אייגענע, — האָט ווי אַרבעס פון אַ זאַק זיך גענומען שיטן אין דער הייל אַריין, אַריבער אויף דער צווייטער זייט און אין אומאָרדענונג אָנגעהויבן אַנטלויפן. די רייטער (אַזעלכע איז געווען צומיינסט), וואָס האָבן באַוויזן צו כאַפּן פערד, האָבן זיך

אװעקגעלאָזט אין געיעג צום כוטאָר, ווי וועלנדיק אויספּרוּוון ווע־
מעס פערד ס'איז בעסער.

אין ערשטן מאָמענט, ווי נאָר ער האָט אויפן געשריי אויס־
געדרייט דעם קאָפּ און דערזען די רייטער־לאַווע אין דער ריכ־
טונג פון די אָנטרייבער, — האָט פּיעטראָ אַרויסגעגעבן אַ קאָמענדע:

— צו די פערד! אינפאַנטעריע! לאַטישעוו! איבער דער
הייל!...

אָבער צולויפן צו זיין אָנטרייבער האָט ער שוין נישט באַ־
וויזן. זיין פערד האָט געהאַלטן דער יונגער בחור אַנדריושקאַ
בעזכליעבאָוו. ער האָט אין גאַלאָפּ זיך געטראָגן צו פּיעטראָן;
צוויי פערד, פּיעטראָס און פיעדאָט באָדאָווסקאָווס, האָבן גאַלאָ־
פּירט צוזאַמען פון רעכטס. אָבער אויף אַנדריושען איז פון דער
זייט אָנגעלאָפן אַ רויטאַרמייער אין אַ צעכראַסטעט געל פּעלצל
און מיטן גאַנצן אימפּעט אים מיט דער שווערד אַ זעץ געטון,
אויסשרייענדיק:

— עך דו, קעמפער מיינער!...

אויף אַנדריושקעס גליק האָט אויף זיין פּלייצע זיך גע־
באָמבלט די ביקס, און אָנשטאָט זיך אַריינצושניידן אין אַנדריוש־
קעס האַלז, וואָס איז אַרומגעהילט געווען מיט אַ ווייסער שאַל,
האָט די שווערד אַ גרילץ געטון איבער דער לופע, מיט אַ פייף
זיך אַרויסגעריסן פון רויטאַרמייערס האַנט און אַוועקגעפלויגן אין
דער לופט, ווי אַ זיך אויסגלייכנדיקע דוע. אונטער אַנדריושקען
האָט דאָס הייסע פערד זיך אַ ריס געטון אין דער זייט אַריין,
צעבריקעוועט. פּיעטראָס און באָדאָווסקאָווס פערד האָבן עס גע־
נומען נאָכאיילן...

פּיעטראָ האָט אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ, אַ רגע שטיין געבליבן
אומבאַוועגלעך, בלייך געוואָרן, אַ שווייס האָט מיטאַמאָל אים פאַר
גאָסן דאָס פּנים. ער האָט געכאַפּט אַ בליק צוריק: צו אים זענען
געלאָפן ביי אַ צענטליק קאָזאַק.

— מיר זענען פאַרלוירן! — האָט באָדאָווסקאָוו געשריגן. און
אימה האָט צעקרימט זיין פּנים.

— שפּרינגט אַראָפּ אין דער הייל אַריין, קאָזאַקן! בּרידער, אין דער הייל אַריין!

פּיעטראָ האָט זיך בּאַהערשט, דער ערשטער צוגעלאָפֿן צו דער הייל, זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון דער דרייסיק-קלאַפטערדיקער שיפּוע. ער האָט זיך פֿאַרטשעפּעט, צעריסן דאָס פּעלצל פֿון דער בּרוסט-קעשענע בּיז דער זוים פֿון דער פּאָלע, אויפֿגעשפּרונגען, זיך אָפּגעטרייסלט ווי אַ הונט, מיטן גאַנצן קערפּער מיטאַמאָל. פֿון דער הייך, ווילד זיך קייקלענדיק, איבּערקערנדיק אין דער לופֿט, האָבּן זיך געשיט די קאָזאַקן.

אין איין מינוט זענען זיי אַראָפּגעפֿאַלן בּיי אַ מאַן צען. פּיעטראָ איז געווען דער עלפֿטער. דאָרט, אינדערהייך, האָבּן נאָך געקנאַלט שאָסן, געקלונגען אויסגעשרייען, זיך געטראָגן אַ טופּעריי פֿון פֿערד. און אויף דער דנאָ פֿון דער הייל האָבּן די קאָזאַקן, וואָס זענען דאָ אַריינגעפֿאַלן, נאַריש אָפּגעטרייסלט דעם שניי און דאָס זאַמד פֿון די פּאַפּאַכעס, זיך צעריבּן די צעקלאַפּטע ערטער. מאַרטין שאַמיל האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס שלאָס פֿון דער בּיקס, דורכגעבּלאָזן די לופֿע, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט שניי. בּיי איין בּחורל, מאַניצקאָוון, דעם זון פֿון פֿאַרשטאָרבּענעם אַטאַמאַן פֿון כוטאָר, האָבּן די בּאַקן, דורכגעשטרייפֿטע מיט נאַסע שטעגעלעך פֿון לויפֿנדיקע טרערן, פֿון גרויס פּחד געציטערט.

— וואָס טוט מען? פּיעטראָ, פֿיר אָן! דער טויט איז אין די אויגן... ווו בּאַהאַלט מען זיך?! אוי, מען וועט אונז דערהרגענען!

פּיעדאָט האָט אַ קנאַק געטון מיט די ציין, זיך געלאָזט לויפֿן בּאַרג-אַראָפּ מיטן ראָוו פֿון דער הייל, צום דאָן.

נאָך אים, ווי שעפּסן, האָבּן זיך אַ לאָז געטון אויך די איבּעריקע.

פּיעטראָ האָט מיט געוואַלט זיי פֿאַרהאַלטן:

— שטייט! מיר וועלן זיך אַן עצה געבּן... לויפֿט נישט! מען וועט אייך דערשיסן!

ער האָט אַלע אַריינגעפֿירט אין אַ לאָך אין דער געלײמי-

קער וואַנט פון דער הייל, פאַרגעלייגט שטאַמלענדיק, אָבער באַ־מיִענדיק זיך אויסצוזען רויִק:

— אַראָפּ טאָר מען נישט גיין. זיי וועלן ווייט נאָכיאָגן אונ־זערע... מען דאַרף דאָ... באַהאַלט אייך אין די לעכער אַריין... דריי אויף יענער זייט... מיר וועלן זיך אָפּשיסן! דאָ קאָן מען אויסהאַלטן אַ באַלאַגערונג.

— אָבער מיר וועלן דאָך אומקומען! טאַטעלעך! מענטשן האַרציקע! לאָזט מיך אַרויס פונדאַנען!... איך וויל נישט... איך וויל נישט שטאַרבן! — האָט זיך פלוצלינג צערעוועט דאָס ווייס־ברעמיקע בחורל מאַניצקאָוו, וועלכער האָט שוין פריִער אויך געוויינט.

פיעדאָט האָט אַ פינקל געטון מיטן קאַלמיקישן אויג און פלוצלינג מיט דער גאַנצער קראַפט אַריינגעזעצט מאַניצקאָוון די פויסט אין פנים.

ביי דעם בחור האָט אַ שטראָם געטון בלוט פון דער נאָז. ער האָט מיטן רוקן אַראָפּגעשיט ליים פון דער וואַנט, קוים זיך דערהאַלטן אויף די פיס, אָבער אויפגעהערט רעווען.

— ווי אַזוי וועלן מיר זיך אָפּשיסן? — האָט שאַמיל גע־פרעגט, אָנכאַפּנדיק פּיעטראָן ביי די הענט. — וויפל קוילן האָבן מיר דען? מיר האָבן דאָך נישט קיין קוילן!

— זיי וועלן אַריינוואַרפן אַ גראַנאַט. די קישקעס אַרויס־לאָזן!

— נו, וואָס־זשע זאָל מען טון! — פּיעטראָ איז פלוצלינג בלוי געוואָרן, אויף זיינע ליפּן הינטער די וואָנסעס האָט זיך אָנגעה־הויבן בלעזלען אַ שוים. — לייגן זיך!... איך בין דער קאָמאַנדיר, צי אַן אַנדערער? איך וועל דערהרגענען!

ער האָט טאַקע גענומען פאָכען מיטן רעוואָלווער איבער די קעפּ פון די קאָזאַקן.

זיין פייפנדיק שעפּטשען האָט ווי אַריינגעבלאָזן לעבן אין זיי. באָדאָווסקאָוו, שאַמיל און נאָך צוויי קאָזאַקן זענען אַריבערגע־

לאָזן אויף דער צווייטער זייט הייל, זיך אַרייַנגעלייגט אין אַ לאָך, די איבעריקע האָבן זיך אויסגעלייגט מיט פּיעטראָן.

פרילינגס-צייט קאָלערט דער באַרג-שטראָם קיזלשטיינער, שווענקט אויס לעכער אין ראָוו, רייסט — מיט שטיקער פון רויט-ליימיקן באָדן, גראָבט אויס פאַרטיפונגען און דורכגענג אין די ווענט פון דער הייל. אין זיי האָבן זיך דאָס אַרייַנגעזעצט די קאָזאַקן.

לעבן פּיעטראָן, האַלטנדיק די ביקס אָנגעגרייט, איז געשטאַנען איינגעבויגן אַנטיפּ ברעכאָוויטש און מיט באַדויערן געשעפּטשעט:

— סטיעפּקאַ אַסטאַכאָוו האָט זיין פערד ביים ווײַנדל אָנגעכאַפּט... אָוועקגעריטן, נאָר מיר איז נישט באַשערט געווען... און די אינפאַנטעריע האָט אונז פאַרלאָזט... מיר וועלן אומקומען, ברידער!... איין גאָט זעט, מיר וועלן אומקומען!...

אינדערהייך האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ סקריפּען פון לויפנדיקע טריט. אין דער הייל האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּשיטן שטיקלעך שניי און ליים.

— וואָס זענען זיי? — האָט פּיעטראָ אַ פּליסטער געטאָן, אָנכאַפּנדיק אַנטיפּקען ביים אָרבל, נאָר יענער האָט פאַרצווייפלט אויסגעריסן די האַנט, געכאַפּט אַ בליק אינדערהייך, האַלטנדיק דעם פינגער אויפן צינגל.

פונדערהייך איז קיינער נאָענט נישט צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער הייל.

פון דאָרט האָבן זיך דערהערט קולות, אַ שרייען אויף אַ פערד.

„זיי זענען זיך מיישב“, — האָט פּיעטראָ אַ קלער געטאָן, און אַ שווייס האָט ווידער גענומען רינען איבער זיין רוקן, איבערן האַרץ-גריבל, איבערן פּנים, ווי אַלע פּאָרעס פון זיין קערפּער וואָלטן זיך געעפנט.

— הע, איר! קריכט אַרויס! מיר וועלן אייך סיי ווי דערהרגענען! — האָט מען פונדערהייך אויסגעשריגן.

דער שניי איז געפאַלן אין דער הייל אַריין געדיכטער, ווי

אַ ווייסער מילכיקער שטראָם. עמעצער איז, אפנים, נאָענט צוגע־גאַנגען צו דער הייל.

אַ צווייט קול האָט אויך אַזוי זיכער אַ זאָג געטון:

— דאָ אַהער זענען זיי אַראָפּגעשפּרונגען, אָט זענען די שפּורן. איך האָב דאָך אַליין געזען!

— פּיעטראָ מעליעכאָוו! קריך אַרויס!

אויף אַ רגע האָט אַ בלינדע פרייד, ווי אַ פלאַם, אַרומגע־נומען פּיעטראָן. „ווער קען מיך פון די רויטע? דאָס זענען דאָך אייגענע! זיי האָבן אָפּגעשלאָגן!" אָבער דאָס זעלבע קול האָט אים געניַיט פּיבערהאַפּט אויפצושוידערן:

— עס רעדט קאָשעוואָי מיכאַיל. מיר לייגן דיר פאָר זיך אונטערצוגעבן מיט גוטן. איר וועט סיי ווי נישט אַנטרינען!

פּיעטראָ האָט זיך אָפּגעווישט דעם נאַסן שטערן, אויף זיין האַנט־פלאַך זענען געבליבן שטרייפן פון ראָזן בלוטיקן שווייס.

אַ מאָדנע געפיל פון גלייכגילטיקייט, וואָס האָט זיך געגרע־נעצט מיט באַוווסטלאָזיקייט, האָט זיך צוגעגנבעט צו אים.

און ווילד האָט אים אויסגעזען באָדאָווסקאָווס אויסגעשריי:

— מיר וועלן אַרויסקריכן, אויב איר וועט אונז צוזאָגן אָפּ־צולאָזן. און אויב נישט, וועלן מיר זיך אָפּשיסן! נעמט אונז!

— מיר וועלן אייך אָפּלאָזן... — האָט מען, שווייגנדיק אַ ווייַ־לע, געענטפערט פונדערהייך.

פּיעטראָ האָט מיט שטאַרקער אָנשטרענגונג אָפּגעטרייסלט פון זיך די שלעפעריקע טעמפּקייט. אין די ווערטער „מיר וועלן אייך אָפּלאָזן" האָט ער דערהערט אַ פאַרבאָרגענעם טאָן פון חוזק. ער האָט טויב אַ געשריי געטון:

— צוריק! — אָבער קיינער האָט אים שוין נישט געהאָרכט.

די קאָזאַקן, אַלע, חוץ אַנטיפּקען, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אין לאָך, האָבן זיך אָנגעהויבן כאַפּן אויף די בולטע ערטער פון דער וואַנט, און אַרויסגעקראָכן אינדערהייך.

פּיעטראָ איז אַרויסגעקומען דער לעצטער. אין אים, ווי אַ קינד אונטערן האַרץ פון אַ פרוי, האָט מעכטיק אַ פלאַטער גע־

טון דאָס לעבן. געטריבן דורכן אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, האָט ער נאָך אין זינען געהאַט אַרויסצוואַרפן די קוילן פון מאַגאַזין און גענומען קריכן אויפן משופּעדיקן אַראָפּהאַנג. עס איז אים טונקל געוואָרן אין די אויגן, דאָס האַרץ האָט פאַרנומען די גאַנצע ברוסט. עס איז געווען ענג און שווער, ווי אין אַ שווערן שלאָף אין דער קינדהייט. ער האָט אָפּגעריסן די קנעפּלעך פון קאָלנער פון דער בלוזע, צעריסן דעם קאָלנער פון ברודיקן העמד. זיינע אויגן זענען פאַרגאָסן געוואָרן פון שווייס, די הענט האָבן זיך געגליטשט איבער דער קאַלטער געבערגלטער וואַנט פון דער הייל. ער האָט סאָפּענדיק זיך אַרויפגעקריגן אויפן איינגעטרעטענעם שטיקל אָרט פאַר דער הייל, אַ וואָרף געטון זיך די ביקס פאַר די פיס, אויפגעהויבן די הענט אינדערהייך. צונויפגעדריקט אין אַן ענגער קופּע זענען געשטאַנען די קאָזאַקן, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פאַר אים. זיך אָפּטיילנדיק פון דער גרויסער מחנה זאַאַמורצעס, פוסגייער און רייטער, האָט זיך דערנענטערט צו זיי מישקאַ קאָשעוואָי, זענען צוגעריטן רויטאַרמייער...

מישקאַ איז צוגעגאַנגען האַרט צו פּיעטראָן און, נישט אויפהייבנדיק די אויגן פון דער ערד, שטיל געפרעגט:

— האָסט דיך שוין גענוג אָנגעקעמפט? — צוואַרטנדיק אויף אַן ענטפער און נאָך אַלץ אַזוי קוקנדיק פּיעטראָן אויף די פיס, האָט ער ווידער געפרעגט: — דו האָסט אָנגעפירט מיט זיי?

פּיעטראָס ליפּן האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען. מיט אַ באַוועגונג פון גרויס מידקייט האָט ער אָנגעשטרענגט אויפגעהויבן די האַנט צום פייכטן שטערן. מישקעס לאַנגע אויסגעבויגענע וויִעס האָבן גענומען ציטערן, די אָנגעשוואָלענע אייבערשטע ליפּ, באַזייעט מיט בלעטערלעך פון פיבער, איז פאַרהויבן געווען אַרויף. אַזאַ שוידערן האָט גענומען טרייסלען מישקעס קערפּער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, — ער וועט זיך נישט דערהאַלטן אויף די פיס, וועט אומפאַלן. אָבער ער האָט פּלוצלינג אַ פאַרהייב געטון די אויגן אויף פּיעטראָן, גענומען קוקן אים גלייך אין די אַפּלען

אַריין, זיך איינעגבערן אין זיי מיט אַ מאָדנע־פרעמדן בליק און שנעל אַ בורטשע געטון:

— טו דיך אויס!

פיעטראָ האָט פלינק אַראָפגענומען פון זיך דאָס פעלצל, פאָרזיכטיק עס צונויפגעדרייט און אַוועקגעלייגט אויפן שניי. אויסגעטון די פאַפאַכע, דעם פאַסעק, די בלוזע פון האַקי־קאָליר און, אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ פאָלע פון פעלצל, אָנגעהויבן אַראָפציִען די שטיוול, ווערנדיק מיט יעדער מינוט אַלץ בלייכער און בלייכער.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז אַראָפגעשטיגן פון פערד, צוגעגאַנגען זייטיק און, קוקנדיק אויף פיעטראָן, צוזאַמענגעדריקט די ציין — ער האָט מורא געהאַט נישט אַרויסצוכליפען.

— די וועש טו נישט אויס, — האָט מישקאַ אַרויסגעשעפטשעט און, אַ ציטער טוענדיק, פלוצלינג שאַרף אויסגעשריגן: — שנעלער, דו!...

פיעטראָ האָט גענומען זיך איילן, צונויפגעדרייט די וואָלענע זאָקן, וואָס ער האָט אַראָפגענומען פון די פיס, זיי אַריינגערוקט אין די כאָליעוועס, אויפגעשטאַנען און אַראָפגעטרעטן פון פעלצל אויפן שניי־אַרויף מיט די באָרוועסע שאַפראַן־געלע פיס.

— קום! — האָט ער אַ רוף געטון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, קוים באַוועגנדיק מיט די ליפן. יענער האָט שווייגנדיק געקוקט, ווי אונטער פיעטראָס פיס צעגייט דער שניי. — קום איוואַן, דו האָסט מיין קינד געטויפט... קום, דערהרגעט מיך נישט! — האָט פיעטראָ אַ בעט געטון און דערזעענדיק, אַז מישקאַ האָט שוין אויפגעהויבן דעם רעוואָלווער קעגן זיין האַרץ, — האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו דערזען עפעס בלענדנדיקס, שנעל צונויפגעלייגט די פינגער אין צייכן פון אַ קרייץ און אַריינגענומען דעם קאָפ צווישן די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַ שפרונג צו טון.

ער האָט נישט געהערט דעם שאָס, פאַלנדיק אויפן רוקן, ווי פון אַ שטאַרקן שטויס.

קאָשעוואָיס אויסגעשטרעקטע האַנט האָט אָנגעכאַפט זיין

האָרץ און מיט זיינמאָל אויסגעקוועטשט דאָס בלוט דערפון. מיט דער לעצטער לעבנס־אָנשטרענגונג האָט פּיעטראָ שווער צעעפנט דעם קאָלנער פון זיין העמד, אָנטבלויזנדיק אונטערן לינקן וואָרצל די וווּנד פון דער קויל. פון איר האָט פּאַמעלעך געטריפט בלוט, דערנאָך, געפינענדיק אַן אויסגאַנג, האָט דאָס בלוט מיט אַ פייף אַ שלאָג געטון אינדערהייך אין אַ דזשעגעכץ־שוואַרצן שטראָמל.

XXXIV

פאַרטאָג האָט די אויסשפּירונג, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דער רויטער הייל, זיך אומגעקערט מיט דער ידיעה, אַז ביז דער יעלאַנער גרענעץ האָט מען נישט באַגעגנט קיין רויטע און אַז פּיעטראָ מעליעכאָוו מיט נאָך צען קאָזאַקן ליגן דערהרגעט, טאַקע דאָרט, אינדערהייך פון דער הייל.

גריגאָרי האָט זיך פאַרנומען מיטן אָרויסשיקן שליטנס נאָך די דערהרגעטע און אָוועקגעגאַנגען פאַרברענגען די רעשט נאַכט ביי כריסטאָניען. עס האָבן אים געטריבן פון דער היים די ווייבערישע יללות נאָכן טויטן, דאַריעס אומהיימלעכע יאָמערן. ער איז אָפּגעזעסן ביז טאָג בייַם אייוועלע אין כריסטאָניעס כאַטע. ער האָט גיריק אויסגערייכערט אַ פּאַפּיראָס און, ווי מורא האָבנדיק צו בלייבן אויג־אויף־אויג מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיין צער נאָך פּיעטראָן, האָט ער ווידער אייליק זיך געכאַפּט צום טיטון־בייטל, — אָן אויפהער אָנגעצויגן דעם האַרבן רויך אין זיך און פאַרפירט זייטיקע שמועסן מיטן דרימלענדיקן כריסטאָניען.

עס איז טאָג געוואָרן. ראָס לינדע וועטער האָט זיך אָנגעהויבן פון סאַמע אינדערפרי. אַ זייגער צען האָבן אויפן פאַרמיסטיקטן וועג זיך באַוויזן קאָלושעס. פון די דעכער האָט געטריפט. עס האָבן געקרייעט, ווי אין פרילינג, די הענער. און איינזאַמע הון האָט ערגעץ געקוואָקעט, ווי אין אַ הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג.

אין די הייך, אויף דער זוניקער זייט, האָבן די אָקסן זיך געריבן אָן די פּלויטלעך. דער ווינט האָט פון זייערע רוקנס צע־טראָגן די גרויע האָר, וואָס זענען אויסגעקראָכן מיטן אָנקומען פון פרילינג. עס האָט געשמעקט מיט צעגאַנגענעם שניי שאַרף און זיסלעך. זיך וויגנדיק אויף אַ נאַקעט צווייגל פון אַן עפּל־בוים בײַ כריסטאָניעס כאַטע, האָט געטשירקעט אַ קליינער געל־בײַכיקער ווינטער־פויגל.

גריגאָרי איז געשטאַנען לעבן טויער, געוואַרט אויף די שליטנס, וואָס האָבן זיך געדאַרפט באַווײַזן פון הינטערן באַרג אַפּער, און נישט ווילנדיק איבערגעזעצט דאָס טשירקען פון פויגל אויף דעם לשון, וואָס איז אים באַקאַנט געווען פון דער קינדהייט. „שאַרף־דעם־אַקער! שאַרף־דעם־אַקער!“ — האָט פריידיק אַרויסגעזאָגט דער פויגל אין דעם לינדן טאָג, אָבער אויף פראָסט — האָט גרי־גאָרי געוווסט — בײַט זיך זיין קול. שנעל טשירקעט ער דעמאָלט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַן עצה געבן, און זיי טשירקען איז ענלעך צו די ווערטער: „טו־אָן־די־שיך! טו־אָן־די־שיך!“

גריגאָרי האָט אַריבערגעפירט דעם בליק פון וועג אויפן שפּרינגענדיקן פויגל. „שאַרף־דעם־אַקער! שאַרף־דעם־אַקער!“ — האָט דער פויגל אויסגעטשירקעט. און גריגאָרי האָט זיך פּלוצ־לינג דערמאַנט, ווי ער פלעגט צוזאַמען מיט פּיעטראָן קינד־וויַיז פּאַשען אינדיקעס אין סטעפּ, און פּיעטיאַ, דעמאָלט אַ ווייס־האָריקער, מיט אַ פּאַרריסענער תּמיד אָפּגעשיילטער נאָז, האָט מייסטערהאַפט נאָכגעמאַכט דאָס האָלדערן פון די אינדיקעס און אויך אַזוי איבערגעזעצט זייער שפּראַך אויף זיין פריידיק, קינדיש לשון. ער האָט קונציק אַרויסגעבראַנגט דעם פּישטש פון באַליידיקטן אינדיק, דין אַרויסרעדנדיק: „אַלע אין שטיוו עלעך, און איך נישט! אַלע אין שטיוועלעך, און איך נישט!“ און באַלד אויסגעגלאָצט די אויגן, פאַרבויגן די הענט אין די עלנבויגנס, ווי דער אַלטער אינדיק זיך גערוקט זייטיק און געהאָלדערט: „הור! הור! הור! הור! מיר וועלן קויפן דעם הולטיי שטיוועלעך אויפן מאַרק“. דע־מאָלט האָט גריגאָרי געלאַכט מיט אַ גליקלעך געלעכטער, געבעטן

גאַכאַמאָל נאָכצומאַכן דעם אינדיק, צו ווייזן ווי אַזוי די קליינע אינדיקלעך פּישטשען, ווען זיי געפינען אין גראָז עפּעס אַן אומבאַקאַנטע זאַך — אַ בלעכל אָדער שטיקל טיכעלע...

אין עק גאַס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שליטן. ביי זיין זייט איז געגאַנגען אַ קאָזאַק. באַלד נאָך אים זענען אַרויסגעשווומען דער צווייטער און דריטער שליטן. גריגאָרי האָט אָפּגעווישט די טרער און שטילן שמייכל פון די נישט־געבעטענע זכרונות און איילק אַוועקגעגאַנגען צום טויער פון זייער הויף. ער האָט געוואָלט אין ערשטן שרעקלעכן מאָמענט פאַרהאַלטן די מוטער, וואָס איז צעמישט געוואָרן פון די צרות, און זי נישט צולאָזן צום שליטן מיט פּיעטראָס טויטן קערפּער. ביי דער זייט פון ערשטן שליטן האָט געשפּרייזט אָן אַ היטל אַליאָשקאַ שאַמיל. ער האָט צוגעדריקט מיטן רעשטל פון דער האַנט די פּאַפּאַכע צו דער ברוסט, געהאַלטן מיט דער רעכטער האַנט די האָריקע לייצן. גריגאָרי האָט נישט פאַרהאַלטן דעם בליק אויף אַליאָשען, אַ קוק געטון אויפן שליטן. אונטערגעבעט מיט שטרוי, מיטן פּנים אַרויף, איז געלעגן מאַרטין שאַמיל. דאָס פּנים, די גרינע בלוזע אויף דער ברוסט און איינגעפאַלענעם בויך זענען באַדעקט געווען מיט געפרוירן בלוט. אויפן צווייטן שליטן האָט מען געפירט מאַניצקאָוון. ער איז געווען איינגעגראָבן מיטן צעהאַקטן פּנים אין שטרוי. דער קאָפּ אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך געטוליעט פון קעלט, און דער נאַקן גלאַט אָפּגעהאַקט דורך אַ פלינקן קלאַפּ מיט אַ שווערד: די שוואַרצע האָר־פלעכטלעך האָבן אַרומגעזיימט ווי פראַנזן די נאַקעטע שוואַרצע ביינער פון שאַרבן. גריגאָרי האָט אַ קוק געטון אויפן דריטן שליטן. ער האָט נישט דערקענט דעם טויטן, אָבער באַמערקט די האַנט מיט די וואַקסענע פינגער, פאַרגעלטע פון רייכערן. זי איז אַראָפּגעהאָנגען פון שליטן און געצייכנט דעם ווייכן שניי מיט די פינגער, וואָס זענען פאַרן טויט צונויפגעלייגט געווען אין אַ קרייץ. דער טויטער האָט געהאַט אויף זיך די שטיוול מיטן שינעל; אפילו דאָס היטל איז געלעגן אויף דער ברוסט. גריגאָרי האָט אָנגעכאַפּט דאָס פערד פון פערטן שליטן ביי

דער צוים און איילִיק עס אַריינגעפירט אין הויף. פון הינטן זענען נאָכגעלאָפן שכנים, ווייבער און קינדער. פאַרן גאַנעק האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם.

— אָט איז ער, אונזער ליבינקער פּיעטראָ פּאַנטעלעיעוויטש! שוין דורכגעגאַנגען זיין וועג אויף דער ערד, — האָט עמעצער שטיל געזאָגט.

אָן אַ היטל איז אַריינגעגאַנגען אין טויער סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו. נישט צו וויסן פונוואַנען האָט זיך באַוויזן דער זיידע גרישאַקאַ מיט נאָך דריי זקנים. גריגאָרי האָט מיט פאַרלוירנקייט זיך אַרומגעקוקט.

— לאָמיר אים אַריינטראָגן אין דער כאַטע...

דער פורמאַן האָט שוין אָנגענומען פּיעטראָן ביי די פיס, נאָר דער עולם האָט זיך שווייגנדיק צערוקט און מיט דרך־ארץ געמאַכט אַ וועג פאַר איליניטשנען, וואָס איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּלעך.

זי האָט אַ קוק געטון אויפן שליטן. אַ טויטע בלייכקייט האָט ווי אַ שטרייף זיך אויסגעלייגט איבער איר שטערן, באַדעקט די באַקן, די נאָז, פאַרנומען די גאָמבע. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זי ציטערנדיק אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט. די ערשטע איז אַרויס אויפן קול דוניאַשקאַ, איר האָט מען געענטפערט אפשר פון צען זייטן פון כוטאָר. דאַריאַ, אַ צעשויבערטע, אָן אָנגעדראָלענע, האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אַרויסגעלאָפן אויפן גאַנעק און זיך אַ וואָרף געטון אויפן שליטן.

— פּיעטיושקאַ! פּיעטיושקאַ! טייערינקער! שטיי אויף! שטיי אויף!

גריגאָריען איז שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן.

— גיי אַוועק, דאַשקאַ! — האָט ער, אַ צעמישטער, ווילד אויסגעשריגן און מיט אימפּעט אַ שטויס געטון דאַריען אין דער ברוסט אַריין.

זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ באַרג שניי. גריגאָרי האָט פלינק אַ כאַפּ געטון פּיעטראָן אונטער די הענט, דער פורמאַן האָט אָנ־

גענומען זיינע באָרוועסע פיס ביי די קנעכלעך, אָבער דאַריע איז זיי אויף אַלע פיר נאָכגעקראָכן אויפן גאַנעק אַרויף; זי האָט געכאַפט דעם מאַנס פאַרשטאַרטע, געפרוירענע הענט און זיי געקושט. גריגאָרי האָט זי אָפגעשטופט מיטן פוס, געפילט, אַז נאָך אַ רגע — און ער פאַרלירט דאָס באַוווסטזיין. דוניאַשקאַ האָט מיט כוח אָפגעריסן דאַריעס הענט, צוגעדריקט איר צעמישטן קאָפ צו דער ברוסט.

אין קיך איז געשטאַנען אַן אָפגעשטאָרבענע שטילקייט. פיעטראָ איז געלעגן אויפן דיל אַן אויסטערליש קליינער, ווי אינגאַנצן איינגעשרומפענער. די נאָז איז ביי אים געווען שאַרף, די ווייצענע וואָנסעס — טונקל, און דאָס גאַנצע פנים האָט זיך אויסגעצויגן און שיין געוואָרן. פון די הויזן האָבן אַרויסגעקוקט די באָרוועסע, האָריקע פיס. ער איז ביסלעכווייז אויפגעגאַנגען, אונטער אים האָט זיך געשאַפן אַ ראָזלעכע נעץ. און וואָס מער דער געפרוירענער קערפער איז איבער נאַכט אויפגעגאַנגען, — אַלץ שאַרפער האָט זיך געשפירט מיט געזאַלצענעם ריח פון בלוט און איבלדיקער זיסקייט, ווי פון קאָרנבלימלעך.

פאַנטעלעי פראָקאָפיעוויטש האָט געהובלעוועט אונטער דער שאָפע ברעטער אויף אַן אָרון. באַבעס האָבן זיך געדרייט אין אַלקערל אַרום דאַריען, וואָס איז נאָך אַלץ נישט צו זיך געקומען. פון צייט-צו-צייט האָט זיך געהערט פון דאָרט עמעצנס שאַרפער היסטערישער שלוכץ, און דערנאָך איז געפלאָסן דאָס קול פון דער שדכנטע וואַסיליסע, וואָס איז געקומען זיך טיילן מיטן צער. גריגאָרי איז געזעסן אויף דער באַנק קעגנאיבער דעם ברודער, געדרייט אַ פאַפיראָס, געקוקט אויף פיעטראָס פנים, וואָס איז געווען געל ביי די ראַנדן, אויף זיינע הענט מיט די בלוי-געוואָרענע קיילעכיקע נעגל. אַ גרויסע פרעמדקייט האָט אים שוין אָפגעטיילט פון ברודער. פיעטראָ איז שוין אַצינד נישט געווען דער אייגענער, נאָר אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע, מיט וועלכן עס איז געקומען די צייט זיך צו שיידן. ער ליגט אַצינד, גלייכגילטיק צוגעלייגט מיט

דער באַק צום ערדענעם דיל, מיט אַ רויִקן געהיימנישפולן האַלבן שמייכל, וואָס איז פאַרפרוירן געוואָרן הינטער די ווייצענע וואָנסעס, ווי וואַרטנדיק אויף עפּעס. און מאָרגן וועלן אים אויסריכטן אין לעצטן וועג אַריין דאָס ווייב און די מוטער.

די מוטער האָט שוין פאַרנאַכט אָנגעוואַרעמט פאַר אים דריי אייזערנע טעפּ וואַסער, און דאָס ווייב האָט אָנגעגרייט קלאָרע וועש און די בעסטע הויזן מיטן מונדיר. גביגאָרי — דער לייבלעכער ברודער — און דער פאָטער וועלן אָפּוואַשן זיין קערפּער, וואָס געהערט שוין אַצינד נישט צו אים און שעמט זיך שוין נישט מיט זיין נאַקעטקייט. זיי וועלן אים אָנטון יום-טובדיק און אַרויפלייגן אויפן טיש. און דערנאָך וועט קומען דאַריע, אַריינשטעקן אין זיינע ברייטע אייזיקע הענט, מיט וועלכע ער האָט זי ערשט נעכטן אַרומגענומען, דאָס ליכט, וואָס האָט זיי ביידע צוגעלויכטן אין צערקווע, ווען זיי האָבן זיך געדרייט אַרום דעם אַלטאַר, — און גרייט וועט זיין דער קאָזאַק פּיעטראָ מעליעכאָוו אין וועג אַריין, פון וואַנען מען קערט זיך שוין נישט אום אויף אורלויב אין די היימישע כאַטעס.

„בעסער וואָלסטו אומגעקומען ערגעץ אין פּרייסן איידער דאָ פאַר דער מאַמעס אויגן!" — האָט גריגאָרי אין רעיון מיט פאַרוווּרף זיך געווענדט צום ברודער, און אַ קוק טוענדיק אויפן טויטן, פּלוצלינג בלייך געוואָרן: איבער פּיעטראָס באַק האָט זיך געגליטשט אַ טרער צו דער אַראָפּגעהאָנגענער וואָנסע. גריגאָרי איז אפילו אויפגעשפּרונגען, אָבער צוקוקנדיק זיך אויפמערקזאַמער, האָט ער לייכטער אָפּגעזיפצט: נישט קיין טויטע טרער, נאָר אַ טראָפּן פון דער אויפגעטייעטער געקרייזלטער טשופּרינע איז פּיעטראָן צעראָפּגעפאַלן אויפן שטערן און זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעקייקלט איבער דער באַק.

XXXV

אויפן באַפעל פונם קאָמאַנדיר פון די פאַראייניקטע אויפשטענדערישע כוחות פון אייבערשטן דאָן איז גריגאָרי מעליעכאָװ באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון וויעשענסקער פּולק. צען קאָזאַקן-סאָטניעס האָט גריגאָרי אָוועקגעפירט אויף קאַרגין. דער שטאַב האָט אים באַפוילן פאַר יעדן פּרייז צו צעקלאַפּן ליכאַטשעווס אָפּטיילונג און זי אַרויסטרייבן פון די גרענעצן פון קרייז, כדי צו רעוואָלטירן אַלע טשירער כוטאָרן פון די קאַרגינער און באָקאָווער סטאַניצעס.

און גריגאָרי האָט דעם זיבעטן מערץ אָוועקגעפירט די קאָזאַקן. אויפן אויפגעטייעטן בערגל, וואָס איז באַדעקט געווען דאָ און דאָרט מיט שוואַרצע פלעקן, האָט ער דורכגעלאָזט פאַרביי זיך אַלע צען סאָטניעס. אין דער זייט פון שליאַך, קרימלעך אָנגעדרייט, האָט ער זיך געהאָרבעט אויפן זאָטל, שטייף פאַרצויגן די לייצן, איינגעהאַלטן דאָס צעהיצטע פערד, און פאַרביי אים זענען דורכגעגאַנגען אין מאַרש-קאָלאָנעס די סאָטניעס פון די דאָנער כוטאָרן: באַזקאָוו, ביעלאָגאָרקי, אָלשאַנסק, מערקולאָוו, גראָמקי, סעמיאָנאָווסק, ריבינסק, וואָדיאַנסק, ליעביאַשעוו, יעריק.

גריגאָרי האָט זיך געגלעט די שוואַרצע וואָנסע מיט דער הענטשקע, באַוועגט מיט דער שפּאַרבער-נאָז, פון אונטער די געפליגלטע ברעמען יעדע סאָטניע באַגלייט מיט אַ כמורנעם בליק. די גרויסע צאָל פאַרשפּריצטע פערדישע פיס האָבן געקנעטן די גרויע ברייע פון שניי. באַקאַנטע קאָזאַקן האָבן, דורכרייטנדיק, געשמייכלט צו גריגאָריען. איבער זייערע פּאַפּאַכעס האָט זיך געהויבן און צעגאַנגען דער טיטון-רויך. פון די פערד האָט געשלאָגן מיט פּאַרע.

גריגאָרי האָט זיך פאַראייניקט מיט דער לעצטער סאָטניע. אַ דריי וויאָרסט ווייטער האָבן זיי באַגעגנט אַ פּאַטראָל. דער או-

ריאַדניק, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן פּאַטראָל, איז צוגעריטן צו גריגאָריען.

— די רויטע טרעטן אָפּ אויפן וועג קיין טשוקאַרין!

קיין שלאַכט האָט די ליכאַטשעווער אָפּטיילונג נישט אָנגענומען. אָבער גריגאָרי האָט אַ וואָרף געטון אין פלאַנג דריי קאָזאַקן־סאָטניעס און מיט די איבעריקע גענומען אַזוי אָנגרייפן, אַז די רויטאַרמייער האָבן אין טשוקאַרין אָנגעהויבן איבערלאָזן וואָגנס פון טאַבאַר און קאַסטנס אַמוניציע. אויף דער צווייטער זייט טשוקאַרין, לעבן קליינעם צערקווע‌לע, איז שטעקן געבליבן אין טייכל אַ ליכאַטשעווער באַטאַריע. די פורמאַנעס האָבן איבערגעהאַקט די שטריק און אַנטלאָפן איבער די לעוואַדעס קיין קאַרגין.

די פופצן ווי‌אָרסט פון טשוקאַרין קיין קאַרגין זענען די קאָזאַקן דורכגעריטן אָן אַ שלאַכט. אַ ביסל מער רעכטס, נאָך יאַסענאָווקע, האָט דעם שונאס אַ פּאַטראָל באַשאָסן אַן אויסשפּיר־אָפּטיילונג פון די וויעשענצעס. מיט דעם האָט דער ענין זיך פאַרענדיקט. די קאָזאַקן האָבן שוין אָנגעהויבן שפּאַסן: „ביז נאָוואָטשערקאַסק וועלן מיר דערגיין!“

גריגאָריען האָט געפרייט די פאַרכאַפּטע באַטאַריע. „אפילו די שלעסער האָבן זיי נישט באַוויזן קאַליע צו מאַכן“, — האָט ער מיט גרינגשעצונג אַ טראַכט געטון. די פאַרזונקענע האַרמאַטן האָט מען אַרויסגעשלעפּט מיט אָקסן. די באַדינונג פאַר זיי איז גלייך אויסגעקליבן געוואָרן פון די סאָטניעס. די האַרמאַטן זענען געגאַנגען אין טאָפּל־געשפּאַן: זעקס פּאַר פערד פאַר יעדן. די האַלבע סאָטניע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס דעקונג, האָט באַגלייט די באַטאַריע.

פאַרנאַכט האָבן זיי מיט אָנגריף גענומען קאַרגין. אַ טייל פון דער ליכאַטשעווער אָפּטיילונג מיט די איבעריקע דריי האַרמאַטן און ניין קוילנוואַרפער איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. די איבעריקע, צוזאַמען מיטן קאַרגינער רעווקאָם, האָבן באַוויזן איבער די כוטאָרן צו אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון דער בוקאָווער סטאַניצע.

אַ גאַנצע נאַכט איז געפאַלן אַ רעגן. פאַרטאָג האָט זיך געשפּיגלט די ראָוועס און היילן, די וועגן זענען געווען פאַרגאָסן: יעדער טאָל — אַ פאַסטקע. דער שניי, אָנגעזאַפּט מיט וואַסער, האָט זיך אַראָפּגעזעצט צו דער ערד. די פערד זענען געזונקען, די מענטשן זענען געפאַלן פון מידקייט.

די צוויי סאָטניעס אונטער דער אָנפירונג פון באַזקאָווער כאָרונזשי כאַרלאַמפּי יערמאַקאָוו, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך גריגאָריען צו פאַרפאָלגן דעם אָפּטרעטנדיקן שונא, האָבן פאַרכאַפּט אין די נאָענטע — לאַטישעווער און וויסלאָקוואַוער — כוטאָרן ביי אַ דרייסיק געבליבענע רויטאַרמייער; אינדערפרי האָט מען זיי געבראַנגט קיין קאַרגין.

גריגאָרי איז געשטאַנען אויף קוואַרטיר אין גרויסן הויז פון אָרטיקן קאַרגינער עושר. די געפאַנגענע האָט מען אַריינגעטריבן צו אים אין הויף. יערמאַקאָוו איז אַריינגעקומען צו גריגריען, זיך באַגריסט.

— איך האָב גענומען זיבן און צוואָנציק רויטע. פאַר דיר האָט דאָרט דער אָרדינאַנס צוגעפירט דאָס פערד. רייטס באַלד אַרויס?

גריגאָרי האָט זיך פאַרצויגן דעם פאַסעק אַרום דעם שינעל, פאַרן שפּיגל פאַרקעמט די האָר, וואָס זענען אים אַפּערגעפאַלן פון אונטער דער פּאַפּאַכע, דערנאָך ערשט זיך אויסגעדרייט צו יערמאַקאָוון.

— מיר פאָרן. מיר וועלן גלייך אַרויסטרעטן. אויפן פּלאַץ איינאָרדענען אַ מיטינג, און – מאַרש!

— דאַרפסט אים נייטיק, דעם מיטינג! — יערמאַקאָוו האָט אַ הייב געטון מיט אַן אַקסל, זיך צעשמייכלט. — זיי זענען שוין אַלע אויף די פערד אויך אָן דעם מיטינג. נאַ-זע! נישט די וויעשענצעס קומען דאָ אָן?

גריגאָרי האָט אַ קוק געטון דורכן פענסטער. צו פיר אין אַ רייע, אין אויסגעצייכנטער אָרדענונג האָבן זיך דערנענטערט צוויי סאָטניעס. די קאָזאַקן – געקליבענע, די פערד — ווי אויף אַ רעווי.

— פונוואַנעו איז דאָס ? פונוואַנען האָט זיי דער טייוול געברענגט ? — האָט גריגאָרי פריידיק געמירמלט, אָנטועענדיק די שווערד אין גאַנג. יערמאַקאָוו האָט אים דעריאָגט ביים טויער.

צום טירל איז שוין צוגעריטן דער קאָמאַנדיר פון דער פעדערשטער סאָטניע. ער האָט מיט רעספּעקט געהאַלטן די האַנט ביים ראַנד פון דער פּאַפּאַכע, נישט דרייסט געווען זי צו דערלאַנגען גריגאָריען.

— איר זענט — חבר מעליעכאָוו ?

— איך. פונוואַנען זענט איר ?

— נעמט אונז צו אין אייער אָפּטיילונג. מיר פאַראייניקן זיך מיט אייך. אונזער סאָטניע האָט זיך פאָרמירט די פאַרגאַנגענע נאַכט. דידאָזיקע איז — פון כוטאָר ליכאָווידאָוו, און די איבעריקע צוויי — פון גראַטשעוו, פון אַרכיפּאָווקע און וואַסיליעווקע.

— פירט אַוועק די קאָזאַקן אויפן פּלאַץ. דאָרט וועט באַלד פאָרקומען אַ מיטינג.

דער אָרדינאַנס (גריגאָרי האָט זיך גענומען פאַר אַן אָרדינאַנס פּראָכאָר זיקאָוון) האָט אים צוגעפירט דאָס פערד, אפילו צוגעהאַלטן דאָס רייט-טרעפּל. יערמאַקאָוו האָט עפּעס באַזונדערס פלינק, כמעט נישט באַרירנדיק דעם זאָטל-האָרן און די גריווע, אַריינגעוואָרפן זיין דאַרן אייזערנעם קערפּער אין זאָטל און געפרעגט, צורייטנדיק און פון געוווינהייט זיך גלייך מאַכנדיק דעם שפּאַלט פון שינעל איבערן זאָטל.

— וואָס זאָל מען טון מיט די געפאַנגענע ?

גריגאָרי האָט אים אָנגענומען ביי אַ קנאָפּ פון שינעל, זיך אָנבייגנדיק פון זאָטל. אין זיינע אויגן האָבן אויפגעפינקלט געלע פייערלעך. אָבער די ליפּן, הגם רויבעריש, האָבן הינטער די וואָנסעס געשמייכלט.

— באַפעל זיי אַוועקצוטרייבן קיין וויעשקי. פאַרשטאַנען ? זיי זאָלן נישט ווייטער פון אָט יענעם בערגל אַוועקגיין !

ער האָט אַ פאָכע געטון מיטן ראַפּניק אין דער ריכטונג פון זאַמדיקן בערגל נאָך דער סטאַניצע און געגירט פון אָרט.

„דאָס איז די ערשטע באַצאָלונג פֿאַר פּיעטראָן", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, שנעל אַוועקרייטנדיק, און אָן אַ סיבה מיטן ראַפּניק אויסגעהאַקט אַ העלן אויפֿגעדראָלעגעם שטרייף אויפֿן רוק פֿון פֿערד.

XXXIV

פֿון קאַרגין האָט גריגאָרי אַוועקגעפֿירט דריי מיט אַ האַלבן טויזנט שווערדן אויף באָקאָוו. דער שטאַב און קריגס-ראַט פֿון קרייז האָבן דורך ספּעציעלע קוריערן אים נאָכגעשיקט באַפֿעלן און פֿאַראָרדענונגען. איינער פֿון די שטאַב-מיטגלידער האָט אים אין אַ פּריוואַט בריוול מליצהדיק געבעטן:

„פֿילגעאַכטעטער חבר גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש! צו אונדז דערגייען אינטריגאַנטישע ידיעות, אַז דו באַגייסט דיך כלומרשט אַכזריותדיק מיט די געפֿאַנגענע רויטאַרמייער. אויף דיין באַפֿעל זאָל האָבן אומגעקומען — פּשוט צעהאַקט געוואָרן דורך שווערדן — דרייסיק רויטאַרמייער, וואָס זענען גענומען געוואָרן דורך כאַר-לאַמפּי יערמאַקאָוון הינטער באָקאָוו. צווישן די דערמאָנטע געפֿאַנגענע האָט, לויט די ידיעות, זיך געפֿונען איין קאָמיסאַר, וואָס האָט אונדז געקאָנט שטאַרק צונוץ קומען צום אַרויסקריגן אינפֿאָר-מאַציעס וועגן זייערע כּוחות. דו, טייערער חבר, ענדער דעם באַ-פֿעל וועגן נישט נעמען קיין געפֿאַנגענע. אַזאַ באַפֿעל איז פֿאַר אונדז זייער שעדלעך, אַפֿילו די קאָזאַקן זענען קעגן אַזאַ אַכזריות און האָבן מורא, אַז אויך די רויטע וועלן דערהרגענען זייערע געפֿאַנגענע און חרוב מאַכן אונדזערע כוטאָרן. דעם אָנפֿירער-קאָמ-פּלעט ברענג אויך לעבעדיקערהייט. מיר וועלן זיי ביסלעכווייז צפּרוימען אין וויעשקי אָדער קאַזאַנסק. דו אָבער גייסט מיט דיינע סאָטניעס, ווי טאַראַס בולבאַ אין היסטאָרישן ראָמאַן פֿון שרייבער פּושקין, — אי דו ראָטסט אַלץ אויס מיט פֿייער און שווערד, אי דו רופֿסט אַרויס אויפֿרעגונג ביי די קאָזאַקן. דו, זיי

אזוי גוט, בארויק דיך, — די געפאנגענע דערהרגע נישט, נאר שיק זיי איבער צו אונז. אין דעם וועט זיין אונזער שטארקייט. און איצט — זיי געזונט. מיר שיקן דיר הארציקע גרוסן און ווארטן אויף דיינע דערפאלגן".

דעם בריוו האט גריגארי צעריסן, נישט צולייענענדיק אים ביזן סוף, און אוועקגעווארפן דעם פערד אונטער די פיס. קודי־דינאוון אויף זיין באפעל: „אנטוויקל גלייך אן אנגריף אויף דרום, אפשניט קרוטיענקי—אסטאכאווא—גרעקאווא. דער שטאב האלט פאר נייטיק זיך צו פאראייניקן מיטן פראנט פון די קאדעטן. אין קעגנפאל וועט מען אונז ארומרינגלען און פארניכטן", — האט ער אנגעשריבן, נישט אראפגייענדיק פון זאטל: „איך גרייף אן אויף באקאוו, איך פארפאלג דעם אנטלויפנדיקן שונא. און אויף קרוטיענקי וועל איך נישט גיין, איך האלט דיין באפעל פאר נא־ריש. און וועמען וועל איך גיין אנגרייפן אין אסטאכאווא? חוץ דעם ווינט און כאכלעס איז דארט קיינער נישטא".

מיט דעם האט זיין אפיציעלע קארעספאנדענץ מיטן צענטער פון די אויפשטענדער זיך פארענדיקט. די סאטניעס, וואס זענען צעטיילט געווען אין צוויי פולקן, האבן זיך דערנענטערס צום קאנקאווער כוטאר, וואס האט זיך געגרענעצט מיט באקאוו. דער מיליטערישער דערפאלג האט נאך אין משך פון דריי טעג נישט פארלאזט גריגאריען. פארנעמענדיק אין א שלאכט באקאוו, איז גריגארי אויף אייגענער ריזיקע ארויסגעטרעטן קעגן קראסנא קוטסק. ער האט צעקלאפט די נישט גרויסע אפטיילונג, וואס האט אים פארשטעלט דעם וועג, אבער די געפאנגענע שוין נישט גע־הייסן דערהרגענען, נאר זיי אפגעשיקט אין רוקן.

דעם ניינטן מערץ האט ער שוין צוגעפירט די פולקן צו טשעסטאקאווא. אין דער צייט, דערפילנדיק זיך באדראט אין רוקן, האט די רויטע אנפירונג אווארף געטון קעגן אויפשטאנד עטלע־כע פולקן און באטארייעס. הינטער טשעסטאקאווא האבן די אנגע־קומענע רויטע פולקן מיט גריגאריעס פולקן פארפירט א שלאכט, וואס האט געדויערט דריי שעה. מורא האבנדיק פאר א „זאק",

האָט גריגאָרי צוריקגעצויגן זיינע טײלן קעגן קראַסנאָקוטסק. אָבער אין דער פרימאָרגנדיקער שלאַכט פון צענטן מערץ האָבן די רויטע כאָפּערער קאָזאַקן גוט אָנגעטאָפּט די ווישענצעס. אין אַן אַטאַקע און קאָנטער־אַטאַקע זענען די דאָנער פון ביידע צדדים זיך צו־נויפגעקומען, דערלאַנגט, ווי עס געהערט צו זיין, און גריגאָרי, פאַרלירנדיק דאָס פערד, האָט מיט אַ צעהאַקטער באַק אַרויסגע־פירט די פּולקן פון דער שלאַכט און אָװעקגעגאַנגען מיט זיי קיין באָקאָוו.

אין אָװנט האָט ער איבערגעפאָרשט אַ געפאַנגענעם כאָפּערעץ. פאַר אים איז געשטאַנען אַ נישט יונגער קאָזאַק פון דער טעפּי־קינער סטאַניצע, אַ בלאָנדער, אַ שמאָל־ברוסטיקער, מיט צויטיקע רויטע קלאַפּעס פון שינעל. אויף די פראַגן האָט ער געענטפערט גערן, אָבער געשמייכלט אָנגעשטרענגט, מיט עפּעס אַ באַהאַלטע־נער כוונה.

— װעלכע פּולקן זענען געװען נעכטן אין דער שלאַכט?

— אונזער דריטער קאָזאַקישער אויפן נאָמען פון סטיענקאַ ראַזין. אין אים זענען כמעט אַלע קאָזאַקן פון כאָפּערער קרייז. דער פינפטער זאַאַמורער, דער צוועלפטער קאַװאַלערישער און דער זעקסטער מצענסקער.

— אונטער װעמעס אַלגעמיינער אָנפירונג? מען זאָגט, קיקווידזע האָט אָנגעפירט?

— ניין, חבר דאַמאַניטש האָט אָנגעפירט מיט דער צונויפגע־שטעלטער אָפּטיילונג.

— אַמוניציע איז דאָ ביי אייך אַ סך?

— פאַרן טייוול!

— האַרמאַטן?

— דאַכט זיך, אַכט.

— פונוואַנען האָט מען אַראָפּגענומען דאָס פּולק?

— פון די קאַמיענסקער כוטאָרן.

— מען האָט זיי געזאָגט, וואוהין מען שיקט זיי?

דער קאָזאַק האָט זיך פאַרהאַקט, אָבער דאָך געענטפערט.

גריגאָרי האָט געוואָלט געוויר ווערן וועגן דער שטימונג ביי די כאָפּערצעס.

— וואָס האָבן געשמועסט צווישן זיך די קאָזאַקן?

— זיי האָבן נישט קיין חשק געהאַט צו גיין...

— מען ווייסט אין פּולק, קעגן וואָס מיר זענען אויפגעשטאַנען?

— פונוואַנען זאָל מען וויסן?

— פאַרוואָס־זשע זענען זיי נישט גערן געגאַנגען?

— איר זענט דאָך קאָזאַקן! און עס איז אויך שוין נמאס געוואָרן זיך אַרומצופירן מיט דער מלחמה. מיר זענען דאָך געגאַנגען נאָך מיט מיראָנאָוון — און שלעפּן זיך אַרום אַזוי ביז אַצינד.

— וועסט אפשר דינען ביי אונז?

דער קאָזאַק האָט אַ דריק געטון מיט די שמאָלע אַקסלען.

— ווי איר ווילט! קיין חשק איז נישטאָ...

— נו, גיי. מיר וועלן דיך אָפּלאָזן צום ווייב... האָסט דיך שוין, מסתמא, פאַרבענקט?

גריגאָרי האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן נאָכגעקוקט דעם אַרויסגייענדיקן קאָזאַק, אַריינגערופן פּראָכאָרן. ער האָט לאַנג געריכערט, געשוויגן. דערנאָך צוגעגאַנגען צום פענסטער און, שטייענדיק מיטן רוקן צו פּראָכאָרן, רויִק באַפוילן:

— זאָג די חברה־לייט, זיי זאָלן דעם, וועלכן איך האָב נאָרוואָס אויסגעפאַרשט, שטילערהייט אַוועקפירן אין גאָרטן אַריין. קיין רויטע קאָזאַקן נעם איך נישט אין געפאַנגענשאַפט! — גריגאָרי האָט האַסטיק זיך אויסגעדרייט אויף די אויסגעטרעטענע אָפּצאַסן. — זאָלן זיי אים גלייך... גיי!

פּראָכאָר איז אַוועקגעגאַנגען. אַ ווײַלע איז גריגאָרי געשטאַנען, ברעכנדיק די טרוקענע צווייגלעך פעלאַרגאָניע אויפן פענסטער, דערנאָך איז ער אומבאַמערקט אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַנעק. פּראָכאָר האָט שטיל גערעדט מיט די קאָזאַקן, וואָס זענען געזעסן אויף דער זון ביים שפּייכלער.

— לאָז אָפּ דעם געפאַנגענעם. זאָל מען אים אויסשרייבן אַ

דאָקומענט, — האָט גריגאָרי געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף די קאָזאקן, און זיך אומגעקערט אין צימער אַריין, שטיין געבליבן פאַרן אַלטן שפּיגל, אין פאַרוווּנדערונג אַ צעפּיר געטון מיט די הענט.

ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפקלערן, פאַרוואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען און געהייסן אָפּלאָזן דעם געפאַנגענעם. ער האָט דאָך איבערגעלעבט אַ געוויס שאָדנפריידיק געפיל, עפּעס ענלעכס צו באַפרידיקונג, ווען ער האָט מיט אינערלעכן חוזק אַ זאָג געטון: „מיר וועלן דיך אָפּלאָזן צום ווייב... גיי", — און אַליין געוווּסט, אַז ער וועט באַלד אַריינרופן פּראָכאָרן און באַפעלן דעם כאָפּערעץ צו דערהרגענען אין גאָרטן. אים האָט אַ ביסל פאַרדראָסן אויף דעם געפיל פון רחמנות, — וואָס-זשע דען, אויב נישט אַן אומקלאָר געפיל פון רחמנות האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין באַוווּסטזיין און אים באַוויגן צו באַפרייען דעם שונא? און איינצייטיק פילט ער אַ פריידיקע אויפפרישונג... ווי אַזוי איז דאָס געשען? ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון. און דאָס איז געווען נאָך מערקווירדיקער, ווייל ער אַליין האָט ערשט נעכטן געזאָגט צו די קאָזאקן: „דער פויער — איז אַ שונא, אָבער דער קאָזאַק, וואָס גייט אַצינד מיט די רויטע — באַשטייט פאַר צוויי שונאים! פאַרן קאָזאַק, ווי פאַר אַ שפּיאָן, דאַרף זיין דער משפּט אַ קורצער: איינס און צוויי — און אויף יענער וועלט אַרויף גיי!"

מיט דעם נישט אויפגעקלערטן, באַאומרויִקנדיקן ווידערשפּרוך, מיט דעם אויפגעוועקטן געפיל פון זיין אומגערעכטער האַנדלונג האָט גריגאָרי פאַרלאָזט דאָס צימער. צו אים זענען געקומען דער קאָמאַנדיר פון טשירער פולק — אַ הויכער אַטאַמאַניעץ מיט אומבאַמערקבאַרע, דינע שטריכן פון פנים, וואָס מעקן זיך אָפּ אין זכרון, און צוויי סאָטניע-קאָמאַנדירן.

— זיי האָבן צוגעשיקט נאָך פאַרשטאַרקונג! — האָט שמייכלענדיק מיטגעטיילט דער פולק-קאָמאַנדיר. — דריי טויזנט רייטער פון נאַפּאָלאָוו, פון יאַבלאָנאָווער טייכל, פון גוסינקע, חוץדעם נאָך צוויי טויזנט פוסגייער. ווו וועסטו זיי אַהינטון, פאַנטעלעוויטש?

גריגאָרי האָט אויפגעהאָנגען דעם מאַוזער מיטן עלעגאַנטן מיליטערישן טאַש, וואָס זענען אים אָנגעקומען נאָך ליכאַטשעוון, און אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין. די זון האָט וואַרעם געלויכטן. דער הימל איז געווען זומערדיק הויך און בלוי, און זומערדיק זע-נען געשוואומען אויף דרום ווייסע געקרייזלטע וואָלקנס. גריגאָרי האָט אין געסל פאַרזאַמלט אַלע קאָמאַנדירן אויף אַ באַראַטונג. זיי זענען זיך צונויפגעקומען אַ מאַן דרייסיק, אויסגעזעצט אויפן אומגעלייגטן פאַרקן, פון האַנט-צו-האַנט האָט אָנגעהויבן וואַנדערן עמעצנס טיטון-בייטל.

— וואָסערע פּלענער וועלן מיר אויסאַרבעטן? אויף וואָסער אופן זאָלן מיר צעקלאַפּן די פּולקן, וואָס האָבן אונז אָפּגעשטויסן פון טשיסטיאַקאָווקע, און וווהין זאָלן מיר אונזער וועג ריכטן? — האָט גריגאָרי געפרעגט און אויספירלעך איבערגעגעבן דעם אינ-האַלט פון קודינאָווס באַפעל.

— און וויפיל זענען זיי קעגן אונז? ביסט געוויר געוואָרן ביים געפאַנגענעם? — האָט, שווייגנדיק אַ ווײַלע, געפרעגט איי-נער פון די סאָטניע-קאָמאַנדירן.

גריגאָרי האָט אויסגערעכנט די פּולקן, וואָס זענען געשטאַ-נען קעגן זיי, פלינק באַחשבונט די וואַרשיינלעכע צאָל באַגנעטן און שווערדן פון שונא. די קאָזאַקן האָבן געשוויגן. אויף דער באַ-ראַטונג האָט מען נישט געטאָרט אַרויסטרעטן מיט קיין נאַריש, אומבאַרעכנט וואָרט. דער גראַטשעווער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט טאַקע אַזוי געזאָגט:

— וואָרט-צו אַ ביסל, מעליעכאָוו! לאָז באַטראַכטן. דאָס איז דאָך נישט מיט קיין שווערד אַ שנייד צו טון. מען זאָל זיך אַמאָל נישט טועה זיין.

ער האָט אויך אָנגעהויבן רעדן דער ערשטער.

גריגאָרי האָט אַלע אויסגעהערט אויפמערקזאַם. די אַרויס-געזאָגטע מיינונג פון דער מערהייט איז געווען דערפאַר, מען זאָל זיך נישט אַוועקלאָזן ווייט אפילו אין פאַל פון דערפאָלג און פירן אַ פאַרטיידיקונגס-מלחמה. איבעריקנס, איינער פון די טשירצעס

האָט הייס געשטיצט דעם באַפֿעל פֿון קאָמאַנדיר פֿון די אויפֿשטענדערישע כּוחות, ער האָט געזאָגט:

— מיר האָבן זיך נישט דאָ וואָס אַרומצופּאָרען. זאָל אונז מעליעכאָוו פֿירן צום דאָניעץ. וואָס — איר זענט פֿון זינען אַראָפּ? מיר זענען אַ קליין הייפֿל און אין רוקן האָבן מיר גאַנץ רוסלאַנד. ווי אַזוי וועלן מיר אויסהאַלטן? זיי וועלן אונז אַ שפּאַר טון — און מיר זענען פֿאַרלוירן! מען דאַרף זיך דורכשלאָגן! כאָטש מיר האָבן ווייניק קוילן, אָבער מיר וועלן זיי באַקומען. מען דאַרף אַ רעיד מאַכן! זענט איר אַנטשלאָסן!

— און די אייגענע — ווו וועלן מיר איבערלאָזן: די ווייבער, די אַלטע לייט, די קינדערלעך?

— זאָלן זיי בלייבן!

— דו האָסט אַ קלוגן קאָפּ, נאָר ער זיצט אויף נאַרישע אַקסלען!

די קאָמאַנדירן, וואָס זענען געזעסן אויפֿן ברעג פּאַרקן און זיך געשושקעט וועגן דער פֿרילינגס־אַרבעט, וואָס רוקט אָן, און וועגן דעם, וואָס עס וועט ווערן פֿון די באַלעבאַטישקייטן, אויב ס'וועט אויסקומען צו גיין זיך דורכרייסן, האָבן נאָך די רייד פֿון טשירעץ אָנגעהויבן רעדן אַלע צוזאַמען. די באַראַטונג האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַ שטורמישן כאַראַקטער פֿון עפּעס אַ פֿאַרזאַמלונג אין אַ כוטאָר. העכער פֿון אַלע האָט אויפֿגעהויבן זיין קול אַן אַלטער קאָזאַק פֿון נאַפּאָלאָוו:

— מיר וועלן פֿון אונזערע פּאַרקנס נישט אַוועקגיין! איך וועל דער ערשטער אַוועקפֿירן מיין סאָטניע אין כוטאָר אַריין! שלאָגן זיך — איז לעבן די כאַטעס, און נישט פֿרעמד לעבן פֿאַרטיידיקן!

— דו טרעט מיר אויפֿן האַלז נישט אַרויף! איך זוך אַן אויסוועג, און דו — האָסט זיך צערעוועט!

— וואָס איז דאָ צו רעדן!

— זאָל קודינאָוו אַליין גיין צום דאָניעץ!

גריגאָרי האָט אָפּגעוואַרט ביז ס'איז שטיל געוואָרן און

אַרויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל פון וויכּוח זיין אַנטשלאָסן וואָרט:

— דעם פראָנט וועלן מיר האַלטן דאָ! ווער שטיין מיט אונז די קראַסנאָקוטער סטאַניצע — וועלן מיר אויך זיי פאַרטיידיקן! גיין איז נישטאָ וווּהין. די באַראַטונג איז געענדיקט. צו די סאָטניעס! מיר טרעטן גלייך אַרויס אויף די פּאָזיציעס.

אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווען די געדיכטע רייטער-מחנה האָבן אומענדלעך געשטראָמט איבער די גאַסן, האָט גריגאָרי איבערגעלעבט אַ שאַרף געפיל פון שטאָלצער פרייד: מיט אַזאַ צאָל מענטשן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט אָנגעפירט. אָבער צוזאַמען מיט דער זעלבסטצופרידענער פרייד האָבן שווער זיך באַוועגט אין אים — אויפרעגונג און האַרבע ביטערקייט: צי וועט ער קאָנען אָנפירן, ווי מען דאַרף? צי וועט אים קלעקן קענטעניש אָנצופירן מיט טויזנטער קאָזאַקן? נישט קיין סאָטניע, נאָר אַ דיוויזיע איז געווען אונטער זיין אָנפירערשאַפט. און צי מעג ער, אַ ווייניק געבילדעטער קאָזאַק, הערשן איבער טויזנטער לעבנס און טראָגן פאַר זיי די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. „און דער עיקר — קעגן וועמען פיר איך זיי? קעגן פאָלק... ווער-זשע איז גערעכט?“

גריגאָרי האָט מיט קריצנדיקע ציין באַגלייט די אין מאַרש געשלאָסענע דורכגייענדיקע סאָטניעס. די פאַרכישופטע קראַפט פון מאַכט איז אַלט געוואָרן און אָפּבליאַקירט אין זיינע אויגן. די אויפרעגונג און ביטערקייט זענען געבליבן, זיך אָנלייגנדיק ווי אַן אומדערטרעגלעכע משא, האָרבענדיק די אַקסלען.

XXXVII

דער פרילינג האָט געעפנט די אָדערן די טייכן. קערניקער זענען געוואָרן די טעג, רוישיקער די גרינע באַרג-שטראָמען. די זון איז צוזעענדיק געל געוואָרן, איר קאָליר האָט אָפּבליאַקירט. די שטעכלקעס פון די זון-שטראַלן זענען געוואָרן שאַרפער און שוין

געשטאָכן מיט וואַרעמקייט. אינמיטן טאָג האָט געפּאַרעט די ווייטקייט, אומדערטרעגלעך האָט געבלענדט דער געלעכערטער, ווי מיט שופּן־באַדעקטער שניי. די לופט, אָנגעזאַפּט מיט האַרבער פייכטקייט, איז געווען געדיכט און שטיקנדיק.

די זון האָט געוואַרעמט גריגאָריעס רוקן. געוואַרעמט דאָס גאַנצע פּולק. די קישנס פון די זאָטלען זענען אָנגענעם וואַרעם געוואָרן, די טונקל־גרויע קאָזאַקישע באַקן האָט אויפגעפרישט דער ווינט מיט זיינע פייכטע ליפּן. פון צייט־צו־צייט האָט ער אויך אַ ווייע געטון מיט קילקייט פון פאַרשנייעטן בערגל. אָבער די וואַרעמקייט האָט גובר געווען דעם ווינטער. פרילינגמעסיק האָבן היציק אונטערגעטאַנצט די פערד, עס האָבן זיך געשיט פון זיי די אויסגעקראָכענע האָר, שאַרפער האָט געשלאָגן אין די נאָזלעכער דער פערדישער שווייס.

די קאָזאַקן האָבן שוין אונטערגעבונדן די פערד די צעשויבערטע ווײדלען. שוין איבעריק האָבן זיך געוויגט אויף די רוקנס פון די רייטער די באַשליקן פון קעמל־האָר, אונטער די פּאַפּאַכעס האָבן געשוויצט די שטערנס און הייס איז געוואָרן אין די פעלצלעך און וואַרעמע טשעקמענס.

גריגאָרי האָט געפירט דאָס פּולק מיטן זומערדיקן שליאַך. אינדערווייטנס, נאָך די פליגל פון דער ווינט־מיל האָבן זיך אויסגעשפּרייט די עסקאַדראָנען פון די רויטע: לעבן סווירידאָווער כוטאָר האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט.

גריגאָרי האָט נאָך נישט געקאָנט, ווי ער וואָלט געדאַרפט, אָנפירן פון דער זייט. ער אַליין האָט אַריינגעפירט אין דער שלאַכט די סאָטניעס פון די וויעשענצעס, פאַרשטאָפּט מיט זיי די געפערלעכסטע ערטער. און די שלאַכט האָט זיך אַנטוויקלט אָן אַלגעמיינער אָנפירונג. יעדעס פּולק, אָפּטרעטנדיק פון לכתחילהדיקן פּלאַן, האָט געהאַנדלט אָפּהענגיק פון די געשאַפענע אומשטענדן.

קיין פראָנט איז נישט געווען. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט פון ברייטער אויסשפּרייטונג און מאַנעווירונג.

די שפּע פון רייטער־מיליטער (אין גריגאָריעס אָפּטיילונג האָט זי אַריבערגעוויגן) איז געווען אַ וויכטיקער אַטוט. אויסנוצנ־דיק דעמדאָזיקן איבערגעוויכט, האָט גריגאָרי באַשלאָסן צו פירן די מלחמה אויפן „קאָזאַקישן" אופן: אַרומכאַפּן אין פלאַנג, פאַרלויפן אין רוקן, פאַגראַמירן דעם טאַבאָר, באַאומרויִקן און דעמאָראַליזירן די רויטע מיט באַנאַכטיקע אָנפאַלן.

אָבער הינטער סווירידאָוו האָט ער באַשלאָסן צו האַנדלען אַנדערש: ער האָט אין שאַרפן גאַלאָפּ אַרויסגעפירט די סאָטניעס אויף דער פּאָזיציע, איינע פון זיי איבערגעלאָזט אין כוטאָר, באַ־פוילן איר אַראָפּצוגיין פון די פערד און זיך פאַרשטעקן אין די לעוואַדעס, פריער אָוועקשיקנדיק די אָנטרייבער טיף אין די הייף אַריין פון כוטאָר, און מיט די צוויי איבעריקע איז ער אַרויס אויפן בערגל אַ האַלבע ווערסט ווייט פון דער ווינט־מיל און ביסלעכווייז זיך אַריינגעוויקלט אין דער שלאַכט.

קעגן אים איז געווען עפּעס מער פון צוויי עסקאַדראָנען רויטער קאַוואַלעריע. דאָס זענען געווען נישט קיין כאַפּערצעס — גריגאָרי האָט געזען דורך דער לאָרנעטע מאַשטאַקאָוואַטע*, נישט קיין דאָנער פערדלעך מיט אונטערגעשוירענע ווידלען, און די קאָזאַקן האָבן קיינמאָל נישט אונטערגעשוירן די פערדישע ווייד־לען, נישט פאַרשענדט זייער שיינקייט. פּאָלגלעך, האָבן אָנגעגריפן אָדער דער דרייצענטער קאַוואַלערישער, אָדער ניי־אָנגעקומענע טיילן.

גריגאָרי האָט פון בערגל באַטראַכט די געגנט דורך דער לאָרנעטע. פון זאָטל האָט אים די ערד תמיד אויסגעזען ברייטער, און זיכערער האָט ער זיך געפילט, ווען די שפּיצן פון די שטיול האָבן געשטעקט אין די רייט־אייזנס.

ער האָט געזען, ווי אויף דער צווייטער זייט פון טייך טשיר האָט איבערן באַרג זיך באַוועגט די טונקל־גרויע לאַנגע קאָלאָנע פון די דריי מיט אַ האַלבן טויזנט קאָזאַקן. פאַמעלעך זיך שלענגלענ־

* מאַשטאַק — אַ פעסט, נידעריק־געוואַקסן פערדל.

ריק, האָט זי זיך גערוקט באַרג-אַרויף, אַוועקגעגאַנגען אויף צפון, צו דער גרענעץ פון די יעלאַנער און אוסט-כאָפּערער יורטן, כדי דאָרט זיך צו באַגעגענען מיטן שונא, וואָס האָט אָנגעגריפן פון אוסט-מעדוויעדיצע, און העלפן די יעלאַנער, וואָס זענען שוין פאַרמאַטערט געווען אין קאַמף.

אַ שטח פון אַן אַנדערהאַלבן וויאָרסט האָט אָפּגעטיילט גריגאָריען פון די רויטע רייען, וואָס האָבן זיך געגרייט אין אַטאַקע. גריגאָרי האָט איילִיק, לויטן אַלטן שטייגער, אויסגעשפּרייט זײַנע סאָטניעס. נישט אַלע קאָזאַקן האָבן געהאַט פּיקעס, אָבער די, וואָס האָבן יאָ געהאַט, האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דער ערשטער רייע, אָפּגעריטן אַ צען קלאַפטער פאָרויס. גריגאָרי האָט אַרויסגעלאָפּירט פאַר דער ערשטער רייע, שטיין געבליבן זײַטיק, אַרויסגעצויגן די שווערד.

— אין לייכטן שנעל-געלויף מאַרש!

די ערשטע רגע האָט דאָס פערד אונטער אים זיך אַ שטרויכל געטון, אַרײַנטרעפנדיק מיט אַ פוס אין דער נאָרע פון אַ חיהלע, וואָס איז באַדעקט געווען מיט שניי. גריגאָרי האָט זיך פאַררויכטן אין זאָטל, בלייך געוואָרן פון כעס און אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן דעם פערד מיט דער פלאַך פון דער שווערד. אונטער אים איז געווען אַ גוט מיליטעריש פערד, וואָס ער האָט צוגענומען ביי איינעם פון די וויעשענצעס, נאָר גריגאָרי האָט זיך באַצויגן דערצו מיט אומצוטרוי. ער האָט געוווסט, אַז דאָס פערד האָט אין צוויי טעג נישט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו אים, און אויך ער האָט נישט געקאָנט זיך באַקענען מיטן פערדס געוווינהייטן און כאַראַקטער, — מורא געהאַט, אַז דאָס פרעמדע פערד וועט אים נישט פאַרשטיין אויפן ווונק, פון אַ לייכטן באַוועג מיט די לייצן, ווי עס האָט אים פאַרשטאַנען זײַן פערד, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן הינטער טשיסטאַקאָוו. נאָכדעם ווי דער קלאַפּ פון דער שווערד האָט צעהיצט דאָס פערד און עס איז אַוועק אין גאַלאָפּ, נישט פאָלגנדיק די לייצן, האָט גריגאָרי דערפילט אַן אײנערלעכע קעלט און אפילו אַ ביסל זיך פאַרלוירן. „עס וועט מיך

פאַרפירן!" — האָט אַ שאַרפער געדאַנק אין אים אַ פלאַטער געטון. נאָר וואָס לענגער און ריטמישער דאָס פערד האָט זיך געטראָגן אונטער אים אין האַסטיקן גאַלאָפּ, וואָס מער עס האָט זיך אונטערגעגעבן דער קוים מערקלעכער באַוועגונג פון זיין האַנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן לויפן, אַלץ זיכערער און רויִקער איז גריגאָרי געוואָרן. זיך אָפּרייסנדיק אויף אַ רגע מיטן בליק פון שונאס צעוואָרפענער לאַווע, וואָס האָט וויגנדיק זיך געטראָגן אַקעגן אים, האָט ער זיך אַ גליטש געטון מיט די אויגן איבערן פערדס האַלז. דעם פערדס געלע אויערן זענען שטייף און בייז געווען צוגעדריקט, דער האַלז אויסגעשטרעקט, ווי אונטער דער האַק פון אַ תּלין, האָט ריטמיש געציטערט. גריגאָרי האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זאָטל, גיריק אַריינגעצויגן לופט אין די לונגען, טיף אַריינגערוקט די שטיוול אין די רייט-אייזנס, זיך אַרומגעקוקט. וויפיל מאָל האָט ער שוין געזען הינטער זיך די רוישנדיקע צונויפגעגאָסענע לאַווע פון רייטער און פערד, און יעדעס מאָל האָט זיין האַרץ זיך צונויפגעדריקט פון שרעק פאַר דעם, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אין געהיימען געפיל פון ווילדער וזיהשער אויפרעגונג. פון דעם מאָמענט, וואָס ער האָט אַ לאָז געטון דאָס פערד, ביז ער איז צוגעקומען צום שונא, איז געווען אַן אומבאַגרייפלעכער אויגנבליק פון אינערלעכער איבערגעשטאַלטונג. שכל, קאַלטבלוטיקייט, אויסגערעכנטקייט — אַלץ האָט אין דעם שרעקלעכן אויגנבליק פאַרלאָזט גריגאָריען, און בלויז דער חיהשער אינסטינקט האָט מעכטיק און אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיט זיין ווילן. ווען עמעצער וואָלט געקאָנט אין מאָמענט פון אַטאַקע פון דער זייט אַ קוק טון אויף גריגאָריען, וואָלט ער זיכער געמיינט, אַז מיט זיינע באַוועגונגען פירט אַן קאַלטער, וואַכזאַמער שכל. אַזוי זיכער, אויסגעמאָסטן און באַרעכנט האָבן זיי אויסערלעך אויסגעזען.

דער שטח צווישן ביידע צדדים האָט זיך פאַרקלענערט מיט דערלייכטערנדיקער שנעלקייט. עס זענען געוואַקסן די פיגורן פון די רייטער, פון די פערד. דאָס קורצע שטיקל לאָנקע פון כוטאָר, וואָס האָט זיך געפונען צווישן ביידע פערד-מחנות, פאַרוואַקסן מיט

דערנער און באַדעקט מיט שניי, איז פאַרשלונגען געוואָרן דורך די פערדישע קאָפּיטעס. גריגאָרי האָט באַמערקט איין רייטער, וואָס האָט גאַלאָפּירט פאָרויס זיין עסקאַדראָן אומגעפער אויף דריי פערדישע קאָרפּוסן. דאָס טונקל-ברוינע הויך-געוויקסיקע פערד אונטער אים האָט זיך געטראָגן מיט קורצע וועלפישע שפרונגען. דער רייטער האָט באַוועגט אין דער לופט מיט דער אָפיצירישער שווערד, די זילבערנע שייד האָט זיך געבאָמבלט און אָנגעקלאַפּט אָן רייטאייזן, פייערדיק פינקלענדיק אויף דער זון. אין אַ רגע אַרום האָט גריגאָרי דערקענט דעם רייטער. דאָס איז געווען דער קאַרגינער קאָמוניסט פון די פרעמד-באַזעסענע פּיאָטר סעמיגלאַזאָוו. אין זיבעצנטן יאָר איז ער דער ערשטער צוריקגעקומען פון דער דייטשישער מלחמה, אַ פּיראָונצוואָנציקיעריקער חברה-מאַן, און נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט נישט געזעענע וויקלערס; ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך באָלשעוויסטישע איבערצייגונגען און אַ האַרטע קעמפערישע עקשנות. אַ באָלשעוויק איז ער טאַקע געבליבן. ער האָט געדינט אין דער רויטער אַרמיי און פאַרן אויפשטאַנד געקומען פון זיין אָפּטיילונג איינפירן די סאָוויעטישע מאַכט אין דער סטאַניצע. דערדאָזיקער סעמיגלאַזאָוו האָט דאָס גאַלאָפּירט קעגן גריגאָריען, זיכער אָנפירנדיק מיטן פערד, מאָלעריש פאָכענדיק מיט דער אָפיצירישער שווערד, וואָס ער האָט געהאַט צוגענומען אויף אַן אונטערזוכונג, און זי איז טויגלעך געווען בלויז אויף אַ פּאַראַד.

אויסשטשירענדיק די פעסט-צונויפגעדריקטע ציין, האָט גריגאָרי אונטערגעהויבן די לייצן, און דאָס פערד האָט געהאָרכזאַם פאַרשנעלערט דעם טריט.

גריגאָרי האָט געהאַט איין מאַנעוור, וואָס איז בלויז אים אַליין אייגן געווען און וועלכן ער האָט באַנוצט אין אַטאַקע. ער האָט זיך באַהאָלפן מיט אים, ווען ער האָט מיטן געפיל און בליק דערקענט אַ שטאַרקן קעגנער, אָדער ווען ער האָט געוואָלט דערשלאָגן אויף זיכער, אויף טויט, דערשלאָגן מיט איין קלאַפּ פאַר יעדן פּרייז. פון דער קינדהייט אָן איז גריגאָרי געווען אַ געלינק-

טער. ער האָט אי דעם לעפּל גענומען מיט דער לינקער האַנט, אי זיך געצלמט מיט דער זעלבער. אכזריותדיק האָט אים געשלאָגן דערפאַר פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, אפילו די קינדער פון זיין עלטער האָבן אים גערופן „גרישקאַ-געלינקטער". דאָס שלאָגן און זידלען האָט משמעות געהאַט אַ ווירקונג אויפן יונגן גרישקען. פון צען יאָר אָן האָט ער צוזאַמען מיטן צונאָמען „געלינקטער" פאַרלוירן די געוווינהייט צו פאַרבייטן די רעכטע האַנט אויף דער לינקער. אָבער ביז דער לעצטער צייט האָט ער געקאָנט מיט דערפאָלג טון מיט דער לינקער אַלץ, וואָס ער האָט געטון מיט דער רעכטער. און די לינקע איז געווען ביי אים אפילו שטאַרקער. אין אַטאַקע האָט גריגאָרי תמיד אויסגענוצט מיט זיכערן דערפאָלג דעמדאָזיקן איבערגעוויכט. ער האָט געפירט דאָס פערד אויפן אויסדערוויילטן קעגנער, ווי געוויינטלעך אַלע, פאַרלויפנדיק פון לינקס, כדי צו שלאָגן מיט דער רעכטער; אַזוי האָט זיך אויך באַמיט צו טון יענער, וועלכער האָט זיך גערדאַרפט באַגעגענען מיט גריגאָריען. און אָט, ווען צום קעגנער איז געבליבן בלויז אפשר צען קלאַפטער, און יענער האָט זיך שוין אַ ביסל זייטיק אָנגעבויגן, אויפהייבנדיק די שווערד, — האָט גריגאָרי מיט אַ האַסטיקן, אָבער ווייכן קער זיך אַ פאַרנעם געטון רעכטס, איבערוואַרפנדיק די שווערד אין דער לינקער האַנט אַריין. דער צעטומלטער קעגנער בייט די פּאָזע, אים איז נישט באַקוועם צו שלאָגן פון רעכטס אויף לינקס, איבערן קאָפּ פון פערד, ער פאַרלירט די זיכערקייט, דער טויט אָטעמט אים אין פנים אַריין... גריגאָרי דערלאַנגט אַ שרעקלעכן, לויט דער קראַפט, שניידנדיקן זעץ מיט אַ צי.

זינט דער באַטשופּרינטער האָט געלערנט גריגאָריען שלאָגן, דערלאַנגען דעם „באַקלאַנאָווער" קלאַפּ, זענען שוין אַ סך וואַסערן אָפּגעפלאָסן. אין משך פון די צוויי מלחמות האָט גריגאָרי שוין גענוג זיך די האַנט „אָנגעבראָכן". די שווערד באַהערשן איז נישט דאָס אייגענע, וואָס גיין נאָכן אַקער. אַ סך האָט גריגאָרי דערגרייכט אין דער טעכניק פון שלאָגן.

ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגעשטעקט די דלאָניע אין אויער פון דער שווערד — עס זאָל אים לייכטער זיין אויגנבליקלעך זי אַריבערצוואַרפן פון איין האַנט אין דער צווייטער. ער האָט געוווּסט, אַז ביי אַ שטאַרקן קלאַפ, אויב די באַוועגונג מיט דער שווערד וועט זיין נישט קיין ריכטיקע, וועט זי אַרויסשפּרינגען פון דער האַנט און נאָך אַמאָל אויסלענקען די דלאָניע. אים איז באַקענט געווען אַ מיטל — נישט קיין סך האָבן זיך געקאָנט באַנוצן דערמיט, — ווי אַזוי מיט אַ קוים באַמערקבאַרער באַוועגונג אַרויסצושלאָגן דאָס געווער דעם שונא אָדער מיט אַ קורצער, נישט שטאַרקער באַרירונג צו פּאַראַליזירן זיין האַנט. אַ סך האָט גריגאָרי געקאָנט פון דער וויסנשאַפט, וואָס לערנט דערהרגענען מענטשן מיט קאַלט געווער.

ביים האַקן לאָזע פאַלט פון שטאַרקן קלאַפ דאָס קרום־אָפּגעשניטענע צווייגל, נישט קיין ציטער טוענדיק, נישט באַוועגנדיק דאָס שטענגל. ווייך שטעכט עס זיך אַריין מיטן שאַרפן שפּיץ אין זאַמד לעבן שטאַם, פון וועלכן די קאָזאַקישע שווערד האָט עס אָפּגעטיילט. אַזוי איז אויך דער קאַלמיק־ענלעכער שיינער סעמיגלאַזאָוו צראָפּגעפאַלן פון פערד, וואָס איז שטיין געבליבן אויף די הינטערשטע פיס, זיך אַראָפּגעגליטשט פון זאָטל, צונויפדריקנדיק מיט די דלאָניעס זיין קרום־צעשפּאָלטענע ברוסט. אין טויטן גליווער האָט זיך אָנגעטון זיין קערפּער...

גריגאָרי האָט אין דער רגע זיך אויסגעגלייכט אויפן זאָטל, אונטערגעהויבן אויף די רייט־טרעפּלעך. קעגן אים האָט בלינד זיך געטראָגן, שוין נישט זייענדיק בכוח איינצוהאַלטן דאָס פערד, אַ צווייטער. הינטערן פאַרוואָרפענעם, פאַרשוימטן פיסק פון פערד האָט גריגאָרי נאָך נישט געזען דעם רייטער, אָבער שוין געזען די שיפּע קלינג פון דער שווערד, אירע טונקעלע קאַרבן. מיטן גאַנצן כוח האָט ער אַ פאַרצי געטון די לייצן, אויפגענומען און אָפּגעשלאָגן דעם קלאַפּ, — און אָנכאַפּנדיק די רעכטע לייץ מיט דער האַנט, אַ זעץ געטון איבערן אָנגעבויגענעם אונטערראַזירטן רויטן האַלז.

ער האָט דער ערשטער זיך אַרויסגעריסן פון דער צעטומלטער, אויסגעמישטער מחנה. פאַר די אויגן — אַ כאַאָטישע קופּע רייטער. אין דער האַנט — אַ נערוועז קיצלען. ער האָט אַריינגעוואָרפן די שווערד אין דער שייד, זיך אַ כאַפּ געטון צום מאַוזער, אויסגעדרייט דאָס פערד שוין מיטן גאַנצן אימפּעט. נאָך אים האָבן זיך אַ לאָז געטון די קאָזאַקן. די סאָטניעס האָבן גאַלאָפּירט פונאַנדערגעשיטערהייט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען פּאַפּאַכעס און היטלען מיט ווייסע לאַמפּאַסן, צוגעפּאַלענע צו די העלזער פון די פערד. אין דער זייט פון גריגאָריען האָט גאַלאָפּירט אַ באַקאַנטער אוריאַדניק אין אַ לאַפּן־היטל פון פוקסן־פוטער און פּעלצל פון האַקי־קאָליר. ביי אים זענען געשפּאָלטן דאָס אויער און די באַק ביז דער סאַמע גאָמבע. אויף דער ברוסט — ווי מען וואָלט אַ קיישל צייטיקע קערשן צעקוועטשט. די ציין זענען אויסגעשטשירעט און פאַרגאָסן מיט רויטס.

די רויטאַרמייער, וואָס האָבן זיך אַ וואַקל געטון און האָלב שוין אָנגעהויבן אַנטלויפן, האָבן אויסגעדרייט די פערד. דאָס אָפּטרעטן פון די קאָזאַקן האָט אָנגעצונדן אין זיי אַ חשק נאָכצויאָגן. איין הינטערשטעליק־געבליבענער קאָזאַק איז אַראָפּגעפלויגן פון זאָטל, ווי אַראָפּגעטראָגן דורכן ווינט, און אַריינגעטרעטן געוואָרן דורך די פערד אין שניי. אָט איז שוין דערכוטאָר, די שוואַרצע הויפנס פון די סעדער, דאָס צערקוועלע אויפן בערגל, די ברייטע גאָס. ביזן פאַדקן פון דער לעוואַדע, ווו די סאָטניע איז פאַרשטעקט געווען, איז געבליבן נישט מער ווי הונדערט קלאַפטער... פון די פערדישע רוקנס — שוים און בלוט. גריגאָרי, וואָס האָט אין רייטן שטאַרק געדריקט דאָס צינגל פון מאַוזער, האָט אַריינגערוקט אין דער שייד דאָס געווער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען (די קויל האָט זיך געשטעלט אין דער קרום) און שטרענג אויסגעשריגן:

— טיילן זיך!!!

די צונויפגעגאָסענע כוואַליע פון די קאָזאַקן־סאָטניעס, ווי דער פלוס פון אַ טייך, וואָס האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פעלז, האָט לייכט זיך צעטיילט אויף צוויי שטראָמען, אַנטבלויזנדיק די רייען

פֿון די רויטאַרמייער. די סאָטניע, וואָס איז פֿאַרשטעקט געווען, האָט אַ פֿייער געטון אויף זיי פֿון הינטערן פֿאַרקן אָפּער מיט אַ זאַלפּ, אַ צווייטן, אַ דריטן... אַן אויסגעשריי! אַ פֿערד מיט אַ רויטאַרמייער האָט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. ביי אַ צווייטס האָבן זיך אונטערגעבראָכן די פֿיס, דער פּיסק איז איבער די אויערן אין שניי. פֿון די זאָטלען האָבן די קוילן אַראָפּגעריסן נאָך אַ דריי, פֿיר רויטאַרמייער. איידער די איבעריקע, זיך אָנשטויסנדיק, האָבן אין פֿולן גאַלאָפּ אויסגעדרייט די פֿערד, האָט מען אויף זיי אויסגעשאָסן צו איין קוילן-מאַגאַזין און פֿאַרשוויגן געוואָרן. גריגאָרי האָט קוים באַוויזן מיט אַן איבערגעריסן קול אויסצושרייען: — ס-אָ-אָטניעס!... — ווי טויזנטער פֿערדישע פֿיס, צעטאָפּטשענדיק דעם שניי, האָבן האַסטיק זיך אויסגעדרייט און גענומען נאָכיאָגן. אָבער נאָכגעיאָגט האָבן די קאָזאַקן נישט גערן: די פֿערד זענען אָפּגעשטאַנען. נאָך אַנדערהאַלבן וויאָרסט האָבן זיי זיך אומגעקערט. זיי האָבן אויסגעטון די דערהרגעטע רויטאַרמייער, אויסגעזאָטלט די דערהרגעטע פֿערד. דריי פֿאַרוווּנדעטע האָט דער איינהענטיקער אַליאָשקאַ שאַמיל פֿאַרענדיקט. ער האָט זיי געשטעלט מיטן פּנים צום פֿאַרקן, דורכגעשפּאָלטן איינעם נאָכן אַנדערן. דערנאָך האָבן אַרום די דערהרגעטע לאַנג זיך געזאַמלט קאָזאַקן, גערייכערט, באַטראַכט די טויטע. אַלע דריי האָבן געהאַט די זעלבע סימנים: זייערע קערפּערס זענען געווען אין דער קרום דורכגעהאַקט פֿון די אַקסל-ביינער ביזן גאַרטל.

— פֿון דריי האָב איך געמאַכט זעקס, — האָט אַליאָשקאַ זיך גערימט, מרוגענדיק מיטן אויג און צוקנדיק מיט אַ באַק.

אים האָט מען חניפֿהדיק מכבד געווען מיט טיטון, געקוקט מיט נישט פֿאַרבאָרגענער אַכטונג אויף זיין נישט גרויסער פֿויסט, אויפֿן בולטן ברוסט-קאַסטן, וואָס האָט צעשפּאַרט דעם טשעקמען.

ביים פֿאַרקן, באַדעקט מיט די שינעלן, האָבן געציטערט די נאַסע פֿערד. די קאָזאַקן האָבן פֿאַרצויגן זייערע רימענס. אין געסל ביים ברונעם איז מען געשטאַנען אין אַ רייע נאָך וואַסער. אַ סך

האָבן ביי די לייצן געפירט די מידע פערד, וואָס האָבן קוים נאָכ־געשלעפּט די פיס.

גריגאָרי איז אוועקגעריטן מיט פּראָכאָרן און פינף קאָזאַקן פאָרויס. ווי אַ באַנד וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אויגן. ער האָט ווידער, ווי פאַר דער אַטאַקע, דערזען די זון, וואָס האָט געלויכטן דער וועלט, דעם אויפגעטייעטן שניי ביי די סטויגן שטרוי, גע־הערט דאָס פריילינגדיקע צוויטשערן פון די שפּערלען איבערן כו־טאָר, געשפּירט די דינסטע ריחות פון פרילינג, וואָס איז שוין גע־שטאַנען אויף דער שוועל. דאָס לעבן האָט זיך אומגעקערט צו אים נישט קיין פאַרוועלקטס, נישט קיין אַלט־געוואָרנס פון דעם נישט־לאַנג פאַרגאָסענעם בלוט און נאָך מער געלאָקט מיט זיינע קאַרגע פאַרפירערישע פריידן. אויפן שוואַרצן פאָן פון דער אויפגעטייע־טער ערד בלייכט זיך דאָס געבליבענע שטיקל שניי נאָך העלער און פאַרפירערישער...

XXXVIII

ווי דאָס וואַסער פון אַ פאַרפלייצונג — האָט זיך אויפגעהויבן און פונאַנדערגעגאָסן דער אויפשטאַנד, פאַרטרינקענדיק די גאַנצע דאָנער געגנט מיט אירע סטעפּעס אויף פירהונדערט וויאָרסט אַרום. פינפאונצוואַנציק טויזנט קאָזאַקן האָבן זיך געזעצט אויף די פערד. צען טויזנט פוסגייער האָבן אַרויסגעשטעלט די כוטאָרן פון איי־בערשטן דאָנער קרייז.

די מלחמה האָט אָנגענומען נאָך ביז איצט נישט־געזעענע פאָרמען. ערגעץ ביים דאָניעץ האָט געהאַלטן דעם פראָנט די דאָ־נער אַרמיי, שיצנדיק נאָוואָטשערקאַסק, גרייטנדיק זיך צו אַן אַנט־שיידנדיקער שלאַכט. און אין רוקן פון איר קעגנערישער אַכטער און ניינטער רויטער אַרמיי האָט געזאָטן דער אויפשטאַנד, אַלץ מער קאָמפּליצירנדיק די אַזוי אויך שווערע אויפגאַבע פון באַהערשן דעם דאָן.

אין אַפּריל איז פאַרן רעוואָלוציאָנערן קריגס-ראַט פון דער רעפּובליק מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אַרויסגעטרעטן די דראָונג פון אַ פאַראייניקונג צווישן די אויפשטענדער מיטן פראָנט פון די ווייסע. עס האָט זיך געפאָדערט צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פאַר יעדן פּרייז, איידער ער האָט באַוויזן אין רוקן דורכצובייסן דעם אָפּשניט פון רויטן פראָנט און זיך צונויפגיסן מיט דער דאָנער אַרמיי. קעגן אויפשטאַנד האָט מען אָנגעהויבן אַריבערוואַרפן די בעסטע כּוחות: אין די עקספּעדירטע חיילות האָט מען אַריינגעגאָסן די מאַטראָזן-גאַרניזאָנען פון באַלטישן און שוואַרצן ים, די זיכערסטע פּולקן, די בריגאַדעס געפּאַנצערטע צוגן, די טיכטיקסטע קאַוואַלערישע אָפּטיילונגען. פון פראָנט זענען אינגאַנצן אַראָפּגענומען געוואָרן די פינף פּולקן פון דער קעמפערישער באָגוטשאַרעווער דיוויזיע, וואָס האָט געציילט ביז אַכט טויזנט באַגנעטן ביי עטלעכע באַטאַרייעס און פינף הונדערט קוילנוואַרפערס. אין אַפּריל האָבן אויפן קאַזאַנער אָפּשניט פון אויפשטענדערישן פראָנט שוין געקעמפט מיט אומפאַרגלייכלעכער העלדישקייט די ריאַזאַנער און טאַמבאָווער קורסן, שפּעטער איז אָנגעקומען אַ טייל פון דער שול ביים וו צ י ק, הינטער שומילין האָבן זיך געשלאָגן מיט די אויפשטענדער לאַטישע שיסער.

די קאָזאַקן האָבן זיך געשטיקט פון מאַנגל אין אַמוניציע. אין אָנהייב איז נישט געווען קיין גענוגנדע צאָל ביקסן, ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די קוילן. מען האָט זיי געמוזט באַקומען פאַרן פּרייז פון בלוט, אָפּשלאָגן דורך אַטאַקעס אָדער ביינאַכטיקע אָנפאַלן. און מען האָט זיי אָפּגעשלאָגן. אין אַפּריל איז ביי די אויפשטענדער שוין געווען אַ פולע צאָל ביקסן, זעקס באַטאַרייעס און ביי הונדערט און פופציק קוילוואַרפערס.

אין אָנהייב פון אויפשטאַנד איז אין ווישענסק אין מאַגאַזין געבליבן ביי פינף מיליאָן בלינדע קוילן. דער ראַט פון קרייז האָט מאָביליזירט די בעסטע שמידן, שלאָסערס, ביקסן-מייסטערס. אין ווישענסק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ וואַרשטאַט צו גיסן קוילן, אָבער עס איז נישט געווען קיין בליי, נישט געווען פון וואָס

צו גיסן די קוילן. דעמאָלט האָט מען אויפן רוף פון קרייז־ראַט אין אַלע כוטאָרן אָנגעהויבן זאַמלען בליי און קופּער. אין די דאָמף־מילן האָט מען צוגענומען אַלע זאַפּאַסן בליי און באַביט. איבער די כוטאָרן האָט מען פונאַנדערגעשפּרייט דורך רייטער־שלוחים אַ קורצן אויפרוף:

„אייערע מענער, זין און ברידער האָבן נישט מיט וואָס צו שיסן.

זיי שיסן בלויז מיט דעם, וואָס זיי פאַרכאַפּן ביי דעם פאַר־שאָלטענעם שונא. גיט אוועק אַלץ, וואָס געפינט זיך אין אייערע באַלעבאַטישקייטן גילטיקס צום גיסן קוילן! נעמט אַראָפּ פון די ווייע־מאַשינען די בלייערנע זיפּן".

אין אַ וואָך אַרום איז אין גאַנצן קרייז נישט געבליבן קיין איין ווייע־מאַשין מיט אַ זיפּ.

„אייערע מענער, זין, ברידער האָבן נישט מיט וואָס צו שיסן"... און די באַבעס האָבן אַוועקגעטראָגן אין די ראַטן פון די כוטאָרן אַלץ, וואָס איז יאָ און נישט גילטיק געווען. די קינדער פון די כוטאָרן, וווּ די שלאַכטן זענען פאָרגעקומען, האָבן אַרויס־געקראַצט פון די ווענט די קוילן, זיך געגראָבן אין דער ערד און געזוכט שטיקלעך גראַנאַטן. אָבער אויך אין דעם ענין איז נישט געווען קיין פולע איינהייט: טייל באַבעס, וואָס האָבן צוליב אָרימקייט נישט געוואָלט פאַרלירן די לעצטע קליינקייט פון דער באַלעבאַטישקייט, האָט מען אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין קרייז פאַר „סימפּאַטיע צו די רויטע". אין טאַטאַרישן כו־טאָר האָבן די אַלטע קאָזאַקן ביז בלוט צעשלאָגן סעמיאָן טשוגי־נען, וואָס איז געקומען פון זיין אָפּטיילונג אויף אורלויב, פאַר איין נישט פאַרזיכטיקער פראַזע: „די רייכע מעגן זייערע ווייע־מאַשינען צעשטערן. נישקשה, די רויטע זענען פאַר זיי שרעקלע־כער פון צעשטערונג".

די זאַפּאַסן בליי האָט מען צעגאָסן אין וויעשענסקער וואַר־שטאַט, אָבער די געגאָסענע קוילן, וואָס זענען נישט איבערגע־

צויגן געווען מיט קיין ניקל, האָבן זיך אויך צעגאָסן... נאָכן שאָס איז די קויל פון היימישער אַרבעט אַרויסגעפלויגן פון דער לופע אַ צעגאָסן בלייערן קיילעכל, געפלויגן ווילד־פייפנדיק און רוישנדיק, אָבער געטראָפן בלויז אויף הונדערט, אויף הונדערט און צוואָנציק קלאַפטער. דערפאַר זענען די ווונדן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך אַזעלכע קוילן, געווען שרעקלעך. די רויטאַרמייער, געווירווערנדיק, וואָס דאָס איז, האָבן אָפט אַריבערגעשריגן, נאָענט זיך צוגויפרייטנדיק מיט די קאָזאַקן־פּאַטראָלן: „מיט זשוקעס שיסט איר... גיט אייך אונטער, מיר וועלן אייך סיי ווי אַלע אויסהרגענען".

די פינפאונדרייסיק טויזנט אויפשטענדער האָבן זיך געטיילט אויף פינף דיוויזיעס און אַ זעקסטער, לויטן חשבון באַזונדערער בריגאַדע. אויפן אָפשניט מיעשקאָוו—סיעטראַקאָוו־וויעזשאַ האָט געקעמפט די דריטע דיוויזיע אונטער דער אָנפירונג פון יעגאָראָוון. דעם אָפשניט קאַזאַן—דאָניעץ—שומילין האָט פאַרנומען די פערטע דיוויזיע. עס האָט אָנגעפירט מיט איר דער פאַרביסנסטער לויטן אויסזען פענריך, העקער און טייוול אין קאַמף, קאָנדראַט מיעדוויעדיעוו. די פינפטע דיוויזיע האָט געקעמפט אויפן פראָנט סלאַשטשעוו—בוקאַנאָוו, אָנגעפירט מיט איר האָט אושאַקאָוו. אין דער ריכטונג פון די יעלאַנער—אוסט־כאָפּערער—גאָרבאַטער כוטאָרן האָט זיך געשלאָגן מיט זיין צווייטער דיוויזיע דער וואַכמייסטער מערקולאָוו. דאָרט האָט זיך אויך געפונען די זעקסטע גוט־פאָרמירטע באַזונדערע בריגאַדע, וואָס האָט כּמעט גאָרנישט געליטן קיין פאַרלוסטן, ווייל איר אָנפירער, דער מאַקזאַיעווער קאָזאַק באָגאַטירעוו, פון ראַנג אַ פענריך, איז געווען באַרעכנט, פאָרזיכטיק, האָט קיינמאָל נישט ריזיקירט און זיינע מענטשן בחינם געשיקט אויף אומקום. לענגאויס דעם טשיר האָט אויסגעשפּרייט זיין ערשטע דיוויזיע מעליעכאָוו גריגאָרי. זיין אָפשניט איז געווען דער פעדערשטער, קעגן אים האָבן אָן אויפהער געשטראָמט פון דרום די רויטע אָפטיילונגען, וואָס זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון פראָנט, אָבער ער האָט באַוויזן נישט נאָר אָפצושלאָגן די אָנגריפן פון שונא, נאָר אויך אַרויסצוהעלפן דער ווייניק־שטאַנדהאַפטיקער

צווייטער דיוויזיע, אריבערוואַרפנדיק איר צו הילף סאָטניעס פוס-גייער און רייטער.

דעם אויפשטאַנד איז נישט געלונגען זיך אַריבערצוּוואַרפן אין די סטאַניצעס פון כאָפּער און אוסט-מיעדוויעדיצער קרייז. אויך דאָרט איז פאָרגעקומען אַן אויפרודערונג, אויך פון דאָרט זענען געקומען שליחים מיט בקשות אַרויסצורוקן די כּוחות קיין בוּזולוק און די אייבערשטע ברעגן פון כאָפּער, כּדי צו רעוואָלטירן די קאָזאַקן. אָבער די אָנפירונג פון די אויפשטענדער האָט זיך נישט אַנטשלאָסן אַרויסצוגיין איבער די גרענעצן פון אייבערשטן דאָנער קרייז, וויסנדיק, אַז אין דער גרעסטער מערהייט שטיצן די כאָפּערצעס די סאָוויעטישע מאַכט און וועלן זיך נישט נעמען צום געווער. אויך די שלוחים האָבן נישט צוגעזאָגט קיין באַזונדערע דער-פאָלגן, דערציילנדיק דעם אמת, אַז נישט-צופרידענע מיט די רויטע איז אין די כוטאָרן נישטאָ קיין סך, אַז די אָפיצירן, וואָס זענען געבליבן אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון כאָפּערער קרייז, באַהאַלטן זיך, קאָנען נישט צונויפשטעלן קיין באַדייטנדע כּוחות, וואָס סימפּאַטיזירן מיטן אויפשטאַנד, ווייל די פראָנט-קעמפער זענען אָדער אינדערהיים, אָדער מיט מיראָנאָוון, און די אַלטע האָט מען פאַרטריבן, ווי די קעלבער אין שטאַל, און זיי האָבן שוין נישט, נישט קיין מאַכט, נישט דעם פריערדיקן אָנזען.

אויף דרום, אין די ישובים, וואָס זענען באַזעצט געווען מיט אוקראַינער, האָבן די רויטע מאָביליזירט די יוגנט, און זי האָט מיט גרויס חשק זיך געשלאָגן מיט די אויפשטענדער, אַריינגיסנדיק זיך אין די פּולקן פון דער קעמפערישער באָגוטשאַרעווער דיוויזיע. דער אויפשטאַנד האָט זיך רעדוצירט אויפן שטח פון אייבערשטן דאָנער קרייז. און אַלץ קלאָרער איז געוואָרן פאַר אַלע, אָנהייבנדיק פון דער אָנפירערשאַפט מיטן אויפשטאַנד, אַז לאַנג פאַרטיידיקן די היימישע כאַטעס וועט נישט אויסקומען, — פריער אָדער שפּעטער וועט די רויטע אַרמיי זיך אומקערן פון דאָניעץ און אונטערדריקן.

דעם אַכצענטן מערץ האָט קודינאָוו אַרויסגערופן גריגאָרי

מעליעכאָוון אויף אַ באַראַטונג. איבערגעבנדיק די אָנפירונג איבער דער דיוויזיע זיין געהילף ריאַבטשיקאָוון, איז גריגאָרי באַלד אינדערפרי אַרויסגעפאָרן מיט זיין אָרדינאַנס אין קרייז אַריין.

אין שטאַב איז ער אָנגעקומען גראָד אין דעם מאָמענט, ווען קודינאָוו האָט אין קעגנוואַרט פון סאָסאָנאָוון געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט איינעם פון די שליחים פון דער אַלעקסעיעווער סטאַניצע. קודינאָוו איז, אַ געהאָרבעטער, געזעסן ביים שרייבטיש, זיך געשפּילט מיטן עק פון זיין קאַווקאַזער פּאַסיקל צווישן די דינע ברוינע פינגער און, נישט אויפהייבנדיק די פאַרשוואָלענע אייטערדיקע אויגן פון די שלאָפלאָזע נעכט, געפרעגט ביים קאָזאַק, וואָס איז געזעסן קעגן אים:

— און איר אַליין וואָס טוט? איר אַליין וואָס טראַכט?

— מיר אַליין, פאַרשטייט זיך... אונז אַליין איז עפּעס נישט צו דער האַנט... ווער ווייסט זיי דאָרט, וואָס און ווען. די מענטשן דאָ קענסטו דאָך? זיי האָבן מורא. אי עס גלוסט זיך זיי, אי זיי האָבן מורא...

— „עס גלוסט זיך זיי!" „זיי האָבן מורא!" — האָט קודינאָוו אויסגעשריגן, בלייך ווערנדיק פאַר כעס, און זיך אַ דריי געטון אין פאָטעל, ווי מען וואָלט אים אָנגעשיט הייסע קוילן אויפן געזעס. — איר אַלע זענט ווי די מיידן: אי עס גלוסט זיך, אי עס קיצלט, אי די מאַמעשי הייסט נישט. נו, גיי דיר צוריק אין דיין אַלעקסעיעוו און זאָג דיינע אַלטע, אַז מיר וועלן אפילו קיין איין אָפּטיילונג נישט שיקן אין אייער יורט, כל-זמן איר אַליין וועט נישט אָנהייבן. זאָלן אייך די רויטע כאָטש איינציקווייז אויסהענגען!

די טונקל-ברוינע האַנט פון קאָזאַק האָט אין פאַרלעגנהייט אַראָפּגערוקט דעם גלאַנציקן שוואַרצן לאַמפּן-הוט אויפן נאַקן. די קנייטשן אויף זיין שטערן האָבן זיך איבערגעגאָסן מיט שווייס, ווי די ראָוועס מיט שטראָמיקן וואַסער אין פרילינג. די קורצע העלע ברעמען האָבן אָפּט געמרוגעט און די אויגן האָבן געקוקט שמייכלדיק און פאַרשולדיקט.

— די בראָך וועט אייך, פאַרשטייט זיך, נייטן צו גיין מיט אונז. אָבער דאָ איז דער עיקר דער אָנהייב... טייערער פון געלט איז טאַקע אָט דער אָנהייב.

גריגאָרי, וואָס האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם שמועס, האָט זיך אָפּגערוקט, — פון קאָרידאָר האָט אָן גערויש געשפּרייזט אין שטוב אַריין אַן אָנגעטוענער אין אַ געגאַרבט פּעלצל, נישט הויכער, שוואַרץ-וואָנסיקער מענטש. ער האָט זיך באַגריסט מיט קודינאָוון מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אונטערשפּאַרנדיק די באַק מיט דער ווייסער האַנט. גריגאָרי, וועלכער האָט פריִענלעך געקענט אַלע שטאַב-לייט, האָט אים געזען צום ערשטן מאָל און זיך איינגעקוקט אין אים. דאָס סובטעל געצייכנטע פּנים — טונקל-ברוין, אָבער נישט אָפּגעשמיסן פון ווינט און ניעט פאַרברענט פון דער זון, די איידעלע ווייסקייט פון די הענט, די אינטעליגענטע מאַניערן, — אַלץ אין אים האָט דערציילט וועגן אַ מענטש נישט קיין אָרטיקן.

אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דעם אומבאַקאַנטן, האָט קודינאָוו זיך געווענדט צו גריגאָריען:

— באַקען דיך, מעליעכאָוו. דאָס איז חבר געאָרגידזע. ער איז... — און ער האָט זיך פאַרהאַקט, זיך אַ שפּיל געטון מיטן ברעלאָקל פון שוואַרצן זילבער אויפן פּאַסעקל און, אויפשטייענדיק, זיך געווענדט צום שליח פון דער אַלעקסעיעווער סטאַניצע: — נו, דו, סטאַניצע-מאַן, גיי. מיר האָבן דאָ ענינים צו דערליידיקן. פאָר אַהיים און גיב איבער מיינע רייד ווען מען דאַרף.

דער קאָזאַק האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול. זיין פלאַמיק-געלער לאַפּן-הוט מיט די שוואַרצע פוקסן-טרעלזלעך האָט דערגרייכט כמעט ביזן באַלקן און פון זיינע ברייטע פּלייצעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט די וועלט, איז דאָס צימער באַלד קליין און ענג געוואָרן.

— נאָך הילף געקומען? — האָט גריגאָרי אים געפרעגט, נאָך אַלץ פילנדיק מיט ווידערווילן דעם האַנט-דרוק פון קאַווקאַזער.

— אָט-אָט! נאָך הילף. און דו זעסט דאָך מיט וואָס דאָס

האָט זיך פאַרענדיקט... — דער קאָזאַק האָט דערפרייט זיך אויסגעדרייט צו גריגאָריען, זוכנדיק שטיצע מיט די אויגן. זיין רויט פּנים, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט דער קאָליר פון לאַפּן־הוט, האָט אויסגעזען אַזוי פאַרלוירן, אַ שווייס האָט עס אַזוי באַוואַשן, אַז אפילו די באָרד און אַראָפּגעהאָנגענע געלע וואָנסעס האָבן אויסגעזען ווי באַשיט מיט קרעלעכלעך.

— די סאָוויעטישע מאַכט איז אויך אייך נישט צום האַרץ געווען? — האָט גריגאָרי ווייטער אויסגעפרעגט. מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט נישט קודינאָווס אומגעדולדיקע באַוועגונגען.

— זי, ברודערקע, איז נאָך צום אויסהאַלטן, — האָט דער קאָזאַק באַדאַכט אַ זאָג געטון מיט אַ באַס, — אָבער מיר האָבן מורא, זי זאָל נישט ערגער ווערן.

— דערשיסונגען זענען פאָרגעקומען ביי אייך?

— ניין, גאָט באַהיט! אַזוינס האָט מען נישט געהערט. אָבער וואָס אַן אמת, פערד האָט מען צוגענומען, תּבואה, נו, און, פאַרשטייט זיך, אַרעסטירט האָט מען די, וואָס האָבן גערעדט קעגן. מיט איין וואָרט, די מורא איז גרויס.

— און אויב די ווישענצעס וואָלטן געקומען צו אייך, וואָלט איר זיך אויפגעהויבן? וואָלטן אַלע זיך אויפגעהויבן?

דעם קאָזאַקס קליינע, פון דער זון באַגילדטע אויגן האָבן כיטרע זיך פאַרזשמורעט, אַנטלאָפן פון גריגאָריעס אויגן, דער הוט האָט זיך אַראָפּגערוקט איבערן שטערן, וואָס איז אין דער רגע באַשווערט געוואָרן פון קנייטשן און ביילן פון טראַכטן.

— ווי קאָן מען האָפן פאַר אַלע... נו, אָבער די קאָזאַקישע באַלעבאַטים וואָלטן, פאַרשטייט זיך, אונטערגעשטיצט.

— און די אָרימע, נישט באַלעבאַטישע?

גריגאָרי, וועלכער האָט ביז איצט בחינם זיך באַמיט צונויפצוטרעפן מיט די אויגן פון זיין מיטשמועסער, האָט זיך באַגעגנט מיט זיין קינדיש־פאַרוואונדערטן, אויפריכטיקן בליק.

— הם !... צו וואָס זאָל דער עולם אין די לאַפּטשעס גיין ? פאַר זיי איז דאָך אַ גאָלדן לעבן ביי דער מאַכט !

— וואָס־זשע האָסטו, דראַנג טייוולאָנישער ! — האָט קודי־נאָוו שוין מיט נישט פאַרבאָרגענעם כּעס אויסגעשריגן, און דער פאָטעל אונטער אים האָט זיך לאַנג צעגרילצט. — וואָס־זשע ביסטו געקומען אונז די קעפּ פאַרדרייען ? צי זענען ביי אייך אַלע ריי־כע ? וואָס־זשע פאַר אַן אויפשטאַנד וועט דאָס זיין אויב צוויי, דריי הייף וועלן ביי אייך אין כוטאָר אויפשטיין ? גיי פונדאַנען ! גיי, זאָגט מען דיר ! קיין געבראָטענער האָן האָט אייך נאָך אין הינטן נישט קיין פּיק געטון ; ווען ער וועט אַ פּיק טון — וועט איר אויך אָן אונזער הילף אָנהייבן מלחמה פירן ! זיי זענען גע־ווינט געוואָרן, די הינטישע זין, הינטער פרעמדע פּלייצעס במנוחה צו אַקערן ! איר וואָלט געדאַרפט אויפן אויוון הייסע הירזש צוליגן... נו, גיי, גיי ! קוקן אויף דיר, טייוול, איז מיר איבלדיק !

גריגאָרי האָט זיך אָנגעכמורעט, אָוועקגעדרייט. אויף קודי־נאָווס פּנים זענען אַלץ דייטלעכער אַרויסגעטרעטן רויטע פלעקן. געאָרגידזע האָט זיך געדרייט אַ וואָנסע, באַוועגט מיט די נאָזלע־כער פון דער שאַרף־געהאָרבעטער, ווי אָפּגעטעסעטער נאָז.

— אויב אַזוי, בעט איך אַנטשולדיקונג. און דו, אייער וויל־געבוירנהייט, שריי נישט און שרעק נישט קיינעם, דאָס איז אַ פרייוויליקע זאַך. די בקשה פון אונזערע אַלטע האָב איך אייך אי־בערגעגעבן און אייער ענטפער וועל איך זיי אָפּפירן, און שרייען איז נישטאָ וואָס ! און ווי לאַנג וועט מען עס נאָך אַזוי שרייען אויף די רעכטגלויביקע ? די ווייסע האָבן געשריגן, די רויטע האָבן געשריגן, אַצינד שרייסטו, איטלעכער וויל זיין מאַכט אַרויס־ווייזן און נאָך דערצו דעם קאַרק אַראָפּבייגן... עך דו, קריסטלעך לעבן, אַ מיאוסע צויג האָט דיך באַלעקט !...

דער קאָזאַק האָט מיט כּעס אַראָפּגערוקט דעם לאַפּן־הוט, ווי אַ שווער שטיק זיך אַרויסגעקייקלט אין קאָרידאָר אַריין, שטיל פאַרמאַכט די טיר ; נאָר דערפאַר האָט ער אין קאָרידאָר אינ־גאַנצן נאָכגעלאָזט דעם כּעס און אַזוי אַ זעץ געטון מיט דער צוויי־

טער ביים אַרויסגיין, אַז דער טינק האָט אפשר פינף מינוט זיך געשיט אויפן דיל און די פּאַראַפּעטן.

— נו, שיין האָט דער עולם גענומען זיך אויפפירן! — האָט קודינאָוו שוין פריילעך געשמייכלט, זיך שפּילנדיק מיטן פּאַסיקל, ווערנדיק מיט יעדער מינוט אַלץ מילדער. — אין זיבעצנטן יאָר אין פרילינג פאָר איך צו דער סטאַציע, עס איז געווען אַרום פּסח-צייט, אויף די פעלדער האָט מען שוין געאַקערט. עס אַקערן די פרייע קאָזאַקלעך און האָבן צוליב דער פרייהייט ממש די קעפּ פאַרלוירן, אַלע וועגן פאַראַקערט, — ווי עס וואָלט זיי ערד אויסגעפעלט! נאָכן טאָקינער כוטאָר רוף איך איינעם אַזאַ אַקערער, ער קומט צו צום טאַראַנטאַס. „די צווינער און אַזעלכער, פאַרוואָס האָסטו דעם וועג פאַראַקערט?" האָט דער בחור זיך דערשראָקן. „איך וועל שוין נישט, זאָגט ער, איך בעט שטאַרק מיר מוחל צו זיין, איך קאָן צוריק אויסגלייכן". אויפן זעלבן אופן האָב איך נאָך אַ צווייי, דריי אָנגעשראָקן. מיר פאָרן אַרויס הינטער גראַטשעוו — ווידער איז דער וועג פאַראַקערט, און איינער אַ חברה-מאַן גייט נאָך אַן אַקער. גיב איך אים אַ רוף: „אַנו, קום נאָר אַהער!" קומט ער צו. „וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו דעם וועג צו פאַראַקערן?" האָט ער אַ קוק געטון אויף מיר, אַזאַ בראָוו קאָזאַקל, און די אויגן זענען העלע, און דערנאָך שווייגנדיק זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעלאָפן צו די אָקסן. ער האָט אַרויסגעריסן דעם אייזערנעם ריגל פון דער יאַרמע און ווידער צוריקגעלאָפן צו מיר. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים ברעג פון טאַראַנטאַס און אַרויפגעשפרונגען אויפן טרעפל. „ווער ביסטו פאַר איינער, זאָגט ער, ווי לאַנג וועט איר נאָך אונזער בלוט זייגן? ווילסט, זאָגט ער, צעהאַק איך דיר שוין דעם קאָפּ אויף פיצלעך?" און ער פאַרמעסט זיך מיטן ריגל. זאָג איך צו אים: „וואָס פאַלט דיר איין, איוואַן, איך האָב מיר אַ שפּאַס געמאַכט!" ענטפערט ער מיר: „איך בין אַצינד נישט איוואַן, נאָר איוואַן אָסיפּאָוויטש, און פאַר אַ גראָבקייט וועל איך דיר די מאָרדע צעהאַקן!" ווערסט גלייבן? — איך האָב מיך קוים אָפּגעטשעפּעט. דער איז אויך אַזוי: ער האָט

געסאַפּעט, געסאַפּעט, זיך געבויגן און צום סוף כאַראַקטער אַרויס־געוויזן. דער שטאָלץ האָט אין פּאָלק זיך אויפגעוועקט.

— דער כאַם האָט זיך אויפגעוועקט און אַרויסגעשפּרונגען, נישט דער שטאָלץ. דער כאַם האָט געקריגן געזעצלעכע רעכט, — האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק, דער קאַווקאַזער, רויִק געזאָגט, און נישט וואַרטנדיק אויף דערווידערונג, פאַרענדיקט דעם שמועס: — איך בעט אָנצוהייבן די באַראַטונג. איך וואָלט געוואָלט אָנקומען אין פּולק נאָך היינט.

קודינאָוו האָט אָנגעקלאַפּט אין ווענטל, אַ רוף געטון:

— סאָפּאָנאָוו! — און זיך געווענדט צו גריגאָריען: — די בלייב מיט אונז, מיר וועלן זיך באַראַטן צוזאַמען. קענסט דאָס ווערטל: „איין שכל איז גוט, אָבער צוויי — זענען נאָך בעסער!" אויף אונזער גליק איז דער חבר גענעראַלישער געבליבן אין וויעשקי, און אַצינד העלפט ער אונז צו. ער איז פון ראַנג אַ פּאָדפּאָלקאָוו־ניק, די גענעראַל־אַקאַדעמיע געענדיקט.

— ווי־אַזוי־זשע זענט איר געבליבן אין וויעשקי, — האָט גריגאָרי געפרעגט, קוקנדיק מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, און עס איז אים אינערלעך עפּעס אַזויווי קאַלט געוואָרן.

— איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, מען האָט מיך אי־בערגעלאָזט אין דודערעווער כוטאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ריקצוג פון צפון־פראָנט.

— אין וועלכער אָפּטיילונג זענט איר געווען?

— איך? ניין, איך בין נישט קיין רעגולערער. איך בין גע־ווען אין שטאַב פון דער באַזונדערער גרופּע.

— פון וועלכער גרופּע? דעם גענעראַל סיטניקאָווס?

— ניין...

גריגאָרי האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר דער אויס־דרוק פון פּאָדפּאָלקאָווניק געאָרגידזעס פנים, וואָס איז געווען קאָנ־צענטרירט אָנגעשטרענגט, האָט אים געבייט צו דערפילן, אַז נישט איצט איז דער געהעריקער מאָמענט זיך אויסצופרעגן, און גריגאָרי האָט אינמיטן וואָרט אָפּגעהאַקט.

באַלד זענען אַרײַנגעקומען דער אָנפירער פון שטאַב סאַפּאָנאָוו, דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער דיוויזיע קאָנראַד מיעדוויעדיעוו און דער ראָזער ווייס־צייניקער פענריך באָגאַטיריעוו — דער קאָמאַנדיר פון דער זעקסטער באַזונדערער בריגאַדע. די באַראַטונג האָט זיך אָנגעהויבן. קודינאָוו האָט פון נאָטיצן קורץ אינפאָרמירט די פאַרזאַמלטע וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. דער ערשטער האָט געבעטן א וואָרט דער פּאָדפּאָלקאָווניק. געלאַסן אויסשפּרייטנדיק אויפן טיש די מאַפּע, האָט ער אָנגעהויבן רעדן שיין און זיכער, מיט א קוים־באַמערקבאַרן אַקצענט:

— קודם־כל האַלט איך פאַר אַבסאָלוט נייטיק אַריבערצוּוואַרפן עטלעכע רעזערוו־אָפּטיילונגען פון דער דריטער און פערטער דיוויזיע אויפן אָפּשניט, וואָס איז פאַרנומען דורך מעליעכאָוו'ס דיוויזיע און דער באַזונדערער בריגאַדע פון פענריך באָגאַטיריעוו. לויט די געהיימע ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען און לויטן אויספרעגן די געפאַנגענע, איז פולשטענדיק קלאָר, אַז די רויטע אָנפירונג גרייט פאַר אונז צו אַן ערנסטן קלאַפּ דווקא אויפן אָפּשניט קאַמיאָנקאַ—קאַרגין—באָקאָווו. לויט די רייד פון די איבערלויפער און געפאַנגענע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז פון אָבליוו און מאָראָזאָוו זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן שטאַב פון דער ניינטער רויטער אַרמיי צוויי קאַוואַלעריע־פּולקן, וואָס זענען גענומען געוואָרן פון דער צוועלפטער דיוויזיע, פינף צוים־אָפּטיילונגען, מיט צוגעגעבענע צו זיי דריי באַטאַרייעס און גאַרניזאָנען קוילנוואַרפער. לויט אַן אויבנאויפיקן חשבון, וועלן דידאָזיקע פאַרשטאַרקונגען געבן דעם שונא פינף מיט א האַלבן טויזנט קעמפער. אויף אַזא אופן וועט דעראיבער געוויכט אין צאָל זיין אויף זייער זייט, נישט רעדנדיק שוין וועגן דעם, וואָס זיי זענען בעסער באַוואָפנט.

איבערגעשטראָכן אין א קרייז דורך די לייסטן פון פענסטער, האָט די זון אַרײַנגעקוקט אין צימער פון דרום־זייט, געל, ווי די בלום פון א ביר־רויז. א בלויער וואָלקן רויך איז אומבאַוועגלעך געהאָנגען אונטערן באַלקן. די ביטערקייט פון היימישן טיטון האָט

זיך אויסגעמישט מיטן שאַרפֿן ריח פֿון די פֿאַרענדיקע שטיוול. ערגעץ אונטערן באַלקן האָט פֿאַרצווייפֿלט געזשוושעט אַ פֿליג, וואָס איז פֿאַרסמט געוואָרן דורכן טיטון־רויך. גריגאָרי האָט שלעפֿעריק געקוקט דורכן פֿענסטער (ער איז נישט געשלאָפֿן צוויי נעכט כּסדר), זײַנע אויגנלעדלעך, שווערע ווי בלײַ, זענען פֿאַרשוואָלן געווען, דער שלאָף איז אַרײַנגעדרונגען אין קערפּער, צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט פֿון דער שטאַרק־אָנגעהייצטער שטוב, אַ שיכּורע מידעקייט האָט אָפּגעשוואַכט דעם ווילן און דאָס באַוווסטזײַן. און הינטערן פֿענסטער האָבן אַרומגעשטיפֿט די ביזאָווער פּרילינגס־ווינטן, אויפֿן באַסקאָווער בערגל האָט ראָז געפֿינקלט און העל אָפּגעשלאָגן דער לעצטער שניי, די שפּיצן פֿון די טאָפּאָלן בײַם דאָן האָבן זיך אַזוי געוויגט אין ווינט, אַז קוקנדיק אויף זיי, האָט זיך גריגאָריען געדאַכט — ער הערט אַן אומאויפֿהערלעך באַסאַרטיק גערויש.

דאָס קול פֿון פּאָדפּאָלקאָווניק, אַ קלאָרס און שטאַרקס, האָט צוגעצויגן גריגאָריעס אויפֿמערקזאַמקייט. זיך אָנשטרענגענדיק, האָט ער זיך אײַנגעהערט, און דער אָנפֿאַל פֿון שלעפֿעריקייט איז אומבאַמערקט פֿאַרשוווּנדן, ווי צעגאַנגען.

— ...דעם שונאס אָפּגעשוואַכטע אַקטיווקייט אויפֿן פֿראָנט פֿון דער ערשטער דיוויזיע און זײַנע כּסדרדיקע פּרוּוון איבערצוגיין אין אָנגריף אויף דער ליניע מיגולין–מיעשקאָוו בייטן אונדז צו שטיין אויף דער וואַך. איך מיין... — דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט זיך געקרעקט מיטן וואָרט „חברים" און, שוין בײַז זשעסטיקולירנדיק מיט דער פֿרויענהאַפּט־ווײַסער דורכזיכטיקער האַנט, האָט ער געהעכערט דאָס קול, — אַז בײַם שטיצן סאַפּאָנאָוון מאַכט דער אָנפֿירער קודינאָוו אַ גראָבן טעות, אָננעמענדיק דאָס מאַנעווּרירן פֿון די רויטע פֿאַר דער אמתער מטבע, באַשטייענדיק אָפּצושוואַכן דעם אָפּשני־, וואָס איז פֿאַרנומען דורך מעליעכאָוון. גאָט איז מיט אײַך, מײַנע הערן! דאָס איז דאָך דער אַלף־בית פֿון סטראַטעגיע — דאָס אָפּציִען די כּוחות פֿון שונא, כּדי אים צו אַטאַקירן...

— אָבער דאָס רעזערוו־פּולק איז דאָך מעליעכאָוון נישט נייטיק, — האָט קודינאָוו איבערגעשלאָגן.

— פּאַרקערט! מיר מוזן האָבן אונטער דער האַנט אַ טייל רעזערוון פון דער דריטער דיוויזיע, כדי אין פאַל פון אַ דורכריס צו האָבן מיט וואָס אים צו פאַרשטעלן.

— קודינאָוו וויל, אפנים, מיך נישט פרעגן, צי איך וועל אים געבן דעם רעזערוו אָדער נישט, — האָט גריגאָרי מיט פאַרדרוס געזאָגט. — און איך וועל אים נישט געבן. קיין איין סאָטניע נישט געבן!

— נו, דאָס זעסטו, ברודערקע... — האָט סאַפאָנאָוו אויסגע־צויגן שמייכלענדיק און זיך צוגלעטנדיק די געלע וואָנסעס.

— קיין שום „ברודערקע"! איך וועל נישט געבן — און שוין!

— אין אָפּעראַטיווער באַציִונג...

— דו רעד מיר נישט וועגן אָפּעראַטיווע באַציִונגען. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מיין אָפּשניט און פאַר מיינע מענטשן.

דעם וויכּוח, וועלכער איז אַזוי אומגעריכט אויסגעבראָכן, האָט פאַרענדיקט דער פּאָדפּולקאָווניק געאָרגידזע. די רויטע בליי־פעדער אין זיין האַנט האָט מיט פּונקטן באַצייכנט דעם באַדראָטן אָפּשניט, און ווען די קעפּ פון די באַראַטנדיקע האָבן ענג זיך צו־נויפגערוקט איבער דער מאַפּע, איז פאַר אַלע מיט אומצווייפל־האַפטער קלאָרקייט געוואָרן פאַרשטענדלעך, אַז דער קלאַפּ, וואָס ווערט צוגעגרייט דורך דער רויטער אָנפירונג, איז באמת מעגלעך בלויז אויפן דרומדיקן אָפּשניט, ווי דעם נאָענטסטן צום דאָניעץ און באַקוועמען אין הינזיכט פון קאָמוניקאַציע.

די באַראַטונג איז פאַרענדיקט געוואָרן אין אַ שעה אַרום. דער אָנגעכמורעטער, פון וועלפּישן אויסזען און וועלפּישע תּנועות, קאָנראַד מיעדוויעדיעוו, וואָס האָט קוים געקענט שרייבן, שווייגנ־דיק אויף דער באַראַטונג, האָט צום סוף געזאָגט, נאָך אַלץ פון אונטערן שטערן אָפּער און מיט אומצוטרוי באַטראַכטנדיק אַלע:

— העלפן מעליעכאָוון וועלן מיר. איבעריקע מענטשן זענען דאָ. אָבער איין געדאַנק, צום טייוול, לאָזט מיך נישט רוען! וואָס

וועט זיין, אויב זיי וועלן אונז אָנהייבן אָנגרייפן פון אַלע זייטן ? וואָס וועלן מיר דעמאָלט טון ? זיי וועלן אונז צונויפדריקן אין איין קופּע, און מיר וועלן זיך דעמאָלט געפינען אין דער לאַגע פון שלאַנגען בשעת אַ פאַרפלייצונג ערגעץ אויף אַן אינזעלע.

— שלאַנגען קאָנען שווימען, מיר האָבן אפילו נישט וווהין צו שווימען ! — האָט באַגאַטיריעוו זיך צעלאַכט.

— מיר האָבן געטראַכט וועגן דעם, — האָט קודינאָוו פאַר־קלערט אַ זאָג געטון. — מילא, עס וועט ווערן ענג — וועלן מיר איבערלאָזן אַלע אומפּעיקע צו טראָגן געווער, איבערלאָזן די פאַ־מיליעס און מיט קאַמף זיך דורכשלאָגן צום דאָניעץ. אונזער כּוח איז נישט קיין קליינער, דרייסיק טויזנט.

— און די קאַדעטן וועלן אונז צונעמען ? זיי טראָגן אַ כּעס אויף די קאָזאַקן פון אייבערשטן דאָן.

— נישטאָ וועגן דעם וואָס צו רעדן ! — גריגאָרי האָט אָנ־געטון דאָס היטל, אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר אַריין. דורך דער טיר האָט ער געהערט ווי געאָרגידזע האָט געענטפערט, שאַרכענ־דיקביים צונויפלייגן די מאַפּע :

— די וויעשענצעס און בכלל אַלע אויפשטענדער וועלן אויס־קויפן זייער שולד פאַרן דאָן און רוסלאַנד, אויב זיי וועלן זיך שלאָגן העלדיש מיט די באָלשעוויקעס...

„ער רעדט, און אין האַרץ לאַכט ער, די שלאַנג !" — האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון, זיך איינהערנדיק אין זיין אינטאָנאַציע. און ווידער האָט ער, ווי אין אָנהייב, ביים באַגעגענען זיך מיט דעם אָפיציר, וואָס האָט אומגעריכט זיך באַוויזן אין וויעשענסק, דערפילט עפּעס אַן אומרויִקייט און כּעס אָן אַ סיבה.

ביי די טויערן פון שטאַב האָט אים דעריאָגט קודינאָוו. אַ געוויסע צייט זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. איבערן פאַרמיס־טיקטן פּלאַץ האָט דער ווינט געקנייטשט און געררונצלט די קאַלו־זשעס. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. רונדיק־שווערע ווייסע וואָלקנס, ווי שוואַנען אין זומער־צייט, זענען פאַמעלעך געשווומען פון דרום. פריש און שמעקנדיק איז געווען דער ריח פון דער אויפגעטייעטער

ערד. הינטער די פּאַרקנס האָט געגרינט דאָס שפּראָצנדיקע גראָז און דער ווינט האָט שוין דייטלעך דערטראָגן פון יענער זייט דאָן דאָס פיבערנדיקע געוויש פון די טאָפּאָלן.

— אָקאָרשט מען זעט נישט, וועט דער דאָן אויפברעכן, — האָט קודינאָוו געזאָגט, אונטערהוסטנדיק.

— יאָ.

— דער טייוול ווייסט אים... מיר וועלן אומקומען, נישט האָבנדיק וואָס צו רייכערן. אַ גלאָז היימישער טיטון קאָסט פערציק רובל קערענסקי-געלט.

— דו זאָג מיר אָט-וואָס, — האָט גריגאָרי שאַרף געפרעגט, זיך אויסדרייענדיק, — דער אָפיציר, דער טשערקאַס, — וואָס טוט ער ביי דיר?

— געאָרגידזען מיינסטו? ער איז שעף פון דער אָפּעראַציע-פּאַרוואַלטונג. אַ שאַרפער קאָפּ, דער טייוול! דאָס אַרבעט ער אויס די פּלענער. אין סטראַטעגיע פאַרשטעקט ער אונז אַלע אין גאַרטל.

— ער איז שטענדיק אין וויעשקי?

— ניי-יי-ין... מיר האָבן אים צוגעטיילט צום טשערנאָווער פּולק, צום טאַבאָר.

— ווי אַזוי-זשע גיט ער אַכטונג אויף די אָפּעראַציעס?

— ער פאָרט אָפּט צו. כמעט יעדן טאָג.

— פאַרוואָס-זשע נעמט איר אים נישט קיין וויעשקי? — האָט גריגאָרי געפרעגט, וועלנדיק זיך קלאָר צו מאַכן.

קודינאָוו, כסדר הוסטנדיק, פאַרשטעלנדיק זיך מיט דער האַנט דאָס מויל, האָט אומגערן געענטפערט:

— ס'איז נישט באַקוועם פאַר די קאָזאַקן... ווייסט דאָך, וואָסערע ברידערלעך זיי זענען! „אָט, — וועלן זיי זאָגן, — האָבן זיך אַוועקגעזעצט די אָפיצירן, פירן אָן, ווי עס טויג זיי, ווידער שליפּעס...” — און אַזוי ווייטער.

— אַזעלכע ווי ער זענען נאָך דאָ אַ סך אין מיליטער?

— אין קאַזאַן צוויי אָדער דריי... דו, גרישאַ, שטרענג דיך

385

נישט אָן אַזוי. איך זע צוװאָס דו צילסט. מיר, ליבינקער, האָבן נישט, חוץ די קאַדעטן, װוּ זיך אַהינצוטון. נישט אַזוי? אָדער װילסטו אפשר דיין רעפּובליק פון צען סטאַניצעס אָרגאַניזירן? לאָז געמאַכט... מיר װעלן זיך פאַראייניקן, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צו קראַסנאָװן קומען. „פאַראורטייל אונז נישט, פּיעטראָ ניקאָלאַיִטש, מיר האָבן זיך אַ ביסל פאַרבלאָנזשעט, פאַרלאָזנדיק דעם פראָנט"...

— פאַרבלאָנזשעט? — האָט גריגאָרי איבערגעפרעגט.

— װאָס דען? — האָט קודינאָװ געענטפערט מיט אויפריכטיקער פאַרװוּנדערונג און פלייסיק אויסגעמיטן אַ קאַלוזשע.

— און מיר איז עפּעס איינגעפאַלן... — גריגאָרי האָט זיך אָנגעכמורעט, געניים געשמייכלט. — און מיר דאַכט זיך, אַז פאַרבלאָנזשעט האָבן מיר זיך, װען מיר האָבן באַשלאָסן דעם אויפשטאַנד צו מאַכן... האָסט געהערט, װאָס דער כאָפּערעץ האָט געזאָגט?

קודינאָװ האָט געשװיגן אַ װײַלע, פון דער זייט פאָרשנד זיך איינקוקנדיק אין גריגאָריען.

אויפן שייד־װעג, נאָכן פּלאַץ, האָבן זיי זיך צעשיידט. קודינאָװ האָט אַװעקגעשפּרייזט פאַרביי דער שול צו זיין װוינונג. גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט אין שטאַב אַריין, דורך אַ צייכן אַ רוף געטון דעם אָרדינאַנס מיט די פערד. שוין אין זאָטל, לייכט צענעמענדיק די לייצן, זיך גלייך מאַכנדיק דעם רעמעט פון דער ביקס, האָט ער נאָך אַלץ געפּרוװט זיך אָפּגעבן אַ חשבון פון דעם אומפאַרשטענדלעכן געפיל פון אומפריינטשאַפט און װאַכזאַמקייט, װאָס ער האָט איבערגעלעבט צום באַגעגנטן פּאָדפּולקאָװניק אין שטאַב, און פלוצלינג מיט שרעק אַ טראַכט געטון: „און װאָס איז, אויב די קאַדעטן האָבן בכיװון איבערגעלאָזט ביי אונז דידאָזיקע קלוגע אָפיצירן, כדי אויפצובונטעװען אונז אין רוקן פון די רויטע, כדי אויף זייער געבילדעטן שטייגער אָנצופירן מיט אונז?" — און דאָס באַװוּסטזיין האָט מיט שאָדנפריידיקער גינציקייט אונטערגערוקט השערות און באַװייזן. „ער האָט נישט גע־

זאָגט פון וועלכער אָפּטיילונג ער איז... זיך פאַרהאַקט. אַ מיטגליד פון אַ שטאַב, און קיין שום שטאַבן זענען דאָ גאָרנישט דורכגעגאַנגען... צו וועלכן טייוול האָט עס אים פאַרטראָגן אין דודאַרעוווער כוטאָר, אין אַזאַ העק? אויך דאָס איז נישט אומזיסט! מיר האָבן שיין אָנגעמאַכט..." און דורך השערות אַנטבלויזנדיק דאָס לעבן, האָט ער פאַרביסן, מיט ביטערקייט פאַרענדיקט דעם געדאַנק: „זיי האָבן אונז פאַרפלאָנטערט, די געבילדעטע לייט! זיי האָבן פאַרפלאָנטערט, די הערן! געפּענטעט דאָס לעבן און פירן דורך זייער זאַך מיט אונזערע הענט. אפילו אין אַ נאַרישקייט — טאָר מען קיינעם נישט גלייבן..."

אויף יענער זייט דאָן האָט ער מיטן גאַנצן אימפּעט אַ לאָז געטון דאָס פערד. פון הינטן האָט צוגעסקריפּעט מיטן זאָטל דער אָרדינאַנס, אַ גוטער קעמפער און טיכטיקער קאָזאַק פון אָלשאַנער כוטאָר. אַזעלכע פלעגט גריגאָרי זיך צוקלייבן, זיי זאָלן אים נאָכגיין „אין פייער און וואַסער", מיט אַזעלכע, נאָך פאַרהאַרטעוועטע אין דער דייטשישער מלחמה, האָט ער זיך אַרומגערינגלט. דער אָרדינאַנס, אין דער פאַרגאַנגענהייט — אַן אויסשפּירער, האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן, אויפן ווינט, אין שנעלן רייטן פאַררייכערט, אויסהאַקנדיק פייער מיטן שטאָל אָן קרעמען־שטיין, אַרומהאַלטנדיק מיט דער פעסטער דלאָניע דאָס שטיק, אין הייסן זאַמד אויסגעבריטע, בעריאָזע־שוואָם. אַריינרייטנדיק אין טאָקינער כוטאָר, האָט ער געעצהט גריגאָריען:

— אויב עס איז נישט נייטיק זיך צו איילן, לאָמיר נעכטיקן. די פערד זענען אויסגעמאַטערט, זאָלן זיי אָפּרוען.

זיי האָבן גענעכטיקט אין טשוקאַרין. אין דער אַלטער כאַטע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי שטובן מיט אַ פּעדערהויז איינמיטן, איז נאָכן פראָסטיקן ווינט, אויפן היימישן שטייגער געווען אָנגענעם און וואַרעם. פון ערדערנעם דיל האָט זיך געטראָגן אַ געזאַלצענער ריח פון קעלבערנער און ציגענער השתנה, פון אויוון, — האָט געשמעקט, ווי מיט אומגעיוירן צוגעברענט ברויט, וואָס איז געבאַקן געוואָרן אויף קרויט־בלעטער. גריגאָרי האָט אומגערן גע־

ענטפערט אויף די פראַגן פון דער באַלעבאָסטע — דער אַלטער קאָזאַטשקע, וואָס האָט באַגלייט צום אויפשאַנד אירע דריי זין און דעם אַלטן. זי האָט גערעדט מיט אַ באַס, אַפּאָטראָפּיש אונטער־שטרייכנדיק איר איבערגעוויכט אין די יאָרן, און באַלד ביי די ערשטע ווערטער גראָב געמאָלדן גריגאָריען:

— כאָטש דו ביסט אַן עלטסטער און קאָמאַנדיר איבער די קאָזאַקן־שוטים, אָבער איבער מיר, דער אַלטער, האָסטו קיין מאַכט נישט און עס פּאַסט דיר מיינס אַ זון צו זיין. דו, סאָקאָל, שמועס אַ ביסל מיט מיר, טו אַ געפעליקייט, וואָרים דו האַלטסט אַלץ אין איין געגעצן, ווי דו וואָלסט נישט געוואָלט אַ באַבע מיט שמועסן באַערן. דו אָבער נעם דיר אין זינען אַריין! איך האָב אויף אייער מלחמה — דער טייוול זאָל זי נעמען! — דריי זין צו־געשטעלט און דערצו נאָך, צו מיינע זינד, דעם אַלטן באַגלייט. דו קאָמאַנדעוועסט מיט זיי, אָבער איך האָב זיי, די זין, געבוירן, געזייגט, געהאָדעוועט, אין פאַרטוך אין די פעלדער און גערטנער מיטגעטראָגן, וויפיל צרות זיך אָנגעליטן! דאָס איז אויך נישט לייכט אָנגעקומען! און דריי נישט מיט דער נאָז, מאַך נישט קיין אָנשטעלן, נאָר רעד צו דער זאַך מיט מיר — גיך וועט זיין שלום?

— גיך... דו וואָלסט בעסער געשלאָפן, מאַמעשי!

— גיך צו גיך איז נישט גלייך! אָבער ווי גיך? דו שיק מיך נישט שלאָפן, איך בין דאָ די באַלעבאָסטע, נישט דו. איך דאַרף־נאָך נאָך די קעלבלעך און ציגעלעך אין הויף אַרויסצו־גיין. מיר נעמען זיי אַריין פון הויף אויף ביינאַכט, זיי זענען נאָך קליינינקע. אויף פּסח וועט איר שלום שליסן?

— מיר וועלן פאַרטרייבן די רויטע, וועלן מיר שלום שליסן.

— זאָג מיר, איך בעט דיך! — די אַלטע האָט פאַרוואָרפן אויף די שפּיציקע דאַרע קניִען די אין די געלענקען געשוואָלענע הענט מיט די אויסגעקרומטע פינגער פון אַרבעט און רעוומאַטיזם, ביטער געקייעט מיט די ליפּן, ברוינע און טרוקענע, ווי די קאָרע פון קערשן־ביימער — און צו וועלכער טשומע דאַרפט איר זיי?

און נאָכוואָס שלאָגט איר זיך מיט זיי ? די מענטשן זענען פשוט משוגע געוואָרן... איר, משוגעים, האָט הנאה פון די ביקסן צו שיסן און אויף די פערדלעך אַרומצופּאַראַדירן, אָבער די מאַמעס וואָס ליידן דערפון ? זייערע זין דערהרגעט מען, צי נישט ? עפּעס מלחמות האָבן זיי אויסגעטראַכט...

— און מיר זענען נישט קיין מאַמעס קיין זין, נאָר הינטישע, צי וואָס ? — האָט בייז און הייזעריק מיט אַ באַס אַ בורטשע געטון גריגאָריעס אָרדינאַנס, שטאַרק אויפגערעגט פון דער אַלטערס רייד. — אונז דערהרגעט מען, און דו זאָגסט — „אויף די פערדלעך פּאַראַדירן" ! און אַז די מאַמעס איז כלומרשט ערגער, ווי די, וועלכע מען דערהרגעט ! האָסט דערלעבט דו, בוימל-גיסערין, צו גרויע האָר, און האַלטסט אין איין קלאַפּן דאָ מיט דער צונג... לאָזט קיין מענטש קיין אויג נישט צוטון.

— וועסט דיך נאָך אויסשלאָפן, כאָליערניק ! וואָס האָסטו די אויגן אויסגעגלאָצט ? געשוויגן, געשוויגן, ווי אַ וואָלף, און דערנאָך פלוצלינג איבער עפּעס זיך צערגזנט. זע ! ער איז אַזש הייזעריק געוואָרן פון כעס.

— זי וועט אונז נישט לאָזן שלאָפן, גריגאָר פּאַנטעלעיעוויטש ! — האָט דער אָרדינאַנס מיט פאַרצווייפלונג אַ וואָרטשע געטון און, פאַררייכערנדיק, אַזאַ ראָץ געטון איבערן קרעמעןשטיין, אַז אַ גאַנצער וואָלקן פונקען האָט אַ שפּריץ-געטון פון אונטערן שטאָל אַפּער.

בשעת די שוואָם האָט שטינקענדיק געטליִעט און געררויכערט, איידער זי האָט זיך צעברענט, האָט דערווייל דער אָרדינאַנס פאַרענדיקט די באַרעדעוודיקע באַלעבאָסטע.

— טשעפּעסט דיך, דו באַבע, ווי אַ פּיִעווקע ! נישקשה, אויב מען וועט דעם אַלטן דייַבעם אויף די פּאָזיציעס דערהרגענען, וועט ער שטאַרבנדיק זיך פרייען. „נו, — וועט ער זאָגן, — גאָט צו דאַנקען, זיך באַפרייט פון דער אַלטער, זאָל פאַר איר די ערד ווי שוואַנען-פוך גרינג זיין !"

— אַ מכּה דיר אויף דער צונג, רוח דו !

— שלאָף, באָבעשי, ווי גאָט איז דיר ליב. מיר זענען דריי נעכט נישט געשלאָפן. שלאָף! פאַר אַזעלכע זאַכן קאָנסטו נאָך אָן ווידוי שטאַרבן.

גריגאָרי האָט קוים צווישן זיי שלום געמאַכט. איינשלאָפנדיק, האָט ער אָנגענעם געשפּירט די זויערלעכע וואַרעמקייט פון שעפּסן-פעלץ, מיט וועלכן ער האָט זיך צוגעדעקט, און שלאָף געהערט, ווי די טיר האָט אַ קלאַפּ געטון און אַ קילקייט און פּאַרע האָבן אַרומגענומען זיינע פיס. דערנאָך האָט שאַרף איבער זיין אויער אַ בלעקעץ געטון אַ קעלבל. דראָבנע האָבן גענומען קלאַפּן איבערן דיל די קליינע טלאָענדלעך פון די ציגן, און פריש און פריידיק האָט גענומען שמעקן מיט היי, מיט וואַרעמער שעפּסן-מילך, מיט פראָסט, מיט ריח פון בהמות-הויף.

דער שלאָף האָט אים פאַרלאָזט אינמיטן דער נאַכט. לאַנג איז גריגאָרי געלעגן מיט אָפענע אויגן. אין פאַרמאַכטן אייוועלע האָבן אונטערן אָפּאַל-פאַרביקן אַש רויט געגליט די קוילן. נאָענט פון אייוועלע, ביים סאַמע טירל, זענען געלעגן צונויפגעטוליעט די קעלבלעך. אין דער האַלב-נאַכטיקער זיסער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי זיי האָבן שלעפעריק געסקריפּעט מיט די ציין, פון צייט-צו-צייט גענאָסן און געפאָרסקעט. דורכן פענסטער האָט אַריינגעקוקט די ווייטע-ווייטע פולע לבנה. אויפן ערדענעם דיל, אין געלן ליכט-קוואַדראַט, איז כסדר אונטערגעשפּרונגען און געבריקעט מיט די פיסלעך אַן אומדערמידלעך שוואַרץ ציגעלע. קרוב האָט זיך געצויגן — אין לבנה-ליכט — דער פּערלמוטערנער שטויב. אין דער כאַטע איז אַ געלבלעך-בלויע, כמעט טאָגיקע ליכטיקייט. עס פינקלט אויפן קוימען אַ שטיקל שפּיגל, בלויז אין פעדערשט ווינקל וואַרפט אַ טונקעלע שיין די אָפּגעזילבערטע רעם פון דער איקאָנע... ווידער האָט גריגאָרי זיך אומגעקערט צו די געדאַנקען וועגן דער באַראַטונג אין ווישענסק, וועגן שליח פון כאָפּער און ווידער, דערמאָנענדיק זיך אָן פּאָדפּאָלקאָווניק, אָן זיין פרעמדער אינטעליגענטער אויסערלעכקייט, אָן זיין מאַניער פון רעדן, — האָט ער איבערגעלעבט אַן אומאָנגענעמע דריקנדיקע אויפרעגונג.

דאָס ציגעלע, זיך אַרויסגראַבלענדיק אויפן פעלץ, גריגאָריען אויפן בויך, האָט לאַנג און נאַריש זיך איינגעקוקט, געדרייט מיט די אויערן, דערנאָך דרייסטער געוואָרן, אונטערגעשפּרונגען איינמאָל און נאָכאַמאָל און פלוצלינג צעשפּרייט די געקרייזלטע פיס. אַ דינינקע שטראָמל איז שאָרכענדיק אַראָפּגערינען פון שעפּסן־פעלץ אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט פון אָרדינאַנס, וואָס איז געשלאָפן לעבן גריגאָריען. יענער האָט אַ בורטשע געטון, זיך אויפגעכאַפּט, אָפּגעווישט די האַנט אָן די הויזן און ביטער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— עס האָט נאָס געמאַכט, דאָס פאַרשאָלטענע... אַקיש! —

און ער האָט מיט הנאה אַ שנעל נעגעבן דעם ציגעלע אין שטערן.

אַרויסלאָזנדיק אַ שאַרפן מע־ע־ע, איז דאָס ציגעלע אַראָפּגעשפּרונגען פון פעלץ, דערנאָך צוגעגאַנגען און לאַנג געלעקט גריגאָריעס האַנט מיט אַ קליין ראַציק, וואַרעם צינגל.

XXXIX

נאָכן אַנטלויפן פון טאַטערישן כוטאָר האָבן שטאָקמאַן, קאָשעוואָי, איוואַן אַלעקסעיעוויטש און נאָך עטלעכע קאָזאַקן, וואָס האָבן געדינט אַלס מיליציאָנערן, זיך פאַראייניקט מיטן פערטן זאַאַמורער פּולק. דאָסדאָזיקע פּולק האָט אין אָנהייב פון אַכצענטן יאָר, בשעתן צוריקמאַרש פון דייטשישן פראָנט, איינגאַנצן זיך אַריינגעגאָסן אין אייבער פון די אָפּטיילונגען פון דער רויטער גוואַרדיע און נאָך די אַנדערהאַלבן יאָר קאַמף אויף די פראָנטן פון בירגער־קריג נאָך דערהאַלטן די גרונט־קאַדרען. די זאַאַמורער זענען געווען גוט אויסגעשטאַט, זייערע פערד — זאַט און אויסגעשולט. דאָס פּולק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט קאַמפּסטפעיקייט, מאָראַלישער שטאַנדהאַפטיקייט און טיכטיקער קאַוואַלערישער צוגערייטקייט פון די קעמפער.

אינאָנהייב פון אויפשטאַנד האָבן די זאַאַמורער, ביי דער

אונטערשטיצונג פון ערשטן מאָסקווער פוסגייער-פולק, כמעט אַליין אויפגעהאַלטן דעם אָנגריף פון די אויפשטענדער, וואָס האָבן גע-שטרעבט זיך דורכצורייסן קיין אוסט-מיעדוויעדיצאַ; דערנאָך איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג און דאָס פולק, נישט פונאַנדערשפּרייטנ-דיק זיך, האָט פולשטענדיק פאַרנומען דעם אוסט-כאָפּערער אָפּ-שניט, לענגאויס דעם קריווער טייכל.

אָנהייב מערץ האָבן די אויפשטענדער אַרויסגעשטויסן די רויטע אָפּטיילונגען פון דער יעלאַנער סטאַניצע, פאַרנעמענדיק אַ טייל פון די אוסט-כאָפּערער כוטאָרן. עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסע גלייכגעוויכט פון די כוחות, וואָס האָט כמעט אויף צוויי חדשים באַשטימט די אומבאַוועגלעכקייט פון פראָנט. פאַר-שטעלנדיק די אוסט-כאָפּערער סטאַניצע פון מערב, האָט אַ באַ-טאַליאָן פון מאָסקווער פולק, געשטיצט דורך אַ באַטאַרייע, פאַר-נומען דעם קרוטאָווער כוטאָר, וואָס ליגטביים דאָן. פון דער אַרויס-געדרוקטער הייך פון דער דאָנער באַרג-קייט, וואָס ליגט אויף דרום פון קרוטאָווער כוטאָר, האָט אַ רויטע באַטאַרייע, באַהאַלטן אין אַ שייער אויפן פעלד, טאָג-טעגלעך פון באַגינען ביז אָוונט באַשאָסן די אויפשטענדער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף די בערגלעך פון רעכטן ברעג. שטיצנדיק די טיראַליערן פון מאָסקווער פולק, דערנאָך אַריבערגעטראָגן דאָס פייער און עס געזייעט איבערן יעלאַנער כוטאָר, וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט דאָן. איבער די ענג-צונויפגעטוליעטע הויפן האָבן הויך און נידעריק אויפגעפלאַמט און שנעל צעגאַנגען געוואָרן די קליינע וואָלקנדלעך פון די אויפגעריסענע שראַפּנעלן. די גראַנאַטן האָבן זיך געלייגט דאָ איבערן כוטאָר, — און איבער די געסלעך, אין ווילדער שרעק, ברעכנדיק די פּלויטן, האָבן זיך געיאָגט בהמות, זענען איינגע-בויגן אַריבערגעלאָפן מענטשן, — דאָ זיך צעריסן נאָכן בית-עולם פון די אַלט-גלויביקע, לעבן די ווינט-מילן, פאַרוואַרפנדיק די פוסטע זאַמד-בערגלעך מיט גרויע נישט-אויפגעטייעטע שטיקער ערד.

דעם פופצעטן מערץ זענען שטאָקמאַן, מישקאַ קאָשעוואָי

און איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַרויסגעפּאָרן פון טשעבאָטאַרעווער כוטאָר אין דער אוסט-כאָפּערער סטאַניצע, געוויר ווערנדיק, אַז דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אָפּטיילונג פון קאָמוניסטן און סאָוויעטישע אַרבעטער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די אויפשטענדערישע סטאַניצעס. עס האָט זיי געפירט אַ קאָזאַק, אַן אַלט-גלויביקער, מיט אַזאַ קינדיש-ראָז און לויטער פנים, אַז אפילו שטאָקמאַן האָט אָן אַ סיבה פאַרצויגן די ליפּן אין אַ שמייכל, קוקנדיק אויף אים. ביים קאָזאַק, כאָטש ער איז געווען נאָך זייער יונג, האָט זיך געקרייזלט אַ געדיכטע העל-בלאָנדע באָרד, ווי אַ פעניץ אַרבוז האָט אַרויסגעקוקט פון איר דאָס פרישע רויטע מויל, אַרום די אויגן האָט געגלאַנצט אַ גאָלדיקער פוך און זיי האָבן געלויכטן עפּעס באַזונדער דורכזיכטיק-בלוי — אפשר צוליב דער געקרייזלטער באָרד און אפשר צוליב דער פולבלוטיקער ראָזקייט פון פנים.

מישקאַ האָט דעם גאַנצן וועג אונטערגעברומט לידער, איוואַן אַלעקסעיעוויטש איז געזעסן פון הינטן מיט דער ביקס אויף די קניען, אַ כמורנע-געהאָרבעטער, און שטאָקמאַן האָט מיטן פורמאַן פאַרפירט אַ שמועס וועגן נאַרישקייטן:

— קלאָגסט דיך נישט אויפן געזונט, חבר? — האָט ער געפרעגט.

און דער אַלט-גלויביקער, וואָס האָט געאָטעמט מיט קראַפט און יוגנט, האָט צעשפּיליעט דאָס שעפּסענע פעלצל און וואַרעם געשמייכלט.

— ניין, גאָט באַצאָלט נאָך דערווייל נישט פאַר די זינד. און פאַרוואָס זאָלן מיר זיין נישט געזונט? שוין לאַנגע דורות רייכערן מיר נישט, קיין בראָנפן טרינקען מיר נישט, ברויט עסן מיר פון קליינווייז-אויף ווייצנס. פונוואַנען-זשע זאָל זי זיך דערנעמען, די שוואַכקייט?

— נו, און אין דינסט ביסטו געווען?

— געווען אַ ביסל. די קאַדעטן האָבן פאַרכאַפּט.

— פאַרוואָס-זשע ביסטו אויף דער צווייטער זייט דאָניעץ נישט אַריבערגעגאַנגען?

— מאָדנע רעדסטו, חבר! — ער האָט נאָכגעלאָזט די לייצן, געפלאָכטענע פון פערדישע האָר, אויסגעטון די הענטשקעס און אָפּגעווישט דאָס מויל, זשמורענדיק די אויגן אין פאַרלעגנהייט. — נאָכוואָס האָב איך געהאַט אַריבערצוגיין? נאָך נייע לידער? איך וואָלט אויך ביי די קאַדעטן נישט געדינט, ווען זיי וואָלטן נישט גענייט. אייער מאַכט איז אַ גערעכטע אָבער איר האָט געהאַנדלט אַ ביסל נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין...

— מיט וואָס אַ שטייגער?

שטאָקמאַן האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט און לאַנג געוואַרט אויף ענטפער.

— און פאַרוואָס רייכערסטו דאָס גראָז? — האָט דער קאָזאַק געפרעגט, אויסדרייענדיק דאָס פּנים. — זע ווי ריין די פּרילינגס-לופט איז אַרום, און דו פאַרקאָפּטשעסט דיר דאָס האַרץ מיט דעם שטינקענדיקן רויך... איך האַלט נישט פון דעם! און מיט וואָס איר האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט — וועל איך דיר אויך זאָגן. איר האָט אונטערגעדריקט די קאָזאַקן, אָפּגעטון נארישקייטן... ווען נישט דאָס, וואָלט אייער מאַכט זיך אייביק געהאַלטן. אַ סך נאַראָנים זענען דאָ ביי אייך, צוליב דעם האָט אויך דער אויפשטאַנד אויסגעבראָכן.

— וואָס הייסט אונטערגעדריקט! לויט דיין מיינונג — אָפּגעטון נארישקייטן? מיט וואָס?

— נישקשה, דו ווייסט אַליין... איר האָט דערשאָסן מענטשן. היינט איינעם, מאָרגן אַ צווייטן... ווער-זשע וויל דאָס אויף זיין רייע וואַרטן? אַן אָקס, ווען מען פירט אים שעכטן, דרייט אויך מיטן קאָפּ. לאָמיר נעמען, אַ שטייגער, די בוקאַנאָווער סטאַניצע... אָט האָסטו זי! זעסט די צערקווע זייערע? קוק, דאָרט ווו איך וויַיז דיר מיטן בייטש-שטעקן, זעסט?... נו, דערציילט מען: עס שטייט ביי זיי אַ קאָמיסאַר מיט אַן אָפּטיילונג, מאַלקין איז זיין פאַמיליע-נאָמען. נו, וואָס-זשע, באַגייט ער זיך ערלעך מיט די מ...נכשן? אָט וועל איך דיר באַלד דערציילן. ער נעמט צונויף די אַלטע אין די כוטאָרס, פירט זיי אַוועק אין די קוסטעס, נעמט

צו בײַ זײ דאָרט די נשמות, טוט זײ נאָך פריִער אויס נאַקעט און
לאָזט דערנאָך די קרובים אפילו זײ נישט קובר זײַן. און זײער
גאַנצער חטא באַשטײט אין דעם, וואָס מ׳האָט זײ אַמאָל אויסגע־
קליבן אַלס ערן־ריכטער פון דער סטאַניצע. און דו ווײסט דאָך
וואָס פאַר אַ ריכטער דאָס זענען? אײנער קען קוים זײַן נאָמען
אונטערשרײַבן און דער צווײטער קאָן דעם אײַנגעטונקענעם פינ־
גער אויפן פאַפיר אַוועקלײגן אָדער אַ צלמל מאַכן. אַזעלכע ריכ־
טער פלעגן אַמאָל זיצן בלויז לפנים. זײַן גאַנץ חשיבות איז — די
לאַנגע באָרד, וואָרים ער פאַרגעסט שוין אפילו פון אַלטקײט דעם
קראָק זיך צו פאַרקנעפלען. וואָס קאָן מען פון אַזעלכן פאַרלאַנגען?
אַלצאײנס ווי פון אַ קלײן קינד... אָט דער מאַלקין באַלעבאַטע־
וועט דאָס ווי אַ גאָט איבער פרעמדע לעבנס! און אײנמאָל גײט
איבערן פלאַץ אַן אַלטער — לינעק איז זײַן צונאָמען. ער גײט מיט
אַ צײמל אין זײַן שײער אַרײַן די קאָבילע נעמען און זי אַוועק־
פירן, און עס זאָגן אים אין שפּאַס די ײנגלעך: „גײ, מאַלקין
רופט דיך”. אָט דער לינעק האָט אויף זײַן הערעטישן אופן זיך
איבערגעצלמט, — זײ לעבן דאָרט אַלע לויטן נײעם גלויבן, —
דאָס היטל נאָך אויפן פלאַץ אַראָפּגענומען. ער גײט אַרײַן, —
טרײסלט זיך. „איר האָט מיך גערופן?” — פרעגט ער. און מאַל־
קין צעהירזשעט זיך, כאַפּט זיך מיט די הענט בײַ די זײטן. „אַ, —
זאָגט ער, — ביסט ווי אַ שוואָם אַרויסגעקראָכן, — טאָ, גײ־זשע
אין קויש אַרײַן. קײנער האָט דיך נישט גערופן, נאָר אויב דו ביסט
שוין געקומען, זאָל זײַן אַזוי. נעמט אים, חברים! לויט דער דרי־
טער קאַטעגאָריע אים”. נו, נאַטירלעך האָבן זײ אים גענומען און
אין די קוסטעס אַוועקגעפירט. די אַלטע וואָרט, וואָרט — ער איז
נישטאָ. ער איז אַוועקגעגאַנגען, דער אַלטער, און פאַרפאַלן גע־
וואָרן. און ער האָט שוין מיטן צײמל אין געטלעכן קיניגרײַך זיך
אַריבערגעכאַפּט. און דעם צווײטן אַלטן, מיטראָפאַנאָוון פון
אַנדרעיאַנאָווער כוטאָר, האָט מאַלקין אַלײן אויף דער גאַס דער־
זען, רופט ער אים צו: „פונוואַנען? ווי אַזוי איז דײַן פאַמיליען־
נאָמען? — און הירזשעט: — קוקסט, — זאָגט ער, — סאַראַ באָרד

ער האָט זיך פאַרלאָזט, ווי אַ פוקסן-ווײַנדל! דו ביסט שוין צו שטאַרק ענלעך צום הייליקן ניקאָלאַי. מיר, — זאָגט ער, — וועלן פון דיר, פון אַזאַ גראָב חזיר, זײַף אויסקאָכן! לויט דער דריטער קאַטעגאָריע אים!” דער אַלטער האָט טאַקע, צום אומגליק, גע-האַט אַ באָרד, ווי אַ הירוש-בעזעם. און מען האָט אים דערשאָסן בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט זײַן באָרד ליב געהאַט און איז מאַל-קינען אין נישט קיין גוטער מינוט אויף די אויגן געקומען. דאָס הייסט נישט איבערן פאַלק זיך פרײַלעך געמאַכט?

מישקאַ האָט איבערגעריסן זײַן זינגען נאָך אין אָנהייב דער-ציילן און ביים פאַרענדיקן בייז אַ זאָג געטון:

— דו, פעטער, קאָנסט שלעכט ליגנט זאָגן!

— מאַך עס פלינקער! איידער דו גייסט פלוידערן, ווער פריער געוווּיר און דערנאָך האַווקע.

— דו ווייסט דאָס אויף זיכער?

— מענטשן האָבן דערציילט.

— מענטשן! מענטשן דערציילן, אַז זיי מעלקן הינער, און הינער האָבן אפילו קיין ציצקעס נישט. האָסט דיך אָנגעהערט נאַ-רישקייטן און פאַטשסט מיט דער צונג, ווי אַ באַבע!

— די אַלטע זענען געווען פרידלעכע...

— קוקסט אים נישט אָן! פרידלעכע! — האָט מישקאַ מיט רוגזה אים נאָכגעשפּעט. — דידאָזיקע פרידלעכע אַלטע דײַנע האָבן מסתמא אַן אויפשטאַנד געגרייט. ביי אָט די ריכטער אין די הייף זענען אפשר קוילנוואָרפער געווען באַגראָבן, און דו זאָגסט, צוליב די בערד אָדער פלומרשט איבער עפּעס אַ שפּאַס האָט מען זיי דערשאָסן... פאַרוואָס-זשע האָט מען דיך צוליב דײַן באָרד נישט דערשאָסן? און זע ווי ברייט זי איז ביי דיר, ווי ביי אַן אַלטן באָק זיך צעוואַקסן!

— ווי איך האָב געקויפט, אַזוי פאַרקויף איך. די טשומע ווייסט זיי! אפשר זאָגן זיי ליגנט, די מענטשן, און אפשר האָבן זיי טאַקע עפּעס אַ שאָדן פון דער נייער מאַכט געליטן... — האָט דער אַלט-גלויביקער אין פאַרלעגנהייט געבורטשעט.

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פּולקאָשיק, לאַנג געשליאַפּעט אין דער זייט פון וועג איבערן צעגאַנגענעם שניי, זיינע פיס זענען זיך צעפּאָרן, האָבן געשאַרט דעם ווייכן שניי, וואָס איז בלוילעך געווען פון פייכטקייט. איבערן סטעפּ האָט מילד געשיינט די זון. דער העל-בלויער הימל האָט מעכטיק אַרומגענומען די בערגלעך און טאָלן, וואָס האָבן זיך געזען אין דער אַרומיקער וויטקייט. אין קוים-פילבאַרן פלאַטערן פון ווינט האָט זיך געפילט דער דופטנדיקער אָטעם פון נאָענטן פרילינג. אויף מזרח, אונטערן בלאַסן זיגזאַג פון די דאָנער בערג, האָט אין פיאָלעטער פאַרנעפּלטקייט שאַרף זיך געצייכנט דער שפּיץ פון אוסט-מיעדוויעדיצער באַרג. זיך באַהעפטנדיק מיטן האָריזאָנט, האָבן דאָרט וויט ווי אַ ריזיקער געפּאַלבטער טעפּיך זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד די ווייסע באַראַשקענע וואָלקנס.

דער פורמאַן איז אַריינגעשפּרונגען אין שליטן, אויסגעדרייט דאָס פאַרכמורעטע פּנים צו שטאָקמאַנען, ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— מיין זיידע, ער לעבט נאָך ביז היינט, ער ווערט אָצינד אַלט הונדערט און אַכט יאָר, האָט דערציילט, אַז אים האָט זיין זיידע, דאָס הייסט מיין עלטער-עלטער-זיידע איבערגעגעבן וועגן אַ פירשט דלינאָרוקאָוו אָדער דאָלגאָרוקאָוו, — איך האָב שוין פאַרגעסן ווי ער האָט געהייסן, — וואָס איז געשיקט געוואָרן דורכן צאַר פּיאָטר אין אונזערע קאַנטן פון אייבערשטן דאָן. אָט דער פירשט איז אָנגעקומען פון וואָראָניעזש מיט זעלנער און צעשטערט די קאָזאַקישע ישובים דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט דעם ניקאָנער אומווירדיקן גלויבן אָננעמען און דעם צאַר זיך אונטערוואַרפן. די קאָזאַקן האָט מען געכאַפּט, זיי די נעז אָפּגעשניטן, טייל אויפגעהאָנגען און אויף פליטן איבערן דאָן געלאָזט שווימען.

— וואָס מיינסטו מיט דעם צו זאָגן? — האָט מישקאַ געפרעגט, שטרענג זיך איינהערנדיק.

— איך מיין צו זאָגן, אַז כאָטש ער איז געווען דלינאָרוקי, האָט אים דאָך דער צאַר מסתמא אַזעלכע רעכט נישט געגעבן. און דער קאָמיסאַר אין בוקאַנאָוו האָט אַ שטייגער אַזוי געדרשנט:

„איך, זאָגט ער, הינטישע זין, וועל אייך אַזוי אויסקאָזאַקעווען, אַז איר וועט מיך אייביק געדענקען!...״ אַזוי האָט ער אויפן מיידאַן אין בוקאַנאָוו פאַר אַלע פאַרזאַמלטע פון דער סטאַניצע געשריגן. און האָט ער דען אַזעלכע רעכט פון דער סאָוויעטישער מאַכט באַקומען? אָט דאָס מיין איך דאָך טאַקע! נישקשה, עס זענען נישטאָ קיין מאַנדאַטן אויף אַזעלכע זאַכן, מען זאָל אַלע אונטער איין קעמל שערן. אויך די קאָזאַקן — זענען פאַרשידענע...

ביי שטאָקמאַנען האָט די הויט אויף די באַקנביינער זיך גענומען פאַלבן.

— איך האָב דיך אויסגעהערט, אַצינד הער דו מיך אויס.

— אפשר האָב איך, פאַרשטייט זיך, צוליב נאַרישקייט עפעס געזאָגט נישט אַזוי, ווי מען באַדאַרף, זייַ־זשע מיר מוחל.

— וואָרט־צו, וואָרט־צו... איז אָט וואָס. דאָס, וואָס דו האָסט דערציילט וועגן עפעס אַ קאָמיסאַר, איז טאַקע נישט ענלעך אויף אמת. איך וועל דאָס קאָנטראָלירן. און אויב דאָס איז אַזוי, אויב ער האָט זיך טאַקע פריילעך געמאַכט איבער די קאָזאַקן און אָפּגעטון אומזיניקייטן — וועלן מיר אים נישט מוחל זיין.

— אָך, ווער ווייסט!

— נישט ווער ווייסט, נאָר אַזוי איז עס טאַקע! ווען דער פראָנט איז געווען אין אייער כוטאָר, צי האָבן די רויטאַרמייער נישט דערשאָסן אַ רויטאַרמייער פון זייער אָפּטיילונג דערפאַר, וואָס ער האָט באַרויבט עפעס אַ קאָזאַטשקע? וועגן דעם האָט מען מיר דערציילט ביי אייך אין כוטאָר.

— יאָ־יאָ! ביי דער פערפיליעוונע אין קופערט האָט ער שאָדן אָנגעמאַכט. דאָס איז געווען! דאָס איז אמת. אוודאי... אַ שטרענגקייט געווען. און דאָס זאָגסטו אמת, — הינטער די שייערס האָט מען אים דערהרגעט. דערנאָך לאַנג ביי אונז זיך מתווכח געווען, וווּ מען זאָל אים קובר זיין. איינער האָט געזאָגט, — אויפן בית־עולם, און אַנדערע זענען געווען אין דער מיינונג, אַז דאָס וועט דאָס אָרט מחלל זיין. האָט מען אים, דעם אומגליקלעכן, באַגראָבן ביים שייער.

— איז געווען אַזאַ פאַל? — שטאָקמאַן האָט אײַליק פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס.

— געווען, געווען, איך וועל נישט לייקענען, — האָט דער קאָזאַק לעבהאַפט מסכּים געווען.

— פאַרוואָס־זשע מיינסטו, אַז מיר וועלן דעם קאָמיסאַר נישט באַשטראָפן, אויב מיר וועלן זײַן שולד פעסטשטעלן?

— ליבער חבר, אפשר וועט זיך גאָרנישט געפינען קיין שולדסטער איבער אים. דאָרט איז געווען אַ זעלבער, און דער איז נאָך אַ קאָמיסאַר...

— וועלן מיר נאָך האַרבער פון איב פאָדערן פאַראַנטוואָרטלעכקייט! פאַרשטאַנען? די סאָוויעטישע מאַכט טרעט אַרויס נאָר קעגן אירע שונאים, און די פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער מאַכט, וואָס באַליידיקן אויף אַן אומגערעכטן אופן די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג, באַשטראָפן מיר אומרחמנותדיק.

די שטילקייט פון מערך־טאָג אין סטעפּ, וואָס איז געשטערט געוואָרן בלויז דורכן פייפן פון די שליטן־גייערס און טשמאָקען פון די פערדישע פּאָדקאָוועס, איז פאַרטריבט געוואָרן דורכן הילכיקן טראַסק פון אַ האַרמאַטן־שאָס. נאָכן ערשטן האָבן מיט גלײַכע הפסקות זיך איבערגעחזרט נאָך דריי. די באַטאַרייע פון קרוטאָווער כוטאָר האָט באַנייט דאָס באַשיסן דעם לינקן ברעג.

דער שמועס אויפן שליטן האָט זיך איבערגעריסן. דאָס האַרמאַטן־געדויש האָט ווי אַ מעכטיקע פּרעמד־טעניקע גאַמע זיך אַרײַנגעריסן און צעשטערט דעם בלייכן כּישוף פון סטעפּ, וואָס האָט געדרימלט אין ערב־פרילינגדיקער פאַרבענקטקייט. אפילו די פערד האָבן גענומען גיין האַסטיקער, מונטערער, לייכט הייבנדיק און איבערשטעלנדיק די פיס, טיכטיק באַוועגנדיק מיט די אויערן.

זיי זענען אַרויסגעפאָרן אויפן העטמאַנישן שליאַך, און פאַר די אויגן פון די זיצנדיקע אויפן שליטן האָט זיך אויסגעשפּרייט די רחבותדיקע, ברייט־פונאַנדערגעוויקלטע דאָנער געגנט, די פילפאַרביק־געפלעקטע, מיט אירע אויפגעטייטע פליכיקע געלע זאַמדן,

מיט די האַלב-אינזלען און בלוילעך-גרויע אינזלען פון ווערבעס און אָלכע-וועלדלעך.

אין אוסט-כאָפּערער כוטאָר איז דער פורמאַן צוגעפּאָרן צום בנין פון רעווקאָם, לעבן וועלכן עס האָט זיך אויך געפונען דער שטאַב פון מאָסקווער פּולק.

שטאָקמאַן האָט אַ זוך געטון אין קעשענע, אַרויסגענומען פון בייטל אַ פּערציק-רובלדיקע קערענקע, זי דערלאַנגט דעם קאָזאַק. יענער האָט זיך שיינענדיק צעשמייכלט, אַנטבלויזנדיק פון אונטער די פּייכטע וואָנסעס געלבלעכע ציין, און אין פאַרלעגנהייט געזאָגט:

— וואָס פאַלט אייך איין, חבר, גאָט באַהיט! עס איז נישט ווערט קיין געלט...

— נעם, — דיינע פערד האָבן געאַרבעט. און וועגן דער מאַכט צווייפל נישט. געדענק: מיר קעמפן פאַר דער מאַכט פון די אַרבעטער און פּויערים. און צום אויפשטאַנד האָבן אייך געשטויסן אונזערע שונאים — די קולאַקעס, אַטאַמאַנען, אָפיצירן. זיי זענען — די עיקר-סיבה פון אויפשטאַנד. און אויב עמעצער פון אונזערע האָט אומגעריכט באַליידיקט אַן אַרבעטנדיקן קאָזאַק, וואָס סימפּאַטיזירט מיט אונז, וואָס העלפט צו דער רעוואָלוציע, האָט מען פאַר אַזאַ באַליידיקער געקאָנט געפינען גערעכטיקייט.

— דו קענסט, חבר, דאָס ווערטל: צו גאָט איז ווייט, און צום צאַר איז ווייט... און צו אייער צאַר איז אויך אַזוי ווייט... מיט קיין שטאַרקן שלאָג דיך נישט, און מיט קיין רייכן משפּט דיך נישט. — און איר זענט אי שטאַרק, אי רייך. — און ער האָט כיטרע אַ שטשירע געטון: — אָט האָסטו מיר פערציק רובל געגעבן, און פאַר איר, פאַר דער נסיעה, איז דער העכסטער פּרייז אַ פינפערל. נו, זאָל דיך גאָט מציל זיין!

— דאָס האָט ער דיר פאַרן שמועסן דעם פּרייז געהעכערט, — האָט מישקאַ קאָשעוואָי געשמייכלט, אַראָפּשפּרינגענדיק פון פּולקאָשיק און פאַרציִענדיק זיך די הויזן, — און אויך פאַר דער שיינער

באַרד. דו ווייסט, ווען דו האָסט געפירט, אַכטקאַנטיק פיעניעקל דו? אַ רויטן גענעראַל.

— האַ?

— נאַדיר אַ „האַ״! איר זענט אויך אַ לייטישער עולם!...
וואָלט מען דיר געגעבן ווייניק — וואָלסטו עס אַלץ הינט אויף די ווינדלען אָנגעבונדן. „אָט האָב איך חברים געפירט, האָבן זיי בלויז איין פינפערל געגעבן, אַזוינע און אַזעלכע״! דעם גאַנצן ווינטער וואָלסטו דיך געפילט באַליידיקט. האָט מען דיר געגעבן אַ סך — ברענט עס דיך אויך: „זעסט סאַראַ רייכע! פּערציק רובל געגעבן, אומגעצײלט געלט ביי אים...״ איך וואָלט דיר אפילו קיין פרוטה נישט געגעבן! באַליידיק דיך, ווי דו ווילסט. אַלץ איינס וועט מען דיר נישט געגונגן טון. נו, קומט... זײַ געזעגנט, באַרד!

אפילו דער כמורנער איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט אַ שמייכל געטון ביים פאַרענדיקן מישקעס הייסע רעדע.

פון הויף פון שטאַב איז אויף אַ סיבירער צויטיק פערדל אַרויסגעריטן אַ רויטאַרמייער פון דער רײַטער-אויסשפּירונג.

— פונוואַנען איז דער שליטן? — האָט ער אויסגעשריגן, האַסטיק אויסדרייענדיק דאָס פערד.

— וואָס דאַרפט איר? — האָט שטאָקמאַן געפרעגט.

— קוילן פירן אין קרוטאָווער כוטאָר. פאָר אַריין.

— ניין, חבר, דעם שליטן וועלן מיר אָפּלאָזן.

— און דו ווער ביסט פאַר איינער?

דער רויטאַרמייער, אַ יונגער שײנער בחור, איז נאָענט צוגעריטן.

— מיר זענען פון זאַאַמורער. דעם שליטן פאַרהאַלט נישט.

— אַ... נו, איז גוט. זאָל ער פאָרן. פאָר, אַלטער.

XL

ביים קאָנטראָלירן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אוסט־כאָפּער אָרגאַניזירט זיך נישט קיין שום אָפּטיילונג. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן איינע, אָבער נישט אין אוסט־כאָפּער, נאָר אין בוקאַנאָוו. די אָפּטיילונג האָט אָרגאַניזירט דער זעלבער קאָמיסאַר מאַלקין, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורכן שטאַב פון דער ניינטער רויטער אַרמײ אין די ניזאָווער סטאַניצעס פון כאָפּער און וועגן וועלכן עס האָט אויפן וועג דערציילט דער אַלט־גלויביקער קאָזאַק. די יעלאַנער, בוקאַנאָווער, סלאַשטשעווער און קומילזשינער קאָמוניסטן און סאָוויעטישע אַרבעטער, וואָס זענען קאָמפּלעטירט געוואָרן דורך רויטאַרמייער, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנץ באַדייטנדיקן קעמפערישן איינס, וואָס האָט געציילט ביז דריי־הונדערט באַגנעטן, ביי עטלעכע צענדליק שווערדן פון דעם רייטער־פּאַטראָל, וואָס איז צו זיי צוגעטיילט געוואָרן. די אָפּטיילונג האָט זיך צייטווייליק געפונען אין בוקאַנאָוו, צוזאַמען מיט דער ראָטע פון מאָסקווער פּולק, אויפהאַלטנדיק די אויפשטענדער, וואָס האָבן זיך באַמיט אָנצוגרייפן פון די אייבערשטע ברעגן פון טייכל יעלאַנקע און פון זימאָוו.

זיך דורכשמועסנדיק מיטן שעף פון שטאַב, אַ געוועזענעם קאַדר־אָפיציר, אַ כמורנעם און אָפּגעריבענעם מענטש, און מיטן פּאָליטקאָם — אַ מאָסקווער אַרבעטער פון מיכעלסאָנס פאַבריק, האָט שטאָקמאַן באַשלאָסן צו בלייבן אין אוסט־כאָפּער, זיך אָנשליסנדיק אָן צווייטן באַטאַליאָן פון פּולק. אין ציכטיקן צימערל, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט קנוילן וויקלערס, שפּולן טעלעפאָן־דראָט און איבעריקן מיליטערישן פאַרמעג, האָט שטאָקמאַן לאַנג גערעדט מיטן פּאָליטקאָם.

— זעסטו, חבר, — האָט נישט איילִיק גערעדט דער נידעריקגעזעצטער געל־פּנימדיקער קאָמיסאַר, וואָס האָט געליטן אויף אָנ־

פאַלן פון שאַרפן אַפּענדיציט. — דאָ איז אַ קאָמפּליצירטע מעכאַניק. ביי מיר זענען די יאַטן מערסטנטייל מאָסקווער און ראַזאַנער, אַ קליינע טייל ניזשעגראָדער. טיכטיקע יאַטן, דערהויפּט אַרבעטער. און אָט איז דאָ געווען אַן עסקאַדראָן מיראָנאָווער פון זיין פּערזענטער דיוויזיע, האָבן זיי געשפּילט אויף זייער פייפל. ס'איז אויסגעקומען זיי צוריקצושיקן קיין אוסט-מעדוויעדיצע... דו בלייב, אַרבעט איז דאָ אַ סך. מען דאַרף מיט דער באַפעלקערונג אַרבעטן, אויפקלערן. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז די קאָזאַקן... דאָ מוז מען גוט האַלטן דאָס אויער אויף דער וואַך.

— דאָס אַלץ פאַרשטיי איך ניישט ערגער פון דיר, — האָט שטאָקמאַן געזאָגט, שמייכלענדיק צוליבן אַפּאָטראָפּישן טאָן פון קאָמיסאַר און קוקנדיק אין די געל-געוואָרענע ווייסלען פון זיינע ליידנדיקע אויגן. — אָבער דו זאָג מיר, וואָס פאַר אַ קאָמיסאַר געפינט זיך עס אין בוקאַנאָוו?

דער קאָמיסאַר האָט געגלעט דאָס גרויע בערשטעלע פון זיינע אונטערגעשוירענע וואָנסעס, פלעגמאַטיש געענטפערט, פון צייט-צו-צייט אונטערהייבנדיק די בלויע דורכזיכטיקע וויעס.

— ער האָט דאָרט אַ געוויסע צייט איבערגעזאַלצן. אַ חברה-מאַן איז ער אַ ווילער, נאָר אָריענטירט זיך נישט באַזונדערס אין די פּאָליטישע אומשטענדן. און אַז מען האַקט האָלץ, פאַלן שפּענער... אַצינד עוואַקואירט ער קיין טיף-רוסלאַנד די מענערישע באַפעלקערונג פון די סטאַניצעס... גיי אַריין צום ווירטשאַפטלעכן פאַרוואַלטער, זאָל ער אייך פאַרשרייבן צו באַקומען די שפּייז-פּאָרציע, — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט, פאַרקרימענדיק זיך פון ווייטיק, אונטערהאַלטנדיק זיך מיט דער האַנט די וואַטענע הויזן.

אינדערפרי איז דער צווייטער באַטאַליאָן זיך צונויפגעלאָפן צום געווער אויף אַליאַרם, ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַפּעל. אין אַ שעה אַרום האָט דער באַטאַליאָן אין אַ מאַרש-קאָלאָנע זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון קרוטאָווער כוטאָר.

אין איינעם פון די פּירלינגען האָבן צוזאַמען געשפּרייזט שטאָקמאַן, קאָשעוואָי און איוואַן אַלעקסיעוויטש.

פון קרוטאָוו אויף דער צווייטער זייט דאָן האָט מען אַרויסגעשיקט אַ רייטער־פּאַטראָל. נאָך אים איז אַריבערגעגאַנגען איבערן דאָן די קאָלאָנע. איבערן וויינ־געוואָרענעם וועג, מיט די אַריינגעפּלאָסענע ברוינע שטרייפן פון די מיסט־בערגלעך — זענען געשטאַנען קאַלוזשעס. דאָס אייז אויפן דאָן האָט געלויכטן מאַט־בלוילעך און בלעזלדיק. פון הינטן, פון באַרג האָט די באַטאַרייע מיט הפסקות באַשאָסן די צונויפגעטוליעטע טאָפּאָל־ביימער פון די לעוואַדעס, וואָס האָבן זיך געזען נאָכן יעלאַנער כוטאָר. דער באַטאַליאָן האָט געדאַרפט אויסמיידן דעם יעלאַנער כוטאָר, וואָס איז פאַרלאָזט געוואָרן דורך די קאָזאַקן, זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון דער יעלאַנער סטאַניצע און, פאַרבינדנדיק זיך מיטן ערשטן באַטאַליאָן פון דער בוקאַנאָווער ראָטע, באַהערשן דעם אַנטאָנאָווער כוטאָר. לויט דער דיספּאָזיציע, האָט דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר געדאַרפט פירן זיין אָפּטיילונג אין דער ריכטונג פון בעזבאָראָדאָווער כוטאָר. דער רייטער־פּאַטראָל האָט בקרוב מיטגעטיילט, אַז אין בעזבאָראָדאָוו האָט מען דעם שונא נישט באַמערקט און אַז רעכטס פון כוטאָר, אויף אַ פיר וויאָרסט, קומט פאָר אַ ביקסן־איבערשיסונג.

איבער די קעפּ פון דער רויטאַרמייאישער קאָלאָנע, ערגעץ־הויך, האָבן מיט געגרילץ און גערויש זיך געטראָגן גראַנאַטן. די די נישט ווייטע עקספּלאָזיעס פון די גראַנאַטן האָבן אויפגעטרייסלט די ערד. פון הינטן, אויפן דאָן, האָט מיט אַ טראַסקעריי געפּלאַצט דאָס אייז. איוואַן אַלעקסיעוויטש האָט זיך אומגעקוקט.

— דאָס וואַסער, אַפּנים, נעמט צו.

— אַ נאַרישקייט אין דער צייט אַריבערצוגיין דעם דאָן. אָקאָרשט מען זעט נישט ברעכט ער אויף, — האָט מישקאַ באַליידיקט אַ בורטשע געטון, נאָך אַלץ זיך נישט צוגעווינט צו מאַרשירן ריטמיש און נישט פּלאָנטערן דעם טריט. שטאָקמאַן האָט געקוקט אויף די רוקנס פון די מאַרשירנדיקע פאָרויס, פעסט איינ־

געשנירטע אין די פּאַסקעס, אויפן ריטמישן וויגן זיך פון זייערע ביקסן־לופעס מיט די צוגעשרויפטע רויכיק־בלויִלעכע פאַרהויכטע באַגנעטן. זיך אומקוקנדיק, האָט ער געזען די ערנסטע און גלייכגילטיקע פּנימער פון די רויטאַרמייער, אַזעלכע פאַרשידענע און איינציייטיק אָן אַ שיעור ענלעכע איינע צו די אַנדערע, געזען דאָס וויגנדיקע באַוועגן זיך פון די גרויע היטלען מיט די פינףקאַנטיקע רויטע שטערנס, גרויע שינעלן, געלבלעכע פון אַלטקייט, און האָריק־העלע — די נייערע; ער האָט געהערט דאָס פּליושקענדיקע און שווערע טרעטן פון דער מענטשן־מאַסע, דאָס טויבע גערעדעריי, דאָס פאַרשידנאַרטיקע הוסטן, דאָס קלינגען פון די קעסעלעך; ער האָט געפילט דעם שווערן ריח פון די צעווייקטע שטיוול, פון דער מאַכאָרקע, פון דעם לעדערוואַרג. האַלב פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט ער זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן דעם פּיס און, פילנדיק אַ צופלוס פון גרויסער אינערלעכער וואַרעמקייט צו די אַלע, ערשט נעכטן אומבאַקאַנטע און פרעמדע יאַטן, האָט ער געטראַכט: „נו, גוט, פאַרוואָס־זשע זענען זיי אַצינד מיר געוואָרן אַזוי באַזונדערס ליב און אייגן? וואָס פאַרבינדט מיך מיט זיי? נו, די בשותּפותדיקע אידעע... ניין, דאָס איז נישט בלויז די אידעע, נאָר אויך די טעטיקייט. און וואָס נאָך? אפשר די נאָענטקייט פון געפאַר און טויט? און עפּעס זענען זיי אַזעלכע היימישע"... און ער האָט אַ שמייכל געטון מיט די אויגן: „צי ווער איך טאַקע אַלט?"

שטאָקמאַן האָט מיט פאַרגעניגן, ענלעכן צו אַ פּאָטערלעך געפּיל, געקוקט אויף די מעכטיקע שיפּע ברייטע פּלייצעס פון רויטאַרמייער, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס אים, אויפן רויטן זויבערן פּאַסיקל פון יונגטלעכן קיילעכיקן האַלז, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון צווישן קאָלנער און היטל. ער האָט אַריבערגעפירט דעם בליק אויף זיין שכן. אַ ברוין געגאָלט פּנים מיט פליטן פון בלוטיק־טונקעלער ראָזקייט, אַ סובטעל מענעריש מויל, אַ הויכער און שלאַנקער, ווי אַ טויב; ער גייט, כמעט נישט באַוועגנדיק מיט דער פרייער האַנט, און האַלט כסדר עפּעס אין איין

קרענקלעכן קרימען זיך, און אין די ווינקלען פון די אויגן — אַ געוועב פון זקנישע קנייטשן. און עס האָט שטאָקמאַנען אַ ציִ געטון צו רעדן מיט אים.

— שוין לאַנג אין דער אַרמיי, חבר?

דעם שכנס העל-ברוינע אויגן האָבן קאַלט און פאַרשנדיק, עטוואָס זייטיק זיך אַ גליטש געטון איבער שטאָקמאַנען.

— פון אַכצענטן — האָט ער אַרויסגעזאָגט פון צווישן די ציין.

דער איינגעהאַלטענער ענטפער האָט נישט אָפּגעקילט שטאָקמאַנען.

— פונוואַנען געבוירן?

— אַ לאַנדסמאַן זוכסטו, פּאַטערל?

— אויב אַ לאַנדסמאַן — וועל איך צופרידן זיין.

— אַ מאָסקווער בין איך.

— אַ ן אַרבעטער?

— אוהו.

שטאָקמאַן האָט פלינק אַ קוק געטון אויפן שכנס האַנט. די שפּורן פון אַרבעט און אייזן זענען נאָך נישט אָפּגעוואַשן געוואָרן דורך דער צייט.

— אַ מעטאַליסט?

און ווידער האָבן די ברוינע אויגן זיך דורכגעגליטשט איבער שטאָקמאַנס פנים, איבער זיין עטוואָס-גרוילעכער, נישט ריינער באָרד.

— אַ מעטאַל-טאָקער. און דו אויך? — און ווי עס וואָלט וואַרעם געוואָרן אין די ווינקלען פון זיינע ברוינע שטרענגע אויגן.

— איך בין געווען אַ שלאָסער... וואָס האַלטסטו עפּעס, חבר, אין איין קרימען זיך?

די שטיוול רייבן מיר, זיי זענען פאַרטרוקנט געוואָרן. איך בין ביינאַכט געווען אויף וואַך, זיך דורכגענעצט די פיס.

— האָסט נישט מורא — האָט שטאָקמאַן דורכדרינגלעך אַ שמייכל געטון.

— פּאַרוואָס ?

— וואָס הייסט פּאַרוואָס, מיר גייען דאָך אין שלאַכט אַריין...

— איך — בין אַ קאָמוניסט.

— וואָס־זשע, קאָמוניסטן האָבן נישט מורא פאַרן טויט ? נישט די זעלבע מענטשן ? — איז מישקאַ אַריינגעפאַלן אין שמועס.

שטאָקמאַנס שכן האָט פלינק אונטערגעוואָרפן די ביקס; נישט קוקנדיק אויף מישקען, האָט ער, טראַכטנדיק אַ ווײַלע, גע־ענטפערט :

— דו, ברידערקע, ביסט נאָך נישט געניט אין די זאַכן. איך טאָר נישט מורא האָבן. איך האָב מיר אַליין באַפוילן, — פאַרשטאַ־נען ? און דו קריך נישט צו מיר אָן רייניע הענטשקעלעך אין דער נשמה אַריין... איך ווייס פאַרוואָס און מיט וועמען איך קעמף, איך ווייס, אַז מיר וועלן זיגן. דאָס איז דער עיקר. ווייטער איז אַלץ נאַרישקייטן. — און, אַ שמייכל טוענדיק צוליב עפּעס אַ דערינע־רונג, וואַרפנדיק זייטיקע בליקן אויף שטאָקמאַנס פּראָפיל, האָט ער דערציילט : — פאַראיאָרן בין איך געווען אין קראַסאַווצעווס אָפּ־טיילונג אין אוקראַינע, עס זענען פאָרגעקומען שלאַכטן. אונז האָט מען די גאַנצע צייט אָפּגעשטויסן. פאַרלוסטן. מען האָט אָנגעהויבן איבערלאָזן די פאַרוווּנדעטע. און אָט האָט מען נישט ווייט פון זשמערינקע אונז אַרומגערינגלט. מען האָט באַדאַרפט בײַנאַכט אַריבערגיין די ליניע פון די ווייסע און אויפרייסן בײַ זיי אין רוקן אַ בריק איבער אַ טײַכל, כדי נישט צוצולאָזן אַ געפּאַנצערטן צוג, מיר האָבן זיך געדאַרפט דורכשלאָגן איבער דער באַן־ליניע. מ׳רופט אויס פרײַוויליקע. אַזעלכע זענען נישט פאַראַן. די קאָמוניסטן — מיר זענען געווען נישט קיין סך — זאָגן : „לאָמיר וואַרפן גורל, ווער פון אונז עס זאָל גיין". איך האָב אַ טראַכט געטון און זיך אַרויסגערופן. כ׳האָב גענומען אויפרייס־מאַטעריאַל, אַ שנור, שוועבעלעך, זיך געזעגנט מיט די חברים, אַוועקגעגאַנגען. די נאַכט איז אַ פינסטערע, מיט אַ נעפּל. כ׳בין אָפּגעגאַנגען אַ הונדערט קלאַפטער, גענומען קריכן. איך בין געקראָכן דורכן נישט אָפּגע־שניטענעם קאָרן, דערנאָך איבערן טאָל. ווי נאָר כ׳האָב אָנגעהויבן

אַרויסקריכן פון טאָל, געדענק איך, ווי עס האָט אַ פּלאַטער געטון פון אונטער מיין נאָז אַפּער עפּעס אַ פויגל. יאָ־אָ־אָ. אויף אַ צען קלאַפטער ווייט בין איך פאַרבייגעקראָכן פאַרן וואַך־פּאָסטן, זיך דערקליבן צו דער בריק. זי איז געהיטן געוואָרן דורך אַן אָפּטיילונג מאַשינגעווער. אַ צוויי שעה בין איך געלעגן, געוואַרט אויפן געהעריקן מאָמענט. איך האָב פאַרלייגט די מינע, אָנגעהויבן רייבן אונטער דער פּאָלע שוועבעלעך, אָבער זיי זענען פייכט געוואָרן, צינדן זיך נישט אָן. איך בין דאָך געקראָכן אויפן בויך, נאָס געוועזן פון טוי — כאָטש קוועטש מיך אויס, די קעפּעלעך זענען פייכט געוואָרן. און אָט, פּאַטערל, איז מיר דעמאָלט געוואָרן שרעקלעך. באַלד הייבט אָן טאָגן, און ביי מיר ציטערן די הענט, דער שווייס פאַרגיסט די אויגן. „אַלץ איז פאַרפאַלן, — טראַכט איך. — אויב איך וועל נישט אויפרייסן, וועל איך מיך דערשיסן!" איך האָב מיך געמאַטערט, געמאַטערט, פונדעסטוועגן, ווי ס'איז, אָנגעצונדן — און נעם אָפּציִען. ווען עס האָט אַ קנאַל געטון הינטער מיר — בין איך געלעגן הינטערן וואַל, אונטער די פּלעטלעך, וואָס ווערן ווינטער־צייט אויפגעשטעלט קעגן שניי, — ביי זיי איז אַ טומל. אַליאַרם. זיי האָבן אויסגעשאָסן פון צוויי קוילנוואַרפער. אַ סך רייטער האָבן דורכגאַלאָפּירט פאַרביי מיר, אָבער צי קאָן מען ביינאַכט געפינען? איך האָב מיך אָפּגעקריגן פון אונטער די פּלעטלעך, און אַוועק אין די זאַנגען אַריין. און ערשט דאָ, זעסטו, זענען מיר אָפּגענומען געוואָרן הענט און פיס, איך קאָן מיך נישט באַוועגן, און באַסטע! כ'האָב מיך געלייגט. אַהין בין איך געגאַנגען נישקשהדיק, מוטיק, און צוריק — אָט ווי אַזוי... און ווייסטו, איך האָב אָנגעהויבן צו ברעכן, ממש די קישקעס אויסגעבראָכן! איך פיל — איך האָב שוין גאָרנישט אין מיר, און עס נודעט נאָך אַלץ. יאָ־אָ־אָ. נו, פאַרשטייט זיך, צו די אייגענע האָב איך מיך דערקליבן. — און ער איז באַלעבט געוואָרן, מאָדנע וואַרעם און שיין האָבן זיך אָנגעצונדן זיינע גלאַנציקע ברוינע אויגן. — ווען איך האָב אינדערפרי נאָך דער שלאַכט דערציילט די חברה־לייט, וואָס פאַר אַ נומער איך האָב געהאַט מיט די שוועבעלעך, האָט

איינער אַ חבר מײַנער געזאָגט: „און די צינד־מאַשינקע, סערגעי׳ האָסטו פאַרלוירן?״ איך — גיב מיך אַ כאַפּ ביי דער בוזעם־קע־שענע, — זי איז דאָ! האָב איך זי אַרויסגענומען, אַ רייב געטון — און שטעל דיר פאָר, זי האָט זיך גלייך אָנגעצונדן.

פון ווייטן טאָפּאָלן־אינזל, געטריבן דורכן ווינט, האָבן הויך און שנעל זיך געטראָגן צוויי קראָען. דער ווינט האָט זיי שטויסנ־דיק געוואָרפן. זיי זענען שוין געווען אויף אַ הונדערט קלאַפטער פון דער קאָלאָנע, ווען אויפן קרוטאָוווער באַרג האָט נאָך אַ שעה־דיקער הפסקה ווידער אַ קנאַל געטון אַ האַרמאַט; די אויסגעשאָ־סענע קויל האָט מיט געשפּאַנטער, וואַקסנדיקער גרילצעריי זיך אָנגעהויבן דערנענטערן, און ווען איר ברומען האָט דאַכט זיך, דערגרייכט די העכסטע אָנשטרענגונג, האָט איינע פון די קראָען, די, וועלכע איז געפלויגן העכער, פּלוצלינג ווילד זיך אַ דריי גע־טון ווי אַ שפּענדל, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורכן ווינט, און קרום־אויסשפּרייטנדיק די פליגל, ספּיראַלאַרטיק זיך דרייענ־דיק, נאָך פרווונדיק זיך דערהאַלטן, אָנגעהויבן פאַלן ווי אַ גרויס שוואַרץ בלאַט.

— זי איז אָנגעפלויגן אויפן טויט! — האָט פאַרוווּנדערט געזאָגט דער רויטאַרמייער, וואָס האָט געשפּרייזט הינטער שטאָק־מאַנען. — ווי האַסטיק עס האָט זי אַ דריי געטון!

פון שפּיץ פון דער קאָלאָנע, צעשפּריצנדיק דעם ווײַכן שניי, האָט אויף אַ הויכער טונקל־ברוינער קאָבילע גאַלאָפּירט דער ראָ־טע־קאָמאַנדיר.

— אין טי־ראַ־ליער!

באַשפּריצנדיק מיט נאַסן שניי איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, וועל־כער האָט שווייגנדיק געשפּרייזט, האָבן אין גאַלאָפּ זיך פאַרביי־געטראָגן דריי שליטנס מיט קוילנוואַרפער. איינער פון דער באַדי־נונג איז אויף דער שיפּוע אַראָפּגעפאַלן פון אונטערשטן שליטן און דאָס זאַפּטיקע און באַטעמטע לאַכן פון די רויטאַרמייער האָט געקלונגען אַזוי לאַנג, ביז דער פורמאַן, שעלטנדיק אין דער מאַ־

מען אריין האָט נישט פאַרהאַלטן אויפן אָרט די פערד, און דער אראָפּגעפאַלענער איז לויפנדיק אַרויפגעשפּרונגען אויפן שליטן.

XLI

די קאַרגינער סטאַניצע איז געוואָרן אַ שטיץ־פּונקט פאַר דער ערשטער אויפשטענדערישער דיוויזיע. גריגאָרי מעליעכאָוו, זיך אָפּגעבנדיק אַ קלאָרן חשבון וועגן דער סטראַטעגישער באַקוועמלעכקייט פון דער קאַרגינער פּאָזיציע, האָט באַשלאָסן פאַר קיין פאַל זי נישט אָפּצוגעבן. די בערג, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דעם לינקן ברעג פון טייך טשיר, האָבן געגעבן די קאָזאַקן די מעגלעכקייט זיך אויסגעצייכנט צו פאַרטיידיקן. אונטן, אויף דער צווייטער זייט טשיר, איז געלעגן די קאַרגינער סטאַניצע, נאָך איר אויף אַ סך וויאָרסט, האָט ווי אַ ווייכער טעפּיך אויף דרום זיך אויסגעשפּרייט דער סטעפּ, ערגעץ־ווו קווער דורכגעשניטן מיט טאָלן און היילן. אויפן באַרג האָט גריגאָרי אַליין אָפּגעקליבן דאָס אָרט, וווּ מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אַ באַטאַרייע פון דריי האַרמאַטן. נישט ווייט האָט זיך געפונען אַן אויסגעצייכנטער אָבסערוואַציע־פּונקט — אַ באַרג־פּלאַנט, באַדעקט מיט דעמבע־וואַלד און געכוואַליעטע בערגלעך, וואָס האָט זיך דערהויבן איבער דער געגנט.

די שלאַכטן זענען פאָרגעקומען הינטער קאַרגין טאָג־טעגלעך. די רויטע האָבן געוויינלעך אַטאַקירט פון צוויי זייטן: מיטן סטעפּ פון דרום, פון דער זייט פון אוקראַיִנער ישוב אַסטאַכאָווא, און פון מזרח, פון דער באָקאָווער סטאַניצע, זיך רוקנדיק אַרויף לענגאויס דעם טשיר און די צעוואָרפענע כוטאָרן. די קאָזאַקישע טיראַליערן זענען געלעגן הונדערט קלאַפטער ווייט פון קאַרגין, שיסנדיק זעלטן. דאָס עקשנותדיקע פייער פון די רויטע האָט זיי כמעט תמיד גענייט אָפּצוטרעטן אין דער סטאַניצע אַריין, און דערנאָך, איבער די קרומע דורכגענג פון די שמאָלע היילן —

אויפֿן באַרג אַרויף. די רויטע האָבן נישט געהאַט גענוג קראַפט זיי אָפּצושטופּן ווייטער. אויף דער גינסטיקייט פון זייערע אָנגריי־פערישע אָפּעראַציעס האָט זיך זייער נעגאַטיוו אָפּגערופן דער מאַנגל אין דער נייטיקער צאָל רייטער־מיליטער, וואָס וואָלט גע־קאָנט מיט אַן אָנגריף פון די פלאַנגען נייטן די קאָזאַקן ווייטער אָפּצוטרעטן און, אָפּציִענדיק די כּוחות פון שונא, אויפבינדן ד׳ העגט דער אינפאַנטעריע, וואָס האָט אומאַנטשלאָסן זיך געטאָפּ־טשעט ביים אַטאַקירן די סטאַניצע. די אינפאַנטעריע האָט נישט געקאָנט אויסגענוצט ווערן פאַר אַן ענלעכן מאַנעוור צוליב איר שוואַכער באַוועגלעכקייט, אומפעיִקייט פאַר שנעלן מאַנעווירירן און אויך דערפאַר, וואָס די קאָזאַקן האָבן דער עיקר געהאַט רייטער־מיליטער, וואָס האָט געקאָנט אין יעדן מאָמענט אָנפאַלן אויף דער מאַרשירנדיקער אינפאַנטעריע און זי אָפּציִען פון איר הויפּט־אויפגאַבע.

דער איבערגעוויכט פון די אויפשטענדיקע איז באַשטאַנען אויך אין דעם, וואָס קענענדיק אויסגעצייכנט די געגנט, האָבן זיי נישט דורכגעלאָזט קיין מעגלעכקייט, אומבאַמערקט אַריבערצו־וואַרפן די רייטער־סאָטניעס איבער די טאָלן אין די פלאַנגען און רוקן פון שונא, כּסדר דראָען אים און פאַראַליזירן זיין ווייטערדי־קע באַוועגונג.

ערב דעם 20־סטן מערץ איז ביי גריגאָריען צייטיק געוואָרן דער פּלאַן פון צעקלאַפּן די רויטע. מיט אַ פאַלשן ריקצוג האָט ער געוואָלט זיי אַריינגאַרן קיין קאַרגין און דערוויי׳ל אַ וואַרף טון אין זייערע פלאַנגען ריאַבטשיקאָוון מיט אַ פּולק רייטער איבערן גוסינער טאָל — פון מערב און איבער גראַטש — פון מזרח, כּדי זיי אַרומצורינגלען און דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ. דער פּלאַן איז געווען גוט אויסגעאַרבעט. אויף דער באַראַטונג אינאָוונט האָבן אַלע קאָמאַנדירן פון די זעלבשטענדיקע טיילן באַקומען פּינקטלע־כע אינסטרוקציעס און באַפעלן. דאָס אַרומרינגלען האָט, לויט גרי־גאָריעס פּלאַן, זיך געדאַרפט אָנהייבן באַגינען, כּדי בעסער זיך צו פאַרמאַסקירן. אַלץ איז געווען פּשוט, ווי אַ שפּיל אין דאַמקע:

און גריגאָרי, גוט קאָנטראָלירנדיק און איבערוואָרפנדיק אין געדאַנק אַלע מעגלעכע צופעליקייטן, אַלץ, וואָס האָט אומפּאָרגעזען געקאָנט שטערן דער פאַרווירקלעכונג פון זיין פּלאַן, האָט אויסגעטרונקען צוויי גלעזער סאַמאָגאָן און אין אָנטוען זיך אַ וואָרף געטון אויף דער קויקע; איבערדעקנדיק דעם קאָפּ מיט דער פייכטער פּאָלע פון שינעל, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ דערהרגעטער.

צומאָרגנס, אַ זייגער פיר אינדערפרי, האָבן די רויטע טיראַליערן שוין פאַרנומען קאַרגין. כדי אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט, איז אַ טייל פון דער קאָזאַקישער אינפאַנטעריע געלאָפן איבער דער סטאַניצע באַרג־אַרויף; האַסטיק אויסדרייענדיק די פערד, האָבן זיי נאָכגעשאָסן צוויי קוילנוואָרפער פון די וועגעלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים אַריינפאָרן קיין קאַרגין. איבער די גאַסן האָבן פּאַמעלעך זיך פונאַנדערגעשפּרייט די רויטע.

גריגאָרי איז געווען הינטערן באַרג, ביי דער באַטאַרייע. ער האָט געזען, ווי די רויטע אינפאַנטעריע פאַרנעמט קאַרגין און זאַמלט זיך ביים טשיר. עס איז אָפּגעשמועסט געווען, אַז נאָכן ערשטן האַרמאַטן־שאָס, וועלן די קאָזאַקן, וואָס ליגן הינטערן באַרג אין די סעדער, איבערגיין אין אָנגריף, און אין דער צייט וועט דאָס פּולק, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אין די פלאַנגען, אָנהייבן דאָס אַרומרינגלען. דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע האָט געוואָלט אַ קלאַפּ־טון אויפן וועגעלע מיטן קוילנוואָרפער, וואָס האָט זיך באַוועגט איבערן קלימאָוועער וועג צו קאַרגין, ווען דער באַאָבאַכטער האָט איבערגעגעבן, אַז אויף דער בריק אין ניזשנע־לאַטישעווער כוטאָר, אויף אַ דריי מיט אַ האַלבער וויאָרסט האָט זיך באַוויזן אַ האַרמאַט: די רויטע האָבן איינצייטיק אַטאַקירט אויך פון דער זייט פון באָקאָוו.

— דערלאַנגט זיי פון דער הויביצע, — האָט גריגאָרי געעצהט, נישט אַוועקנעמענדיק פון די אויגן די לאָרנעטע.

דער קאָנאָניער, זיך דורכוואָרפנדיק מיט עטלעכע פראַזן מיטן וואַכמייסטער, וואָס האָט דערפילט די פליכט פון באַטאַרייע־

קאָמאַנדיר, האָט שנעל אָנגעשטעלט דעם ציל. די באַדינונג האָט זיך צוגעגרייט, און אַ פיר־מיט אַ האַלב־צאָליקע הויביצע, ווי די קאָזאַקן האָבן זי אָפּגעשאַצט, האָט מיט אַ צוריקשטויס זיך אַ ריס געטון, צעאַקערנדיק די אויפגעגראָבענע ערד ביים פוס פון האַר־מאַט. באַלד דער ערשטער גראַנאַט האָט געטראָפן אין סוף פון דער בריק. דער צווייטער האַרמאַט פון דער רויטער באַטאַרייע איז אין דעם מאָמענט אַרויפגעפאָרן אויף דער בריק. דער גראַ־נאַט האָט צעשמעטערט די זעקס פערד פון געשפאַן — ווי עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, איז גאַנץ געבליבן בלויז איינס — פאַר דעם האָט עס דעם אָנטרייבער, וואָס איז געזעסן דערויף, ווי מיט אַ מעסער, גלייך אָפּגעשניטן דעם קאָפּ דורך אַ שפּליטער. גריגאָ־רי האָט געזען: פאַרן האַרמאַט האָט זיך אַ הייב געטון אַ געל־גרויער קלומפּן רויך, עס האָט שווער אַ זעץ געטון און, איינגע־הילט אין רויך, זיך שטעלנדיק אויף די הינטערשטע פיס, האָבן די פערד, ווי אונטערגעהאַקטע, זיך אַ לייג געטון; פאַלנדיק, זע־נען געלאָפן מענטשן. דעם רייטנדיקן רויטאַרמייער, וועלכער האָט אין מאָמענט פון פאַלן פון גראַנאַט זיך געפונען ביי דער פעדער־שטער טייל, האָט עס צוזאַמען מיטן פערד און פאָרענטש פון דער בריק אַ הייב געטון און אַ שליידער געטון אויפן אייז.

אויף אַזאַ געלונגען טרעפן האָבן די רויטאַרמייער זיך נישט געריכט. אויף אַ ווײַלע האָט הינטערן בערגל ביים האַרמאַט זיך איינגעשטעלט אַ שטילקייט; בלויז דער באַאָבאַכטער, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט, איז אויפגעשפּרונגען אויף די קני־ען, עפּעס געשריגן און געפאָכעט מיט די הענט.

און באַלד האָט פון אונטן, פון די געדיכט־פאַרוואַקסענע קאַרשן־סעדער און לעוואַדעס, זיך דערטראָגן אַ כאַאָטישער „אורא", אַ כוואַליענדיק קנאַלערײַ פון ביקסן־שאָסן. פאַרגעסנדיק אָן פאָר־זיכטיקייט, איז גריגאָרי אַרויפגעלאָפן אויפן בערגל. איבער די גאַסן זענען געלאָפן רויטאַרמייער, פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַ טומל פון קולות, שאַרפע קאָמאַנדאָ־אויסרופן, אַ שטורמיש־צע־קנאַלטע שיסערײַ. איינס פון די וועגעלעך מיט די קוילנוואַרפער

איז שוין געווען אין האַלבן וועג אויפן באַרג אַרויף, נאָר נישט ווייט פון בית־עולם האָט עס האַסטיק זיך אויסגעדרייט און איבער די קעפּ פון די לויפנדיקע און פאַלנדיקע רויטאַרמייער אָנגעהויבן באַשיסן די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשיט פון די סעדער.

אומזיסט האָט גריגאָרי זיך אָנגעשטרענגט צו דערזען אויפן האָריזאָנט די קאָזאַקישע לאַווע. דאָס רייטער־מיליטער, וואָס האָט אונטער דער אָנפירונג פון ריאַבטשיקאָוו זיך אַוועקגעלאָזט אַרומרינגלען, האָט זיך אַלץ נאָך נישט געוויזן. די רויטאַרמייער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן לינקן פלאַנג, זענען שוין געלאָפן צו דער בריק דורכן זאַבורנער באַרג־דורכגאַנג, וואָס פאַראייניקט קאַרגין מיטן שכנותדיקן אַרכיפּאָווער כוטאָר, בשעת די פון רעכטן פלאַנג זענען נאָך געלאָפן איבער דער סטאַניצע און געפאַלן אונטער די שאָסן פון די קאָזאַקן, וועלכע האָבן באַהערשט די צווייגאַסן, נאָענט פון טשיר.

ענדלעך האָט פון הינטערן באַרג אָפּער זיך באַוויזן ריאַבטשיקאָווס ערשטע סאָטניע, נאָך איר — די צווייטע, די דריטע, די פערטע... זיך פונאַדערשיטנדיק, האָבן די סאָטניעס האַסטיק זיך פאַרנומען לינקס, קווער די מחנות רויטאַרמייער, וואָס זענען געלאָפן איבער דער שיפּוע קיין קלימאָווקע. קנייטשנדיק אין דער האַנט די הענטשקעס, האָט גריגאָרי מיט אויפרעגונג נאָכגעפאָרשט דעם גאַנג פון דער שלאַכט. ער האָט אַוועקגעוואָרפן די לאָרנעטע און געקוקט שוין מיט די בלויזע אויגן, ווי האַסטיק עס דערנעענטערט זיך די לאַווע צום קלימאָווער וועג, ווי עס דרייען אין צעמישונג זיך אויס די קופּקעלעך און איינצלנע רויטאַרמייער, לויפן צו די אַרכיפּאָווער הייף, און, באַגעגנט פון דאָרט דורכן פייער פון דער קאָזאַקישער אינפאַנטעריע, וואָס אַנטוויקלט די פאַרפאָלגונג שטראָם־אַרויף פון טשיר, לויפן זיי צוריק אויפן וועג אַרויף. בלויז אַן אומבאַדייטנדיקער טייל רויטאַרמייער איז געלונגען זיך דורכצוברייסן קיין קלימאָווקע.

אויפן בערגל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שלאַכט, וואָס איז שרעקלעך געווען מיט איר שטילקייט. ריאַבטשיקאָווס סאָטניעס

האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן פראָנט צו קאַרגין און, ווי דער ווינט טרייבט בלעטער, צוריקגעטריבן די רויטאַרמייער. ביי דער בריק איבער זאַבורונע האָבן אַ דרייסיק רויטאַרמייער, זעענדיק, אַז זיי זענען אָפּגעשניטן און ס'איז נישטאָ קיין אויסגאַנג, אָנגעהויבן זיך אָפּשיסן. זיי האָבן געהאַט אַ קוילנוואַרפער אויף אַ סטאַטיוו, אַ נישט קליינעם זאַפּאַס קוילן-בענדער. ווי נאָר די אינפאַנטעריע פון די אויפשטענדער האָט זיך באַוויזן פון די סעדער אַרויס, האָט דער קוילנוואַרפער אָנגעהויבן אַרבעטן מיט פיבערהאַפטער שנעלקייט, און די קאָזאַקן זענען געפאַלן, אַריבערגעקראָכן הינטער דער באַשיצונג פון די שאָפּעס און שטיינערנע צוימען פון די הייף. פון בערגל האָט מען געזען, ווי די קאָזאַקן האָבן איבערן קאַרגינער וועג לויפנדיק געשלעפּט זייער קוילנוואַרפער. לעבן איינעם פון די הייף, נאָענטע צו קאַרגין, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײלע, דערנאָך אַריינגעלאָפן אין הויף. באַלד האָט פון דאַך פון דער שאָפּע אין דעם הויף שאַרף אָנגעהויבן גרעגערן. זיך איינקוילנדיק, האָט גריגאָרי דערזען דורך דער לאָרנעטע אויך די באַדינונג. מיט צעוואָרפענע פיס, אין שאַראָוואַרן, אַריינגעמאַכטע אין ווייסע זאָקן, אָנגעבויגן הינטער דער פאַנצערשילד פון קוילנוואָרפער, איז איינער געלעגן אויפן דאַך; אַ צווייטער איז געקראָכן איבער דער לייטער, אַרומגעגאַרטלט מיט קוילן-בענדער. די באַטאַרייע האָט באַשלאָסן צו קומען צו הילף דער אינפאַנטעריע. דאָס אָרט, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די קעגנערישע גרופּע פון די רויטע, איז באַדעקט געוואָרן דורך אַ רייע שראַפּנעלן. דער לעצטער גראַנאַט איז אָפּגעשפּרונגען און אויפגעריסן ווייט פון אָרט, ווו ער איז געצילט געווען.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז לעבן זאַבורונע דער קוילנוואָרפער פון די רויטע פלוצלינג שטיל געבליבן, און באַלד האָט אויסגעבראָכן אַ קורצער „אורא״ צווישן די נאַקעטע שטאַמען פון די ווערבעס האָבן זיך באַוויזן די פיגורן פון די קאָזאַקישע רייטער.

אַלץ איז געווען געענדיקט.

אויף גריגאָריעס באַפעל האָבן די איינוווינער פון קאַרגין

און אַרכיפּאָווקע מיט האַקעס און שטאַנגען צונויפגעשלעפּט אין איין גרוב אַריין די הונדערט זיבן און פערציק דערהרגעטע רויט־אַרמייער און זיי פלאַך באַגראָבן לעבן „זאַבורונע. ריאַבטשיקאָוו האָט פאַרכאַפּט זעקס צוויי־רעדערדיקע אַמוניציע־וועגעלעך מיט די פערד און קוילן און איין וועגעלע מיט אַ קוילנוואַרפער אָן אַ שלאָס. אין קלימאָווקע האָט ער אָפּגעשלאָגן צוויי און פערציק פורן מיט מיליטעריש פאַרמעג. ביי די קאָזאַקן זענען געווען פיר דערהרגעטע און פאַרווונדעטע — פופצן.

נאָך דער שלאַכט האָט אין קאַרגין אויף אַ וואָך זיך איינגעשטעלט אַ שטילקייט. דער שונא האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער דיוויזיע אויפשטענדער און אָפּשטויסנדיק זי, באַלד פאַרכאַפּט אַ רייע כוטאָרן פון דער מיגולינער סטאַניצע: דעם אַלעקסעעווער, דעם טשערניצער ישוב און זיך דערנענטערט צום וויערכניע־טשערער כוטאָר.

פון דאָרט האָט טעגלעך אין די באַגינענס זיך געהערט אַ האַרמאַטן־שיסעריי, נאָר די ידיעות וועגן גאַנג פון די שלאַכטן זענען אָנגעקומען מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג און נישט געגעבן קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט פון דער צווייטער דיוויזיע.

אין די טעג האָט גריגאָרי זיך באַמיט צו אַנטלויפן פון די שוואַרצע געדאַנקען, פאַרטייבן דאָס באַוווּסטזיין, נישט טראַכטן וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אַרום און פון וועלכן ער איז אַ טיכטיקער באַטייליקטער, — ער האָט אָנגעהויבן שיכורן. אויב די אויפשטענדער האָבן געפילט אַ שטאַרקן מאַנגל אין מעל ביי גרויסע זאַפּאַסן ווייץ (די מילן האָבן נישט באַוויזן אָנצואַרבעטן פאַר דער אַרמיי, און די קאָזאַקן האָבן אָפּט זיך דערנערט מיט געקאָכטן ווייץ), האָט קיין סאַמאָגאָן ניעט געפעלט. דער סאַמאָגאָן האָט זיך געגאָסן, ווי וואַסער. אויף דער צווייטער זייט דאָן איז אַ סאָטניע דודאָרעווער קאָזאַקן געגאַנגען טויט־שיכור אין אַטאַקע, גלייך קעגן די קוילנוואַרפער, און האַלב פאַרניכטעט געוואָרן. די פאַלן פון אַרויסגיין אויף דער פּאָזיציע אין שיכורן צושטאַנד

זענען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. גריגאָריען האָט מען דינסטווילליק צוגעשטעלט סאַמאָגאָן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם פּראָכאָר זיקאָוו. נאָך דער שלאַכט אין קאַרגין האָט ער אויף גריגאָריעס בקשה געבּרענגט צוויי עמערדיקע קרוגן סאַמאָגאָן, גערופן זינגערס, און גריגאָרי, פילנדיק אַ פריידיקע באַפרייטקייט, אַ דערווייטערטקייט פון דער ווירקלעכקייט און דאגות, האָט געשיכּורט מיט די קאָזאַקן ביז אינדערפרי. אינדערפרי האָט ער זיך צוגעלעגט, אַ ביסל אויסגעניכטערט און פאַרנאַכט האָבן זיך אים ווידער פאַרגלוסט די זינגערס, דאָס פריילעכע גערויש פון קולות, מענטשלעכן טומל, טאַנץ – אַלץ, וואָס האָט געשאַפן די אילוזיע פון אמתער פריילעכקייט און פאַרשטעלט מיט זיך די ניכטערע האַרטע ווירקלעכקייט.

און דערנאָך איז די באַדערפעניש אין שיכּורן שנעל געוואָרן אַ געוווינהייט. זיך זעצנדיק אינדערפרי צום טיש, האָט גריגאָרי שוין געפילט אַן אומבאַזיגבאַרן פאַרלאַנג צו מאַכן אַ כּוסה. ער האָט געטרונקען אַ סך, אָבער נישט איבער דער מאָס, אַזוי, אַז ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אויף די פיס. אפילו פאַרטאָג, ווען אַנדערע האָבן שוין געהאַט אַלץ אויסגעבראָכן און געשלאָפן הינטער די טישן און אויפן דיל, צוגעדעקט מיט די שינעלן און קאָלדרעס, – האָט ער זיך נאָך געהאַלטן, ווי אַ ניכטערער. ער איז נאָר בלייכער געוואָרן, האָט באַקומען שטרענגע אויגן און אָפט זיך צונויפגעדריקט דעם קאָפּ מיט די הענט, אַראָפּהענגענדיק דעם געקרייזלטן טשופּ.

נאָך די פיר טעג פון אומאויפהערלעכן הוליען איז ער שטאַרק אָנגעבלאָזן און געהאָרבעט געוואָרן: אונטער די אויגן האָבן זיך באַוויזן בלויע קנייטשן-זעקעלעך, אין בליק האָט אַלץ אָפטער אויפגעלויכטן אַ פייערל פון אומזיניקער האַרטקייט.

אויפן פינפטן טאָג האָט פּראָכאָר זיקאָוו מיט אַ פיל-צוזאָגנדיקן שמייכל פאַרגעלייגט:

– מיר וועלן גיין צו אַ גאָר פיינער באַבע קיין ליכאָווידאָוו. גוט? אָבער דו, גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש, זאָלסט דיך נישט

אויף צו לאַנג פאַרשפּילן. די באָבע איז אַ זיסע, ווי אַרבוז! כאָטש איך האָב זי נישט געפּרוווט, נאָר איך ווייס. אָבער זי איז אַן אומגעצוימטע, דער טייוול! אַ ווילדע. ביי אַזעלכער וועסטו נישט באַלד אויסבעטן, זי לאָזט זיך אפילו נישט קיין גלעט טון. און בראָנפן טרייבט זי — וועסטו קיין בעסערן נישט געפינען. דער מאַן איר׳ער איז נישט אינדערהיים, אויף יענער זייט דאָניעץ, — האָט ער כלומרשט דרך־אגב פאַרענדיקט.

קיין ליכאָווידאָוו זענען זיי געפאָרן פאַרנאַכט. גריגאָריען האָבן באַגלייט ריאַבטשיקאָוו, כאַרלאַמפּי יערמאַקאָוו, דער איינהענטיקער אַליאָשאַ שאַמיל און דער קאָמאַנדיר פון דער פערטער דיוויזיע קאָנדראַט מיעדוויעדיעוו, וואָס איז געקומען פון זיין אָפּשניט. פראָכאָר זיקאָוו איז געריטן פאָרויס. אין כוטאָר האָט ער איבערגעפירט דאָס פערד אויף אַ פּאַמעלעכן טריט, זיך פאַרנומען אין אַ געסל אַריין, געעפנט דאָס קליינע טויער פון אַ שייער. גריגאָרי איז אים נאָכגעריטן. זיין פערד האָט געוואָלט אַריבערשפּרונגען דעם גרויסן אויפגעטייעטן באַרג שניי, וואָס איז געלעגן פאַרן טויער, און אַריינגעפאַלן מיט די פעדערשטע פיס אין שניי. דאָס פערד האָט אַ שנאָרך געטון, זיך אַרויסגעקריגן, אַריבערגעשפּרונגען איבערן באַרג, וואָס האָט פאַרלייגט דאָס טויער מיטן פאַרקן ביז איבערן שפּיץ. ריאַבטשיקאָוו איז אַראָפּ פון פערד און עס דורכגעפירט ביי דער צוים. אַ פינף מינוט איז גריגאָרי געריטן מיט פראָכאָרן פאַרביי סטויגן שטרוי און היי, דערנאָך איבערן נאַקעטן, גלאָזיק־קלינגענדיקן קאַרשן־סאָד. אין הימל, וואָס איז אָנגעגאָסן געווען מיט בלויקייט, איז קרום געשטאַנען דער גאָלדענער בעכער פון דער יונגער לבנה, האָבן געציטערט שטערן, האָט זיך געוועקט אַ פאַרכישופטע שטילקייט, און דאָס ווייטע בילן פון הינט און מירביקע קלאַפּן פון די פערדישע פּאָדקעוועס האָט נישט צעשטערט, נאָר אונטערגעשטראָכן דידאָזיקע שטילקייט. דורך די געדיכטע קערשן־ביימער און ברייט־צעצווייגטע עפּל־ביימער האָט געל אויפגעלויכטן אַ פייערל, אויפן פאָן פון אויסגעשטערנטן הימל האָט שאַרף זיך אָנגעצייכנט דער סילועט פון אַ גרויסער מיט קאַ־

מיש־גערעקטער כאַטע. זיך אָנבײגנדיק פֿון זאָטל, האָט פּראָכאָר געפֿעליק געעפֿנט דאָס סקריפּענדיקע טירל. לעבן ברונעם, אין אַ פֿאַרפֿרוירענער קאַלוזשע, האָט זיך געוויגט די אָפּגעשפּיגלטע לבנה. גריגאָריעס פֿערד האָט מיטן פֿוס צעהאַקט דאָס אײַז אין עק פֿון דער קאַלוזשע און שטיין געבליבן, אַ שנאָרך טוענדיק. גריגאָרי איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זאָטל, אַרומגעוויקלט די לײַץ אַרום דעם פּאַרענטש, אַרײַנגעגאַנגען אין פֿינסטערן פֿעדערהויז. פֿון הינטן האָט זיך געהערט דאָס רוישן פֿון ריאַבטשיקאָוון מיט די קאָזאַקן, וואָס זענען אַראָפּגעשטיגן פֿון די פֿערד און שטיל אונטערגעברומט לידלעך.

טאַפּנדיק האָט גריגאָרי געפֿונען די קליאַמקע פֿון דער טיר, אַרײַנגעגאַנגען אין דער גרויסער קיך. אַ יונגע נידעריקע, אָבער, ווי אַ האָזלהון, שלאַנקע קאָזאַטשקע מיט אַ ברוין פּנים און שוואַרצע מאָדעלירטע ברעמען, שטייענדיק בײַם אויוון, האָט געשטריקט אַ זאָק. אויפֿן אויוון איז געשלאָפֿן מיט פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע הענט אַ ווײַס־קעפּיק מיידעלע פֿון אַ יאָר נײַן.

גריגאָרי האָט, אַ נישט אויסגעטוענער, זיך געזעצט צום טיש.

— בראָנפֿן איז דאָ ?

— און באַגריסן זיך דאַרף מען נישט ? — האָט די באַלעבאָסטע געפֿרעגט, נישט קוקנדיק אויף גריגאָריען און נאָך אַלץ אַזוי ווײַטער שימערנדיק מיט די שפּיצן פֿון די שפּיזלעך.

— גוטן אָוונט, אויב דו ווילסט ! בראָנפֿן איז דאָ ?

זי האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען, אַ שמייכל געטון צו גריגאָריען מיט קײַלעכיקע ברוינע אויגן, זיך אײַנהערנדיק אין גערויש און קלאַפּערײַ פֿון די טריט אין פֿעדערהויז.

— בראָנפֿן עלעהיי איז דאָ. נאָר אַ סך זענט איר, נאַכטגעסט, געקומען ?

— אַ סך. די גאַנצע דיוויזיע...

ריאַבטשיקאָוו איז פֿון דער שוועל אָן געגאַנגען אין אַ זיקטאַנץ, נאָכשלעפּנדיק די שווערד, זיך קלאַפּנדיק מיט דער פּאַפּאַ־

כע איבער די כאָליעוועס פון די שטיוול. אין דער טיר האָבן זיך געפּאַקט די קאָזאַקן; עמעצער פון זיי האָט וווּנדערלעך אויסגע־קלאַפּט מיט הילצערנע לעפל אַ פריילעכן טאַנץ.

אויפן בעט האָט מען אָנגעוואָרפן אַ באַרג שינעלן, דאָס גע־ווער צונויפגעלייגט אויף די בענק. פּראָכאָר האָט טיכטיק צוגע־האָלפן דער באַלעבאָסטע גרייטן צום טיש. דער איינהענטיקער אַליאָשקאַ שאַמיל איז געגאַנגען אין קעלער אַריין נאָך געזאַלצן קרויט. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון די טרעפּ, אַרויפגעקראַבקעט זיך, געברענגט אין די פּאָלעס פון טשעקמען די שאַרבנס פון טע־לער און אַ קופּע נאַס קרויט. ביז האַלבע נאַכט האָבן זיי אויס־געטרונקען צוויי עמערס סאַמאָגאָן, אויפגעגעסן אָן אַ שיעור קרויט און באַשלאָסן צו שעכטן אַ שעפּס. פּראָכאָר האָט טאַפּנדיק געכאַפּט אין שטעלעכל אַ שעפּס, און כאַרלאַמפּי יערמאַקאָוו — אויך אַ שלעגער, נישט פון די לעצטע — האָט עס מיט דער שווערד אָפּ־געהאַקט דעם קאָפּ און באַלד אונטער׳ דער שאָפּע צוגערעכט גע־מאַכט. די באַלעבאָסטע האָט אונטערגעצונדן אין אויוון, צוגע־שטעלט אַ טאָפּ שעפּסנס, אַזוי גרויס ווי אַן עמער.

ווידער האָט מען גענומען אויסקלאַפּן אַ טאַנץ מיט די לעפל, און ריאַבטשיקאָוו האָט זיך אַ לאָז געטון, אויסדרייענדיק די פיס, ווילד פּאַטשנדיק מיט די הענט אין די כאָליעוועס פון די שטיוול, אונטערזינגענדיק מיט אַ שאַרפן, נאָר באַטעמטן טענאָר:

שיכורן, הוליען איז אַצינד אונז געבליבן,
ווען נישטאָ אין הויף שוין וואָס אַריינצוטרייבן...

— הוליען וויל איך! — האָט יערמאַקאָוו געברומט און אַלץ זיך באַמיט צו פּרוּוון מיט דער שווערד די שטאַרקייט פון די פענסטער־רעמען.

גריגאָרי, וועלכער האָט ליב געהאַט יערמאַקאָוון פאַר דער אויסנעמלעכער מוטיקייט און קאָזאַקישער אַוואַנטוריסטישקייט, האָט אים אָפּגעהאַלטן, קלאַפּנדיק איבערן טיש מיטן קופּערנעם טעפּעלע:

— כּאַרלאַמפּי, מאַך דיך נישט משוגע!

כּאַרלאַמפּי האָט געהאָרכזאַם אַראָפּגעלאָזט די שווערד אין דער שייד, גיריק צופּאַלנדיק צום גלאָז סאַמאָגאָן.

— בּיי אַזאַ קוראַזש איז אפילו נישט שרעקלעך צו שטאַרבּן, — האָט אַליאָשקאַ שאַמיל געזאָגט, זיך אַוועקזעצנדיק לעבּן גריגאָריען. — גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש! דו — בּיסט אונזער שטאָלץ! בּלויז אַ דאַנק דיר האַלטן מיר זיך! לאָמיר אויסטרינקען נאָכאַמאָל... פּראָכאָר, בּראָנפן!

די נישט־אויסגעזאָטלטע פערד זענען געשטאַנען אויף דער פריי בּיי אַ סטויג היי. אַלעמאָל איז אַן אַנדערער אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון אויף זיי.

ערשט פאַרטאָג האָט גריגאָרי דערפילט, אַז ער איז שיכּור געוואָרן. ער האָט ווי פונווייטנס געהערט דאָס רעדן פון די אַנדערע, שווער געדרייט מיט די בּלוט־פאַרלאָפענע ווייסלען און מיט גרויס אָנשטרענגונג פון ווילן דערהאַלטן דאָס בּאַוווסטזיין.

— ווידער געוועלטיקן איבּער אונז די מיט די גאָלדענע שליפעס! זיי האָבּן פאַרכאַפּט די מאַכט אין זייערע הענט אַריין, — האָט יערמאַקאָוו געשריגן, אַרומנעמענדיק גריגאָריען.

— וואָסערע שליפעס? — האָט גריגאָרי געפרעגט, אָפּרוקנדיק יערמאַקאָווס הענט.

— אין וויעשקי. וואָס־זשע, דו ווייסט נישט, צי וואָס? דער קאַווקאַזער פירשט זיצט דאָרט! דער פּולקאָווניק!... איך וועל דערהרגענען! מעליעכאָוו! דאָס לעבּן מיינס וועל איך אַוועקלייגן צו דיינע פיס, לאָז אונז נישט אומבּרענגען! די קאָזאַקן בּונטעווען זיך... פיר אונז קיין וויעשקי, — מיר וועלן אַלץ חרוב מאַכן און מיטן רויך אַוועקלאָזן! איליושקאַ קודינאָוו, דעם פּולקאָווניק — אַלע וועלן מיר פאַרניכטן! זיי האָבּן אונז שוין גענוג געמאַטערט! לאָמיר זיך שלאָגן אי מיט די רויטע, אי מיט די קאַדעטן. אָט וואָס איך וויל!

— דעם פּולקאָווניק וועלן מיר דערהרגענען. ער איז בּכּיוון געבּליבּן... כּאַרלאַמפּי! לאָמיר דער סאָוויעטישער מאַכט צו די

פיס זיך נייגן: שולדיק זענען מיר... — גריגאָרי, וועלכער איז אויף אַ ווײַלע ניכטער געוואָרן, האָט קרום אַ שמייכל געטון. — איך שפּאַס, כאַרלאַמפּי, טרינק.

— וואָס שפּאַסטו, מעליעכאָוו? דו שפּאַס נישט, דער ענין איז אַן ערנסטער, — האָט מעדוויעדיעוו שטרענג געזאָגט. — מיר ווילן איבערטרייסלען די מאַכט. מיר וועלן אַלע טוישן און דיך אַרויפזעצן. איך האָב גערעדט מיט די קאָזאַקן, זיי זענען מסכּים. מיר וועלן זאָגן קודינאָוון מיט זײַנע אָפּריטשניקעס מיט גוטן: „גייט אַוועק פון דער מאַכט. איר טויגט נישט פאַר אונז". וועלן זיי אַוועקגיין — איז גוט, און אויב נישט — וועלן מיר אַרויסשיקן אַ פּולק אויף וויעשקי, און דער טייוול וועט זיי נעמען!

— מער זאָל וועגן דעם נישט גערעדט ווערן! — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן, בייז ווערנדיק.

מעדוויעדיעוו האָט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען, אַוועקגעגאַנגען פון טיש און אויפגעהערט צו טרינקען. און אין ווינקל, אַראָפּגעהאָנגען דעם צעשויבערטן קאָפּ פון דער באַנק, שאַרנדיק מיט דער האַנט איבערן שמוציקן דיל, האָט ריאַבטשיקאָוו יעמערלעך אונטערגעזונגען:

דו יינגל מיינס, דו אָרים יינגל מיינס,
אוי, דו לייג אַוועק דיין קעפּעלע.
דו לייג אַוועק דיין קעפּעלע...
אי-עך! אויף דער זייט דער רעכטער מיין,
אויף דער רעכטער, אויף דער לינקער,
אויף מיין ברוסט, דער ווייסינקער.

און צונויפגיסנדיק מיט ריאַבטשיקאָווס טענאָר זיין טויבלעכן באַס, האָט אַליאָשקאַ שאַמיל, ווייבערישמעסיק, רירנדיק-קלאָגנדיק, אונטערגעהאַלטן:

אויף איר ברוסט, ווען כ'בין געלעגן,
האָב איך שווער געזיפצט, געקלאָגט,

האָב איך שווער געזיפצט, געקלאָגט,
און צום לעצטן מאָל געזאָגט:
„זיי געזעגנט, ליבע מיין,
ליבע ביטערע ווי כריין!...“

הינטערן פענסטער האָט לילאַ־פאַרביק אָנגעהויבן טאָגן, ווען די באַלעבאָסטע האָט אַריינגעפירט גריגאָריען אין צימער.

— געוויג אייך שוין אים אָנצוטרינקען! טשעפּע דיך אָפּ, טייוול! זעסט נישט, ער קאָן זיך שוין אויף די פיס נישט האַלטן, — האָט זי געזאָגט, שווער אונטערהאַלטנדיק גריגאָריען, מיט דער צווייטער האַנט אָפּשטופּנדיק יערמאַקאָוון, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ טעפּעלע סאַמאָגאָן.

— באַגריסן דעם זון־אויפגאַנג, צי וואָס? — האָט יערמאַקאָוו אונטערגעוווּנקען, זיך וואַקלענדיק, פאַרגיסנדיק פון טעפּעלע.

— נו יאָ, שלאָפן.

— דו לייג דיך אַצינד נישט מיט אים, עס וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען...

— נישט דיין עסק! דו ביסט נישט מיין שווער!

— אַ לעפל נעם דיר מיט! — האָט יערמאַקאָוו געהירזשעט, פאַלנדיק פון שיכּורן לאַכן.

— אוי־אוי, טייוול אומגעוויסנהאַפטער! זיך פאַרגאָסן די אויגנעס און פלוידערט נאַרישקייטן!

זי האָט אַריינגעשטופּט גריגאָריען אין צימער, אים געלייגט אויפן בעט, אין האַלב־טונקל מיט עקל און מיטלייד באַטראַכט זיין טויט־בלייך פּנים מיט די נישט זעענדיקע אָפענע אויגן.

— ווילסט אפשר אַ ביסל זויער טרינקען?

— שעפּ אָן.

זי האָט געבראַכט אַ גלאָז קאַלטן קערשן־זויער און, זעצנדיק זיך אויפן בעט, אָזוי לאַנג צעגומען און געגלעט גריגאָריעס פאַרפּלאָנטערטע האָר, ביז ער איז איינגעשלאָפן. זיך האָט זי אויסגעבעט אויפן אויוון לעבן מיידעלע, נאָר שלאָפן האָט זי נישט

געלאָזט איינשלאָפן. אַװעקלייגנדיק דעם קאָפּ אויפן אָרעם, האָט ער געשנאָרכט, װי אַן איבערגעשראָקן פערד, דערנאָך פלוצלינג זיך אויפגעכאַפּט, װי פון אַ שטויס, און הייזעריק געזונגען:

...און פון דער די־י־נסט אַ־היים!
אויף דער ברוסט — די שלי־פּע־לעך,
אויף די אַקסלען — די קריי־צ־צן...

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט און אין עטלעכע מינוט אַרום, װילד זיך אַרומקוקנדיק, װידער אָנגעהויבן:

און פון דער די־י־נסט אַ־היים!...

XLII

אינדערפרי, אויפװאַכנדיק, האָט גריגאָרי זיך דערמאַנט אָן שמועס מיט יערמאַקאָװן און מעדװיעדיעװן. ער איז בײנאַכט נישט געװען אַזוי שטאַרק שיכור און האָט אָן איבעריקער אָנשטרענגונג אויפגעברענגט אין זכרון די שמועסן װעגן טוישן די מאַכט. אים איז געװאָרן קלאָר, אַז דאָס קערמישל אין ליכאָװידאָװ איז אָרגאַניזירט געװאָרן מיט אַ באַשטימטן ציל: געװינען אים פאַר אַן איבערקערעניש. קעגן קודינאָװן, װעלכער האָט אָפן אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג צו גיין צום דאָניעץ און זיך פאַראייניקן מיט דער דאָנער אַרמיי, האָט זיך געװעבט אַן אינטריגע פון די לינק־געשטימטע קאָזאַקן, װאָס האָבן אין געהיים געחלומט װעגן פולשטענדיקן זיך אָפּטיילן פון דאָן און בילדן ביי זיך עפּעס ענלעכס צו אַ סאָװיעטישער מאַכט אָן קאָמוניסטן. גריגאָריען אָבער האָבן זיי געװאָלט צוציִען, נישט פאַרשטייענדיק די גאַנצע שעדלעכקייט פון אַ שפּאַלטונג אין אויפשטענדערישן לאַגער, װען דער רויטער פראָנט, װאָס האָט זיך אַ װאַקל געטון ביים דאָניעץ, האָט געקאָנט יעדע מינוט אָן אָנשטרענגונג זיי אָפּװישן צוזאַמען מיט זייערע „קריגערייען".

„קינדער־שפּיל", — האָט גריגאָרי אין געדאַנק אַ זאָג געטון און לייכט אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. אָנטועענדיק זיך, האָט ער אויפגעוועקט יערמאַקאָוון און מעדוויעדיעוון, זיי אַריינגערופן אין שטוב, פעסט פאַרמאַכט די טיר.

— אָט וואָס, ברידער: וואַרפט אייך אַרויס פון די קעפּ דעם נעכטיקן שמועס און פּלוידערט נישט מער, וואָרים אַז נישט, וועט איר שלעכט פאַרענדיקן! נישט אין דעם גייט עס, ווער עס איז דער קאָמאַנדיר. נישט אין קודינאָוון האַנדלט זיך, נאָר אין דעם, וואָס מיר זענען אין אַ רינג, מיר זענען — ווי אַ פעסל אין די רייפן. און נישט אַנדערש — מאָרגן וועלן די רייפן אונז צעדריקן. די פּוילקן דאַרפן אָוועקגיין נישט קיין וויעשקי, נאָר קיין מיגולין, קיין קראַסנאָקוטס, — האָט ער באַדייטונגספול אונטערגעשטראָכן, נישט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון מעדוויעדיעווס כמורנעם גלייכגילטיקן פּנים. — אַזוי, אַזוי, קאַמראַט, נישטאָ זיך וואָס די אויגן צו פאַרשטעלן! איר שטרענגט אַ ביסל אָן די מוחות און פאַרשטייט: אויב מיר וועלן אָנהייבן בראַקירן די קאָמאַנדירונג און דורכפירן פאַרשידענע איבערקערעניש, — וועלן מיר אומקומען. מען דאַרף — אָדער אָן די ווייסע, אָדער אָן די רויטע זיך אָנשליסן. אין מיטן קאָן מען נישט, — זיי וועלן דערשטיקן.

— דער שמועס טאָר נישט אַרויסגעטראָגן ווערן, — האָט יערמאַקאָוו אַ בעט געטון, זיך אויסדרייענדיק.

— ער וועט בלייבן צווישן אונז, נאָר מיטן באַדינג, איר זאָלט אויפהערן די קאָזאַקן צו בונטעווען. און קודינאָוו מיט זיינע עצה־געבער, מיינט איר וואָס? קיין פולע מאַכט האָבן זיי נישט, — ווי איך קען, אַזוי פיר איך אָן מיט מיין דיוויזיע. זיי זענען שלעכט, נישטאָ וואָס צו רעדן, און מיט די קאַדעטן וועלן זיי אונז ווידער צונויפשדכענען, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. נאָר ווו זאָלן מיר זיך אַהינטון? מיר האָבן קיין וועג נישט, אַלע אָדערן זענען איבערגעשניטן!

— אַזוי איז עס טאַקע... — האָט מעדוויעדיעוו טעמפּ מסכּים געווען און צום ערשטן מאָל אין פאַרלויף פון שמועס

אויפגעהויבן אויף גריגאָריען זיינע קליינע, מיט כּעס־אָנגעגאָסענע, בערישע אייגעלעך.

נאָכדעם האָט גריגאָרי נאָך צוויי מעת־לעת כּסדר געשיכּורט אין די נאָענטע כוטאָרן פון קאַרגין, אין אַ שיכּורן דריידל אוועקגעלאָזט דאָס לעבן. מיטן ריח פון בראָנפן האָט זיך דורכגעזאַפּט אפילו דער פּילץ אויף זיין זאָטל. באַבעס און מיידלעך, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער מיידלעריש בליעכץ, זענען געגאַנגען דורך גריגאָריעס הענט, טיילנדיק מיט אים די קורצע ליבע. אָבער אינדערפרי, איבערגעזעטיקט פון הייסן ליבעס־גענוס און צופעליקער פאַרווייַלונג, האָט גריגאָרי ניכטער און גלייכגילטיק, ווי וועגן אַ פרעמדן, געטראַכט: „איך האָב געלעבט און אַלץ אויסגעפּרוווט אין לעבן. ווייבער און מיידלעך ליב געהאַט, אויף גוטע פערד... עך!... סטעפּעס צעטאָפּטשעט, מיט פאָטער־ליבע זיך געפרייט און מענטשן דערהרגעט, אַליין אויפן טויט געגאַנגען און מיטן בלויען הימל זיך געקוויקט. וואָס־זשע פאַר אַ נייעס וועט מיר נאָך דאָס לעבן ברענגען? נישטאָ קיין נייעס! מען קאָן שוין שטאַרבן. נישט שרעקלעך. און אויך אין מלחמה קאָן מען זיך שפּילן, אָן ריזיקע, ווי אַ רייכער. נישט געבליבן קיין סך צו פאַרשפּילן!"

ווי אַ בלויער זוניקער טאָג איז דורכגעשווומען אין די כאַאָטישע זכרונות די קינדהייט: די שפּאַקעס אין די שטיינערנע שטייגלעך, גרישקעס באָרוועסע פיס אין הייסן שטויב, דער מאַיעסטעטיש־פאַרגליווערטער דאָן און די גרינע ראַנדן פון וואַלד, וואָס שפּיגלען זיך אין וואַסער, די קינדערישע פּנימער פון די חברים, די יונגע שטאַלטנע מאַמע... גריגאָרי האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט דער האַנט, און פאַר זיין גייסטיקן בליק זענען דורכגעגאַנגען באַקאַנטע פּנימער, געשעענישן, טיילמאָל אומבאַדייטנדיקע, אָבער וואָס האָבן צוליב עפּעס שטאַרק זיך איינגעזויגן אין זכּרון, עס האָבן געקלונגען אין זכּרון פאַרגעסענע קולות פון פאַרלוירענע מענטשן, אָפּגעריסענע רייד, פאַרשידנאַרטיק לאַכן. דער זכּרון האָט געוואָרפן אַ שטראַל פון די דערינערונגען אויף אַ לאַנג־פאַרגעסע־

נעם, אַמאָל־געזעענעם פייזאַזש, און פּלוצלינג האָט פאַר גריגאָריען אַ בלענד געטון — אַ סטעפּישער מרחק, אַ זומערדיקער של אַך, אַן אַרבע, דער טאַטע אויפן פעדערשטן געזעס, אָקסן, פעלד אין גאָלדיקן שטעכיקן שטרוי פון דער אָפּגעשניטענער תבואה, אַ שוואַרצע טשאַטע גאַפּעס אויפן וועג... גריגאָרי האָט אין די געדאַנקען, פאַרפּלאָנטערטע ווי די ברעגן פון אַ נעץ, איבערגעמישט דאָס איבערגעלעבטע, זיך אָנגעשטויסן אין דעם ערגעץ־אַוועקגעגאַנגענעם, נישט צוריקקערנדיקן לעבן אויף אַקסיניען, געטראַכט: „ליבינקע דו! אומפאַרגעסלעכע!” — און מיט עקל זיך אָפּגערוקט פון דער פרוי, וואָס איז געשלאָפן לעבן אים, געזיפצט, מיט אומגעדולד געוואַרט, ס'זאָל שוין טאָג ווערן, און ווי נאָר די זון האָט אָנגעהויבן מיט מאַלינע־געניי, מיט גאָלדענעם שעך אויסצוהעפטן דעם מזרח, — איז ער אויפגעשפּרונגען, זיך אָפּגעוואַשן, געאײַלט צום פערד.

XLIII

ווי אַ סטעפּישע אַלץ־אויפפרעסנדיקע שרפה האָט זיך צעפלאַקערט דער אויפשטאַנד. אַרום די נישט־אונטערטעניקע סטאַניצעס האָט זיך פאַרשלאָסן דער שטאָלערנער רינג פון די פראָנטן. דער שאָטן פון גורל איז געלעגן, ווי אַ חתימה אויף די מענטשן. די קאָזאַקן האָבן זיך געשפּילט מיטן לעבן, ווי מען שפּילט אין „קאָפּ און שלאַק”, און נישט קיין קלײנער צאָל איז אויסגעפאַלן „שלאַק”. די יונגע האָבן שטורמיש זיך ליב געהאַט, די עלטערע האָבן געטרונקען סאַמאָגאָן ביז שיכּרות, געשפּילט אין קאָרטן אין געלט און קוילן (דערבײַ זענען די קוילן געשאַצט געוואָרן צום טײַערסטן), געפאָרן אַהיים אויף אורלויב, כּדי כאָטש אויף אַ מינוט, אַוועקשטעלנדיק די אָפּגעקראָכענע ביקס בײַ דער וואַנט, צו נעמען אין דער האַנט אַרײַן אַ האַק אָדער הובל, זיך גײַסטיק אָפּצורוען, פאַרפלעכטנדיק מיט דופטנדיקע נאָדל־צווײַגן דעם

פאַרקן אָדער צוגרייטנדיק די בראָנע אָדער אַרבע צו דער פרי־לינגס־אַרבעט. און אַ סך, טועם זייענדיק פון פרידלעכן לעבן, האָבן זיך אומגעקערט שיכּורע אין זייערע אָפּטיילונגען, און אויס־ניכטערנדיק זיך, אין כּעס אויפן „שווערן לעבן", אין פּיסגייערי־שער מאַרש־אָרדענונג געגאַנגען אין אַטאַקע, אָפּן, קעגן די קוילנ־וואַרפער, אָדער, אָנגעצונדן פון צאָרן, אין פאַרביסנקייט זיך גע־טראָגן, נישט פילנדיק די פיס אונטער זיך, אין נאַכטיקן אָנגריף, און, פאַרכאַפּנדיק געפאַנגענע, אומרחמנותדיק, מיט אוראַלטער ווילדקייט זיך פריילעך געמאַכט איבער זיי, שווינענדיק קוילן, צע־האַקנדיק מיט די שווערדן.

און דער פרילינג האָט אין דעם יאָר געלויכטן מיט זעלטע־נע פאַרבן. דורכזיכטיקע, ווי גלעזערנע און מילד־לויטערע זענען געשטאַנען די אַפּריל־טעג. איבערן אומדערגרייכבאַרן בלויען פּו־נאַנדערגוס פון די הימלען זענען געשוווּמען, געשוווּמען, אַוועקגע־שוווּמען אויף צפון, איבעריאָגנדיק די וואָלקנס, טשאַטעס ווילדע גענז, חברותות בושלען מיט קופּער־קלינגעדיקע קולות. איבערן בלייך־גרינעם טעפּיך פון סטעפּ, ביי די סטאַוון, האָבן ווי פונאַנ־דערגעוואָרפענע פערל געלויכטן שוואַנען, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אונטערפיטערן. פון די פּאַשע־ערטער ביים דאָן האָט זיך געטראָגן אַ פויגלישער גענגעריי, אויסגעשרייען. איבער די פאַרטרונקענע לאָנקעס, אויף די נישט פאַרגאָסענע בייטן האָבן זיך איבערגעשריגן, זיך גרייטנדיק צום אַוועקפליִען, גענז, אין די פאַרוואַקסענע ערטער האָבן אומאויפהערלעך געשריגן, באַהערש־טע פון ליבע־עקסטאַז, די קוטשערס. אויף די ווערבעס האָבן גע־גרינט די קיזשעלעך, מיט קלעפּיקע דופטנדיקע קנאָספּן האָבן אויפ־געטויכט די טאָפּאָל־ביימער. מיט זעלטענעם כּישוף האָט געאָטעמט דער סטעפּ, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס צעגרינט און איז געווען דורכגעדרונגען מיטן אוראַלטן ריח פון דער נאָר־וואָס אויפגעטייע־טער שוואַרץ־ערד און אייביק־יונגן פרישן גראָז.

די מלחמה אין אויפשטאַנד איז געווען ליב מיט דעם, וואָס איטלעכער קעמפער האָט געהאַט ביי דער זייט זיין היימישע כאַטע.

איז נמאס געוואָרן צו גיין אין אויסשפּירונג און פאַרשטעקן זיך ערגעץ אויף אַ וואָך־פאָסטן, איז נמאס געוואָרן זיך אַרומצושלעפּן איבער די בערגלעך און טאָלן, — האָט דער קאָזאַק זיך אָפּגע־בעטן ביים סאָטניע־קאָמאַנדיר, אַהיימגעפאָרן און, אָנשטאָט זיך, געשיקט אויפן מיליטערישן פערד דעם אַלטן זיידן אָדער קוים־אונ־טערגעוואַקסענעם זון. די סאָטניעס האָבן תּמיד געהאַט אַ פולע צאָל קעמפער און פליסנדיקן קאָמפּלעט. טייל זענען אויך געפאַלן אויף אַזאַ קלוג שפּיצל: ווי נאָר די זון האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּ־לאָזן אויף מערב — איז מען אַרויסגעריטן פון אָרט, וווּ די סאָטניע איז געשטאַנען, פעסט אַ טרייב געטון דאָס פערד אין גאַלאָפּ און, דורכמאַכנדיק אַ וויאָרסט דרייסיק, טיילמאָל אַפילו פערציק, מיטן אויסשטראַלן פון דער שקיעה שוין געווען אינדערהיים. נאָכן דורכשלאָפן די נאַכט מיטן ווייב אָדער געליבטער, האָט מען נאָכן צווייטן קרייען פון די הענער געזאָטלט דאָס פערד, און איידער דער מאָרגנשטערן האָט זיך אויסגעלאָשן — איז מען ווידער גע־ווען אין דער סאָטניע.

אַ סך פריילעכע חברהלייט האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנפרייען מיט דער מלחמה, נישט ווייט פון די היימישע פאַרקנס. „עס איז גאָרנישט כדאי צו שטאַרבן!" — האָבן זיי זיך געוויצלט, אָפּט באַזוכנדיק די ווייבער.

די אָנפירונג האָט באַזונדערס מורא געהאַט פאַר דעזערציע אין אָנהייב פון דער פעלד־אַרבעט. קודינאָוו איז ספּעציעל אַרומ־געריטן איבער די טיילן און מיט אַנטשלאָסנקייט, נישט ווי זיין טבע איז געווען, געמאָלדן:

— זאָלן בעסער אויף אונזערע פעלדער די ווינטן זיך פאַ־שען, זאָל בעסער קיין איין קערנדל אין דער ערד נישט אַריינגע־וואָרפן ווערן, און געבן אורלויב די קאָזאַקן דערלויב איך נישט! די, וואָס וועלן פרייוויליק אַוועקרייטן, וועלן מיר שמייסן און דערשיסן!

XLIV

און נאָך אין איין שלאַכט הינטער קלימאָווקע איז אויסגעקומען גריגאָריען זיך צו באַטייליקן. מיטאָג־צייט האָט בײַ די לעצטע הייף זיך אַנטוויקלט אַן איבערשיסונג. אין אַ ווײַלע אַרום זענען קיין קלימאָווקע אַרײַנגעגאַנגען די רויטאַרמייאישע טיראַליערן. אויפן לינקן פליגל האָבן אין שוואַרצע בלוזעס ריטמיש זיך באַוועגט מאַטראָזן — דער עקיפּאַזש פון עפּעס אַ שיף פון באַלטישן פלאָט. מיט אַ דרייסטער אַטאַקע האָבן זיי אַרויסגעשטויסן פון כוטאָר די צוויי סאָטניעס פון קאַרגינער אויפשטענדערישן פּולק, זיי אָפּגעשטופּט איבערן טאָל צו וואַסיליעווסק.

ווען דער איבערגעוויכט האָט אָנגעהויבן זיך נייגן אין דער זייט פון די רויטאַרמייער, האָט גריגאָרי, זיך צוקוקנדיק צו דער שלאַכט פון אַ בערגל, אַ פּאָכע געטון מיט דער הענטשקע צו פּראָכאָר זיקאָוון, וועלכער איז געשטאַנען מיט זיין פערד לעבן אַ צוויי־רעדערדיק אַמוניציע־וועגעלע. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל, געמיטן דעם טאָל און אין האַסטיקן גאַלאָפּ אַוועק צום באַרג־אַראָפּ קיין גוסינקע. דאָרט — האָט ער געוווּסט — פאַרבאָרגן אין די לעוואַדעס, געפינט זיך אין רעזערוו די רייטער־סאָטניע פון צווייטן פּולק. איבער גערטענער און פּאַרקנס האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום אָרט, ווו די סאָטניע איז געשטאַנען. דערזעענדיק פונווייטנס די אַראָפּגעשטיגענע קאָזאַקן און אָנגעבונדענע פערד, האָט ער אַרויסגעכאַפּט די שווערד און אַ געשריי געטון:

— אויף די פערד!

צווייהונדערט רייטער האָבן אין אַ מינוט צענומען די פערד. דער סאָטניע־קאָמאַנדיר איז אַקעגנגעריטן גריגאָריען.

— מיר טרעטן אַרויס?

— שוין לאַנג צייט געווען! דו געזעצסט דאָ! — גריגאָרי האָט אַ פינקל געטון מיט די אויגן.

פאַרהאַלטנדיק דאָס פערד, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען און, ווי אויף להכעיס, זיך פאַרזוימט ביים שטייפערן פאַרציִען די רימענס פון זאָטל (דאָס נאַסע און צעהיצטע פערד האָט זיך געדרייט און נישט געלאָזט פאַרציִען דעם רימען איבערן זאָטל-קישן, זיך געבלאָזן, געבורטשעט מיטן אינגעווייד און, ביז שטשירענדיק די ציין, זיך באַמיט זייטיק אַ זעץ צו טון גריגאָריען מיט דער ברוסט). גוט באַפעסטיקט דאָס זאָטל, האָט גריגאָרי אַריינגעשטעקט דעם פוס אין רייט-אייזן; נישט קוקנדיק אויפן צעמישטן סאָטניע-קאָמאַנדיר, וואָס האָט זיך איינגעהערט אין דער צעוואַקסענער שיסעריי, האָט ער אַ זאָג געטון:

— מיט דער סאָטניע וועל איך אָנפירן. ביזן אַרויסרייטן פון כוטאָר אין געטיילטע רייען, מאַרש!

נאָכן כוטאָר האָט גריגאָרי פונאַנדערגעשיט די סאָטניע אין אַ לאַווע, אַ פרווו געטון צי די שווערד לאָזט זיך לייכט אַרויסציִען פון דער שייד; זיך אָפּטיילנדיק פון דער סאָטניע אויף אַ דרייסיק קלאַפטער, האָט ער אין גאַלאָפּ זיך אַוועקגעלאָזט קיין קלימאָווקע. אויפן שפּיץ-בערגל, וואָס האָט מיט דער דרומדיקער זייט זיך אַראָפּגעלאָזט קיין קלימאָווקע, האָט ער אויף אַ רגע פאַרהאַלטן דאָס פערד און זיך איינגעקוקט. איבערן כוטאָר זענען רייטנדיק און צופוס געלאָפן די אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער און עס האָבן אין גאַלאָפּ זיך געטראָגן די צוויי-רעדערדיקע וועגעלעך און ברישקעס פון טאַבאָר פון דער ערשטער ליניע. גריגאָרי האָט זיך האַלב אויסגעדרייט צו דער סאָטניע:

— די שווערדן אַרויס! אין אַטאַקע! ברידער, נאָך מיר!... — ער האָט לייכט אַרויסגעכאַפּט די שווערד, דער ערשטער אויסגעשריגן: — אוראַ-אַ-אַ!... — און, פילנדיק אַ שוידער און באַקאַנטע לייכטקייט אין גאַנצן קערפּער, האָט ער אַ טרייב געטון דאָס פערד. אין די פינגער פון דער לינקער האַנט האָבן געציטערט, אָנגעצויגענע ווי אַ סטרונע, די לייצן, די אויפגעהויבענע קלינג איבערן קאָפּ האָט מיט אַ פייפעריי געשניטן דעם שטראָם פון קעגנאיבערדיקן ווינט.

אַ גרויסער, ווייסער, אין פרילינג-ווינט זיך קנוילנדיקער וואָלקן האָט אויף אַ ווײלע פאַרשטעלט די זון און, איבעריאָגנדיק גריגאָריען, איז מיט פלומרשטער פאַמעלעכקייט איבערן בערגל געשוואומען אַ גרויער שאָטן. גריגאָרי האָט איבערגעפירט דעם בליק פון די זיך דערנענטערנדיקע קלימאָווער הייף אויף דעמדאָזיקן איבער דער גרויער, נישט אויסגעטרוקנטער ערד זיך גליטשנדיקן שאָטן, אויפן ערגעץ-ווו פאָרויס-אַנטלויפנדיקן, פריידיקן שטרייף ליכט. אַן אומקלאָרער, אַן אומבאַגרייפלעכער פאַרלאַנג האָט אים פלוצלינג באַהערשט צו דעריאָגן דאָסדאָזיקע איבער דער ערד לויפנדיקע ליכט. צודריקנדיק דאָס פערד, האָט גריגאָרי עס אַ טרייב געטון מיטן גאַנצן אימפעט — און ליגנדיק דערויף, זיך אַנגעהויבן דערנענטערן צום פליסנדיקן ראַנד, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס ליכט פון שאָטן. עטלעכע רגעס פון פאַרצווייפלטן גאַלאָפּ — און אָט איז שוין דער אויסגעשטרעקטער קאָפּ פון פערד באַשיט מיט דער זריעה פון די ליכט-טראָגנדיקע שטראַלן און זיין געלע פעל האָט פלוצלינג אויפגעפלאַמט מיט אַ העלן בלענדנדיקן גלאַנץ. אין מאָמענט, ווען גריגאָרי איז אַריבערגעשפרונגען דאָס אומבאַדייטנדיקע שטיקל שאָטן פון וואָלקן, האָבן פון געסל זיך צעקנאַלט שאָסן. דער ווינט האָט האַסטיק געטראָגן אָפּגעריסענע קלאַנגען, דערנענטערנדיק און פאַרשטאַרקנדיק זיי. נאָך עפּעס אַן אומקלאָרער אויגנבליק — און גריגאָרי האָט דורכן פויקן פון זיין פערדס קאָפּיטעס, דורכן פייפעריי פון די קוילן און ווינט אין זיינע אויערן אויפגעהערט הערן דאָס גערויש פון דער סאָטניע, וואָס האָט זיך געטראָגן הינטער אים. פון זיין געהער איז ווי אַרויסגעפאַלן דאָס שווערע, איינשרומפנדיקע טופּען פון דער מאַסע פערד, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דעם ווייכן באָדן, — ווי עס וואָלט אָנגעהויבן זיך דערווייטערן און אויסלעשן. אין דעם מאָמענט האָט די קעגנאייבערדיקע שיסעריי אויפגעפלאַקערט ווי אַ שייטער, אין וועלכן מען האָט צוגעוואָרפן טרוקענע שפּענדלעך: עס האָבן זיך צעוואָיעט מחנות קוילן. אין צעטומלטקייט, אין שרעק, האָט גריגאָרי זיך אומגעקוקט. פאַרלוירנקייט און כעס האָבן קאָנוולסיוו צעקרימט

ויין פנים. די סאָטניע, אויסדרייענדיק די פערד, פאַרלאָזנדיק אים, גריגאָריען, האָט גאַלאָפּירט צוריק. נישט ווייט האָט דער קאָמאַנדיר זיך געדרייט אויפן פערד, אומגעלומפּערט געפּאָכעט מיט דער שווערד, געוויינט און עפּעס געשריגן מיט אַן אָפּגעריסן הייזעריק קול. בלויז צוויי קאָזאַקן האָבן זיך דערנענטערט צו גריגאָריען און אויך פּראָכאָר זיקאָוו, וועלכער האָט האַסטיק אויסגעדרייט דאָס פערד און צוגעריטן צום סאָטניע-קאָמאַנדיר. די איבעריקע האָבן צעשיטערהייט גאַלאָפּירט צוריק, אַראָפּלאָזנדיק די שווערדן אין די שיידן, אַרבעטנדיק מיט די ראַפּניקעס.

בלויז אויף איין רגע האָט גריגאָרי פאַרהאַלטן דאָס לויפן פון פערד, באַמיִענדיק זיך קלאָר צו מאַכן, וואָס ס'איז פאָרגעקו-מען פון הינטן, פאַרוואָס די סאָטניע, נישט ליידנדיק קיין פאַרלוסט, האָט פּליצלינג אָנגעהויבן אַנטלויפן. און אין דעם קורצן אויגנבליק האָט דאָס באַוווסטזיין אונטערגעזאָגט: נישט אויסדרייען, נישט אַנטלויפן — נאָר פאָראויס! ער האָט געזען, אַז אין געסל, אויף אַ הונדערט קלאַפטער פון אים, הינטערן פאַרקן, האָבן לעבן אַ וועגעלע מיט אַ קוילנוואַרפער זיך געפּאָרעט אַ מאַן זיבן רויטאַר-מייער. זיי האָבן זיך באַמיט אויסצודרייען דאָס וועגעלע מיט דער לופע פון קוילנוואַרפער אויף די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיי אַטאַקירט, נאָר דאָס איז זיי אין שמאָלן געסל אַפּנים נישט געלונגען: דער קוילנוואַרפער האָט געשוויגן און אַלץ זעלטענער האָבן געקנאַלט די ביקסן-שאָסן, אַלץ זעלטענער איז גריגאָריעס גהער אָפּגעבריט געוואָרן דורכן הייסן פייפן פון די קוילן. אויסגלייכנדיק דאָס פערד, האָט גריגאָרי געצילט אַריינצושפּרינגען אין געסל איבערן אומ-געוואָרפענעם פאַרקן, וואָס האָט אַמאָל פאַרצוימט די לעוואַדע. ער האָט אָפּגעריסן דעם בליק פון פאַרקן און עפּעס פּלוצלינג און דייטלעך, ווי צוגעצויגן דורך אַ לאָרנעטע, דערזען שוין נאָענט פון זיך די מאַטראָזן, וואָס האָבן אייליק אויסגעשפּאַנט די פערד, זייערע שוואַרצע, מיט בלאָטע באַשפּריצטע בלוזעס, די היטלען אָן די דאַשקעס, שטייף-אָנגעטוענע, וואָס האָבן מאָדנע פאַרקיילעכיקט זייערע פּנימער. צוויי האָבן איבערגעהאַקט די שטריק, דער דרי-

טער, דעם קאָפּ אַרייַנגעצויגן צווישן די אַקסלען, האָט זיך געפּאָרעט ביים קאָרפּוס פון קוילנוואַרפער, די איבעריקע, שטייענדיק אויף איין קני, האָבן געשאָסן אויף גריגאָריען פון די ביקסן. צוּרייטנדיק, האָט ער געזען, ווי זייערע הענט האָבן געריקט די שלעסער פון די ביקסן און געהערט די שאַרפע כסדרדיקע שאָסן. די שאָסן האָבן אַזוי האַסטיק געיאָגט איינע די אַנדערע, די קאָלבעס זענען אַזוי שנעל אָפּגעשפּרונגען און זיך צוגעדריקט צו די אַקסלען, אַז גריגאָריען, וועלכער איז אינגאַנצן נאַס געווען פון שווייס, האָט אָפּגעבריט אַ פריידיקע זיכערקייט: „זיי וועלן נישט טרעפן!"

דער פאַרקן האָט אַ קנאַק געטון אונטערן פערדס קאָפּיטעס, געבליבן פון הינטן. גריגאָרי האָט אויפגעהויבן די שווערד, מיט פאַרשמעלטע אויגן אויסקלויבנדיק דעם פעדערשטן מאַטראָז. נאָך איין אויסברוך פון שרעק האָט אים אַ ברי געטון ווי אַ בליץ: „זיי וועלן גלייך טרעפן... דאָס פערד — אויף די הינטערשטע פיס... וועט זיך איבערקערן... זיי וועלן דערהרגענען!..." שוין צוויי שאָסן פון דער נאָענט, ווי פונווייטנס — אַן אויסגעשריי: „מיר וועלן אים נעמען אַ לעבעדיקן!" פאָראויס — אויסגעשטשירעטע ציין פון אַ מענעריש פנים מיט אַ גאָלן קאָפּ, פלאַטערנדיקע בענדלעך פון אַ היטל אָן אַ דאַשעק, מאַט גאָלד פון אַן אָפּבלייזקייטן אויפשריפט אויף אַ לאַמפּאַס... אַ שטעל זיך אויף די רייט-אייזנס, אַ פאַרמעסט — און גריגאָרי פילט, ווי די שווערד פאַרזינקט אין ווייכן נאָכגיביקן קערפּער פון מאַטראָז. דער צווייטער, אַ ברייטגופיקער און הויכער, האָט באַוויזן דורכצושיסן גריגאָריען דעם מוסקול פון לינקן אָרעם און גלייך געפאַלן אונטער פראָכאָרזיקאָוויס שווערד מיט אַ קרום-דורכגעהאַקטן קאָפּ. גריגאָרי האָט זיך אויסגעדרייט אויפן נאָענטן קנאַק פון אַ ביקסן-שאָס. גלייך אים אין פנים אַריין האָט געקוקט פון אונטערן וועגעלע אַפער דאָס שוואַרצע אייגל פון אַ ביקסן-לופע. ער האָט האַסטיק זיך אַ וואָרף געטון לינקס, אַזוי, אַז דאָס זאָטל האָט זיך אַ בייג געטון און דאָס שנאַרכנדיקע, ווילד-געוואָרענע פערד האָט זיך אַ וויג געטון. ער האָט אויסגעמיטן דעם טויט, וואָס האָט זיך צעזייפּט איבער זיין קאָפּ,

און אין מאָמענט, ווען דאָס פערד איז איבערגעשפרונגען דעם דישעל פון וועגעלע, דערהרגעט דעם שיסנדיקן, וואָס זיין האַנט האָט נישט באַוויזן די צווייטע קויל מיטן צינגל ארויסצוציאָגן.

אין אַן אומבאַגרייפלעך קורצן אויגנבליק (שפּעטער האָט דער אויגנבליק אין גריגאָריעס באַוווסטזיין זיך פאַרקערפּערט אין אַ לאַנגן צייט-אָפּשניט) האָט ער דערהרגעט פיר מאַטראָזן, און נישט האָרכנדיק פּראָכאָר זיקאָווס אויסגעשרייען, אַוועקגאַלאָפּירט נאָכן פינפטן, וואָס איז פאַרשוווּנדן הינטערן ראָג פון געסל. אָבער דער סאָטניע-קאָמאַנדיר איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און אָנגע-כאַפּט זיין פערד ביי דער צוים.

— וווהין?! זיי וועלן דערהרגענען!... דאָרט, הינטער דער שאָפע, האָבן זיי אַ צווייטן קוילנוואַרפער!

נאָך צוויי קאָזאַקן מיט פּראָכאָרן זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, צוגעלאָפן צו גריגאָריען, מיט קראַפט אים אַראָפּ-געשלעפּט פון פערד. ער האָט זיך געוואָרפן אין זייערע הענט, געשריגן:

— לאָזט מיך, שלאַנגען!... די מאַטראָזן... אַלע!... איך דערהרררגע!...

— גריגאָרי פאַנטעלעוויטש! חבר מעליעכאָוו! באַהערשט אייך! — האָט פּראָכאָר זיקאָוו אים איינגערעדט.

— לאָזט מיך, ברידער! — האָט גריגאָרי שוין אַנדערש, מיט אַ געזונקען קול זיך געבעטן.

מען האָט אים אָפּגעלאָזט. דער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט איינגערוימט פּראָכאָרן:

— זעץ אים אַרויף אויפן פערד און — אַוועק קיין גוּ-סינקע, — ער איז, משמעות, קראַנק געוואָרן.

און אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען צום פערד, אַרויסגעגעבן אַ קאָמענדע דער סאָטניע:

— אויפפּפּ-זיצן!...

גריגאָרי האָט אַ וואָרף געטון אויפן שניי די פּאַפּאַכע, גע-שטאַנען אַ ווײַלע, זיך וואַקלענדיק, און פּלוצלינג אַ סקריפּע גע-

טון מיט די ציין, שרעקלעך אַרויסגעקרעכצט און מיט אַ צעקרימטס פּנים אַנגעהויבן רייסן אויף זיך די האָקלען פון שינעל. דער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט נישט באַוויזן צו מאַכן קיין טריט צו אים, ווי גריגאָרי האָט זיך אַ וואָרף געטון, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, מיטן פּנים אַראָפּ, מיט דער אַנטבלויזטער ברוסט אין שניי אַריין. שלוכצנדיק, טרייסלענדיק זיך פון שלוכצן, האָט ער ווי אַ הונט אָנגעהויבן כאַפּן מיטן מויל דעם שניי, וואָס איז נאָך נישט צעגאַנגען הינטערן פּאַרקן. דערנאָך, אין עפּעס אַ מינוט פון וווּנדערלעכער אויפלייכטונג, האָט ער געפּרווּוט אויפשטיין, נאָר נישט געקאָנט און, אויסדרייענדיק זיך מיטן פּנים, נאַסן פון טרערן און צעקרימטן פון ווייטיק, צו די אַרום אים פאַרזאַמלטע קאָזאַקן, האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ צעריסן, ווילד-אָפּקלינגענדיק קול:

— וועמען-זשע האָב איך געהרגעט!... — און איז צום ערשטן מאָל אין לעבן אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער קאָנווולסיע, אויסשרייענדיק, אויס שפּייענדיק צוזאַמען מיט דער שוים, וואָס האָט זיך געזאַמלט אויף זיינע ליפּן: — ברידער, נישטאָ פאַר מיר קיין פאַרגעבונג!... דערהרגעט מיך, ווי גאָט איז אייך ליב... אין דער מאַמען אַריין... דעם טויט... גיט מיך איבער...

דער סאָטניע-קאָמאַנדיר איז צוגעלאָפן צו גריגאָריען, צוזאַמען מיטן אונטעראָפיציר זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, אָפּגעריסן פון אים דעם רימען פון דער שווערד צוזאַמען מיטן פעלד-טאַש, פאַרשטופּט דאָס מויל, צוגעדריקט די פיס. אָבער ער האָט נאָך לאַנג זיך אויסגעבויגן ווי אַ דוע אונטער זיי, פיבערהאַפט געגראָבן מיט די אויסגעשטרעקטע פיס אין קערניקן שניי און קרעכצנדיק געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער פעטער שוואַרצערד, אויפגעגראָבענער דורך די קאָפּיטעס, אויף וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן און געלעבט, נעמענדיק אין דער פולער מאָס פון לעבן — דעם רייכן אין ליידן און אָרימען אין פריידן — אַלץ, וואָס אים איז באַשערט געווען.

בלויז דאָס גראָז וואַקסט אויף דער ערד, גלייכגילטיק אויפ-

נעמענדיק זון און שלעכט וועטער, זיך דערנערנדיק מיט די באַלעבנדיקע זאַפטן פון דער ערד, אונטערטעניק זיך בייגנדיק אונטערן פאַרלענדנדיקן אָטעם פון שטורעם. און דערנאָך, וואַרפנדיק די זריעה אויפן ווינט, שטאַרבט עס אויך אַזוי גלייכגילטיק, מיט די אָפּגעלעבטע שטענגלעך באַגריסנדיק די האַרבסט-זון, וואָס זאָגט פאָר דעם טויט...

XLV

צומאָרגנס, איבערגעבנדיק די אָנפירונג איבער דער דיוויזיע איינעם פון זיינע פּולק-קאָמאַנדירן, איז גריגאָרי, אין דער באַגלייטונג פון פּראָכאָר זיקאָוו, אַוועקגעריטן קיין וויעשענסק.

נאָך קאַרגין, אין ראָגאָזשקינער סטאַוו, וואָס ליגט אין אַ טאָל, זענען געדיכט אַרומגעשוואומען ווילדע גענז, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו. פּראָכאָר האָט אָנגעוויזן מיטן ראַפּניק אין דער ריכטונג פון סטאַוו און אַ שמייכל געטון:

— מען וואָלט געדאַרפט, גריגאָר פּאַנטעלעיעוויטש, אַוועקלייגן אַ ווילדן גאָנער. וואָלטן מיר זיך דאָס ביי אים סאַמאָגאָן אָנגעטרינקען!

— לאָמיר צורייטן נענטער, איך וועל פּרוּוון פון דער ביקס. איך האָב אַמאָל נישט שלעכט געשאָסן.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל. הינטער דער שיפּוע פון אַ בערגל איז פּראָכאָר שטיין געבליבן מיט די פערד, און גריגאָרי האָט אויסגעטון דעם שינעל, אָנגעשטעלט די ביקס אויפן פאַרהיטער און אָנגעהויבן קריכן איבערן פלאַכן טאָל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט פאַראָיאָריקן גרויען סטעפּ-גראָז. ער איז געקראָכן לאַנג, כמעט נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ; געקראָכן ווי אין אויסשפּירונג צום שונאס וואַך-פּאָסטן, ווי דעמאָלט, אויפן דייטשישן פראָנט, ווען ער האָט לעבן סטאָכאָד אַראָפּגענומען אַ דייטשישן וואַך-זעלנער. די אָפּבליאַקירטע בלוזע פון האַקי-קאָליר

האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער גרינלעך-גרויער קאָליר פון באָדן; די געוויקסן פון טאָל האָבן פאַרשטעלט גריגאָריען פאַר די שאַרפע אויגן פון וואַכזאַמען גאָנער, וואָס איז געשטאַנען אויף איין פוס ביים וואַסער, אויפן ברוינעם בערגל פון אָנגעפלייצטן פרילינגשלאַם. גריגאָרי איז צוגעקראָכן אויפן שטח פון אַ נאָענטן שאָס׳ זיך עטוואָס אונטערגעהויבן. דער וואַכזאַמער גאָנער האָט אויסגעדרייט דעם, ווי שטיין גרויען, שלאַנג-פאָרמיקן קאָפּ, זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט. הינטער אים זענען ווי אַ גרוילעך-שוואַרץ טוך געווען אויסגעשפּרייט איבערן וואַסער די גענז, אויסגעמישט מיט קאַטשקעס און באַטשופּרינטע טויך-הינער. אַ שטיל געגעריי, אַ קוואַקען, אַ פּליעסקען פון וואַסער האָט זיך דערטראָגן פון סטאַוו.

„מען קאָן פון געוויינטלעכן ציל״, — האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צודריקנדיק צום אַקסל די קאָלבע פון דער ביקס, נעמענדיק דעם וואַכזאַמען גאָנער אויפן ציל.

נאָכן שאָס איז גריגאָרי אויפגעשפּרונגען, פאַרטייבט פון פּאַטשן פון די פליגל, געגעגען פון דער סטאַדע געגנז. דער גאָנער, אין וועלכן ער האָט געשאָסן, האָט פלינק זיך אַ הייב געטון און גענומען פליִען אַלץ העכער און העכער, די איבעריקע זענען געפלויגן איבערן סטאַוו, זיך קנוילנדיק אין אַ געדיכטער קופּע. דער באַטריבטער גריגאָרי האָט אין דער אויפגעפלאַטערטער סטאַדע גלייך אַריינגעשאָסן נאָך צוויי מאָל, נאָכגעפּאָרשט מיטן בליק, ציוועלכע פאַלט נישט, און אַוועקגעגאַנגען צו פּראָכאָרן.

— זע! זע!... — האָט יענער אויסגעשריגן, אַרויפשפּרינגענדיק אויפן זאָטל, שטייענדיק דערויף אין דער גאַנצער וווּקס, אָנווייזנדיק מיטן ראַפּניק אין דער ריכטונג פון דער סטאַדע געגנז, וואָס האָט זיך דערווייטערט אין בלויען חלל.

גריגאָרי האָט זיך אויסגעדרייט און אַ ציטער געטון פון פרייד, פון יעגערישער אויפרעגונג: איין גאַנז, זיך אָפּטיילנדיק פון דער שוין פאָרמירטער סטאַדע, האָט אָנגעהויבן שנעל זיך אַראָפּלאָזן, פּאַמעלעך און מיט הפסקות אַרבעטנדיק מיט די פליגל, זיך שטעלנדיק אויף די שפּיץ פינגער, אויפהייבנדיק די האַנט אי-

בער די אויגן, האָט גריגאָרי איר נאָכגעפּאָרשט מיטן בליק. די גאַנץ איז געפלויגן זייטיק פון דער בהלהדיק־צעשריגענער סטאַדע, פאַמעלעך זיך אַראָפּלאָזנדיק, שוואַכער ווערנדיק אין פליִען, און פלוצלינג פון אַ גרויסער הייך ווי אַ שטיין אַנגעהויבן פאַלן אַראָפּ. בלויז דער ווייסער אונטערשלאַג פון פליגל האָט אַ בלענד געטון אויף דער זון.

— זיץ אויף!

פּראָכאָר, מיט אַ שמייכל איבערן גאַנצן פּנים, איז צוגעריטן און אַ וואָרף געטון די לייץ גריגאָריען. זיי זענען אין גאַלאָפּ אַרויף אויפן בערגל, דורכגעריטן אַן אַכציק קלאַפטער.

— אָט איז ער!

דער גאָנער איז געלעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז, מיט אויסגעשפּרייטע פליגל, ווי אַרומנעמענדיק דידאָזיקע אומפּריינטלעכע ערד צום לעצטן מאָל. גריגאָרי, נישט אַראָפּגייענדיק פון פערד, האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען דאָס רויב.

— ווו־זשע האָט זי אים אַ ביס געטון? — איז פּראָכאָר נייגיריק געווען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קויל האָט דורכגעהאַקט דעם גאָנער די אונטערשטע כייל שנאָבל, אַרויסגעשטופּט דעם ביין ביים אויג. דער טויט האָט אים שוין אין פליען דערגרייכט און אַרויסגעריסן פון פאַרמירטן דרייעק פון דער סטאַדע, אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד.

פּראָכאָר האָט צוגעבונדן דעם גאָנער צום זאָטל. זיי זענען אָוועקגעריטן.

איבערן דאָן האָבן זיי זיך אַריבערגעשיפט אין אַ באַרקע, איבערלאָזנדיק די פערד אין באַזקי.

אין ווישענסק האָט גריגאָרי זיך אָפּגעשטעלט אין דער וווינונג פון אַ באַקאַנטן אַלטן, באַפוילן גלייך אָפּצובראָטן דעם גאָנער און, נישט מעלדנדיק זיך אין שטאַב, געשיקט פּראָכאָרן נאָך סאַמאָגאָן. זיי האָבן געטרונקען ביז אָוונט. אין שמועסן האָט דער באַלעבאָס זיך אַרויסגערעדט מיט אַן אָנקלאַגע.

— שוין צו פיל געוואַלד, גריגאָרי פּאַנטעלעוויטש, האָט די אָנפירערשאַפט ביי אונז אין וויעשקי אָנגעהויבן באַנוצן.

— וועלכע אָנפירערשאַפט?

— די עכטע טאַקע... קודינאָוו און די איבעריקע.

— וואָס איז?

— די פרעמד־באַזעסענע האַלטן זיי אין איין אונטערדריקן. ווער ס'איז מיט די רויטע אַוועקגעגאַנגען, זעצן זיי פון זייערע פאַמיליעס איין די ווייבער, די מיידלעך, די אַלטע לייט. מיין שכנטע האָט מען צוליבן זון איינגעזעצט. און דאָס האָט גאָר קיין זינען נישט. נו, ווען איר אַ שטייגער וואָלט מיט די קאַדעטן אויף דער צווייטער זייט דאָניעץ אַוועקגעגאַנגען און די רויטע וואָלטן אייער פאָטער, פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן, איינגעזעצט, — וואָלט דאָס געווען נישט גערעכט?

— אַוודאי!

— און אָט די היגע מאַכט זעצט איין. די רויטע זענען דורכגעגאַנגען, קיינעם נישט באַליידיקט, און דיזאָזיקע זענען היינטיש געוואָרן, ווילד געוואָרן, נו, איז נישטאָ קיין אָפּהאַלט פאַר זיי!

גריגאָרי איז אויפגעשטאַנען, עטוואָס זיך אַ וואַקל געטון, אויסשטרעקנדיק די האַנט צום שינעל, וואָס איז געהאָנגען אויפן בעט. ער איז געווען בלויז אַ קליין ביסל שיכּור.

— פּראָכאָר! די שווערד! דעם מאַוזער!

— וווהין, גריגאָר פּאַנטעלעיעוויטש?

— נישט דיין עסק! דערלאַנג, וואָס איך האָב געהייסן.

גריגאָרי האָט זיך אָנגעהאָנגען די שווערד, דעם מאַוזער, פאַרשפּיליעט און אַרומגעגאַרטלט דעם שינעל, זיך אַוועקגעלאָזט גלייך אויפן פּלאַץ, צו דער טורמע. דער וואַכמאַן, פון די נישט־רעגולערע קאָזאַקן, וואָס איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַ דורכלאָז־שיין האָסטו?

— לאָז! רוק דיך אָפּ, זאָגט מען דיר!

— אָן אַ דורכלאָז־שײַן קאָן איך קײנעם נישט אַרײַנלאָזן. ס'איז פאַרוועריט.

גריגאָרי האָט נישט באַוויזן אפילו ביז אין דער העלפט צו אַנטבלויזן די שווערד, ווי דער וואַכמאַן איז אַרײַנגעלאָפן אין דער טיר. נאָך אים, נישט אַראָפּנעמענדיק די האַנט פון הענטל פון דער שווערד, איז אין קאָרידאָר אַרײַנגעגאַנגען גריגאָרי.

— אַהערגעבן מיר דאָ דעם שעף פון דער טורמע! — האָט ער געשריגן.

זײַן פּנים איז געוואָרן בלײַך, די געהאָרבעטע נאָז האָט זיך ווילד אויסגעבויגן, די ברעם האָט זיך פאַרקרימט...

ס'איז געקומען צו לויפן עפּעס אַ לאָם קאָזאַקל, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט פון אויפזעער, ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ בחורל, דער שרײַבער פון דער קאַנצעלאַריע. באַלד האָט זיך אויך באַוויזן דער שעף פון דער טורמע, אַ פאַרשלאָפענער, אַ בײזער.

— אָן אַ דורכלאָז־שײַן — פאַר דעם ווײסטו?! — האָט ער אַ ברום געטון, נאָר דערקענענדיק גריגאָריען און אײַנקוקנדיק זיך אין זײַן פּנים, האָט ער דערשראָקן אָנגעהויבן קײַקלען מיט דער צונג: — דאָס זענט איר, אײַער... חבר מעליעכאָוו? אין וואָס האַנדלט זיך?

— די שליסלען פון די קאַמערן!

— פון די קאַמערן?

— איך וועל דיר פערציק מאָל איבערחזרן? נו! די שליסלען אַהער, הינטישע צואה!

גריגאָרי האָט געמאַכט אַ טריט צום שעף, יענער האָט אָפּגעטרעטן אַהינטער, אָבער געזאָגט פונדעסטוועגן מיט אַ גאַנץ אַנטשלאָסענעם טאָן:

— די שליסלען וועל איך נישט געבן. איר האָט נישט קײן רעכט!

— רררע־כט?!...

גריגאָרי האָט אַ קריץ געטון מיט די צײן, אַרויסגעכאַפּט די שווערד. זי האָט אין זײַן האַנט מיט אַ פײַף אָנגעצײכנט אַ

בליצנדיקן קרייז אונטערן נידעריקן סופיט פון קאָרידאָר. דער שרייבער און די אויפזעער זענען זיך צעפלויגן, ווי איבערגעשראָקענע שפערלען, דער שעף האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט; אַליין בלייכער ווי די וואַנט, האָט ער פון צווישן די ציין אַרויסגעזיגן:

— באַגייט אייך מיט געוואַלט! אָט זענען זיי, די שליסלען... און איך וועל מיך קלאָגן.

— איך וועל דיר ווייזן געוואַלט! איר זענט דאָ אין הינטערלאַנד געוווינט געוואָרן... העלדן גאַנצע — ווייבער און אַלטע לייט איינצוזעצן!... איך וועל אייך אַלע דאָ דורכטרייסלען! פאַר אויף דער פּאָזיציע, שלאַנג, וואָרים אַז נישט, וועל איך דיך באַלד דערהרגענען!

גריגאָרי האָט אַראָפּגעלאָזט די שווערד אין דער שייד, מיט דער פויסט אַ זעץ געגעבן דעם איבערגעשראָקענעם שעף איבערן האַלז; מיט דער קני און די פויסטן שטופּנדיק אים צום אַרויסגאַנג געשריגן:

— אויפן פראָנט!... גע-גאַנגען זאָל ווערן!... גע-גאַנגען זאָל ווערן!... דו לויז הינטערלענדישע!...

אַרויסשטופּנדיק דעם שעף און דערהערנדיק אַ גערויש אינעווייניק אין הויף פון דער טורמע, איז ער אַהין אַוועקגעלאָפן. ביים אַריינגאַנג אין קיך זענען געשטאַנען דריי אויפזעער; איינער האָט גערוקט דעם פאַרזשאַווערטן שלאָס פון אַ יאַפּאַנישער ביקס, ירגזונדיק געשריגן:

— אַן אָנפאַל האָט ער געמאַכט!... אָפּשלאָגן דאַרף מען!... ווי איז לויטן אַלטן געזעץ?

גריגאָרי האָט אַרויסגעכאַפּט דעם מאַוזער, און די אויפזעער האָבן עוקר געווען איבער די שטעגעלעך אין קיך אַריין.

— אַררויס-גיין!... איבער די הייזער!... — האָט גריגאָרי הילכיק געשריגן, צעפראַלנדיק די טירן פון די געדיכט-געפּאַקטע קאַמערן, קלינגענדיק מיטן בינד שליסלען.

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַלע (ביי הונדערט מאַן) אַרעסטיר-

טע. די, וואָס האָבן אויס מורא זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין, האָט ער מיט כּוח אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס, פאַרמאַכט די ליידיקע קאַמערן.

ביים אַריינגאַנג פון דער טורמע האָט אָנגעהויבן זיך פאַרזאַמלען אַן עולם. פון די טירן אויפן פּלאַץ-אַרויף האָבן זיך געפּאַקט די אַרעסטירטע; זיך אומקוקנדיק, האָבן זיי איינגעבויגענע זיך אַוועקגעלאָזט אין זייערע היימען. פון שטאַב, צוהאַלטנדיק די שווערדן, זענען געלאָפן צו דער טורמע די קאָזאַקן פון דער וואַך-אָפּטיילונג; זיך שטרויכלענדיק, איז געגאַנגען קודינאָוו אַליין.

גריגאָרי האָט פאַרלאָזט די אויסגעליידיקטע טורמע דער לעצטער. דורכגייענדיק דעם אָפּטרעטנדיקן עולם, האָט ער אויסגעזידלט די זיך שושקענדיקע, אויף נייעס גיריקע ווייבער און, אַ געהאַרבעטער, פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען אַקעגן קודינאָוון. צו די אָנגעלאָפענע קאָזאַקן פון דער וואַך-אָפּטיילונג, וואָס האָבן אים דערקענט און באַגריסט, האָט ער אויסגעשריגן:

— אין שטוב אַריין, זשרעבּאַקעס! נו, וואָס לויפט איר, זיך אָנגעצונדן? מאַרש!

— מיר האָבן געמיינט, מען בונטעוועט זיך אין טורמע, חבר מעליעכאָוו!

— דאָס שרייבערל איז געקומען צו לויפן, ער זאָגט: „עס איז אַריינגעפאַלן עפּעס אַ שוואַרצער, האַקט אָפּ די שלעסער!”

— אַ פאַלשער אַליאַרם זיך אַרויסגעוויזן!

די קאָזאַקן, לאַכנדיק און שמועסנדיק, האָבן זיך אומגעקערט צוריק. קודינאָוו איז אייליק צוגעגאַנגען צו גריגאָריען, אין גיין זיך פאַרראָכטן די לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך אים אַפּערגע מאַכט פון אונטערן היטל.

— זיי באַגריסט, מעליעכאָוו, אין וואָס האַנדלט זיך?

— זיי באַגריסט, קודינאָוו! די טורמע אייערע האָב איך פאַגראָמירט.

— אויף וואָסער גרונד? וואָס איז געשען?

— איך האָב אַרויסגעלאָזט אַלע — און פּטור... נו, וואָס

האָסטו די אויגן אַרויסגעזעצט? אויף וועלכן גרונד האָט איר דאָ די פּרעמד-באַזעסענע ווייבער און אַלטע לייט איינגעזעצט? וואָס איז דאָס ווידער אַזוינס? דו צעפּיר מיר דאָ נישט די הענט אַזוי, קודינאָוו!

— קיין הפקרות אָפּטון זאָלסטו נישט וואַגן. דאָס איז הפ-ק-רות!

— איך וועל דיר דאָ ווייזן הפקרות! איך וועל באַלד אַרויסרופן מיין פּאָלק פון הינטער קאַרגין, וועט אייך דאָ דער טייוול נעמען!

גריגאָרי האָט פּלוצלינג אָנגעכאַפּט קודינאָוון ביים וויכן קאַווקאַזער פּאַסיקל, אים אַ שאָקל געטון און מיט קאַלטן צאָרן גענומען שעפּטשען:

— ווילסט, עפן איך גלייך דעם פראָנט? ווילסט, לאָז איך דיר גלייך די נשמה אַרויס? אוך, דו!... — גריגאָרי האָט אַ קריץ געטון מיט די ציין, אָפּגעלאָזט דעם שטיל-שמייכלענדיקן קודינאָוון. — וואָס שטשירעסטו די ציין?

קודינאָוו האָט זיך גלייך געמאַכט דעם פּאַסעק, גענומען גריגאָריען אונטער דער האַנט.

— קום צו מיר. וואָס האָסטו דיך אויפגעקאָכט? דו וואָלסט אויף דיר אַצינד אַ קוק געטון: צו אַ טייוול ביסטו ענלעך... מיר, ברודער, האָבן זיך דאָ פאַרבענקט נאָך דיר. און וואָס שייך דער טורמע — איז דאָס שטותים... נו, האָסטו אַרויסגעלאָזט! וואָס פאַר אַן אומגליק איז דאָס?... איך וועל זאָגן די יאַטן, זיי זאָלן אויף אַן אמת זיך איינשטילן. וואָרים אַזוי, שלעפּן זיי אַלע ווייבעלעך פון די פרעמד-באַזעסענע, וואָס זייערע מענער זענען ביי די רויטע... נאָר פאַרוואָס רייסטו אויזער אויטאָריטעט אַרונטער? אַך, גריגאָרי! ווי היציק דו ביסט! וואָלסט געקומען, געזאָגט: „אַזוי און אַזוי, מען דאַרף די טורמע לויזער מאַכן, אַרויסלאָזן די און יענע". וואָלטן מיר די צעטלען דורכגעקוקט און טייל אַרויסגעלאָזט. דו אָבער האָסט אַלע באַפרייט — אויף דער קופּע! נאָך גוט, וואָס די וויכטיקע פאַרברעכער זיצן ביי אונז באַזונדער. וואָס וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט אויך זיי אַרויסגעלאָזט? נכפה, דו! —

קודינאָוו האָט אַ קלאַפּ געגעבן גריגאָריען איבערן אַקסל, זיך צע־לאַכט: — און דו קאָנסט דאָך ביי אַזאַ פאַל, ווען מען זאָל דיר אָקעגנרעדן, אויך דערהרגענען. אָדער גאָר — נאָך בעסער — די קאָזאַקן צעבונטעווען...

גריגאָרי האָט אַרויסגעצויגן זיין האַנט פון קודינאָווס האַנט, זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז פון שטאַב.

— איר זענט דאָ אַלע גאַנצע העלדן געוואָרן הינטער אונ־זערע רוקנס! אַ פולע טורמע מענטשן אָנגעזעצט... דו וואָלסט דיינע פעיִקייטן דאָרט געוויזן, אויף די פּאָזיציעס!

— איך האָב זיי, גרישאַ, אין זיין צייט נישט ערגער פון דיר געוויזן. און אויך אַצינד: בלייב דו זיצן אויף מיין אָרט, און איך וועל דיין דיוויזיע נעמען...

— ניין, פאַר דעם דאַנק איך דיר!

— דאָס איז עס דאָך!

— נו, לאַנג האָב איך מיט דיר נישט וואָס צו רעדן. איך פאַר אַצינד אַהיים זיך אָפּרוען אַ וואָך, איך בין עפּעס קראַנק געוואָרן... און דאָ האָט מען מיר דעם אָרעם אַ ביסל פאַר־וווּנדעט.

— אויף וואָס ביסטו קראַנק געוואָרן?

— אויף אומעט, — האָט גריגאָרי קרום אַ שמייכל געטון. — דאָס האַרץ האָט זיך צעיאָכצט אין מיר...

— ניין, שפּאַס נישט, וואָס איז דיר? ביי אונז דאָ געפינט זיך אַזאַ דאָקטאָר, וואָס איז אפשר אפילו אַ פּראָפעסאָר. אַ גע־פאַנגענער. עס האָבן אים פאַרכאַפּט אונזערע אין שימולין, מיט די מאַטראָזן איז ער געפאָרן. אַ וויכטיקער אַזעלכער, מיט שוואַר־צע ברילן. אפשר וואָלט ער דיך באַטראַכט?

— כאַפּט אים דער טייוול!

— מילא, פאַר־זשע, רו אָפּ. די דיוויזיע וועמען האָסטו אי־בערגעגעבן?

— ריאַבטשיקאָוון.

— אָבער וואַרט־צו נאָך אַ ביסל, וווהין איילסטו דיך? דער־

צייל, ווי עס זעט אויס דאָרט? דו, זאָגט מען, האָסט דאָרט אַ נישקשה־דיקן שניט געמאַכט? מיר האָט נעכטן ביינאַכט איבערגעגעבן עמע־צער, אַז דו האָסט כּלומרשט הינטער קלימאָוו אָן אַ שיעור מאַטראָזן צעהאַקט. איז דאָס אמת?

— זיי געזונט!

גריגאָרי האָט זיך געלאָזט גיין, נאָר אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, זיך האַלב אויסגעדרייט, אַ רוף געטון קודינאָוון:

— העי, אויב איך וועל האָבן אַ ידיעה, אַז איר זעצט ווי־דער איין...

— אָבער ניין, ניין! איך בעט דיך, באַאומרויִק דיך נישט! רו אָפּ!

דער טאָג איז אַוועקגעגאַנגען צו מערב, אין באַגלייטונג פון דער זון. פון דאָן, פון אויסגוס, האָט אַ ווייע געטון מיט קיל־קייט. מיט אַ פּייפעריי האָט זיך דורכגעטראָגן איבער גריגאָריעס קאָפּ אַ סטאַדע ווילדע קאַטשקעס. ער איז שוין אַריינגעגאַנגען אין הויף, ווען פון דער הייך, מיטן שטראָם פון דאָן, פון ערגעץ־ווו פון קאַזאַנער יורט איז איבערן וואַסער אָנגעשווומען אַן אָקטאַווע פון אַ האַרמאַטן־זאַלפּ.

פּראָכאָר האָט שנעל אָנגעזאָטלט די פערד; פירנדיק זיי ביי דער צוים, האָט ער געפרעגט:

— אין די היימישע קאַנטן וועלן מיר זיך אַוועקלאָזן? אין טאַטערישן כוטאָר?

גריגאָרי האָט שווייגנדיק איבערגענומען די לייץ, שווייגנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

XLVI

אין טאַטערישן כוטאָר איז געוועז פּוסט און אומעטיק אָן די קאָזאַקן. די טאַטערישע סאָטניע פּוסגייער איז צייטווייליק צו־געטיילט געוואָרן צו איינער פון די פּולקן פון דער פינפטער די־

וויזיץ און אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן אויף דער לינקער זייט דאָן.

מיט אַ צייט צוריק, קאָמפּלעטירט דורך די פֿאַרשטאַרקונגען, וואָס זענען אָנגעקומען פֿון באַלאַשאָוו און פּאָוואָרין, האָבן די רויטע טיילן אָנטוויקלט אַן אינטענסיוון אָנגריף פֿון צפון-מזרח, פֿאַרנומען אַ רייע כוטאָרן פֿון דער יעלאַנער סטאַניצע און צוגעגאַנגען ביז דער סטאַניצע גופא. אין דער פֿאַרביסענער שלאַכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט האַרט פֿאַר דער סטאַניצע, האָבן די אויפֿשטענדער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. און אָפּגעהאַלטן דעם נצחון דערפֿאַר, וואָס צוהילף דעם יעלאַנער און בוקאַנאָווער פֿולק, וועלכע האָבן אָפּגעטרעטן אונטערן דרוק פֿון מאָסקווער רויטאַרמייאישן פֿולק און צוויי עסקאַדראָנען קאַוואַלעריע, זענען אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן צאָלרייכע פֿאַרשטאַרקונגען. אויף דער לינקער זייט דאָן זענען פֿון וויעשענסק צוגעגאַנגען קיין יעלאַן דער פֿערטער אויפֿשטענדערישער פֿולק פֿון דער ערשטער דיוויזיע (אין זיין קאָמפּלעט האָט זיך אויך געפֿונען די סאָטניע טאַטאַרצעס), אַ באַטאַרייע פֿון דריי האַרמאַטן און צוויי רייטער-סאָטניעס פֿון רעזערוו. חוצדעם זענען מיטן רעכטן ברעג צוגעצויגן געוואָרן באַדייטנדיקע פֿאַרשטאַרקונגען צו די כוטאָרן פּלעשאַקאָוו און מאַטוויעיעוו, וואָס האָבן זיך געפֿונען פֿון דער יעלאַנער סטאַניצע — איבערן דאָן — אויף אַ מהלך פֿון דריי ביז פֿינף וויאָרסט. אויפֿן קריווער בערגל איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אַרטילערישע אָפּטיילונג. איינער פֿון די קאַנאָניערן, אַ קאָזאַק פֿון קריווער כוטאָר, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין פּרעציזשיסן, האָט מיטן ערשטן שאָס צעקלאַפּט די רויטאַרמייאישע נעסט פֿון קוילנוואַרפֿער, מיט עטלעכע רייען שראַפּנעלן באַדעקט די רויטאַרמייאישע טיראַליערן, וואָס האָבן זיך אויסגעלייגט אין נאָדל-וועלדל, און זיי גענייט אָפּצוטרעטן. די שלאַכט האָט זיך פֿאַרענדיקט לטובת די אויפֿשטענדער. פֿאַרפֿאָלגנדיק די אָפּטרעטנדיקע רויטע טיילן, האָבן די אויפֿשטענדער זיי אָפּגעשטויסן איבערן יעלאַנער טייכל, אַרויסגעשיקט עלף סאָטניעס רייטער, און דידאָזיקע רייטער האָבן אויפֿן בערגל, נישט ווייט

פון זאַטאָלאָווער כוטאָר, זיי דערגרייכט און מיט די שווערדן צעהאַקט אַ גאַנצן עסקאַדראָן רויטאַרמייער.

פון דעמאָלט אָן האָבן די טאַטערישע פוסגייער זיך אַרומגעשלעפט ערגעץ איבערן לינקן ברעג, איבער די זאַמד־בערגלעך. די קאָזאַקן זענען כמעט נישט געקומען אויף אורלויב פון דער סאָטניע. בלויז אויף פּאַסכע, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט, האָט אין כוטאָר מיטאַמאָל זיך באַוויזן כמעט אַ העלפט פון דער סאָטניע. די קאָזאַקן האָבן פאַרברענגט אין כוטאָר אַ טאָג, אָפּגעגעסן דאָס פּאַסכע־מאָלצייט, געביטן די וועש, מיטגענומען פונדערהיים שמאַלץ, סוכאַרעס און אַנדערן פּראָוויאַנט, זיך אַריבערגעשיפט אויף דער צווייטער זייט דאָן, אַלע צוזאַמען, ווי עולה־רגלניקעס (בלויז מיט ביקסן אָנשטאָט שטעקנס), און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון יעלאַן. פון בערגל אין טאָטערישן כוטאָר, פון באַרג ביים דאָן האָבן זיי באַגלייט מיט די בליקן די ווייבער, די מאַמעס, די שוועסטערלעך. די ווייבער האָבן גערעוועט, זיך געווישט די פאַרוויינטע אויגן מיט די עקן פון די קאָפּ־טיכלעך און שאַליקלעך, געשנייצט די נעזער אין די פּאָדלס פון די אונטערקליידלעך... און אויף דער צווייטער זייט דאָן, נאָכן וואַלד, וואָס איז פאַרטרונקען געווען דורך דער פרילינג־פאַרפלייצונג, איבער די זאַמד־בערגלעך זענען געגאַנגען די קאָזאַקן: כריסטאָניאַ, אַניקושקאַ, פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, סטיעפּאַן אַסטאַכאָוו און אַנדערע. אויף די אַרויפגעשריפטע באַגנעטן פון זייערע ביקסן האָבן זיך געוויגט די לייוונטענע זעקלעך עסן, אין ווינט האָבן געווייעט די שטעפּ־לידער, טרויעריקע ווי ווילדער טימיאַן, פלעגמאַטיש האָט זיך געצויגן דער שמועס צווישן די קאָזאַקן... זיי זענען געגאַנגען נישט פריילעכע, אָבער דערפאַר זאַטע, אויסגעצוואָגענע. פאַר יום־טוב האָבן די ווייבער און מאַמעס אָנגעוואַרעמט וואַסער פאַר זיי, אָפּגעוואַשן דעם שמוץ, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויפן קערפּער, אויסגעקעמט די בלוטדורשטיקע מיליטערישע לייז. פאַרוואָס זאָל מען נישט לעבן בעסער אינדערהיים, זיך ליב האָבן? און אָט דאַרף מען גאָר גיין אַקעגן טויט... און זיי גייען. יונגע, זעכצן־זיבעצניעריקע

בחורימלעך, נאַר־וואָס רעקרוטירטע אין די אויפשטענדערישע רייען, שפּרייזן איבערן וואַרעמען זאַמד, אויסגעטון די שטיוול און שיך. זיי אין פריידיק אָן אַ פּאַרוואָס. צווישן זיי קאָן אי אַ פּריילעכער שמועס אויפפלאַקערן, אי זיי קאָנען אַ ליד מיט זייערע געבראָכענע, נאָך נישט צייטיקע קולות אויסזינגען. פאַר זיי איז די מלחמה — אַ נאָווינע, אַ מין קינדער־שפּיל. זיי הערן די ערשטע טעג זיך איין אויך אין פייפן פון די קוילן, אויפהייבנדיק די קעפּ פון פייכטן בערגל ערד, וועלכעס באַשיצט זייער ראָוויקל, וואָס זיי האָבן פאַר זיך אויסגעגראָבן. „גרינער ראָר־שטעקן״! — רופן זיי מיט ביטול די פּראָנט־קאָזאַקן, לערנענדיק זיי אין דער פּראַקטיק ווי אַזוי צו גראָבן אַן אָקאָפּע, ווי אַזוי צו שיסן, ווי אַזוי צו טראָגן אין מאַרש די אויסריכטונג, ווי אַזוי אויסצוקלויבן אַן אָרט זיך בעסער צו באַשיצן, און אפילו די קונסט פון אויסברייען די לייז אויפן פייער און אַרומוויקלען די פיס מיט די אָנוטשעס אַזוי, אַז דער פוס זאָל גאָר קיין מידקייט נישט פילן און פריי „אַרומהוליען״ אין שטיוול אָדער שוך. און אַזוי לאַנג קוקט אַזאַ „גרינער״ מיט אַ פאַרוואונדערטן פויגלישן בליק אויף דער וועלט פון מלחמה, וואָס רינגלט אים אַרום, אַזוי לאַנג הייבט ער אונטער דעם קאָפּ און קוקט אַרויס פון זיין ראָוויקל, אויסגייענדיק פון נייגיריקייט, באַמיִענדיק זיך צו דערזען די „רויטע״, כּל־זמן ער קריגט נישט אַ שנעל פון אַ רויטאַרמייאישער קויל. — אויב — צום טויט, ציט אַזאַ זעכצניעריקער קעמפער זיך אויס און דו ווערסט פאַר קיין פאַל נישט גלייבן, אַז ער איז נישט אַלט מער, ווי זיינע קורציגקע זעכצן יאָר. ליגט אַזאַ גרויס קינד מיט יינגליש צו־גרויסע הענט, מיט אָפּגעשטאַרטע אויערן און קליינעם גאָרגל־קנאָפּ אין דינעם, נישט־מענערישן האַלז. מען וועט אים אַוועקפירן אין היימישן כוטאָר צריין באַגראָבן אויפן בית־עולם, ווו זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס זענען פאַרפוילט געוואָרן, וועט אים אַקעגנקומען די מוטער, אַ פּאַטש געבן מיט די הענט און לאַנג יאָמערן נאָכן טויטן, זיך אויסרייסנדיק פּאַסמעס האָר פון גרויען קאָפּ. און דערנאָך, ווען מען וועט אים שוין באַגראָבן און דאָס ליים אויף זיין קבר

וועט פאַרטרוקנט ווערן, וועט די געעלטערטע, דורכן אומפּאַר־געסלעכן מוטערלעכן צער צו דער ערד־געבויגענע, אָנהייבן גיין אין צערקווע אַריין מזכיר־נשמות־זיין איר דערהרגעטן „וואַניוש־קען“ אָדער „סיאָמושקען“.

עס געשעעט אויך, אַז נישט צום טויט גיט די קויל אַ ביס וועלכן וואַניושקען אָדער סיאָמושקען, — דעמאָלט ערשט דערקענט ער די גאַנצע אומרחמנותדיקע האַרבקייט פון דער מלחמה. עס גיבן אַ ציטער זיינע מיט טונקעלן פּוך באַדעקטע ליפּן, זיי פאַר־קרימען זיך... דער קעמפער שרייט אויס מיט אַ קינדעריש האָזן־קולעכל: „טייערינקע מאַמענקע מיינע!“ און דראָבנע טרערן נע־מען פאַלן פון זיינע אויגן. די סאַניטאַר־בריטשקע טרייסלט אים איבער די געבערגלטע זייטיקע וועגן, רייצט אויף זיין וווּנד. דער געניטער סאַטניע־פעלדשער וואַשט אים אויס דעם שניט פון דער קויל אָדער שפּליטער און טרייסט אים שמייכלענדיק, ווי אַ קינד: „דעם קעצעלע וועט ווי־טון, דער סראָקע וועט ווי־טון, אָבער וואַניושקען וועט זיך פאַרהיילן“. און דער „קעמפער“ וואַניושקאַ וויינט, בעט זיך אַהיים, רופט די מוטער. נאָר אויב די וווּנד וועט זיך פאַרהיילן און ער וועט ווידער אַריינפאַלן אין דער סאָטניע, וועט ער ערשט דעמאָלט זיך אויסלערנען פאַרשטיין די מלחמה. אַ וואָך צוויי וועט ער פאַרברענגען אויפן פראָנט, זיך באַטייליקן אין שלאַכטן און צוזאַמענשטויסן, זיך פאַרהאַרטעווען, און דערנאָך פלוצלינג שטיין פאַר אַ געפאַנגענעם רויטאַרמייער מיט אַן אַרויס־געשטעלטן פוס, זייטיק שפּייענדיק, נאָכמאַכנדיק וועלכן ברוטאַלן וואַכמייסטער. דורכזייענדיק צווישן די ציין ווערטער, פרעגן מיט אַ געבראָכענעם באַס:

— נו וואָס, פויער, אין דיין מאַמען אַריין, ביסט אַריינגע־פאַלן? האַ־אַ־אַ! ערד האָט זיך דיר פאַרגלוסט? גלייכהייט? דו ביסט דאָך, מסתמא, אַ קאָמוניסט? זיי דיך מודה, שלאַנג! — און וועלנדיק אַרויסווייזן בריהשקייט, „קאָזאַקישע וואָנטוריסטישקייט“, וועט ער אויפהייבן די ביקס און דערהרגענען דעם, וואָס האָט געלעבט און געפונען זיין טויט אויף דער קאָזאַקישער ערד,

קעמפנדיק פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט, פאַרן קאָמוניזם, פאַר דעם, עס זאָלן שוין קיינמאָל נישט זיין קיין מלחמות אויף דער ערד.

און ערגעץ אין דער מאָסקווער אָדער וויאַטקער גובערניע, אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף פון גרויסן סאָוויעט־רוסלאַנד וועט די מוטער פון רויטאַרמייער, דערהאַלטנדיק די ידיעה, אַז איר זון איז „אומגעקומען אין קאַמף מיט די ווייסגוואַרדייער פאַר דער באַפרייאונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק פון דעם יאָך פון די גוטבאַזיצער און קאַפּיטאַליסטן", אויפהייבן אַ קלאָג־ליד, זיך צעיאָמערן... אַ ביטערער צער וועט באַהערשן דער מאַמעס האַרץ, טרערן וועלן אויפקוועלן אין אירע מאַטע אויגן, און טאָג־טעג־לעך, שטענדיק שוין, ביזן טויט אָריין וועט זי דערמאַנען דעם, וועלכן זי האָט אַמאָל געטראָגן אונטער איר האַרץ, אין בלוט און אין ווייען געבוירן, וועלכער איז געפאַלן פון אַ פיינטלעכער האַנט אין די אומבאַקאַנטע געגנטן פון דאָן...

עס איז געגאַנגען די האַלבע סאָטניע טאָטערישע פוסגייער, וואָס האָט דעזערטירט פון פראָנט. זי איז געגאַנגען איבער די צעוואָרפענע זאַמד־בערגלעך, איבערן רויט־צעלויכטענעם נאָדל־וואַלד. די יונגע — פריילעך, זאַרגלאָז, די אַלטע, וועלכע מען האָט אין שפּאַס גערופן „היידאַמאַקעס", — מיט זיפצן, מיט אַ באַהאַלטענער טרער; עס האָט זיך דערגענטערט די צייט פון אַקערן, בראָנעווען, זייען; די ערד האָט גערופן צו זיך טאָג און נאַכט, אומאויפהערלעך גערופן, און דאָ האָט מען גאַר געדאַרפט מלחמה האַלטן, אומקומען אין די פרעמדע כוטאָרן פון געצוווּנ־גענעם לײַדיקגיין, שרעק, נויט און לאַנגווייל. דערפאַר טאַקע האָט זיך געוויזן אַ טרער אין אויג ביי די בערדיקע, דערפאַר טאַקע זענען זיי געגאַנגען מרה־שחורהדיקע. איטלעכער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פאַרלאָזטער באַלעבאַטישקייט, אָן זיין האָב און גוטס, אָן זיין אינווענטאַר. צו אַלעם זענען נייטיק געווען די מע־נערישע הענט, אַלץ איז אונטערגעגאַנגען אָן דער אויפאַכט פון באַלעבאָס. און וואָס קאָן מען פון די ווייבער פאַרלאַנגען? די ערד וועט פאַרטרוקנט ווערן, זיי וועלן זיך נישט קיין עצה געבן

מיטן זייען, מיט הונגער וועט ערעקן דאָס קומענדיקע יאָר. נישט אומזיסט זאָגט דאָך דאָס שפּריכוואָרט: „איין אַלטע האַנט, אַ מענערישע, איז בעסער פון צוויי יונגע — ווייבערישע".

איבער די זאַמדן זענען געגאַנגען די אַלטע, שווייגנדיק. זיי זענען הייטער געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען איינער פון די יונגע האָט אויסגעשאָסן צו אַ האָז. פאַר דער קויל, וואָס איז בחינם אויסגעבערענגט געוואָרן (דאָס איז שטרענג פאַרווערט געווען דורכן קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדערישע כוחות), האָבן די אַלטע באַשלאָסן דעם שולדיקן צו באַשטראָפן. זיי האָבן אויסגעלאָזט זייער כעס צו דעם יונגן חברה־מאַן, אים אָפּגעשמיסן.

— פערציק שמיץ אים! — האָט פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש פאָרגעלייגט.

— צופיל!

— ער וועט דערנאָך נישט דערגיין!

— זעככצן! — האָט כריסטאָניאַ אַ ברום געטון.

זיי האָבן מכפים געווען אויף זעכצן, אויף אַ גראָדיקער צאָל. דעם פאַרשולדיקטן האָט מען אַנידערגעלייגט אויפן זאַמד, אַראָפּגעלאָזט די הויזן. כריסטאָניאַ, אונטערזינגענדיק אַ לידל, האָט מיט אַ פּענמעסערל אָנגעשניטן באַטשעוועס, וואָס זענען באַדעקט געווען מיט געלע פוכיקע קיזשעלעך, און אַניקושקאַ האָט געשמיסן. די איבעריקע זענען געזעסן אַרום און גערייכערט. דערנאָך זענען זיי ווייטער געגאַנגען. הינטער אַלע האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער באַשטראָפטער, זיך ווישנדיק די אויגן, שטייף פאַרציִענדיק די הויזן.

ווי נאָר זיי האָבן געמיטן די זאַמדן און אַרויסגעקומען אויף גוטער ערד, האָבן זיך אָנגעהויבן פרידלעכע שמועסן.

— אָט וואַרט זי, די ליבינקע ערד, אויף איר באַלעבאָס, און ער האָט קיין צייט נישט, די טייוולאָנים טראָגן אים איבער די בערגלעך אַרום, ער פירט מלחמה, — האָט איינער פון די אַלטע אַרויסגעזיפצט, אָנווייזנדיק אויפן שטיק ערד, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר זומער־תבואה און שוין אָנגעהויבן פאַרטרוקנט ווערן.

זיי זענען געגאַנגען פאַרביי אַקער-ערד, און איטלעכער האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען אַ שטיקל פאַרטרוקנטע, פון דער פרי-לינגס-זון דורכגעוואַרעמטע ערד, עס צעריבן אין דער האַנט און פאַרשטיקט אַ זיפץ.

— צײַטיק געוואָרן די ערד!

— די ריכטיקע צײַט צו בראָנעווען.

— עס וועלן אַריבערגיין אַ דרײַ מעת-לעת און מען וועט שוין נישט קאָנען זײַען.

— בײַ אונז, דאָרט אויף יענער זײַט, איז נאָך אַ ביסל צו-פרי.

— אוודאי צו-פרי! זע, אָט ליגט נאָך שניי אין די היילן בײַם דאָן.

דערנאָך האָבן זיי זיך געשטעלט אָפּרוען, עפּעס טועם זײַן צו מיטאָג. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט מכבד געווען דעם געשמיסענעם מיט צוואָרעך (ער האָט אים געטראָגן אין אַ זע-קעלע, צוגעבונדן צו דער לופע פון דער ביקס, און אַ גאַנצן וועג האָט זיך געזיגן דאָס וואַסער, וואָס איז אַראָפּגערונען פון זעקעלע. אַניקושקאַ האָט שוין חוזק געמאַכט פון אים: „דיך, פּראָקאָפּיטש, וואָלט מען געקאָנט געפינען לויטן שפּור, נאָך דיר בלײַבט אַ נאַ-סער זיגזאַג, ווי נאָך אַן אָקס"). ער האָט אים מכבד געווען און מיט אַ געזעצטן טאָן גערעדט:

— און דו, שוטה, האָב נישט קיין בייז האַרץ אויף די אַלטע. נו, האָבן זיי דיך אָפּגעשמיסן! וואָס איז דאָס פאַר אַן אומ-גליק! פאַר איין געשמיסענעם גיט מען צוויי.

— מען וואָלט דיר אַזוי אַרײַנגעצײַלט, זיידע פאַנטעלעי, וואָלסטו שוין מיט אַן אַנדער לשון גערעדט!

— מיר, בחורל, האָט מען נאָך ערגער אַרײַנגעצײַלט.

— נאָך ערגער?!

— אוודאי ערגער. אַ קלאָרע זאַך, אַמאָליקע צײַטן האָט מען אַ ביסל אַנדערש געשלאָגן.

— געשלאָגן!

— אוודאי געשלאָגן. מיר, בחורל, האָט אַמאָל דער טאַטע

דערלאַנגט מיט אַ האָלאָבלע איבערן רוקן – און איך בין אויך דורכגעקומען.

– מיט אַ האָלאָבלע!

– כ׳זאָג מיט אַ האָלאָבלע – איז מיט אַ האָלאָבלע. העי, שוטה, עס דעב צוואָרעך, וואָס קוקסטו מיר אין מויל אַריין? דער לעפל איז ביי אים אָן אַ הענטל, אפנים אָפּגעבראָכן? גאָפּ! מען האָט דיך ווייניק היינט, הינטישער זון, געשמיסן!

נאָכן אָפּעסן האָט מען באַשלאָסן צו כאַפּן אַ דרימל אויף דער מחיהדיקער פרילינגס-לופט, וואָס האָט פאַרשיכורט, ווי ווייַן. זיי האָבן זיך געלייגט, אונטערשטעלנדיק די רוקנס דער זון, גע-שנאָרכט אַ ביסל און דערנאָך ווידער זיך אַוועקגעלאָזט איבערן גרויען סטעפּ, איבערן שטעכיקן שטרוי פון פאַראַיאָריקן קאָרן, מיידנדיק די וועגן, גייענדיק גלייך איבערן פעלד. זיי זענען גע-גאַנגען – אָנגעטוענע אין שפּענצערס, שינעלן, זיפּונעס, אין גע-גאַרבטע פעלצלעך; אין שטיוול, אין שיך, די שאַראַוואַרן אַריינ-געמאַכט אין די ווייסע זאָקן, און איינגאַנצן באָרוועס. אויף די באַגנעטן האָבן זיך געוויגט די זעקעלעך עסן.

אַזוי נישט מיליטעריש האָבן אויסגעזען די דעזערטערן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין דער סאָטניע, אַז אפילו די לערכעס, וואָס האָבן זייערס אָפּגעטריליערט אונטער די בלויע הימלען, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין גראָז אַריין נאָענט פון דער פאַרבייגייענדי-קער האַלבער סאָטניע.

גריגאָרי מעליעכאָוו האָט נישט געטראָפן אין כוטאָר קיינעם פון די קאָזאַקן. אינדערפרי האָט ער אויפגעוועצט אויפן פערד זיין יונגן מישוטקען, אים געהייסן אַראָפּרייטן צום דאָן אָנטרינקען און אַליין איז ער מיט נאַטאַליען אַוועקגעגאַנגען באַזוכן דעם זיידן גרישאַקאַ מיט דער שוויגער.

לוקיניטשנאַ האָט אויפגענומען דעם איידעם מיט טרערן.

– גרישענקאַ, זונעלע! מיר וועלן אומקומען אָן אונזער מי-ראָן גריגאָריעוויטשן, אַ ליכטיק גן-עדן זאָל ער האָבן!... נו, און ווער וועט ביי אונז אויף די פעלדער אַרבעטן? די שפּייכלערס

זענען פול מיט קערנער און ס'איז נישטאָ ווער עס זאָל זייען. אָך, דו ביטער מזל מיינס! מיר זענען געבליבן יתומים, קיי־נער דאַרף אונז נישט, פאַר יעדן זענען מיר פרעמד, איבעריק!... דו זע נאָר, ווי אונזער באַלעבאַטישקייט איז צעפּגעלאָזט געוואָרן...

דאָס באַלעבאַטישקייט האָט באמת שנעל זיך דערנענטערט צום אונטערגאַנג: די אָקסן האָבן צעבראָכן און אומגעוואָרפן די פּאַרקנס פון די הייף, דאָ און דאָרט איז אַ סאָכע זיך צעפאַלן; אונטערגעשווענקט דורכן פרילינג־וואַסער, איז די ליימענע וואַנט פון שפּייכלער איינגעפאַלן; דער שייער איז געווען אויפגעבראָכן, דער הויף נישט גערייניקט, אונטער דער שאָפּע האָבן זיך געוואַל־גערט, פאַרזשאַווערטע, די לאַנדווירטשאַפטלעכע מכשירים; אומע־טום האָבן זיך געזען שפּורן פון אָפּגעלאָזנקייט און צעשטערונג.

„גיך האָט אָן באַלעבאָס זיך אַלץ אַ וואַקל געטון", — האָט גרינאָרי גלייכגילטיק געטראַכט, גייענדיק איבער קאָרשונאָוס הויף.

ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין.

נאַטאַליע האָט עפּעס שעפּטשענדיק געזאָגט דער מוטער, נאָר ווען גריגאָרי האָט זיך אומגעקוקט, איז זי פאַרשוויגן גע־וואָרן, שמייכלענדיק מיט חניפה.

— די מאַמע בעט דיך, גרישאַ... דו האָסט דאָך זיכער בדעה צו פאָרן אין פעלד אַריין... אפשר וואָלסטו פאַר זיי אויך וועלכן דיעסאַטין פאַרזייעט?

— נאָכיואָס טויג אייך צו זייען, מאַמע? — האָט גריגאָרי געפרעגט. — די שפּייכלערס זענען דאָך ביי אייך פול מיט תבואה.

לוקיניטשנאַ האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

— גרישענקאַ! און וואָס וועט זיין מיט דער ערד? דער פאַרשטאָרבענער האָט דאָך פאַראַקערט דריי חלקים אויף זומער־תבואה.

— און וואָס וועט איר אַזוינס געשען, דער ערד? זי וועט פאַרלעגן ווערן, צי וואָס? איבעראַיאָר, מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זייען.

— ווי אַזוי קאָן מען דאָס? די ערד זאָל בלייבן אומ־פּאַרזייעט?

— די פּראָנטן וועלן געעפנט ווערן, וועט איר דעמאָלט זייען, — האָט גריגאָרי געפּרוווט דער שוויגער איינרעדן.

אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס אירעקע, אַפּילו כלומרשט זיך באַליידיקט פון גריגאָריען און צום סוף פאַרצויגן די ליפּן, וואָס האָבן אַ ציטער געטון.

— נו, אויב דו האָסט קיין צייט אָדער קיין חשק נישט אונדז צו העלפן...

— נו גוט, שוין גוט! איך וועל פאָרן מאָרגן זייען פאַר מיר, וועל איך אויך פאַר אייך אַ צוויי דיעסאַטין פאַרזייען. דאָס וועט פאַר אייך גענוג זיין... און דער זיידע גרישאַקאַ לעבט נאָך?

— אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, ליבינקער! — האָט לוקי־ניטשנאַ, אַן אויפגעלויכטענע, זיך דערפרייט. — איך וועל היינט הייסן גריפּאַשקען קערנער אַוועקפירן... דער זיידע, — ער לעבט, נאַר, דאַכט זיך, שוין אָנגעהויבן אַ ביסל דעם שכל פאַרלירן. ער זיצט אַזוי טאָג און נאַכט כסדר, די הייליקע שריפט לייענט ער. טייל־מאָל פלוידערט ער עפּעס, פלוידערט, אָבער אַלץ אַזוי אומפאַר־שטענדלעך, מיטן לשון פון דער צערקווע... וואָלסט אַריינגעגאַנ־גען אים מבקר חולה זיין. ער איז אין אַלקערל.

איבער נאַטאַליעס פּולער באַק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אַ טרערעלע.

שמייכלענדיק דורך טרערן, האָט נאַטאַליע געזאָגט:

— כ׳בין אַנומלט געווען ביי אים, זאָגט ער: „טאַטע־טער אומווירדיקע! פאַרוואָס־זשע קומסטו מיך נישט באַזוכן? איך וועל דאָך שוין באַלד שטאַרבן, ליבינקע... פאַר דיר, דעם אייניקל, ווען כ׳וועל מיך פאַר גאָט שטעלן, אַ גוט וואָרט לאָזן פאַלן. אין דער ערד אַריין וויל איך, נאַטאַליושקאַ... די ערד רופט מיך צו זיך, שוין צייט!"

גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען אין אַלקערל. אַ ריח פון ווייראויך, שימל און פוילעכץ, אַ ריח פון אַן אַלטן אומגעוואַשענעם מענטש

האָט געדיכט אים אַ זעץ געטון אין דער נאָז אַריין. דער זיידע גרישאַקאַ, נאָך אַלץ אין זעלבן גרויען אַרמיי־מונדירל מיט די רויטע לאַצן, איז געזעסן אויפן אייוועלע. זיינע ברייטע שאַראַוואַרן זענען געווען פאַרלאַטעט ווי עס געהער צו זיין, די וואָלענע זאָקן פאַרצירעוועט. די השגחה איבערן זיידן איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער אונטערוואַקסנדער גריפּאַשקען, און זי האָט אָנגעהויבן אַכטונג געבן אויף אים מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט און ליבשאַפט, ווי אַמאָל נאַטאַליע מיידלווייז.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט געהאַלטן אויף די קני־ען די בי־בעל. ער האָט אַ קוק געטון פון הינטער די ברילן אָפּער מיט די גרין־געוואָרענע מעשענע רעמלעך אויף גריגאָריען, צעעפנט דאָס ווייס־צייניקע מויל אין אַ שמייכל:

— אַ מיליטערמאַן! געזונט און פריש געבליבן? גאָט האָט פון אַ בייזער קויל אָפּגעהיטן? נו, דאַנקען גאָט! זעץ דיך.

— און ווי פילסטו דיך אין געזונט, זיידעשי?

— האַ?

— אין געזונט, ווי פילסטו דיך?

— שוטה! קיין וואָרט נישט, שוטה! ווי קאָן מען אין מיינע יאָרן רעדן וועגן געזונט? איך בין דאָך שוין קרוב הונדערט. יאָ, שוין קרוב הונדערט... דורכגעלעבט — און כ'ווייס אפילו נישט ווען. ערשט נעכטן, דאַכט זיך, מיטן בלאָנדן טשוב זיך אַרומגעדרייט, אַ יונגער און געזונטער. און היינט זיך אויפגעכאַפּט — אָט איז זי, די צעבראָכענע עלטער... עס האָט אַ שימער געטון דאָס לעבן, ווי אַ בליץ זומערצייט, און נישטאָ מער... אַ שוואַכקייט איז די אברים באַפאַלן. דער ארון שטייט שוין אפשר אַ יאָר אין שפּייכלער, און גאָט האָט, אַפנים, פאַרגעסן אָן מיר. איך, זינדיקער, האָב שוין נישט איין מאָל מתפלל געווען צו אים: „טו וועדן, גאָט דער־באַרעמדיקער, דיין בליק אויפן קנעכט דיינעם גריגאָריען! אי איך בין דער ערד צו לאַסט, אי זי מיר"...

— וועסט נאָך לעבן, זיידע. האָסט נאָך אַ פול מויל מיט ציין.

— האַ?

— האָסט נאָך ציין אַ סך!

— ציין? עך, שוטה! — האָט דער זיידע גרישאַקאַ זיך גע-בייזערט. — מיט די ציין ווערסטו די נשמה נישט דערהאַלטן, ווען זי וועט זיך פאַרנעמען דעם גוף צו פאַרלאָזן... און דו, אומרו, הערסט גאָרנישט אויף מלחמה צו האַלטן?

— איך האַלט מלחמה.

— מיטיושקאַ אונזערער איז אויך אַנטלאָפן. אָקאָרשט מען זעט נישט, וועט ער אין אַן אומגליק אַריינפאַלן.

— אַריינפאַלן.

— דאָס זאָג איך דאָך. און צוליב וואָס פירט איר מלחמה? איר ווייסט אַליין נישט! מיט גאָטס השגחה געשעט אַלץ. צוליב וואָס איז אונזער מיראָן אומגעקומען? צוליב דעם, וואָס ער איז קעגן גאָט געגאַנגען, דאָס פאָלק קעגן דער מאַכט געבונטעוועט. און איטלעכע מאַכט איז פון גאָט. כאָטש זי איז אַן אַנטיקריסט-לעכע, איז זי דאָך פון גאָט געגעבן. איך האָב אים נאָך דעמאָלט געזאָגט: „מיראָן! דו בונטעווע נישט די קאָזאַקן, רעד זיי נישט אָן קעגן דער מאַכט, שטופ זיי נישט צו זינד!" און ער — מיר: „ניין, טאַטע, איך וועל עס נישט איבערהאַלטן! מען מוז מאַכן אַן אויפשטאַנד, די דאָזיקע מאַכט פאַרניכטן, זי וועט אונז איבער די הייזער שיקן. מיר האָבן געלעבט ווי מענטשן און וועלן ווערן היי-זערגייער". האָט ער טאַקע נישט איבערגעהאַלטן. ווער עס הייבט אויף די שווערד, וועט פון דער שווערד אַליין פאַלן. אַזוי איז עס. מענטשן פלוידערן, אַז דו, גרישקאַ, ביסט כּלומרשט אַ גענעראַל גע-וואָרן, קאָמאַנדעוועסט מיט אַ דיוויזיע. איז דאָס אמת אָדער נישט?

— אמת.

— קאָמאַנדעוועסט?

— איך קאָמאַנדעווע.

— און די עפּאָלעטן דייַנע ווו זענען?

— מיר האָבן זיי אָפּגעשאָפט.

— עך, נכפּהניקעס! אָפּגעשאָפט! וואָס-זשע פאַר אַ גענע-ראַל ביסטו? אַן אומגליק אויף אונז! פריער זענען געווען גענע-

ראָלן – איז אַזש אַ פרייד געווען אויף זיי אַ קוק צו טון: זאַטע, בייכיקע, חשיבותדיקע! און צ̣ציגד... טפו – און מער גאָרנישט! בלויז אַ שינעלעכל אויף דיר, אַן אויסגעשמירטס אין בלאָטע; נישט קיין עפּאָלעטן מיט טרעלזעלעך, נישט קיין ווייסע שנורן אויף דער ברוסט. בלויז מיט ליין זענען, מסתּמא, די נענט ביי דיר אָנגעפּאַקט.

גריגאָרי האָט זיך צעלאַכט. אָבער דער זיידע גרישאַקאַ האָט ווייטער העפּטיק גערעדט:

– דו לאַך נישט, גאָטלאָזער! מענטשן אויפן טויט פירסטו, קעגן דער מאַכט זיי צעבונטעוועט. אַ גרויסע זינד באַגייסטו, און האָסט דאָ נישט וואָס די ציין צו שטשירען! האַ?... נו, דאָס איז עס דאָך. זיי וועלן אייך סיי־ווי פאַרטיליקן, און אין איינוועגס – אויך אונז. גאָט – ער וועט אייך זיין וועג אָנווייזן. צי נישט וועגן אונזערע אומרויִקע צייטן איז אין דער ביבעל געשריבן? אַנו, הער, איך וועל דיר באַלד איבערלייענען, וואָס ירמיהו הנביא האָט נביאות געזאָגט...

דער אַלטער האָט מיט געלע פינגער איבערגעמישט די געלע בלעטער פון דער ביבעל. פּאַמעלעך, סילאַביזירנדיק, אָנגעהויבן לייענען:

– „זאָגט צווישן די פעלקער און מאַכט הערן די בשורה, הייבט אויף אַ פאָן, אַלע זאָלן זיך איינזאַמלען, מאַכט הערן, פאַרלייקנט גאָרנישט, זאָגט: בבל איז באַצוווּנגען געוואָרן און דער אָפּגאָט בעל איז פאַרשעמט געוואָרן און דער אָפּגאָט מרודך איז צעבראָכן געוואָרן. וואָרים עס איז אויפגעגאַנגען אַ פאָלק פון צפון, וואָס האָט פאַרוויסט דאָס לאַנד, פאַרטריבן מענטש און בהמה, און עס איז נישט געבליבן קיין זיצער דערין"... האָסט פאַרשטאַנען, גרישאַקאַ? פון צפון וועלן זיי קומען און די העלזער אייך, מענטשן פון בבל, אָראָפּדרייען. און הער ווייטער: „אין די דאָזיקע טעג און אין דער דאָזיקער צייט, זאָגט גאָט, וועלן קומען די קינדער פון ישראל און די קינדער פון יהודה און זיי וועלן צוזאַמען גיין און, וויינענדיק, זוכן זייער גאָט. צו אַ פאַרלוירענער סטאַדע איז געגליכנט

געוועזן מיין פאָלק, זייערע פאַסטוכער האָבן זיי געמאַכט בלאָנ־זשען. פון באַרג־צו־באַרג האָבן זיי געוואָגלט און פאַרגעסן דאָס אָרט פון זייער הויערן".

— נאָכוואָס איז דאָס אַלץ? וואָס באַדייט דאָס? — האָט גרי־גאָרי געפרעגט, שלעכט פאַרשטייענדיק דאָס סלאַוויאַנישע לשון.

— דאָס באַדייט, אַז איר, מורדים, וועט אַרומוואָגלען איבער די בערג, ווייל איר זענט נישט קיין פאַסטוכער פאַר די קאָזאַקן, נאָר ערגער פון נאַרישע שאָף־בעק, וואָס ווייסן נישט, וואָס זיי טוען... הער ווייטער: „אַלע, וואָס וועלן זיי באַגעגענען, וועלן זיי אויפפרעסן". און דאָס איז פונקט צוגעפּאַסט! די לייז פרעסן אייך נישט אַצינד?

— פון די לייז איז קיין רעטונג נישטאָ, — האָט גריגאָרי מודה געווען.

— פאַסט עס דאָך טאַקע אויף דער האָר. ווייטער: „און זייערע באַליידיקער זאָגן: מיר וועלן נישט פאַרשולדיקן דערמיט, וואָס מיר פאַרדאַרבן זיי, ווייל זיי האָבן געזינדיקט קעגן גאָט און זעגען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער וווינונג. פאַרוואָגלט אייך, ישראל, פון בבל, און גייט אַרויס פון לאַנד פון די כשדים, און זייט גלייך צו די שאָף־בעק, וואָס גייען פאַרויס די שאָף. וואָרים אָט וועל איך דערוועקן און אויפברענגען אויף בבל אַן איינזאַמלונג פון גרויסע פעלקער פון צפון־לאַנד, און זיי וועלן אָנריכטן אַ מלחמה קעגן איר און זי באַצווינגען, און זייערע פיילן וועלן זיין גלייך צו די פיילן פון אַ קלוגן גבור, וואָס קיין איינע פון זיי קערט זיך נישט אום, נישט האָבנדיק געטראָפן. און זיין וועט דאָס לאַנד פון די כשדים צו זאַק־רויב, אַלע אירע רויבער וועלן זיך אָנזעטיקן, אַזוי זאָגט גאָט. פונוועגן דעם, וואָס איר פרייט אייך און זענט לוסטיק, באַרויבנדיק די נחלה מיינע"...

— זיידע גריגאָרי! דו וואָלסט דאָס אויסגעטייטשט אויף רוסיש, וואָרים אַזוי פאַרשטיי איך נישט, — האָט גריגאָרי איבער־געשלאָגן.

נאָר דער אַלטער האָט אַ קײַע געטון מיט די ליפּן, אַ קוּ־
געגעבן אויף אים מיט אַ פרעמדן בליק און געזאָגט:

— איך פאַרענדיק באַלד, — הער: „...פונוועגן דעם, וואָס
איר זענט פעט געוואָרן, ווי די קעלבער, וואָס רדעשן, און שרײַט,
ווי די אָקסן — פאַרשעמט וועט ווערן אײַער מוטער, באַדעקט מיט
שאַנד די, וואָס האָט אײַך געבוירן. די לעצטע וועט זי זײַן צווישן
די פעלקער, וויסט און לער, און אירע פאַרבײַגײער וועלן זיך וווּנ־
דערן און אויף אירע מכּות שמוצערן מיט די ליפּן".

— ווי־זשע זאָל מען דאָס פאַרשטײן? — האָט גריגאָרי ווי־
דער געפרעגט, פילנדיק אַ לײַכטן פאַרדרוס.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט נישט געענטפערט, פאַרמאַכט די
ביבעל, זיך געלייגט אויפן אײוועלע.

„און אײביק זענען מענטשן אַזוי, — האָט גריגאָרי געטראַכט,
אַרויסגײענדיק פון אַלקערל; — אין דער יוגנט הוליען זיי, טרינ־
קען בראָנפן, און גיבן זיך אָפּ מיט אַנדערע זינד, און אויף דער
עלטער — וואָס אויסגעלאַסענער זיי זענען געווען אין דער יוגנט,
אַלץ מער הייבן זיי אָן הינטער גאָט זיך צו באַהאַלטן. אָט כאָטש
דער זיידע גרישאַקאַ. די צײן זענען בײַ אים — ווי בײַ אַ וואָלף.
מען דערציילט, אַז ווען ער איז אין דער יוגנט פון דער דינסט
צוריקגעקומען, האָבן אַלע ווײַבער אין כוטאָר געוויינט צוליב אים,
אי די אויסגעלאַסענע, אי די סאָלידע — אַלע זענען זיי געווען זײַן.
און אַצינד... נו, אויב מיר וועט שוין יאָ אויסקומען צו אַזאַ על־
טער צו דערלעבן, וועל איך דאָס אַלטוואַרג נישט לײענען! איך
בין אויף דער ביבעל נישט קיין בעלן".

גריגאָרי האָט זיך אומגעקערט פון דער שוויגער, טראַכטנ־
דיק וועגן שמועס מיטן זיידן גרישאַקאַ, וועגן די געהיימנישפולע,
אומפאַרשטענדלעכע נביאות פון דער ביבעל. נאַטאַליע איז אויך
געגאַנגען שווײַגנדיק. בײַ דעם מאָל קומען האָט זי אויפגענומען
דעם מאַן אומגעווײנלעך שטרענג, — אפנים, דער קלאַנג וועגן
דעם, ווי אַזוי גריגאָרי האָט געהוליעט און זיך געפּלאָנטערט מיט
די ווײַבער אין דער קאַרגינער סטאַניצע, איז דערגאַנגען אויך

צו איר. אין אָוונט, אין טאָג פון זיין קומען, האָט זי אים אויסגעבעט אין אַלקערל אויפן בעט, און אַליין זיך געלייגט אויפן קופערט, צודעקנדיק זיך מיטן פעלץ. נאָר קיין איין וואָרט פון פאָרוווּרף נישט געזאָגט, וועגן גאָרנישט זיך געפרעגט. אויך גריגאָרי האָט דורכגעשוויגן די גאַנצע נאַכט, באַשליסנדיק, אַז ס׳איז גלייכער דערווייל זיך נישט נאָכצופרעגן אויף די סיבות פון אַזאַ אומגעוויינלעכער קילקייט אין זייערע באַציִונגען...

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק איבער דער פוסטער גאַס, פרעמדע צווישן זיך מער, ווי ווען עס איז. פון דרום האָט געבלאָזן אַ וואַרעמער מילדער ווינט, אויף מערב האָבן זיך געזאַמלט געדיכטע ווייסע וואָלקנס, ווי פרילינגס-צייט. זייערע צוקער-בלויִיקע שפּיצן האָבן, קנוילנדיק זיך, געביטן די קאָנטורן, אָנגעשוואָלן און זיך באַהעפט איבערן ראַנד פון צעגרינטן באַרג ביים דאָן. דערווייל, און לייטזעליק, דערעס האָט אַ קנאַל געטון דער ערשטער דונער. און לייטזעליק, דערקוויקנדיק האָט געגומען שמעקן איבערן כוטאָר מיט די צעעפנטע קנאָספּן פון די ביימער, מיטן זיסלעכן ריח פון דער אויפגעטייעטער שוואַרצערד. איבערן בלויען פלוס פון דאָ האָבן זיך געטראָגן ווייס-גריוויקע כוואַליעס, דער ווינט קעגן שטראָם האָט געבלאָזן מיט קילער דערפרישנדיקער פייכטקייט, האַרבן ריח פון פוילנדיקע בלעטער און נאַס האָלץ. דער אונטערשטער, פריש-אויפגעאַקערטער קלין, ווי אַ שוואַרץ-פליושענע לאַטע אויף דער שיפּוע פון באַרג, האָט געררייכערט מיט פאַרע, אַ פליסיקע פאַרנעפּלטקייט איז געשוווּמען איבער די שפּיצן פון די דאָנער בערג, הויך איבערן וועג האָט פאַרשיכורט געטרילירט אַ לערכע, דין האָבן געפייפט די סוסליקעס, וואָס זענען איבערן וועג אַריבערגעלאָפן. און איבער אָט דער גאַנצער וועלט, וואָס האָט געאַטעמט מיט גרויס פרוכטבאַרקייט און איבערפלוס פון לעבנסשאַפנדיקע כוחות, — אַ הויכע און שטאָלצע זון.

אימיטן כוטאָר, לעבן בריקל פון ראָוו, איבער וועלכן עס איז נאָך געלאָפן מיט אַ פריילעך געפּלאַפּלעריי צום דאָן דאָס פריילינגדיקע וואַסער פון די בערג, האָט נאַטאַליע זיך אָפּגעשטעלט.

זי האָט זיך אָנגעבויגן, כּלומרשט צו פאַרבינדן דאָס בענדל פון שוך. אײַנדערהאַמתן באַהאַלטן דאָס פּנים פאַר גריגאָריען און געפרעגט:

— וואָס-זשע שווײַגסטו?

— וועגן וואָס זאָל איך מיט דיר רעדן?

— ס'איז דאָ וועגן וואָס... וואָלסט דערציילט, ווי אַזוי דו האָסט געשיכּורט הינטער קאַרגין, ווי אַזוי האָסט מיט ז... אַרומגעאַרבעט...

— דו ווייסט שוין?... — גריגאָרי האָט אַרויסגענומען דעם טיטון-בײַטל, אָנגעהויבן פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָסל. אויסגעמישט מיטן היימישן טיטון, האָט געשמעקט מיט האָניק-בלום. גריגאָרי האָט פאַרצויגן, איבערגעפרעגט: — הייסט עס, ווייסטו שוין? פון וועמען?

— איך ווייס, אויב איך זאָג. דער גאַנצער כוטאָר ווייסט, ס'איז דאָ פון וועמען צו הערן.

— נו, אויב דו ווייסט שוין, וואָס-זשע האָב איך צו דערציילן?

גריגאָרי האָט גענומען שפּרייזן שנעל. איבער די ברעטער פון בריקל, אין דער דורכזיכטיקער פרילינגדיקער שטילקייט, האָבן דײַטלעך אָפּגעקלונגען זײַנע שיטערע טריט און די דראָבנע טריט פון נאַטאַליען. וואָס האָט אים נאָכגעאײַלט. פון בריקל אָן איז שוין נאַטאַליע געגאַנגען שווײַגנדיק, אָפּט זיך אויסווישנדיק די אָנגעקוואָלענע טרערן, און דערנאָך מיט אַ פאַרשטיקט שלוכצן, פאַרהאַקנדיק זיך, געפרעגט:

— נעמסט דיך ווידער צו די אַלטע זאַכן?

— הער אויף, נאַטאַליע!

— הונט פאַרשאָלטענער, אומגעזעטיקטער! פאַרוואָס פּײַניקסטו מיך ווידער?

— דו וואָלסט ווינציקער רכילות זיך אָנגעהערט.

— האָסט דאָך אַליין מודה געווען!

— דיר האָט מען, מסתּמא, מער אָנדערציילט, ווי ס'איז אין דער אמתן געווען. נו, אַ ביסל בין איך טאַקע שולדיק קעגן דיר... דאָס לעבן, נאַטאַשקאַ, איז שולדיק... מען גייט די גאַנצע צײַט

ביים ראַנד פון טויט, נו, מאַכט זיך, מען קריכט אַמאָל אַריבער איבערן שטעגל...

— האָסט שוין קינדער אַזעלכע! ווי איז דיר נישט קיין חרפה פאַר דיין געוויסן די אויגן אויפצוהייבן!

— האָ! דאָס געוויסן! — גריגאָרי האָט אַנטבלויזט די ציין אין אַ שמייכל, זיך צעלאַכט. — איך האָב אפילו פאַרגעסן צו טראַכטן דערפון. ווי קאָן מען גאָר אין זינען האָבן דאָס געוויסן, ווען דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך אַ וואַקל געטון... דערהרגעסט מענטשן... ווייסט אַליין נישט נאָכוואָס די גאַנצע קאַשע האָט זיך פאַרמיעט... ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן? וועסט נישט פאַרשטיין! אין דיר ברענט אַצינד בלויז דער ווייבערישער כעס, און וועסט דיך נישט דערטראַכטן צו דעם, וואָס עס נאָגט מיר אין האַרץ, טרינקט מיין בלוט. איך האָב אויך אין שיכּרות זיך אַריינגעלאָזט. אַנומלט אַן אַטאַק געהאַט. דאָס האַרץ האָט אויף אַן אויגנבליק איינגאַנצן זיך אָפּגעשטעלט, און אַ קעלט האָט די אברים דורכגענומען... — גריגאָרי איז טונקל געוואָרן אויפן פּנים, שווער די ווערטער פון זיך אַרויסגעדריקט: — עס איז מיר שווער, דערפאַר זוך איך מיט וואָס זיך צו פאַרגעסן, מיט בראָנפן, צי מיט אַ פרוי... דו וואַרט צו! לאָמיך אויסרעדן: ביי מיר נאָגט און נאָגט אָט דאָ די גאַנצע צייט... דאָס לעבן גייט נישט מיטן ריכטיקן גאַנג, און אפשר בין איך אויך שולדיק אין דעם. מען וואָלט אַצינד געדאַרפט מיט די רויטע זיך פאַרגלייכן און גיין אויף די קאַדעטן. אָבער ווי אַזוי? ווער וועט אונז מיט דער סאָוויעטישער מאַכט צונויפפירן? ווער וועט אונזערע קעגנזייטיקע עוולות פאַררעכענען? אַ העלפט קאָזאַקן זענען אויף יענער זייט דאָניעץ, און די, וואָס זענען דאָ געבליבן — האָבן די קעפּ פאַרלוירן, בייסן די ערד אונטער זיך... אַלץ, נאַטאַשקאַ, האָט זיך ביי מיר אין קאָפּ אויסגעמישט... אָט האָט דיין זיידע גרישאַקאַ פון דער ביבל אַרויסגעלייענט און זאָגט, אַז מיר האָבן נישט גוט געטון, נישט געדאַרפט מאַכן דעם אויפשטאַנד. דעם טאַטן דיינעם האָט ער געזידלט.

— דער זיידע — ער איז שוין חסר־דעה געוואָרן ! אַצינד איז דיין רייע.

— אָט בלויז אַזוי קענסטו רעדן. אויף עפּעס אַנדערש איז דיין שׂכל נישט פעיִק...

— אָך, דו וואָלסט מיר בעסער די ציין נישט פאַררעדט ! האָסט אָנגעמאַכט, זיך פאַרשולדיקט, און אַצינד לייגסטו די גאַנצע שולד אָפּ אויף דער מלחמה. אַלע זענט איר אַזוי ! איך האָב מיך וויינ־יק, טייוול, פון דיר אָנגעליטן ? אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב מיך דעמאָלט שוין נישט אינגאַנצן דערשאָכטן...

— וועגן עפּעס אַנדערש קאָן מען מיט דיר נישט רעדן. אויב עס איז דיר שווער, ווײן אַ ביסל — טרערן מאַכן אייך, ווייבער, תמיד גרינגער. איך קאָן דיך אַצינד נישט טרייסטן. איך האָב מיך אַזוי אין פרעמד בלוט אויסגעשמירט, אַז איך האָב שוין נישט קיין רחמנות אויף קיינעם. די קינדער — אפילו אויף זיי האָב איך קיין מיטלייד נישט, און וועגן מיר אַליין איז שוין נישטאָ וואָס צו רעדן. די מלחמה האָט מיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט. איך בין זיך אַליין געוואָרן שרעקלעך... ווען זאָלסט אין מיין נשמה אַריינקוקן, וואָלסטו דאָרט געזען אַ פינסטערניש, ווי אין אַ ליידיקן ברונעם...

זיי זענען שוין געווען כּמעט ביי דער היים, ווען פון אָנגעלאָפענעם גרויען וואָלקן האָט אַ שפּריץ געטון אַ קרומער בשפּעדיקער רעגן. ער האָט אַראָפּגעקלאַפּט אויפן וועג דעם לייכטן, פון דער זון דורכגעוואַרעמטן שטויב, גענומען פויקן איבער די דעכער, און אָטעם געטון מיט פרישקייט, מיט פלאַטערדיקער קילקייט. גריגאָרי האָט צעשפּיליעט דעם שינעל, מיט איין פאָלע אַרומגעדעקט די הויך־וויינענדיקע נאַטאַליע, זי אַרומגענומען. אַזוי זענען זיי אונטערן שמייסנדיקן פרילינגס־רעגן אַריינגעגאַנגען אין הויף, פעסט־צוגעדריקטע, אַרומגעהילטע מיטן זעלבן שינעל.

אין אָוונט האָט גריגאָרי אויפן הויף צורעכט געמאַכט די בראָנע, קאָנטראָלירט די אַרבל פון דער זייע־מאַשין. סעמיאָן טשוגונס פּופּצניעריקע זינדל, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך

פון שמידעריי און געבליבן פון אויפשטאַנד אָן דער איינציקער שמיד אין טאָטערישן כוטאָר, האָט פאַר איין ברירה פאַרזעצט דאָס געפלאַצטע מעסער אויפן אַלטן אַקער. אַלץ איז געווע' צוגעגרייט צו דער פרילינגס-אַרבעט. די אָקסן זענען אַרויסגעקומען נאָכן ווינטערן באַלייבט, דאָס היי, וואָס פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַר זיי צוגעגרייט, האָט געקלעקט בשפע.

אויף אינדערפרי האָט גריגאָרי זיך געקליבן צו פאָרן אין סטעפּ אַריין. איליניטשנאַ מיט דוניאַשקען האָבן פאַרטאָג איינגעהייצט אין אויוון, צוצוגרייטן עסן פאַרן אַקערער אויף באַגינען. גריגאָרי האָט בדעה געהאַט צו אַרבעטן אַן אַכט טעג, פאַרזייען פאַר זיך און דער שוויגער, פאַראַקערן אַ צוויי דיעסיאַטין אויף קאַוואַנעס און זון-רויזן, און דערנאָך ברענגען דעם פאָטער פון דער סאָטניע, ער זאָל פאַרענדיקן דאָס זייען.

פון קוימען פון דער כאַטע האָט זיך געקרייזלט אַ בלוילעך רויכל. איבערן הויף איז אַרומגעלאָפן דוניאַשקע, שוין אַ היפשע מויד, אויפקלויבנדיק טרוקענע צווייגלעך צום אונטערצינדן. גריגאָרי האָט באַטראַכט איר שטייפע טאַליע, אירע שיפּע בולטע ברוסטן, מיט טרויער און פאַרדרוס געטראַכט: „וואָס פאַר אַ מויד עס איז אויסגעוואַקסן! דאָס לעבן פליט ווי אַ צעיושעט פערד. ווי לאַנג איז דאָס, אַז דוניאַשקע איז געווען אַ מיידעלע. זי פלעגט אַרומלויפן, און די צעפּעלעך האָבן זיך ביי איר אויף די אַקסלען געטרייסלט, ווי מייזן-וויינדעלעך. אַצינד איז זי שוין אַ מויד צום אויסגעבן. און אויך איך האָב שוין אָנגעהויבן גרוי ווערן, אַלץ דערווייטערט זיך פון מיר... גוט האָט געזאָגט דער זיידע גרישאַקאַ: „דאָס לעבן איז ווי אַ זומערדיקער בליץ פאַרבייגעפלויגן". קורץ איז דאָ דעם מענטש אָנגעצייכנט צו לעבן, אָבער מען דאַרף אויך פון דעם קורצן טערמין פּטור ווערן... כאַפּט אים דער טייוול, דעמדאָזיקן גאַנצן שפּיל! זאָלן זיי דערהרגענען, און וואָס שנעלער".

צו אים איז צוגעקומען דאַריאַ. זי איז זייער שנעל צו זיך געקומען נאָך פּיעטראָס טויט. די ערשטע צייט האָט זי גע-

בענקט, געל געוועזן פון עגמת־נפש און אפילו אַזוי ווי אַלט געוואָרן. ווי נאָר אָבער עס האָט בלאָז געטון דאָס פרילינגס־ווינטל, די זון האָט גענומען וואַרעמען, — איז אויך דאַריעס אומעט צוזאַמען מיטן אויפגעטייעטן שניי פאַרלוירן געגאַנגען. אויף אירע לענגלעכדיקע באַקן האָט זיך צעבליט אַ צאַרטע ראָזקייט, די מאַטע אויגן האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן, אין גאַנג האָט זיך באַוויזן די פריִערדיקע בויגעוודיקע לייכטקייט... עס האָבן זיך אומגעקערט צו איר אויך די אַלטע געוווינהייטן: ווידער האָבן די דינע רייפן פון אירע ברעמען זיך באַדעקט מיט שוואַרצער פאַרב, די באַקן האָבן זיך פאַרקיילעכיקט ; עס האָט זיך אומגעקערט צו איר דער חשק צו שפּאַסן, צו פאַרטשעפּען מיט אַ שטעכווערטל נאַטאַליען ; אַלץ אָפטער האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויף אירע ליפּן אַ פאַרנעפּלטער שמייכל פון דערוואַרטן עפּעס...

דאָס טריִומפירנדיקע לעבן האָט גובר געווען.

זי איז צוגעקומען צו גריגאָריען, שטיין געבליבן אַ שמייכלענדיקע. אַ האַרבער ריח פון אוגערקע־פּאָמאַדע האָט געשלאָגן פון איר שיין פּנים.

— אפשר דיר אין עפּעס צוהעלפן, גרישענקאַ ?

— נישטאָ אין וואָס.

— אַך, גריגאָרי פּאַנטעליעוויטש ! ווי שטרענג איר זענט מיט מיר, דער אלמנה, געוואָרן ! איר וועט קיין שמייכל נישט טון און אפילו מיט קיין אַקסל נישט באַרירן.

— וואָלסט בעסער געגאַנגען עפּעס טון, אָנשטאָט די ציין צו שטשירען.

— נישטאָ וואָס !

— וואָלסט נאַטאַליען צוגעהאָלפן. אָט לויפט מישאַטקאַ אַרום, ברודיקער ווי די ערד.

— וואָס נאָך ווען דיר איינפאַלן ! איר וועט זיי געבוירן, און איך וועל זיי פאַר אייך וואַשן... אוודאי ! דיין נאַטאַליע איז אַזוי פרוכפּערדיק, ווי אַ קראָליק. זי וועט זיי דיר נאָך אַ צענטליק אָנשיטן. איך וואָלט מיר די הענט אָפּגעריבן, זיי וואַשנדיק.

— גענוג, גענוג דיר שוין! גיי!

— גריגאָרי פּאַנטעליעוויטש! איר זענט אַצינד איין קאָזאַק אויפן גאַנצן כוטאָר. פּאַרטרייבט מיך נישט, לאָזט מיך כאָטש פונ־דערווייטנס אַ קוק טון אויף אייערע שוואַרצע אָנצינדיקע וואָנסעס.

גריגאָרי האָט זיך צעלאַכט, פאַרוואָרפן די שוואַרצע האָר פון שווייסיקן שטערן.

— נו, דו ביסט שוין איינמאָל אַ כלי? ווי אַזוי האָט פּיעט־ראָ געלעבט מיט דיר... דו וועסט שוין, מסתמא, לאַנג נישט אויס־האַלטן.

— זייט רויִק! — האָט דאַריאַ שטאָלץ באַשטעטיקט און, אַ קוק געבנדיק אויף גריגאָריען מיט שטיפערישע, פאַרזשמורעטע אויגן, האָט זי מיט פלומרשטער שרעק זיך אומגעקוקט אויף דער כאָטע. — איי, עפּעס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נאַטאַליע איז אַרויסגעקומען... זי איז אומגעוויינלעך אייפערזיכטיק! היינט ביי מיטאָג האָב איך איין מאָל אַ קוק געטון אויף דיר, האָט זי אַזש אין פּנים זיך געביטן. און נעכטן אינאָוונט האָבן מיר שוין די יונגע ווייבעלעך געזאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ רעכט? קיין קאָזאַקן זענען נישטאָ, און גרישקאַ אייערער איז אויף אורלויב געקומען און טרעט פון ווייב נישט אָפּ. און מיר וואָס זאָלן טון? כאָטש ער איז פאַרווונדעט, כאָטש ס'איז פון אים שוין אַ העלפט געבליבן, וואָלטן מיר אויך מיט דער העלפט מיט פאַרגעניגן זיך אונטערגעהאַלטן. זאָג אים, ער זאָל ביינאַכט איבערן כוטאָר נישט גיין, וואָרים מיר וועלן אים כאַפּן, און ער וועט שלעכט אָפּשניידן!" האָב איך זיי געזאָגט: „ניין, ווייבעלעך, גרישקאַ אונזערער קאָן בלויז אין פרעמדע כוטאָרן זיך דערלויבן, אָבער אינדערהיים האַלט ער ביי נאַטאַליעס פאַדל זיך כסדר. ער איז ביי אונז די לעצטע צייט אַ הייליקער געוואָרן"...

— נו, דו ביסט שוין איינמאָל אַ צויג! — האָט גריגאָרי אָן כעס לאַכנדיק געזאָגט. — האָסט אַ צונג, ווי אַ פּאָמיעטלע!

— קיין אַנדערע וועל איך שוין נישט ווערן. און דיין גע־מאַליעוועטע נאַטאַשענקאַ, די צנועה, — זי האָט דיר נעכטן שוין

איינמאָל דערלאַנגט! און גאַנץ גלייך אויף דיר, הונט, וועסטו נישט איבערן געזעץ אַריבערקריכן!

— נו, דו — אַט וואָס... דו גיי, דאַשקאַ. דו מיש דיך נישט אין פרעמדע עסקים.

— איך מיש מיך נישט. איך זאָג עס נאָר וועגן דעם, וואָס דיין נאַטאַליע איז אַ נאַר. דער מאַן איז געקומען, און זי קריגט זיך, מאַכט אָנשטעלן, אויפן קופערט זיך געלייגט... איך וואָלט מיך שוין אַצינד נישט אָטגעזאָגט פון אַ קאָזאַק! זאָל מיר נאָר אונטער־קומען... איך וואָלט אויך אַזאַ העלד, ווי דו, מיד געמאַכט!

דאַריאַ האָט אַ קריץ געטון מיט די ציין, זיך צעלאַכט און אַוועקגעגאַנגען צו דער כאַטע, זיך אומקוקנדיק אויפן שמייכלענ־דיקן און זשעבירטן גריגאָריען, פינקלענדיק מיט די גילדענע אויע־רינגלעך.

„עס האָט דיר אָפּגעגליקט, ברודער פיעטראָ, צו שטאַרבן... — האָט דער פריילעך־געוואָרענער גריגאָרי געטראַכט. — דאָס איז נישט קיין דאַריאַ, נאָר אַ טייוול! דו וואָלסט פון איר מיט דער צייט סיי־ווי געשטאָרבן!"

XLVII

איבערן כוטאָר באַכמוטקין זענען פאַרלאָשן געוואָרן די לעצ־טע פייערן. דאָס לייכטע פרעסטל האָט פאַרצויגן די קאַלוזשעס מיט אַ דין אייז־הייטל. ערגעץ נאָכן כוטאָר, נאָך דער צעטרעטע־נער לאָנקע האָבן אויפן שטעכיקן שטרוי נאָכן פאַראַיאָריקן אָפּ־געשניטענעם קאָרן זיך אַראָפּגעלאָזט נעכטיקן פאַרשפעטיקטע כוי־שעלן. זייער איינגעהאַלטן, מיד גרעגערן האָט דערטראָגן צום כוי־טאָר דאָס אָנגעלאָפּענע צפון־מזרחדיקעווינדל. און דאָס האָט ווייך שאָטירט, אונטערגעשטראָכן די פרידלעכע שטילקייט פון דער אַפּריל־נאַכט. אין די גערטענער האָבן זיך געזאַמלט געדיכטע שאָטנס; ערגעץ האָט געמרוטשעט אַ קו; דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן. קעגן אַ האַלבער שעה האָט געהערשט אַ טויבע שטילקייט,

וואָס איז בלויז פון צייט־צו־צייט געשטערט געוואָרן דורכן פאַר־בענקטן איבערשרייען זיך פון די אויך ביינאַכט פליענדיקע בעקאַסן און זומזענדיקן פייפן פון די אומצייליקע פליגל פון די קאַטשקעס: די סטאַדעס קאַטשקעס זענען געפלויגן, האָבן זיך געאיילט און דערקליבן צו די פלאַכע לאָנקעס, וואָס זענען פאַרגאָסן געווען פון דאָן... און דערנאָך האָבן אין עק גאַס זיך צעקלונגען מענטש־לעכע קולות, רויט זיך צעגליט פייערלעך פון פאַפיראָסלעך, עס האָט זיך דערהערט אַ שנאָרכען פון פערד, אַ פלאַצן פון קאַלוזשעס, וואָס זענען צעדריקט געוואָרן דורך פערדישע קאָפּיטעס. אין כוּ־טאָר אַריין, ווו עס זענען געשטאַנען די צוויי אויפשטענדערישע קאָזאַקישע סאָטניעס, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען אין קאָמפּלעט פון דער זעקסטער באַזונדערער בריגאַדע, האָט זיך אומגעקערט אַן אויסשפּיר־אָפּטיילונג. די קאָזאַקן האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן הויף פון דער לעצטער כאַטע; זיך דורכשמועסנדיק, האָבן זיי אַוועק־געשטעלט די פערד ביים שליטן אינמיטן הויף, זיי אַוועקגעלייט פאַשע. עמעצנס הייזעריקער באַס האָט אויפגעזונגען אַ טאַנץ־ליד, דייטלעך אַרויסרעדנדיק די ווערטער, מיד און פלעגמאַטיש אויסציענדיק:

> כ׳בין פאַמעלעכקע געגאַנגען,
> שטיל צו איר אַריינגעגאַנגען,
> און אַ שפּאַס מיט איר פאַרפירט —
> מיט מיין ליבסטער פון אַמאָל...

און באַלד האָט אַ פאַררוסן טענאָרל באַגלייטנדיק אַ פלאַטער געטון, ווי אַ פויגל, איבערן הודושענדיקן באַס פרייל עך זיך אַ טראָג געטון:

> האָט זי מיך נישט אויפגענומען,
> אין דער באַק האָב איך באַקומען —
> זיך צעביי זערט האָט דאָס האַרץ,
> דאָס קאָזאַקיש־יונגע האַרץ...

צום ליד האָבן זיך פאַראייניקט נאָך עטלעכע בעסער, דער טעמפּאָ איז געוואָרן האַסטיקער, באַלעבטער, און דער טענאָר פון

דער באַגלייטונג, קאָקעטירנדיק מיט די הויכע טענער, האָט שוין געקלונגען אַנגרייפעריש, פרייליך אונטערהעצנדיק:

האָב דעם אַרבל איך פאַרשאַרצט,
פון דער רעכטער האַנט פאַרשאַרצט,
זיך פאַרמאַסטן אין דער ברייט —
און זי שטייט שוין פייער־רויט,
און זי יאָמערט, און זי זאָגט:
„וואָסער פריינט ביסטו פאַר מיר?
זיבן כלות האָסטו דיר!
און די אַכטע — אַן אלמנה,
און די נײַנטע — איז דײַן ווײַב,
און די צענטע, אויסוואורף, דו,
ערשט די צענטע — דאָס בין איך!"...

אי דאָס שרײַען פון די בושעלן אויף די פוסטע פעלדער, אי דאָס קאָזאַקישע ליד, אי דאָס פײַפן פון די קאַטשענע פליגל אין דער נישט דורכדרינגלעכער פינסטערניש פון דער נאַכט האָבן געהערט די קאָזאַקן, וואָס האָבן זיך געפונען הינטער דער ווינט־מיל אין וואָך־דינסט. אומעטיק איז זיי געווען צו ליגן בײַנאַכט אויף דער קאַלטער, פון פראָסט־פאַרהאַרטעוועטער ערד. נישט רייכערן, נישט שמועסן, נישט זיך דערוואַרעמען דורך גיין אָדער צעטאַפּן די אָרעמס. ליג און ליג צווישן די שטאַנגען פון די פאַרריקטע זון־רויזן. קוק אין דער פינסטערניש פון סטעפּ, הער דיך אײַן, זיך צוליגנדיק מיטן אויער צו דער ערד. אויף צען טריט זעט מען שוין גאָרנישט, און די אַפּריל־נאַכט איז אַזוי רײַך אין געשאַרכן. אַזוי פיל פאַרדעכטיקע קלאַנגען טראָגן זיך אין דער פינסטערניש, אַז איטלעכער פון זיי מאַכט אומרויִק: „צי גייט ניעט? צי רוקט זיך נישט אַ רויטאַרמייִשע אויסשפּירונג?" ווי בײַטאָגנס דערטראָגט זיך דער קנאַק פון אַ צעבראָכן שטענגל, אַן ווײַנגנדלטן כאָפּן... דאָס יונגע קאָזאַקל וויפּריאַשקין ווישט זיך אויס מיט דער הענטשקע דאָס טרערל פון אויג, וואָס איז אים פון שטרענגונג אָנגעלאָפן, שטופּט מיטן עלנבויגן דעם

שכן. יענער דרימלט, איינגעלייגט ווי אַ שטריק, מיטן קאָפּ אויף דער לעדערנער טאָרבע; דער יאַפּאַנישער פּאַטראָנטאַש דריקט אים אין די ריפּן, נאָר ער פּוילט זיך אָנצונעמען אַ באַקוועמערע פּאָזע, ער וויל נישט אַרונטערלאָזן קיין שטראָם ביינאַכטיקע קאַלכע לופט אונטער די שטייף־פּאַרנומענע פּאָלעס פון שינעל. דאָס שאָרכען פון די שטענגלעך און סאָפּען ווערט אַלץ העכער, ביז וויפּריאַשקין דערפילט עס פּלוצלינג האַרט לעבן זיך. ער הייבט זיך אונטער אויפן עלענבויגן, קוקט פאַרווּנדערט דורכן געפלעכט פון די שטאַנגען און שיידט קוים אונטער די קאָנטורן פון אַ גרויס נאָדל־חיהלע. דאָס נאָדל־חיהלע רוקט זיך איילִיק פּאָראויס אי־בערן שפּור פון אַ מויז, אַראָפּגעלאָזט דאָס קליינע חזיר־מאָרדעלע, סאַפּענדיק און שטרייכנדיק מיט די נאָדלען פון רוקן איבער די טרוקענע שטענגלעך. פּלוצלינג דערפילט עס עטלעכע טריט פון זיך די אָנוועזנהייט פון עפּעס פיינטלעכס און, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, זעט עס אַ מענטש, וואָס קוקט דערויף. דער מענטש אָטעמט אָפּ מיט פאַרלייכטערונג:

— טייוול פאַרשאָלטענער! ווי דערשראָקן עס האָט מיך...

און דאָס נאָדל־חיהלע הייבט האַסטיק אונטער דעם קאָפּ, ציט איין די פיסלעך און ליגט אַ ווײַלע, ווי אַ נאָדל־קנײַלעכל, דערנאָך גלייכט עס זיך פּאַמעלעך אויס, באַרירט מיט די פיס די קאַלטע ערד און קייקלט זיך ווי אַ גליטשיקע גרויע קנויל, זיך שטרויכלענדיק אָן די שטאַנגען פון די זון־רויזן, אויפהייבנדיק אַ טרוקענעם שטויב פון די פאַרפוילטע בלעטער. און ווידער וועבט זיך די שטילקייט. און די נאַכט איז ווי אַ מעשהלע...

איבערן כוטאָר האָבן צום צווייטן מאָל אָפּגעקרייעט די הענער. דער הימל איז העלער געוואָרן. דורך די שיטערע צויטיקע וואָלקנס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן. דערנאָך האָט דער ווינט צעטריבן די וואָלקנס, דער הימל האָט אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד מיט אומצייליקע גאָלדענע אויגן.

אָט דעמאָלט האָט עס וויפּראַשקין דערהערט פאַר זיך דייטלעכע טריט פון אַ פערד, אַ קנאַקן פון צווײַגלעך, אַ קלינגען פון

עפּעס מעטאַלישס, און אין אַ ווײַלע אַרום — אויך דאָס סקריפּען פון אַ זאָטל. עס האָבן דערהערט אויך די איבעריקע קאָזאַקן. די פינגער האָבן זיך פאַררוקט אונטער די צינגלעך פון די ביקסן.

— זייט גרייט! — האָט דער אונטעראָפיציר אַ שעפּטשע געטון.

אויפן פּאַן פון אויסגעשטערנטן הימל האָט זיך באַוויזן, ווי אויסגעשניצט, דער סילועט פון אַ רייטער. עמעצער איז געריטן טריט־בײַ־טריט אין דער ריכטונג פון כוטאָר.

— שטיי־ן בלייבן!... ווער רייט?... דער פּאַראָל?...

די קאָזאַקן זענען אויפגעשפּרונגען, גרייט צו שיסן. דער רייטער האָט זיך פאַרהאַלטן, אויפגעהויבן די הענט אינדערהייך.

— חברים, שיסט נישט!

— דער פּאַראָל?

— חברים!...

— דער פּאַראָל? אָפּטייל־ונג!...

— שטייט!... איך בין איינער אַליין... כ׳גיב מיך אונטער!...

— וואָרט־צו, ברידער! נישט שיסן!... מיר וועלן אים אַ לעבעדיקן געמען!...

דער אונטעראָפיציר איז צוגעלאָפן צום רייטער, וויפּראַש־קין האָט אָנגעכאַפּט דאָס פערד בײַ דער לייץ. דער רייטער האָט אַריבערגעהויבן דעם פוס איבערן זאָטל, אַראָפּגעשפּרונגען.

— ווער ביסטו פאַר איינער? אַ רויטער? אַהאַ, ברידער, דער זעלבער! אָט איז בײַ אים אויך אַ שטערן אויף דער פּאַפּאַ־כע. ביסט אַריינ־גע־פאַלן, אַאַאַ!...

דער רייטער האָט זיך אויסגעגלייכט די פיס און שוין רויִק גערעדט:

— פירט מיך אַריין צו אייער שעף. כ׳האָב אים איבערצוגעבן אַ זייער וויכטיקע ידיעה. איך — בין דער קאָמאַנדיר פון סערדאָב־סקער פּולק און בין געקומען אָהער פירן אונטערהאַנדלונגען.

— אַ קאָמאַנדי־י־ר?... דערהרגענען אים, ברידער, די שלאַנג! לאָז מיך, לוקאַ, איך וועל אים באַלד...

— חברים! דערהרגענען מיך קאָנט איר שטענדיק, נאָר פריִער לאָזט מיך מיטטיילן אייער שעף דאָס, צוליב וועלכן איך בין געקומען. איך חזר איבער: דאָס איז אַ זייער וויכטיקער ענין. ביטע, נעמט מיין געווער, אויב איר האָט מורא, אַז איך וועל אַנטלויפן...

דער רויטער קאָמאַנדיר האָט אָנגעהויבן אָפּשפּיליען די פּאַסקעס.

— נעם אַראָפּ! נעם אַראָפּ! — האָט אים איינער פון די קאָזאַקן אונטערגעאיילט.

דער אַראָפּגענומער רעוואָלווער און די שווערד זענען איבערגעגאַנגען אין די הענט פון געהילף-קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג.

— באַזוכט דעם סעדראָבסקער קאָמאַנדיר! — האָט ער באַפוילן, אויפזיצנדיק אויפן פערד, וואָס האָט געהערט צום רויטן קאָמאַנדיר.

דעם פאַרהאַלטענעם האָט מען באַזוכט. דער געהילף-קאָמאַנדיר און דער קאָזאַק וויפּריאַשקין האָבן אים אַוועקגעטריבן אין כוטאָר אַריין. ער איז געגאַנגען צופוס, לעבן אים האָט געשפּרייזט וויפּריאַשקין, טראָגנדיק אויפן אָרעם אַן עסטרייכישע ביקס, און פונהינטן איז נאָכגעריטן דער געהילף-קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג.

אַ צען מינוט האָבן זיי זיך באַוועגט שווייגנדיק. דער געפירטער האָט אָפט פאַררייכערט, זיך אָפּשטעלנדיק, פאַרדעקנדיק מיט דער פּאָלע פון שינעל די שוועבעלעך, וואָס האָבן זיך געלאָשן אויפן ווינט. דער ריח פון די גוטע פּאַפּיראָסן האָט אַרויסגעפירט וויפּריאַשקינען פון געדולד.

— גיב מיר אויך, — האָט ער אַ בעט געטון.

— ביטע!

וויפּריאַשקין האָט גענומען דעם לעדערנעם מיליטערישן פּאָרטסיגאַר, וואָס איז פול געווען מיט פּאַפּיראָסן, אַרויסגענומען איינעם און דעם פּאָרטסיגאַר אַריינגערוקט צו זיך אין קעשענע. דער רויטער קאָמאַנדיר האָט פאַרשוויגן, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, ווען זיי זײַנען שוין געווען אין כוטאָר, געפרעגט:

— וווּהין פירט איר מיך?

— וועסט שוין געוווּיר ווערן.
— פונדעסטוועגן?
— צום קאָמאַנדיר פון דער סאָטניע.
— פירט מיך צום קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע באַגאַטירעוו.
— נישטאָ דאָ אַזעלכער.
— וואָס הייסט — נישטאָ? מיר איז באַקאַנט, אַז ער איז נעכטן געקומען פון שטאַב קיין באַכמוטקין און געפינט זיך אַצינד דאָ.
— אונז איז וועגן דעם נישט באַקאַנט.
— נו, הערט אויף, חברים! מיר איז באַקאַנט, און אייך נישט, דאָס איז נישט קיין מיליטערישער סעקרעט, באַזונדערס ווען ער איז שוין באַקאַנט געוואָרן אייערע שונאים.
— גיי, גיי!
— איך גיי. וועט איר מיך אַריינפירן צו באַגאַטיריעוון.
— שווייג! לויט די געזעצן פון דינסט, איז מיר נישט דער־לויבט מיט דיר צו רעדן.
— און דעם פאַרטסיגאַר צונעמען — איז דערלויבט לויט די געזעצן פון דינסט?
— דאָס אַרט מיך נישט!... גיי, און האַלט די צונג צווישן די ציין, וואָרים אַז נישט, וועל איך דיר דעם שינעל אויך אַראָפּ־ציִען. זעסט, ווי ער באַליידיקט זיך!
דעם סאָטניע־קאָמאַנדיר האָט מען קוים אויפגעוועקט. ער האָט לאַנג געריבן די אויגן מיט די פויסטן, געגענעצט, זיך גע־קרימט און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דער פון פרייד־שיינענדיקער געהילף־קאָמאַנדיר האָט אים געזאָגט.
— ווער ביסטו? דער קאָמאַנדיר פון סערדאָבסקער פּולק? און דו זאָגסט נישט קיין ליגנט? ווייז די דאָקומענטן.
אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צוזאַמען מיטן רויטן קאָ־מאַנדיר געגאַנגען אין דער וווינונג אַריין פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר באַגאַטיריעוו. באַגאַטיריעוו איז אויפגעשפרונגען, ווי אַן אָפּגעבריי־טער, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער קאָמאַנדיר פון סערדאָב־סקער פּולק איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און געפינט

זיך שוין דאָ. ער האָט פאַרשפיליעט די שאַראָוואַרן, אַרויפגעוואָרפן די שעלקעס אויף די ברייטע פלייצעס, אָנגעצונדן דאָס פינפער־לעמפל, געפרעגט דעם רויטן קאָמאַנדיר, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, אַן אויסגעצויגענער:

— איר זענט דער קאָמאַנדיר פון סערדאָבסקער פולק?

— יאָ, איך בין דער קאָמאַנדיר פון סערדאָבסקער פולק וואָראָנאָווסקי.

— זיצט.

— איך דאַנק אייך.

— ווי אַזוי... ביי וועלכע אומשטענדן האָט מען אייך פאַר־נומען?

— איך בין אַליין געקומען צו אייך. איך דאַרף מיך דורכ־שמועסן מיט אייך אינטים. באַפעלט די זייטיקע זאָלן אַרויסגיין.

באָגאַטיריעוו האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און אי דער סאָטניע־קאָמאַנדיר, וואָס איז געקומען מיטן רויטן קאָמאַנדיר, אי דער באַלעבאָס פון הויז — אַ רויט־בערדיקער אַלטגלויביקער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל — זענען אַרויסגעגאַנגען. באָגאַטיריעוו, זיך רייבנדיק דעם נידעריק־געשוירענעם טונקעלן אַ[?]ן, ווי אַן ארבוז, קיילעכיקן קאָפ, איז געזעסן ביים טיש אין בלויזן ברודיקן נאַכט־העמד. זיין פנים מיט די דיקע באַקן און רוי־טע שטרייפן פון שלאָפן אויף אַן אומבאַקוועם קישן, האָט אויסגע־דריקט איינגעהאַלטענע נייגיריקייט.

וואָראָנאָווסקי, אַ נישט הויכער דיקער מענטש, אין אַן עלעגאַנטן שינעל, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אָפיצירישע פאַסקעס, האָט אויסגעגלייכט די פלייצעס; אונטער זיינע שוואַרצע אונטערגעשוירענע וואָנסעס האָט זיך דורכגעגליטשט אַ שמייכל.

— איך האָף, אַז איך האָב דעם כבוד צו רעדן מיט אַן אָפיציר? דערלויבט עטלעכע ווערטער וועגן זיך, און דערנאָך שוין וועגן דער מיסיע, מיט וועלכער איך בין צו אייך געקומען... איך בין אין דער פאַרגאַנגענהייט — אַן אַדלמאַן לויט דער אָפּ־שטאַמונג און שטאַבס־קאַפּיטאַן פון דער צאַרישער דינסט. אין די

מלחמה־יאָרן מיט דייטשלאַנד געדינט אין הונדערט זיבעצעטען ליובאָמירער שיסער־פּולק. אין טויזנט נײַנהונדערט אַכצעטן יאָר מאָביליזירט געוואָרן לויטן דעקרעט פון דער סאָוויעטישער רעגי־רונג אַלס קאַדער־אָפיציר. אין איצטיקן מאָמענט, ווי אײַך איז שוין באַוווסט, פיר איך אָן אין דער רויטער אַרמיי מיטן סעדאָבּ־סקער פּולק. געפינענדיק זיך אין די רייען פון דער רויטער אַר־מיי, האָב איך שוין לאַנג געזוכט אַ מעגלעכקייט אַריבערצוגיין אויף אײַער זייט... דאָס הייסט, אויף דער זייט פון די, וואָס קעמפן מיט די באָלשעוויקעס.

— צו לאַנג, הער שטאַבּס־קאַפּיטאַן, האָט איר געזוכט די מעגלעכקייט.

— יאָ, נאָר איך האָב געוואָלט אויסקויפן מײַן שולד קעגן רוסלאַנד, און נישט בלויז אַליין אַריבערגיין (דאָס האָט מען גע־קאָנט פאַרווירקלעכן שוין לאַנג), נאָר אויך אַריבערפירן מיט זיך די רויטאַרמייאישע טייל, יענע עלעמענטן אירע, פאַרשטייט זיך די געזונטסטע, וואָס זענען דורך די קאָמוניסטן אָפּגענאַרט און אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דעמדאָזיקן מערדערישן ברידער־קאַמף.

דער געוועזענער שטאַבּס־קאַפּיטאַן וואָראָנאָווסקי האָט אַ קוק געטון מיט זײַנע שמאָל־געפּאַסטע גרויע אויגן אויף באַגאַטיריעוון און, באַמערקנדיק זײַן אומצוטרױלעכן שמייכל, רויט געוואָרן, ווי אַ מיידל; ער האָט אָנגעהויבן רעדן שנעלער:

— עס איז גאַנץ נאַטירלעך, הער באַגאַטיריעוו, אַז איר קאָנט האָבן צו מיר און מײַנע רייד אַ געוויסן אומצוטרוי... איך אויף אײַער אָרט וואָלט, משמעות, אויך דאָס זעלבע געפּילט. דער־לויבט־זשע מיר אײַך צו באַווײַזן מיט פאַקטן... מיט אומאָפּ־וועלנדבאַרע פאַקטן...

פאַרהייבנדיק אַ פּאָלע פון שינעל, האָט ער אַרויסגענומען פון דער הויזן־קעשענע אַ פּענמעסערל, זיך אָנגעבויגן אַזוי, אַז די פּאַסקעס אויף זײַנע אַקסלען האָבן אַ סקריפּע געטון, און אָנגעהויבן אויפטרענען די פּעסט־פאַרנייטע זוים פון שינעל. אין עטלעכע מי־נוט אַרום האָט ער פון אונטער דער אויסגעטרענטער לייסט אַרויס־

גענומען פֿאַרגעלטע פּאַפּירן און אַ קליין פֿאָטאָגראַפֿיש קאַרטעלע.

באַגאַטיריעוו האָט אויפֿמערקזאַם איבערגעלייענט די דאָקומענטן. אין איינעם פֿון זיי איז באַשטעטיקט געווען, אַז „דער באַזיצער פֿון דעם פּאַפּיר איז ווירקלעך דער אונטעראָפֿיציר פֿון 117-טן ליובאָמירער שיסער-פּולק וואָראָנאָווסקי, וואָס פֿאָרט אַוועק נאָכן היילן זיך אין משך פֿון זיין צוויי-וואָכיקן אורלויב אין זיין וווינונגס-אָרט — אין דער סמאָלענסקער גובערניע". אויף דער באַשטעטיקונג האָט זיך געפֿונען די חתימה און דער אונטערשריפֿט פֿון הויפּט-דאָקטאָר פֿון מיליטערישן שפּיטאָל №8 פֿון דער 14-טער סיבירער שיסער-דיוויזיע. די איבעריקע דאָקומענטן אויפֿן נאָמען פֿון וואָראָנאָווסקין האָבן אָן ספֿק באַשטעטיקט, אַז וואָראָנאָווסקי איז טאַקע געווען אַן אָפֿיציר. פֿון דעם פֿאָטאָגראַפֿישן קאַרטעלע האָבן אויף באַגאַטיריעוון אַ קוק געטון די פֿרייליכע שמאָל-געפּאַסטע אויגן פֿון אונטעראָפֿיציר וואָראָנאָווסקי. אויפֿן עלעגאַנטן פֿרענטש פֿון האַקי-קאָליר האָט געפֿינקלט אַן אָפֿיצירישער געאָרגי, און די בלענדנדיקע ווייסקייט פֿון די שליפֿעס האָט שאַרפֿער אונטערגעשטראָכן די ברוינקייט פֿון אונטעראָפֿיצירס באַקן, דאָס טונקעלע פּאַסעקל פֿון זיינע וואָנסעס.

— איז וואָס-זשע? — האָט באַגאַטיריעוו געפֿרעגט.

— איך בין געקומען אייך מיטטיילן, אַז מיט מיר, צוזאַמען מיט מיין געהילף, דעם געוועזענעם אונטער-אָפֿיציר וואָלקאָוו, זענען די רויטאַרמייער און דער גאַנצער קאָמפּלעט פֿון טערדאָבסקער פּולק, פֿאַרשטייט זיך — חוץ די קאָמוניסטן, אין יעדער מינוט גרייט אַריבערצוגיין אויף אייער זייט. די רויטאַרמייער — זענען כמעט אַלע פּויערן פֿון דער סאַראַטאָווער און סאַמאַרער גובערניע. זיי זענען מסכּים זיך צו שלאָגן מיט די באָלשעוויקעס. פֿאַר אונדז איז נייטיק שוין צו קומען צו אַ פֿאַרשטענדיקונג וועגן די באַדינגונגען, לויט וועלכע דאָס פּולק זאָל זיך אונטערגעבן. דאָס פּולק געפֿינט זיך איצטער אין אוסט-כאָפּער, עס באַשטייט אַן ערך פֿון טויזנט צווייהונדערט באַגנעטן, אין קאָמוניסטישן קעמערל — אַכטאונדרייסיק, פּליוס דער אָפּטיילונג פֿון די דרייסיק

מאַן איצטיקע קאָמוניסטן. מיר וועלן פאַרכאַפּן די אונז צוגעטיילטע באַטאַריי, דערביי וועט די באַדינונג, וואָרשיינלעך, אויסקומען צו פאַרניכטן, ווייל איר איבערוויגנדע מערהייט באַשטייט פון קאָמוניסטן. צווישן מיינע רויטאַרמייער הערשט אַן אויפרעגונג אוי געביט פון די שוועריקייטן, וואָס זייערע עלטערן קומט אויס אויסצושטיין צוליב דער שלעכטער דערנערונג. מיר האָבן אויסגענוצט דידאָזיקע געלעגנהייט און זיי גענייגט אַריבערצוגיין צו די קאָזאַקן... דאָס הייסט, צו אייך. מיינע סאָלדאַטן שרעקן זיך, אַז ביים איבערגעבן דאָס פולק זאָלן נישט אויסגעפירט ווערן איבער זיי קיין געוואַלט-טאַטן... אָט וועגן דער פראַגע, דאָס זענע פאַרשטייט זיך, קליינקייטן — בין איך מחויב צו קומען מיט אייך צו אַ פאַרשטענדיקונג.

— וואָס פאַר אַ געוואַלט-טאַטן קאָנען זיין?

— נו, דערמאָרדונגען, באַרויבונגען...

— ניין, צו דעם וועלן מיר נישט דערלאָזן!

— און נאָך: די סאָלדאַטן פאַרלאַנגען, אַז דאָס סערדאָבסקע פולק זאָל בלייבן אין זיין קאָמפּלעט און זיך שלאָגן מיט די בּאָלשעוויקעס צוזאַמען מיט אייך, ווי אַ זעלבשטענדיקער קעמפערישער איינס.

— דאָס קאָן איך אייך...

— איך ווייס! איך ווייס! איר וועט זיך פאַרשטענדיקן מיט אייער העכערער אָנפירונג און אונז צו וויסן טון.

— יאָ, איך מוז דאָס מיטטיילן אין וויעשקי.

— אַנטשולדיקט, איך האָב זייער ווייניק צייט, און אויב איך פאַרשפּעטיק אויף אַן איבעריקער שעה, קאָן מיין אָפּוועזנהייט באַמערקט ווערן דורכן קאָמיסאַר פון פולק. איך מיין, אַז מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט וועגן די באַדינגונגען פון אונטערגעבן זיך. איילט אייך צו מיר מיטצוטיילן דעם באַשלוס פון אייער אָנפירונג. דאָס פולק קאָן מען איבערוואַרפן צום דאָניעץ אָדער אויפסניי קאָמפּלעטירן, און אויף אַזאַ אופן...

— יאָ, איך וועל גלייך שיקן אַ ספּעציעלן רייטער קיין וויעשקי.

— און נאָך: באַפעלט אייערע קאָזאַקן מיר אומצו־קערן דאָס געווער. מיך האָט מען נישט בלויז אַנטוואָפנט, — וואָראָנאָווסקי האָט איבערגעריסן זיין פּליסיק רעדן און האַלב־זשעגירט אַ שמייכל געטון, — נאָר אויך צוגענומען מיין... פּאָרט־סיגאַר. — דאָס זענען, פאַרשטייט זיך, נאַרישקייטן, נאָר דער פּאָרטסיגאַר איז מיר טייער אַלס פאַמיליע־זאַך.

— אייך וועט מען אַלץ אומקערן. ווי אַזוי אייך מיטטיילן, ווען איך וועל באַקומען ענטפער פון וויעשקי?

— צו אייך דאָ, קיין באַכמוטקין, וועט קומען אין צוויי טעג אַרום אַ פּרוי פון אוסט־כאָפּער. דער פּאַראָל... נו, לאָמיר אָננעמען — „אייניקייט". איר זאָלט איר איבערגעבן. אומבאַדינגט — מינדלעך...

סוף פון עלפטן בוך.

דער שטילער דאָן

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

ראָמאַן

פון רוסיש: שלמה שיינבערג

ידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1936

מיכאיל שאלאכאוו

דער שטילער דאָן

דאס צוועלפטע בוך

פון רוסיש: שלמה שײנבערג

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק
ווארשע
1936

Druk. „Grafia“ Nowolipki 7.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט איינער פון די קאָזאַקן פון דער מאַקסייעווער סאָטניע זיך געטראָגן אין גאַלאָפּ אויף מערב, קיין וויעשענסק.

צומאַרגנס איז קודינאָווס פּערזענלעכער אָרדינאַנס אָנגעקומען קיין באַכמוטקין, אָפּגעזוכט די וווינונג פון בריגאַדע־קאָמאַנדיר און, אפילו נישט אָנבינדנדיק דאָס פערד, אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע, איבערגעגעבן גריגאָרי באָגאַטיריעוון אַ פּאַקעט מיט אַן אויפשריפט: „זייער דרינגענד. פולשטענדיק געהיים". באָגאַטיריעוו האָט מיט פּיבערהאַפטן אומגעדולד צעבראָכן די לאַק־חתימה. אויפן בלאַנק פון אייבערשטן דאָנער קרייז איז מיט אַ קרעפטיק כתב, דורך דער האַנט פון קודינאָוון אַליין, געווען אָנגעשריבן:

„וואָס מאַכסטו, באָגאַטיריעוו! זייער אַ פריידיק נייעס. מיר באַפולמעכטיקן דיך צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די סערדאָבּצעס און פאַר יעדן פּרייז זיי בייגן זיך אונטערצוגעבן. איך לייג דיר פאָר צו גיין מיט זיי אויף הנחות און זיי צוזאָגן, אַז מיר וועלן איבערנעמען דאָס פאָלק אינגאַנצן און עס אפילו נישט אַנטוואָפּענען. זיי מוזן אָבער פאַרכאַפּן און אַרויסגעבן די קאָמוניסטן, דעם קאָמיסאַר פון פאָלק, און דער עיקר — אונזערע וויעשענסקער, יעלאַנער און אוסט־כאָפּערער קאָמוניסטן. זאָלן זיי אומבאַדינגט פאַרכאַפּן די באַטאַרייע, דעם טאַבאָר, די מאַטעריעלע טייל. באַמי דיך מיט אַלע מיטלען צוצואיילן דעמדאָזיקן ענין. צום אָרט, ווו דאָס פאָלק וועט אָנקומען, קאָנצענטריר די גרעסטע טייל פון דיינע כוחות. רינגל אַרום אין געהיים און טרעט גלייך צו אַנטוואָפּענען. אויב זיי וועלן זיך אַקעגנשטעלן, — הרגע אויס אַלע ביז איינעם. האַנדל פּאָרזיכטיק, אָבער אַנטשלאָסן. ווי נאָר דו וועסט אַנטוואָפּענען, — שיק אַוועק אין הורט דאָס גאַנצע פאָלק קיין וויעשענסק. טרייב זיי אויף דער רעכטער זייט, אַזוי וועט זיין באַקוועמער, ווייל דאָ וועט זיין אי דער פראָנט ווי־

טער, אי דער לערער סטעפּ, — וועלן זיי נישט אַנטרינען, אויב עס וועט זיי איינפאַלן צו אַנטלויפן. פיר זיי לענגאויס דעם דאָן, איבער די כוטאָרן, און אַלס וואָך איבער זיי באַשטים צוויי ריי־טער־סאָטניעס. אין וויעשקי וועלן מיר זיי סאָרטירן, אַריינגעבן צו צוויי, צו דריי אין אַ סאָטניע און זען ווי זיי וועלן שלאָגן די אייגענע. און דערנאָך — איז שוין נישט אונזער זאַך: מיר וועלן זיך פאַראייניקן מיט אונזערע אויף דער צווייטער זייט דאָ־ניעץ, זאָלן זיי דעמאָלט זיי משפטן און טוען מיט זיי, וואָס זיי וועט ווילגעפעלן. פאַר מיינעטוועגן, זאָלן זיי אַלע אויפהענגען. מיר וועט קיין שאָד נישט זיין. איך פריי מיך מיט דיין דערפאָלג. גיב מיר טעגלעך צו וויסן דורך אַ שליח. קודינאָוו".

אין צושריפט איז געזאָגט געוועןַ:

„אויב די סערדאָבצעס וועלן אונזערע היימישע קאָמוניסטן אַרויסגעבן, — טרייב זיי אונטער אַ שטאַרקן קאָנוואָי קיין וויעשקי, אויך איבער די כוטאָרן. נאָר פריער לאָז דורך די סערדאָבצעס. אין קאָנוואָי באַפעל אויסצוקלויבן די זיכערסטע קאָזאַקן (פון די שטרענגערע און עלטערע), זאָלן זיי טרייבן און פריער דעם עולם ברייט באַקאַנט מאַכן. מיר דאַרפן זיך אָן זיי אפילו די הענט נישט איינריכטן, די ווייבער וועלן זיי מיט דרענגער דערהרגע־נען, אויב די זאַך וועט נאָר געשיקט און קלוג איינגעאָרדנט ווערן. פאַרשטאַנען? פאַר אונז איז דידאָזיקע פּאָליטיק באַקווע־מער: דערשיסן זיי, — וועט די ידיעה דערגיין אויך צו די רוי־טע, — מיר דערשיסן געפאַנגענע; און אַזוי איז פּשוטער, — דאָס פאָלק אויף זיי אָנרייצן, דעם צאָרן פון פאָלק אויף זיי, ווי אַ הונט פון דער קייט אָפּלאָזן. זעלבסטגעריכט — און פּטור. קיין טענה ומענה!"

XLVIII

דעם 12־טן אַפּריל איז דאָס ערשטע מאָסקווער פולק

אכזריותדיק צעשלאָגן געוואָרן אין אַ שלאַכט מיט די אויפשטענדער אונטערן אַנטאָנאָווער כוטאָר פון דער יעלאַנער סטאַניצע.

נישט זייענדיק גוט באַקאַנט מיט דער געגנט, זענען די רויטאַרמייער קעמפנדיק אַריינגעגאַנגען אין כוטאָר. די שיטערע קאָזאַקישע הויפן זענען ווי נעסטן אויף אינזלען צעשטעלט געווען איבער די האַרטערע שטיקלעך ערד און די גאַסן און געסלעך, אויסגעלייגט מיט צווייגן, האָבן זיך געצויגן איבער דער טיפער זומפּיקער בלאָטע. דער כוטאָר איז געזונקען אין דער געדיכטער פאַרוואַקסנקייט פון די אָלכע־ביימלעך, אין דער פייכטער, ליימיקער געגנט. אויף זיין ראַנד איז דורכגעפלאָסן דאָס טייכל יעלאַנקאַ, אַ פלאַכס, אָבער מיט אַ ווייכן שלאַמיקן באָדן.

אין טיראַליער זענען געגאַנגען די שיסערס פון ערשטן מאָסקוועער פולק דורכן כוטאָר. ווי נאָר אָבער זיי האָבן געמיטן די ערשטע הויפן און אַריינגעקומען אין אָלכע־וועלדל, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז אין טיראַליער דורכשניידן דאָס וועלדל וועט אוממעגלעך זיין. דער קאָמאַנדיר פון צווייטן באַטאַליאָן — אַ פאַרעקשנטער לאַטיש — האָט נישט געהאָרכט די אָנווייזונגען פון ראָטע־קאָמאַנדיר, וואָס האָט נאָר־וואָס אַרויסגעקריגן זיין פערד פון דער בלאָטע, אַ קאָמאַנדעווע געטון: „פאָראויס״! — און דער ערשטער גענומען שפּאַנען איבערן ווייכן זומפּיקן יאָדן. די צעוואַקלטע רויטאַרמייער האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך אים, טראָגנדיק אויף די הענט די קוילנוואַרפער. זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ פופציק קלאַפטער, זינקענדיק איבער די קניען אין שלאַם, און דאַ האָט פון רעכטן פלאַנג איבער דער ליניע זיך אַ קייקל געטון: „זיי פאַרנעמען זיך אין די פלאַנגען!״ „די קאָזאַקן!״ „זיי האָבן אַרומגערינגלט!״

צוויי אויפשטענדערישע סאָטניעס האָבן טאַקע אַרומגערינגלט דעם באַטאַליאָן, גענומען אָנגרייפן פון הינטן.

אין אָלכע־וועלדל האָבן דער 1־טער און 2־טער באַטאַליאָן פאַרלוירן כמעט אַ דריטל פון קאָמפּלעט און אָפּגעטרעטן.

אין דערדאָזיקער שלאַכט איז דורך אַן אויפשטענדערישער קויל פון היימישער אויסאַרבעטונג פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס איוואַן

אַלעקסעיעוויטש. אים האָט אַרויסגעטראָגן אויף די הענט מישקאַ קאָשעוואָי און, שיער נישט דערשטעכנדיק אַ רויטאַרמייער, וואָס איז שנעל געפאָרן איבערן וואַל, האָט ער אים גענייט אויפצונעמען דעם פאַרווונדעטן אויפן צוויי־רעדערדיקן אַמוניציע־וועגעלע.

דאָס פּולק איז צעשלאָגן און אָפּגעוואָרפן געוואָרן ביזן יעלאַנער כוטאָר. די מפּלה האָט שעדלעך זיך אָפּגערופן אויפן אויסגאַנג פון אָנגריף פון אַלע רויטאַרמייאישע טיילן, וואָס האָבן זיך גערוקט איבער דער לינקער זייט דאָן. מאַלקין איז גענייט געוועזן אָוועקצוגיין פון בוקאַנאָוו אויף צוואָנציק וויאָרסט צפונדיקער, צו דער סלאַשטשעווער סטאַניצע; און דערנאָך, אָנגעגריפן דורך די אויפשטענדערישע כוחות, וואָס האָבן אַנטוויקלט אַ ווילדע אַטאַקע און צאָלרייך איבערגעשטיגן מאַלקינס דרוזשינע, איז ער, אַ טאָג פאַרן אויפברעכן פון אייז, אַריבער דעם כאָפּער, דערטרינקענדיק עטלעכע פערד, און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער קומילזשינער סטאַניצע.

דאָס ערשטע מאָסקווער פּולק, אָפּגעשניטן דורכן אייזגאַנג אין דער לעפּצונג פון כאָפּער, איז אַריבער אויף דער רעכטער זייט דאָן; אָפּוואַרטנדיק פאַרשטאַרקונג, האָט עס זיך פאַרהאַלטן אין דער אוסט־כאָפּערער סטאַניצע. באַלד איז אַהין אָנגעקומען דאָס סערדאָבסקער פּולק. זיינע קאַדרען האָבן לויטן קאָמפּלעט זיך שאַרף אונטערגעשיידט פון די קאַדרען פון ערשטן מאָסקווער פּולק. די אַרבעטער — מאָסקווער, טולער, ניזשעגראָדער, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט דעם מיליטערישן קערן פון מאָסקווער פּולק, — האָבן זיך געשלאָגן העלדיש, עקשנותדיק, נישט איינמאָל זיך צונויפגייענדיק מיט די אויפשטענדער פּנים־אל־פּנים, טעגלעך פאַרלירנדיק צענדליקער קעמפער אין דערהרגעטע און פאַרווונדעטע. בלויז די פּאַסטקע אין אַנטאָנאָוו האָט צייטווייליק אַרויסגעפירט דאָס פּולק פון דער ליניע, אָבער אָפּטרעטנדיק, האָט עס נישט איבערגעלאָזט דעם שונא קיין איין צוויי־רעדערדיק טאַבאַראָדער אַמוניציע־וועגעלע. און די ראָטע סערדאָבצעס האָט באַלד אין דער ערשטער שלאַכט הינטערן יאַגאָדינער כוטאָר נישט

אויסגעהאַלטן די אויפשטענדערישע רייטער־אַטאַקע; דערזעענדיק די קאָזאַקישע לאַווע, האָט זי פאַרלאָזט די שוץ־גרובנס און וואָלט זיכער געווען ביז איינעם אויסגעהרגעט געוואָרן, ווען נישט די קאָמוניסטישע מאַשינגעווער־באַדינונג, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף מיט אַ העפטיק פייער פון די קוילנוואַרפער.

דאָס סערדאָבסקער פולק האָט אייליק זיך פאָרמירט אין דער שטאָט סערדאָבסק. צווישן די רויטאַרמער — בלויז סאַראַטאָווער פויערן פון די שפּעטערע יאָרן — האָבן דייטלעך זיך געלאָזט מערקן שטימונגען, וואָס האָבן לגמרי נישט משפּיע געווען אויף דער דערהייבונג פון קאַמפס־גייסט. אין דער ראָטע איז געווען אַן איבערוועגנדע צאָל אַנאַלפאַבעטן און אַנטלאָפענע פון די פאַרמעגלעך־קולאַקישע טיילן פון דאָרף. דער אָנפירנדיקער קאָמפּלעט פון פולק איז אויף אַ העלפט באַשטאַנען פון געוועזענע אָפיצירן. דער קאָמיסאַר — אַ מענטש אָן ווילן און פון שוואַכן כאַראַקטער — האָט נישט געגאָסן פון צוטרוי ביי די רויטאַרמייער; און די פאַררעטער — דער פולק־קאָמאַנדיר, דער שעף פון שטאַב און די צוויי ראָטע־קאָמאַנדירן, באַשליסנדיק איבערצוגעבן דאָס פולק, האָבן אין די אויגן פון פאַרטיי־קעמערל, וואָס האָט גאָרנישט באַמערקט, געפירט אַ פאַררעטערישע אַרבעט צו דעמאָראַליזירן די רויטאַרמייאישע מאַסע דורך די קאָנטררעוואָלוציאָנער־געשטימטע, אין פולק זיך אַריינגעקריגענע קולאַקעס, געפירט קעגן די קאָמוניסטן אַ קונציקע אַגיטאַציע, געזייעט אומגלויבן אין דערפאָלג פון קאַמף ביים אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, צוגרייטנדיק דאָס איבערגעבן דאָס פולק.

שטאָקמאַן, וועלכער איז געשטאַנען אויף איין קוואַרטיר מיט דריי סערדאָבצעס, האָט אומרויִק זיך צוגעקוקט צו די רויטאַרמייער און נאָכדעם ווי ער האָט איינמאָל שאַרף זיך צונויפגעשטויסן מיט די סערדאָבצעס, האָט ער פולשטענדיק זיך איבערצייגט אין דער העכסט־ערנסטער דראָונג, וואָס איז געהאָנגען איבערן פולק.

דעם 14־טן, שוין בין־השמשות, זענען אויף דער קוואַרטיר

געקומען צוויי סערדאָבצעס פון דער צווייטער ראָטע. איינער פון זיי, מיטן פאַמיליען-נאָמען גאָריגאַסאָוו, האָט געזאָגט, נישט באַגריסנדיק זיך און קוקנדיק מיט אַ מיאוס שמייכעלע אויף שטאָקמאַנען און איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, וואָס איז געלעגן אויפן בעט:

— מיר האָבן שיין דערפירט מיט דער מלחמה! אינדערהיים נעמט מען צו דאָס ברויט ביי די אייגענע, און דאָ קומט אויס צו קעמפן, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס...

— דו ווייסט נישט פאַרוואָס דו קעמפסט? — האָט שטאָקמאַן אים שאַרף געפרעגט.

— אוודאי ווייס איך נישט! די קאָזאַקן — זענען די זעלבע ערד-אַרבעטער, וואָס מיר. מיר ווייסן קעגן וואָס זיי האָבן דעם אויפשטאַנד געמאַכט! מיר ווייסן...

— און דו, אויסוואָרף, ווייסט מיט וועמענס לשון דו רעדסט? מיטן לשון פון די ווייסגוואַרדייער! — האָט דער געוויינלעך-איינגעהאַלטענער שטאָקמאַן זיך אויפגעקאָכט.

— און דו רוף נישט קיינעם אויסוואָרף, וואָרים דו וועסט קריגן איבער די וואָנסעס!... איר הערט, חברה? אַ גאַנצער ווילער!

— שטילער, שטילער, בערדיקער! מיר האָבן שוין אַזעלכע געזען! — האָט זיך אַריינגעמישט אַ צווייטער, נידעריקער און קאָמפּאַקטער ווי אַ זאַק מעל. — דו מיינסט, אויב דו ביסט אַ קאָמוניסט, קאָנסטו אונז שוין אויפן האַלז טרעטן? היט דיך, וואָרים מיר וועלן דיר די גאַווה אַרויסשלאָגן!

ער האָט פאַרשטעלט מיט זיך דעם שמאָלן גאָריגאַסאָוון, זיך אָנגערוקט אויף שטאָקמאַנען, די קורצע שטאַרקע הענט פאַרלייגט אויפן רוקן, שעלמיש פינקלענדיק מיט די אויגן.

— וואָס מיינט איר מיט זיך?... מיט ווייסגוואַרדייאישן גייסט אָטעמט איר אַלע? — האָט שטאָקמאַן געפרעגט, זיך שטיקנדיק און מיט קראַפט אָפּגעשטויסן דעם רויטאַרמייער, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף אים.

יענער האָט זיך אַ וואַקל געטון, אויפגעקאָכט געוואָרן, גע-

וואָלט אָנכאַפּן שטאָקמאַנען ביי דער האַנט, נאָר גאָריגאַסאָוו האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— לאָז דיך נישט אַריין מיט אים!

— דאָס — זענען קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע טענות! מיר וועלן אייך משפּטן, ווי פאַררעטער פון דער סאָוויעטישער מאַכט!

— דאָס גאַנצע פאָלק וועסטו צום טריבונאַל נישט אָוועק-שיקן! — האָט געענטפערט איינער פון די רויטאַרמייער, וואָס זע-נען געשטאַנען מיט שטאָקמאַנען אויף דער קוואַרטיר.

אים האָט מען אונטערגעהאַלטן:

— די קאָמוניסטן קריגן אי צוקער, אי פּאַפּיראָסן און מיר — נישט!

— זאָגסט ליגנט! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אויסגע-שריגן, זיך אונטערהייבנדיק אויפן געלעגער. — מיר קריגן דאָס זעלבע, וואָס איר!...

נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט שטאָקמאַן זיך אָנגעטון און אַרויסגעגאַנגען. מען האָט אים נישט פאַרהאַלטן, נאָר באַ-גלייט מיט חוזק-אויסרופן.

שטאָקמאַן האָט געטראָפן דעם קאָמיסאַר פון פּולק אין שטאַב. ער האָט אים אַרויסגערופן אין צווייטן צימער אַריין, אויפ-גערעגט איבערגעגעבן וועגן צוזאַמענשטויס מיט די רויטאַרמייער, פאָרגעלייגט זיי צו אַרעסטירן. דער קאָמיסאַר האָט אים אויסגע-הערט, זיך גלעטנדיק דאָס פייערדיק-געלע בערדעל, אין פאַר-לעגנהייט זיך גלייך מאַכנדיק די ברילן אין די שוואַרצע האָרן-רעמלעך.

— מאָרגן וועט מען רופן אַ פאַרזאַמלונג פון פּאַרטיי-קע-מערל, באַהאַנדלען די לאַגע. און אַרעסטירן דידאָזיקע חברהלייט האַלט איך נישט פאַר מעגלעך אין דידאָזיקע אומשטענדן...

— פאַרוואָס? — האָט שטאָקמאַן שאַרף געפרעגט.

— ווייסט איר, חבר שטאָקמאַן... איך אַליין באַמערק, אַז ביי אונז אין פּולק איז נישט אין אָרדענונג, מסתמא עקזיסטירט עפּעס אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, נאָר עס געלינגט

נישט זי אָנצוטאַפּן. און אין דער ספערע פון איר ווירקונג — געפינט זיך די מערהייט פון פאָלק. פויערישע סטיכיע, וואָס קאָן מען טון! איך האָב מיטגעטיילט וועגן די שטימונגען פון די רויטאַרמייער און פאָרגעלייגט אַוועקצופירן דאָס פאָלק און עס אויפלעזן.

— פאַרוואָס האַלט איר נישט פאַר מעגלעך גלייך צו אַרעסטירן דידאָזיקע אַגענטן פון דער ווייסגוואַרדיישטשינע און זיי אַוועקשיקן אין רעוואָלוציאָנער־טריבונאַל פון דער דיוויזיע? אַזאַ רעדן — איז דאָך אָפענער פאַרראַט!

— יאָ, נאָר דאָס קאָן אַרויסרופן אומגעוווּנטשענע עקסצעסן און אפילו אַ בונט.

— אַזוי? פאַרוואָס־זשע האָט איר, זעענדיק אַזעלכע שטימונגען ביי דער מערהייט, שוין לאַנג נישט מיטגעטיילט וועגן דעם אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג.

איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב מיטגעטיילט. פון אוסט־מעדוועדיצאַ איילט מען זיך עפּעס נישט צו ענטפערן. ווי נאָר מען וועט אָפּרופן דאָס פאָלק, וועלן מיר שטרענג באַשטראָפן אַלע שטערער פון דער דיסציפּלין און באַזונדערס די רויטאַרמייער, וואָס האָבן גערעדט דאָס, וואָס איר האָט נאָר־וואָס מיטגעטיילט... — דער קאָמיסאַר האָט זיך אָנגעכמורעט און שעפּטשענדיק צוגעגעבן: — איך האָב אַ חשד אויף וואָראָנאָווסקין און... דעם שעף פון שטאַב וואָלקאָוון. באַלד מאָרגן נאָך דער פאַרזאַמלונג פון פּאַרטיי־קעמערל וועל איך אַרויספאָרן קיין אוסט־מעדוועדיצאַ. מען דאַרף אָננעמען שנעלע מיטלען צו לאָקאַליזירן דידאָזיקע געפאַר. איך בעט אייך צו האַלטן בסוד אונזער שמועס.

— אָבער פאַרוואָס קאָן מען נישט צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון די קאָמוניסטן? מיר קאָנען דאָך פאַרשפּעטיקן, חבר!

— איך פאַרשטיי. נאָר שוין — איז אוממעגלעך. די מערהייט קאָמוניסטן געפינען זיך אויף וואַך און אין אויסשפּירונג. איך בין באַשטאַנען אויף דעם, ווייל אָנטרויען אומפּאַרטייאישע אין אַזאַ לאַגע — וואָלט געווען נישט פאָרזיכטיק. אויך די באַטאַריי, און איר באַדינונג באַשטייט מערסטנטיילס פון קאָמוניסטן, קומט ערשט

היינט ביינאַכט אַן פון קראָטאָוו. איך האָב זי אַרויסגערופן טאַקע אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער אויפרודערונג אין פולק.

שטאָקמאַן האָט זיך אומגעקערט פון שטאַב, אין קורצע שטריכן איבערגעגעבן איוואַן אַלעקסעיעוויטשן און מישקאַ קאָשעוואָיען זיין שמועס מיטן קאָמיסאַר פון פולק.

— גיין קאָנסטו נאָך נישט? — האָט ער געפרעגט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן.

— איך לאָם. פריער האָב איך מורא געהאַט אויפצורייצן די ווונד, און אַצינד - צי דו ווילסט יאָ, צי נישט, וועט מען שוין מוזן גיין.

ביינאַכט האָט שטאָקמאַן אָנגעשריבן אַן אויספירלעכע מיט־טיילונג וועגן באַשטאַנד פון פולק און האַלבע נאַכט אויפגעוועקט קאָשעוואָיען. אַרייַנרוקנדיק אים דעם פּאַקעט אין בוזעם, האָט ער געזאָגט:

— שאַף דיר שוין אַ פערד און רייט אַוועק קיין אוסט־מיעד־וויעדיצאַ. שטאַרבן זאָלסטו, און דעם בריוו איבערגעבן אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער פערצענטער דיוויזיע... אין וויפיל שעה אַרום וועסטו זיין דאָרט? ווו רעכנסטו צו קריגן אַ פערד?

מישקאַ האָט קרעכצנדיק אַרויסגעצויגן די געלע פּאַרטרוקנ־טע שטיוול אויף די פיס, מיט הפסקות געענטפערט:

— אַ פערד וועל איך צוגנבענען... ביי די רייטער־אויסשפּי־רער, און אָנקומען קיין אוסט־מיעדוויעדיצאַ... וועל איך העכסטנס... אין צוויי שעה אַרום. די פערד אין דער אויסשפּירונג זענען גע־מיינע — אַז נישט... וואָלט איך געווען... אין אַנדערטהאַלבן שעה! איך האָב געדינט אַלס אַטאַרשטשיק... איך ווייס ווי אַזוי פון אַ פערד... די העכסטע פלינקייט אַרויסצושלאָגן.

מישקאַ האָט איבערגעלייגט דעם פּאַקעט, אַרייַנרוקנדיק אים אין דער קעשענע פון שינעל.

— נאָכוואָס טוסטו דאָס? — האָט שטאָקמאַן געפרעגט.

— כ'זאָל אים גיכער קאָנען אַרויסקריגן, אויב די סערדאָב־צעס וועלן מיך כאַפּן.

— נו? — האָט שטאָקמאַן נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען.

— נאַדיר אַ „נו״! אויב זיי וועלן מיך כאַפּן — וועל איך אים אַרויסנעמען און אַראָפּשלינגען.

— ביסט אַ כוואַט! — שטאָקמאַן האָט קאַרג אַ שמייכל געטון, צוגעגאַנגען צו מישקען און, ווי געמאַטערט פון שווערן פאַרגעפיל, פּעטט אים אַרומגענומען און שטאַרק געקושט מיט קאַלטע, ציטערדיקע ליפּן. — פאָר!

מישקאַ איז אַרויסגעגאַנגען, בשלום אָפּגעפונדן פון באַריער איינס פון די בעסטע פערד פון דער רייטער-אויסשפּירונג, טריט־ביי־טריט געמיטן די וואָך, האַלטנדיק די גאַנצע צייט דעם ווייזפינגער אויפן צינגל פון דער נייער קאַוואַלערישער ביקס, — זייטיק זיך אַרויסגעקריגן אויפן שליאַך. ערשט דאָרט האָט ער פאַרוואָרפן דעם רעמעט פון דער ביקס איבערן אַקסל, אָנגעהויבן מיטן גאַנצן כוח „אַרויסשלאָגן״ די העכסטע פלינקייט פון סאַראַטאָווער פערדל מיטן קורצן וויידל.

XLIX

פאַרטאָג האָט אָנגעהויבן טריפן אַ דראָבנער רעגן. ס׳האָט זיך צערוישט אַ ווינט. פון מזרח האָט אָנגערוקט אַ שוואַרצער שטורעם-וואָלקן. די סערדאָבצעס, וואָס זענען געשטאַנען אויף איין קוואַרטיר מיט שטאָקמאַנען און איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, זענען אויפגעשטאַנען, אַוועקגעגאַנגען, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז געקומען צו לויפן דער יעלאַנער קאָמוניסט טאָלקאַטשאָוו, — וועלכער האָט אויך, ווי שטאָקמאַן, מיט זיינע יאַטן זיך אָנגעשלאָסן אָן סערדאָבסקער פּולק. ער האָט געעפנט די טיר און אַ געשריי געטון מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— שטאָקמאַן, קאָשעוואָי, איר זענט דאָ? קומט אַרויס!

— וואָס איז? קום אַריין! — שטאָקמאַן איז אַרויסגעגאַנגען אין פעדערשטן צימער, אָנטוענדיק אויפן וועג דעם שינעל. — קום אַריין!

— אָן אומגליק ! — האָט טאַלקאַטשאָוו געשעפּטשעט, נאָכ־גייענדיק שטאָקמאַנען אין צווייטן צימער אַריין. — די אינפאַנטע־ריע האָט נאָר־וואָס געוואָלט ביי דער סטאַניצע... ביי דער סטאַ־ניצע אַנטוואָפּענען די באַטאַרייע, וואָס איז אָנגעפאָרן פון קרוטאָוו. עס איז פאָרגעקומען אַן איבערראַשונג... די באַטאַרייצעס האָבן אָפּ־געשלאָגן דעם אָנגריף, אַרויסגענומען די שלעסער פון די קוילנ־וואַרפער און אין בערקעס זיך אַריבערגעשיפט אויף דער צווייטער זייט...

— נו, נו ? — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אונטערגעאײַלט, מיט אַ קרעכץ אַרויפציִענדיק דעם שטיוול אויפן פאַרווונדעטן פוס.

— און אַצינד קומט פאַר ביי דער צערקווע — אַ מיטינג... דאָס גאַנצע פולק...

— קום שנעלער ! — האָט שטאָקמאַן באַפוילן איוואַן אַלעק־סעיעוויטשן און אָנגעכאַפּט טאַלקאַטשאָוון ביים אַרבל פון דער וואַרעמער קורטקע. — ווו איז דער קאָמיסאַר ? ווו זענען די אי־בעריקע קאָמוניסטן ?...

— איך ווייס נישט... טייל זענען אַנטלאָפן, און איך בין אַוועק — צו דיר. דער טעלעגראַף איז פאַרנומען, מען לאָזט קיי־נעם נישט צו... מען דאַרף אַנטלויפן ! אָבער ווי אַזוי אַנטלויפן ? — טאַלקאַטשאָוו האָט פאַרלוירן זיך אַ זעץ געטון אויפן קופערט, אַראָפּלאָזנדיק די הענט צווישן די קניִען.

אין דעם מאָמענט האָבן אויפן גאַנעק זיך דערהערט טריט, אין דער כאַטע האָבן זיך אַריינגעשטופּט אַ מאַן זעקס רויטאַרמייער־סערדאָבצעס, זייערע פּנימער זענען געווען אָנגעצונדן, האָבן אויס־געדריקט בייזע אַנטשלאָסנקייט.

— קאָמוניסטן, אויפן מיטינג ! שנעלער !

שטאָקמאַן האָט זיך געביטן מיט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן מיטן בליק, שטרענג פאַרפּרעסט די ליפּן :

— קום !

— דאָס געווער לאָזט איבער. איר גייט נישט אויף קיין

מלחמה ! — ! אָט איינער פון די סערדאָבצעס פאָרגעלייגט, נאָר שטאָק-מאַן האָט זיך' געמאַכט נישט הערנדיק, אויפגעהאָנגען די ביקס אויפן אַקסל, אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער.

עלף הונדערט העלזער האָבן מיט פאַרשידענע קולות גע-ליאַרעמט אויפן פלאַץ. די איינוווינער פון דער אוסט-כאָפּערער סטאַניצע האָט מען נישט געזען. זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער, מורא האָבנדיק פאַר געשעענישן (מיט אַ טאָג פריער האָבן זיך פאַרשפרייט עקשנותדיקע קלאַנגען איבער דער סטאַניצע, אַז דאָס פולק פאַראייניקט זיך מיט די אויפשטענדער און אין דער סטאַניצע קאָן פאָרקומען אַ שלאַכט מיט די קאָמוניסטן). שטאָק-מאַן איז דער ערשטער צוגעגאַנגען צו דער טויב-רוישנדיקער מחנה רויטאַרמייער, אַ נישטער געטון מיט די אויגן, זוכנדיק עמעצן פון אָנפירער-קאָמפּלעט פון פולק. פאַרביי אים האָט מען דורכגעפירט דעם קאָמיסאַר פון פולק. צוויי רויטאַרמייער האָבן אים געהאַלטן ביי די הענט. דער בלייכער קאָמיסאַר, אונטערגע-שטופּט פון הינטן, איז אַריין אין דער געדיכטעניש פון די נישט-פאָרמירטע רויטאַרמייאישע רייען. אויף עטלעכע מינוט האָט שטאָקמאַן אים פאַרלוירן פון בליק און דערנאָך אים דערזען שוין אינמיטן דער מחנה שטיין אויף אַ קאָרטן-טיש, וואָס איז אַרויס-געשלעפּט געוואָרן פון עמעצנס אַ הויז. שטאָקמאַן האָט זיך אומגע-קוקט. הינטער אים, אָנגעלענט אויף דער ביקס, איז געשטאַנען דער לאָם-געוואָרענער איוואַן אַלעקסעיעוויטש און לעבן אים — יענע רויטאַרמייער, וואָס זענען געקומען נאָך אים.

— חברים רויטאַרמייער ! — האָט שוואַך אָפּגעקלונגען דאָס קול פון קאָמיסאַר — אָפּהאַלטן מיטינגען אין אַזאַ מאָמענט, ווען דער שונא געפינט זיך פון אונז — אין אוממיטלבאַרער נאָענטקייט... חברים !...

ווייטער האָט מען אים נישט געלאָזט רעדן. אַרום טיש, ווי אויפגעטרייסלט דורכן ווינט, האָבן זיך צעוויגט די גרויע רויט-אַרמייאישע פּאַפּאַכעס, האָבן זיך אַ וואַקל געטון די בלוילעכע שפּיצן פון די באַגנעטן, צום טישל האָבן זיך אויסגעשטרעקט הענט

מיט געביילטע פויסטן, איבערן פלאַץ האָבן, ווי שאָסן, אָפּגעקלונ־
גען בייזע, קורצע אויסרופן:

— אָצינד זענען מיר פּאַר זיי חברים!
— דאָס לעדערנע קורטקעלע טו אויס!
— האָסט אָפּגענאַרט!
— אויף וועמען פּירט איר אונז?!
— ביי די פיס שלעפּ אים אַראָפּ!
— שלאָג אים!
— מיטן באַגנעט דערלאַנג אים!
— גענוג שוין קאָמיסאַר געווען!

שטאָקמאַן האָט געזען, ווי אַ הויכער, נישט יונגער רויט־אַרמייער איז אַרויפגעקראָכן אויפן טישל, אָנגעכאַפּט מיט דער לינ־קער האַנט דאָס קורצע, געלע לאָפּעטקעלע פון קאָמיסאַרס בערדל. דאָס טישל האָט זיך אַ וואַקל געטון און דער רויטאַרמייער צוזאַ־מען מיטן קאָמיסאַר זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די אויסגעשטרעקטע הענט פון די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום טיש. אויף דעם אָרט, ווו ס'איז ערשט געשטאַנען דער קאַרטן־טיש, האָט גענומען קאָכן אַ גרויער מישמאַש פון שינעלן; דער איינזאַמער, פאַרצווייפלטער אויסגעשריי פון קאָמיסאַר איז דערטרונקען געוואָרן אין צונויפגע־גאָסענעם דונערן פון די קולות.

באַלד האָט שטאָקמאַן זיך אַ ריס געטון אַהין. האַסטיק צע־שטופנדיק, זעצנדיק מיט די פויסטן איבער די שטייפע רוקנס אין די גרויע שינעלן, האָט ער כמעט לויפנדיק זיך דורכגעשלאָגן צום אָרט, ווו דער קאָמיסאַר האָט געערדט. מען האָט אים נישט פאַר־האַלטן, נאָר מיט די פויסטן און קאָלבעס געשטופּט, געשלאָגן אי־בערן רוקן, איבערן נאַקן, אַראָפּגעריסן פון אַקסל די ביקס, פון קאָפּ — דאָס רויטאַרמייאישע קאָזאַקישע היטל.

— וווהין שטופסטו דיך, טיי־וו־ל!? — האָט אין פאַרדרוס אויסגעשריגן איינער פון די רויטאַרמייער, וועלכן שטאָקמאַן האָט שטאַרק אָפּגעטרעטן דעם פוס.

ביים טיש, דעם איבערגעקערטן מיט די פיס אַרויף,

האָט שטאָקמאַנען פאַרצוימט דעם וועג אַ קרעמפּער אונ־טעראָפיציר. זיין גרויע שעפּסענע פּאַפּאַכע איז געווען פאַררוקט אויפן נאַקן, דער שינעל ברייט צעשפּיליעט, איבערן ציגל־רויטן פּנים איז גערונען שוויס, די צעהיצטע, מיט צאָרן בוימלדיק־פאַר־גאָסענע אויגן האָבן געשיקלט.

— וווהין פּאַקסטו דיך ?

— אַ וואָרט ! אַ וואָרט פאַר אַ געוויינלעכן פראָנט־קעמ־פער !... — האָט שטאָקמאַן הייזעריק אויסגעשריגן, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם, און פלינק אויפגעשטעלט דאָס טישל אויף די פיס. מען האָט אים אפילו אונטערגעהאָלפן אַרויפקריכן אויפן טיש. אָבער אויפן פּלאַץ איז נאָך מיט הפסקות אָנגעגאַנגען דער העפטיקער ליאַרעם. שטאָקמאַן האָט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינע האַלדז־בענדער אויסגעשריגן : — שוויי־ג־ן !... — און אין אַ האַלבער מי־נוט אַרום, ווען דער ליאַרעם האָט זיך איינגעשטילט, מיט אַן איבערגעריסן קול, פאַרשטיקנדיק דעם הוסט, אָנגעהויבן רעדן : — רויטאַרמייער ! שעמט אייך ! איר פאַרראַט די מאַכט פון פאָלק אין דער שווערסטער מינוט ! איר וואַקלט אייך, ווען מען דאַרף מיט אַ פעסטער האַנט דערלאַנגען דעם שונא גלייך אין האַרץ אַריין ! איר האַלט אַפּ מיטינגען, ווען דאָס סאָוויעטישע לאַנד שטיקט זיך אין רינג פון די שונאים ! איר געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון פשוטן פאַרראַט ! פאַר־וואָס ? אייך האָבן פאַרקויפט צו די קאָזאַקישע גענעראַלן אייערע פאַררעטער־קאָמאַנדירן ! זיי — די געוועזענע אָפיצירן — האָבן אָפּגענאַרט דעם צוטרוי פון דער סאָ־וויעטישער מאַכט און, אויסנוצנדיק אייער אומוויסנהייט, ווילן זיי איבערגעבן דאָס פאָלק די קאָזאַקן. באַזינט אייך ! מיט אייער האַנט ווילן זיי צוהעלפן שטיקן די מאַכט פון די אַרבעטער און פויערן !

דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, דער געוועזענער פענריך ווייסטמינסטער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון טיש, האָט שוין פאַרוואָרפן די ביקס צום אַקסל, נאָר באַמערקנדיק די־דאָזיקע באַוועגונג, האָט שטאָקמאַן אויסגעשריגן :

— וואָג נישט ! דערהרגענען וועסטו תמיד באַוויזן ! אַ

וואָרט — פאַר אַ קעמפער־קאָמוניסט ! מיר — קאָמוניסטן — האָבן דאָס גאַנצע לעבן... דאָס גאַנצע בלוט אונזערס... טראָפּנווייז... — שטאָקמאַנס קול, אָנגעשטרענגט אויף דער העכסטער מדרגה, איז איבערגעגאַנגען אין אַ דיסקאַנט, זיין פּנים איז געוואָרן טויט־בלייך און צעקרימט, — ...אָוועקגעגעבן דער זאַך פון דינען דעם אַרבעטער־קלאַס... דעם אונטערדריקטן פּויערטום. מיר זענען געוווינט געוואָרן אָן פּחד צו קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין ! איר קאָנט מיך דערהרגענען...

— איר האָט געהערט !

— גענוג שוין גערעדט !

— לאָזט אים רעדן !

— אַנו, שווייגן דאָרט !

— ...מיך דערהרגענען, נאָר איך חזר איבער : באַזינט אייך ! נישט אָפּהאַלטן מיטינגען דאַרף מען, נאָר גיין אויף די ווייסע ! — שטאָקמאַן האָט דורכגעפירט די שמאָל־צונויפגעלענטע אויגן איבער דער איינגעשטילטער רויטאַרמייאישער מחנה און באַמערקט נישט ווייט פון זיך דעם קאָמאַנדיר פון פּולק וואָראָנאָווסקין. יענער איז געשטאַנען אַקסל־ביי־אַקסל מיט עפּעס אַ רויט־אַרמייער ; אָנגעשטרענגט שמייכלענדיק, האָט ער אים עפּעס איינגערוימט. — אייער פּולק־קאָמאַנדיר...

שטאָקמאַן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אָנווייזנדיק אויף וואָראָנאָווסקין, נאָר צולייגנדיק די האַנט צום מויל, האָט יענער עפּעס אַריינגעשעפּטשעט דעם רויטאַרמייער, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, און שטאָקמאַן האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די פראַזע, ווי אין דער לופט, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט דער אַפּריל־פייכטקייט פון יונגן רעגן, האָט פאַרטויבט אַ קנאַל געטון אַ שאָס. דער קלאַנג פון ביקסן־שאָס איז געווען נישט פול, שטיל, ווי מען וואָלט אַ קנאַק געטון מיט אַ בייטשל, אָבער אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט ביי דער ברוסט, איז שטאָקמאַן געפאַלן אויף די קניען און זיין אַנטבלויזטער גרוילעכער קאָפּ איז אַראָפּגעזונ־

קען... דאָך האָט ער זיך באַלד אַ וואַקל געטון און ווידער אויפ־געשפּרונגען.

— אָסיפּ דאַווידאָוויטש ! — האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש אַרויסגעקרעכצט, דערזעענדיק דעם אויפגעשפּרונגענעם שטאָקמאַ־נען, און זיך גענומען רייסן צו אים, נאָר אים האָט מען אָנגע־כאַפּט ביי די אָרעמס און אַ זאָג געטון :

— שווייג ! רייס דיך נישט ! די ביקס גיב אַהער, אויס־וווּרף !

איוואַן אַלעקסעיעוויטשן האָט מען אַנטוואָפנט, דורכגעניש־טערט זיינע קעשענעס, אַוועקגעפירט פון פּלאַץ. אין פאַרשידענע עקן האָט מען אַנטוואָפנט געכאַפּטע קאָמוניסטן. אין געסל, לעבן גרויסן סוחרישן הויז, האָבן איילִיק אָפּגעקנאַלט אַ פינף אָדער זעקס שאָסן, — מען האָט דערהרגעט אַ קאָמוניסט פון דער מאַשינ־געווער־באַדינונג, וואָס האָט נישט געוואָלט אָפּגעבן זיין קוילנ־וואַרפער.

און אין דעם מאָמענט האָט שטאָקמאַן מיט בלעזלדיקן ראָזן בלוט אויף די ליפּן, מיט אַ קאָנוולסיוו שלוקערצן, איינגעצן אַ טויט־בלייכער זיך נאָך אַ ווילע געוואַקלט, שטייענדיק אויפן קאַרטן־טיש, און באַוויזן אויסצושרייען, אָנשטרענגענדיק די לעצטע אויסגייענדיקע כּוחות, דאָס לעצטע ביסל ווילן :

— אייך האָט מען אַריינגעפירט אין אַ טעות !... פאַררעטער... זיי וועלן זיך דערדינען פאַרגעבונג, נייע אָפיצירישע ראַנגען... אָבער דער קאָמוניזם וועט לעבן... חברים !... באַזינט אייך !...

און ווידער האָט דער רויטאַרמייער, וואָס איז געשטאַנען לעבן וואָראָנאָווסקין, פאַרוואָרפן די ביקס צום אַקסל. אַ צווייטער שאָס האָט איבערגעקערט שטאָקמאַנען אויפן רוקן, אים אַראָפּגע־וואָרפן פון טיש צו די פיס פון די רויטאַרמייער. אויפן טיש איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען איינער פון די סערדאָבצעס, אַ מענטש מיט אַ ברייט מויל און פלאַכע ציין, מיט אַ געשטופּלט פּנים פון פּאָקן, ער האָט אויסגעשריגן :

— מיר האָבן דאָ געהערט אַ סך פאַרשידענע צוזאָגן, נאָר דאָס אַלץ, טייערע חברים, איז בלויז פּלוידעריי און דראָונגען. ער

האָט זיך איבערגעקערט, ער ליגט, דער בערדיקער אָראַטאָר, — אַ הונט איז ווערט אַ הינטישן טויט! אַ טויט די קאָמוניסטן — די שונאים פֿון אַרבעטנדיקן פֿויערטום! איך וויל אייך זאָגן, חברים, טייערע קעמפֿער, אַז מיר האָבן אַצינד אָפֿענע אויגן. מיר ווייסן קעגן וועמען מען דאַרף גיין! וואָס איז, למשל, בײַ אונז אין וואָלסקער קרייז געזאָגט געוואָרן? גלײַכהייט, ברידערלעכקייט פֿון די פֿעלקער! אָט וואָס ס'איז געזאָגט געוואָרן דורך די אָפּנאַרער־קאָמוניסטן... און וואָס איז אין אמתן אַרויסגעקומען! מענטשנ־פֿרעסערײַ, טײַערע ברידערלעך! נעמט כאָטש מײַן טאַטן — ער האָט אונז געשיקט אַ ידיעה דורך אַ בריוו, וואָס איז אויסגעווייקט אין טרערן, ער שרײַבט: אַז עס ווערט אָפּן גערויבט אינמיטן העלן טאָג! בײַם זעלבן טאַטן מײַנעם האָט מען די גאַנצע תּבֿואה אָפּגעמאָלן און די מיל צוגענומען, און דער דעקרעט פֿראָקלאַמירט כּסדר פֿאַרן אַרבעטנדיקן פֿויערטום! אויב דידאָזיקע מיל איז מיט אַרבעט און שווייס דורך מײַנע עלטערן דערוואָרבן געוואָרן, פֿרעג איך אײַך — צי איז דאָס נישט קיין רויב און מענטשנפֿרעסערײַ פֿון די קאָמוניסטן? שלאָגן זיי, אַז ס'זאָל פֿון זיי קיין שריד ופּליט נישט בלײַבן!

דעם אָראַטאָר איז נישט באַשערט געווען צו פֿאַרענדיקן זײַן רעדע. פֿון מערבֿ זענען אין דער אוסט־כאָפּערער סטאַניצע אײַ־לײַק אָנגעקומען צוויי אויפֿשטענדערישע רײַטער־סאָטניעס, פֿון דער דרומדיקער שיפּוע פֿון די דאָנער בערג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די קאָזאַקישע אינפֿאַנטעריע, אונטער דער באַשיצונג פֿון אַ האַלבער סאָטניע איז אָנגעפֿאָרן מיטן שטאַב דער קאָמאַנדיר פֿון דער זעקסטער אויפֿשטענדערישער באַזונדערער בריגאַדע, דער פֿענריך באָגאַטיריעוו.

און באַלד האָט פֿון וואָלקן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט פֿון מזרח, אַ גאָס געטון אַ רעגן, ערגעץ אויף יענער זײַט דאָן האָט אָפּגעקלונגען דער טויבער געקנאַל פֿון אַ דונער.

דאָס סערדאָבסקער פּולק האָט אָנגעהויבן אײַליק זיך פֿאָר־מירן, האָט געטאָפּלט די רייען. און ווי נאָר אויפֿן באַרג האָט זיך

באַוויזן באַגאַטיריעווס רייטער־גרופּע פון שטאַב, האָט דער געוועזענער שטאַבס־קאַפּיטאַן וואָראָנאָווסקי אַ רעווע געטון מיט אַ ברילנדיק קאָמענדע־קול, וואָס די רויטאַרמייער האָבן נאָך ביז איצט אַזוינס נישט געהערט:

— פּו־ו־ו־לק! אַכככ־טונגגג!...

L

גריגאָרי מעליעכאָוו האָט פאַרבראַכט פינף מעת־לעת אין טאַטערישן כוטאָר, איבער דער צייט פאַרזייעט פאַר זיך און דער שוויגער עטלעכע דיעסיאַטין קאָרן, און דערנאָך, ווי נאָר דער אויסגעדאַרטער פון בענקשאַפט נאָך דער באַלעבאַטישקייט און פאַרלייזיקטער פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז צוריקגעקומען פון דער סאַטניע, — האָט ער אָנגעהויבן זיך גרייטן צום אַוועקפאָרן אין זיין אָפּטיילונג אַריין, וואָס איז, ווי פריער, געשטאַנען ביים טשיר. קודינאָוו האָט דורך אַ געהיימען בריוו אים מיטגעטיילט וועגן די פאַרהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער אָנפירונג פון סערדאָבסקער פּולק, געבעטן צו קומען, איבערצונעמען די אָנפירונג איבער דער דיוויזיע.

דעם טאָג האָט גריגאָרי זיך געקליבן צו פאָרן קיין קאַרגין. מיטאָגצייט האָט ער אַראָפּגעפירט צום דאָן אָנטרינקען דאָס פערד פאָרן אַוועקפאָרן און, אַראָפּלאָזנדיק זיך צום וואַסער, וואָס האָט דערגרייכט ביז די סאַמע פאַרצוימונגען פון די גערטענער, האָט ער דערזען אַקסיניען. צי גריגאָריען האָט זיך געדאַכט, צי זי האָט אויף אַן אמת בכיוון פאַרזוימט, פויל שעפּנדיק דאָס וואַסער, צוואַרטנדיק אויף אים, אָבער גריגאָרי האָט נישט־ווילנדיק פאַרגיכערט דעם טריט, און אין משך פון אַ קורצער ווייַלע, ביז ער איז צוגעקומען נאָענט צו אַקסיניען, האָט אַ העלע סטאַדע טרויעריקע זכרונות זיך דורכגעטראָגן פאַרביי אים...

אַקסיניע האָט זיך אויסגעדרייט אויפן קלאַנג פון די טריט,

איר פּנים האָט כּלומרשט אויסגעדריקט פֿאַרוואונדערונג, אָבער די פֿרייד פֿון דער באַגעגעניש, דער אַמאָליקער שמערץ האָבן זי פֿאַרראַטן. זי האָט אַ שמייכל געטון מיט אַזאַ נעבעכדיקן פֿאַרלוירענעם שמייכל, וואָס האָט אַזוי ניט האַרמאָנירט מיט איר שטאָלץ פּנים, אַז גריגאָריעס האַרץ האָט אַ ציטער געטון מיט ליבשאַפֿט און רחמנות. דורכגעשטאָכן מיטן גיפֿט פֿון בענקשאַפֿט, אונטערטעניק צוליב די זכרונות, וואָס זענען אָנגעשוואומען, האָט ער פֿאַרהאַלטן דאָס פֿערד און געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו, טייערע אַקסיניאַ?

— און וואָס מאַכסטו.

אין אַקסיניעס שטילן קול האָבן אָפּגעקלונגען שאַטירונגען פֿון די פֿאַרשידנסטע געפֿילן — אי פֿון פֿאַרוואונדערונג, אי פֿון צערטלעכקייט, אי פֿון ביטערקייט...

— מיר האָבן שוין לאַנג ניט געשמועסט.

— שוין זייער לאַנג.

— איך האָב שוין אפֿילו דיין קול פֿאַרגעסן...

— צו שנעל!

— טאַקע צו שנעל?

גריגאָרי האָט געהאַלטן דאָס פֿערד, וואָס האָט זיך כּסדר אָנגערוקט אויף אים, ביי דער צוים; אַקסיניאַ האָט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיטן האָקן פֿון דער קאַראָמיסלע זיך באַמיט אָנצוכאַפּן די דראָט פֿון עמער און אַלץ ניט געקאָנט. אַ ווײַלע זענען זיי אַזוי געשטאַנען שווייגנדיק. איבער זייערע קעפּ, ווי אָפּגעוואָרפֿן דורך אַ בויגן, האָט מיט אַ פֿייפֿערײַ זיך דורכגעטראָגן אַ ווילדע קאַטשקע. אומזעטיק אָפּלעקנדיק די בלויע קריידקליטן, האָט אָן ברעג זיך אָנגעשלאָגן אַ כוואַליע. איבערן אויסגוס, וואָס האָט פֿאַרטרונקען דעם וואַלד, האָבן ווי טאַבונען זיך געקייקלט די ווייס־שעפּסענע כוואַליעס. דער ווינט האָט געאָטעמט מיט דינעם וואַסער־שטויב, מיט זיסלעכן ריח פֿון דאָן, וואָס האָט מיט זיין מעכטיקן שטראָם זיך אַוועקגעטראָגן אַראָפּ.

גריגאָרי האָט איבערגעפֿירט דעם בליק פֿון אַקסיניעס פּנים

אויפן דאָן. די אין וואַסער פאַרטרונקענע, ווייס־שטאַמיקע טאָפּאָלן האָבן געוויגט די נאַקעטע צווייגן, און די ווערבעס, באַדעקטע מיט בלעכעלעך — מיידלשע אויערינגלעך, האָבן פּרעכטיק זיך אויס־געשפּרייט איבערן וואַסער, ווי לייכטע, וווּנדערלעכע גרינע וואָלקנס. מיט לייכטן פאַרדרוס און פאַרביטערונג אין קול האָט גריגאָרי געפרעגט:

— וואָס־זשע ?... צי האָבן מיר אפילו נישט וועגן וואָס צו רעדן ? וואָס־זשע שווייגסטו ?

אָבער אַקסיניאַ האָט באַוויזן זיך צו באַהערשן ; אויף איר קאַלט־געוואָרן פּנים האָט שוין נישט קיין ציטער געטון אפילו איין מוסקול, ווען זי האָט געענטפערט :

— מיר, אפּנים, האָבן שוין אונזערס אָפּגערעדט...

— אַזוי מיינסטו ?

— אַזוי, מסתּמא, מוז זיין ! אַ ביימל — בליט אויך איין מאָל אין יאָר...

— מיינסטו, אַז מיר האָבן שוין אויך אָפּגעבליט ?

— און דו מיינסט נישט אַזוי ?

— דאָס אַלץ איז עפּעס אַזוי וווּנדערלעך... — גריגאָרי האָט צוגעלאָזט דאָס פערד צום וואַסער און, קוקנדיק אויף אַקסיניען, טרויעריק אַ שמייכל געטון. — און איך, קסיושאַ, קאָן דיך נאָך אַלץ פון האַרץ נישט אַרויסרייסן. די קינדער זענען שוין ביי מיר אויפגעוואַקסן, איך אַליין בין שוין האַלב־גרוי, וויפל יאָרן האָבן זיך שוין אַוועקגעלייגט ווי אַן אָפּגרונט צווישן אונז... און איך טראַכט נאָך אַלץ וועגן דיר. אין חלום זע איך דיך און ליב דיך ביז היינט. ווען איך פאַרטראַכט מיך אַמאָל וועגן דיר, הייב איך אָן זיך דערמאָנען, ווי אַזוי מיר האָבן געלעבט ביי די ליסטניצקיס... ווי מיר האָבן זיך ליב געהאַט... ווערט פון דידאָזיקע זכרונות... טיילמאָל, דורכטראַכטנדיק מיין גאַנץ לעבן, זעט עס מיר אויס, ווי אַ פּוסטע, איבערגעקערטע קעשענע...

— איך אויך... איך דאַרף שוין אויך גיין... מיר האָבן זיך פאַררעדט...

אַקסיניאַ האָט אַנטשלאָסן אונטערגעהויבן די עמערס, אַרויפגעלייגט מיט די פרייליגדיק-אָפּגעברענטע הענט די קאָראָמיסלע אויפן אויסגעבויגענעם רוקן. זי האָט זיך פאַרנומען באַרג-אַרויף, נאָר פלוצלינג אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו גריגאָריען. אירע באַקן האָבן קוים-באַמערקבאַר זיך באַדעקט מיט אַ צאַרטער, יונגער רויטקייט.

— אונזער ליבע האָט זיך דאָך דאָ טאַקע ביי דעם ברעג אָנגעהויבן, גריגאָרי. געדענקסט? די קאָזאַקן האָט מען אין יענעם טאָג אין לאַגער אַריין באַגלייט, — האָט זי געזאָגט, שמייכלענדיק, און אין איר קול, וואָס איז קרעפטיקער געוואָרן, האָבן אָפּגעקלונגען פרייליכע טענער.

— אַלץ געדענק איך!

גריגאָרי האָט אַריינגעפירט דאָס פערד אין הויף, עס אַוועקגעשטעלט בייב זשלויב. פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וואָס איז צוליב גריגאָריעס באַגלייטן נישט געפאָרן בראָנעווען איינדערפרי, איז אַפּערגעקומען פון אונטער דער שאָפּע און געפרעגט:

— וואָס-זשע, וועסט שוין באַלד פאָרן? געבן קערנער דעם פערד?

— וווהין פאָרן? — גריגאָרי האָט צעשטרייט אַ קוק געטון אויפן פאָטער.

— נאַדיר ווייטער! קיין קאַרגין.

— איך וועל היינט נישט פאָרן.

— וואָס איז געשען?

— גאָרנישט... כ'האָב מיך מיישב געווען... — גריגאָרי האָט אָפּגעלעקט זיינע ליפּן, וואָס זענען אים פאַרטרוקנט געווען פון דער אינערלעכער היץ, אַ פיר געטון מיט די אויגן איבערן הימל. — וואָלקנס זאַמלען זיך, עס וועט מסתמא זיין אַ רעגן, און ווער טרייבט מיך זיך צו ווייקן אונטערן רעגן?

— קיינער טרייבט דיך טאַקע נישט, — האָט דער אַלטער מסכים געווען, אָבער נישט געגלייבט גריגאָריען, ווייל ער האָט מיט עטלעכע מינוט פריער פון בהמות-הויף געזען אים שמועסן

מיט אַקסיניען ביים ברעג. „ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די באַגעגענישן, — האָט דער אַלטער געטראַכט מיט אומרו. — עס זאָלן אַמאָל ווידער נישט אויסברעכן קיין סיכסוכים צווישן אים מיט נאַטאַליען... אַך, כאַפּט אים דער טייוול, דעם גאַנצן גרישקען! אין וועמען איז ער אַריינגעראָטן, דער הונט? צי טאַקע אין מיר?“ פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אויפגעהערט אַרומטעסען מיט דער האַק דאָס בעריאָזאָווע פּיעניעקל, אַ קוק געטון אויף דער געהאָרבעטער פלייצע פון אַוועקגייענדיקן זון, שנעל אַ נישטער געטון אין זכּרון, זיך דערמאַנט, ווי ער האָט זיך אויפגעפירט אין דער יוגנט, און באַשלאָסן: „אין מיר אַריין, דעם טייוול! נאָר ער האָט נאָך איבערגעשטיגן דעם פאָטער, דער צויגן-ווינדל! מען וואָלט אים געדאַרפט אָנבויקערן, ער זאָל ווידער נישט פאַרדרייען אַקסיניען דעם קאָפּ, נישט אַרויסרופן קיין צעמישונג אין דער פאַמיליע. אָבער ווי אַזוי בויקערט מען אים אָן?“

אַ צווייט מאָל, באַמערקנדיק, אַז גריגאָרי שמועסט מיט אַקסיניען אין צווייען, אָפּגעזונדערט פון מענטשן, וואָלט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש זיך נישט אָפּגעהאַלטן צו דערלאַנגען אים איבערן רוקן מיט עס וואָס וואָלט אונטער דער האַנט געקומען, אָבער אַצינד, — האָט ער זיך פאַרלוירן, גאָרנישט געזאָגט און אפילו נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז זיך משער וועגן די אמתע סיבות, וואָס האָבן גענייט גריגאָריען פלוצלינג אָפּצולייגן דאָס פאָרן. און דאָס איז אַלץ געווען דערפאַר — ווייל אַצינד איז גריגאָרי שוין נישט געווען „גרישקאַ“ — דער צעהוליעטער יונגער קאָזאַק, נאָר אַ קאָמאַנדיר פון אַ דיוויזיע, כאָטש אָן שליפּעס, אָבער פאָרט אַ „גענעראַל“, וועלכן עס זענען אונטערטעניק געווען טויזנטער קאָזאַקן און וועלכן אַלע האָבן גערופן נישט אַנדערש ווי גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש. ווי אַזוי-זשע האָט געקאָנט ער, פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש, וועלכער איז געווען סך-הכּל אַן „אוריאַדניק“, אויפהייבן די האַנט אויף אַ גענעראַל, כאָטש אַן אייגענעם זון. די סובאָרדינאַציע האָט נישט דערלויבט פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטשן אפילו אַ טראַכט צו טון וועגן דעם, און דערפאַר האָט ער זיך גע-

פילט אין דער באַציִונג צו גריגאָריען געבונדן, אַזוי ווי אָפּגע־פרעמדט. אין אַלעם איז שולדיק געווען גריגאָריעס אומגעוויינלע־כע דערהייבונג! אפילו ביים אַקערן, ווען גריגאָרי האָט מיט דריי טעג צוריק אַ געשריי געטון צו אים: „העי, וואָס האָסטו די יאַ־פּע צעעפנט! דריי אויס דעם אַקער...‟ — האָט אויך פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש פאַרשוויגן, מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט... די לעצטע צייט האָבן זיי זיך אַזוי ווי געביטן מיט די ראָלן: גריגאָרי פלעגט שרייען אויפן געעלטערטן פאָטער, און יענער, הערנדיק אין זיין קול אַ טאָן פון הייזעריקן קאָמאַנדעווען, האָט זיך געאיילט, אונטערגעהינקען אויפן קאַליעדיקן פוס, זיך באַמיט אים געוואָגן צו טון...

„פאַרן רעגן האָט ער זיך דערשראָקן! און דער רעגן וועט גאָרנישט זיין. פונוואַנען זאָל ער זיין, ווען דער ווינט בלאָזט פון מזרח און אין הימל בלאָנזשעט קוים אַן איינציק וואָלקנדל. אפשר אויסזאָגן נאַטאַליען?‟

אויפגעהייטערט פון דעם איינפאַל, האָט פּאַנטעלעי פּראָקאָ־פּיעוויטש שוין געוואָלט זיך אַריינרוקן אין דער כאַטע, נאָר זיך מיישב געווען; מורא האָבנדיק פאַר אַ סקאַנדאַל, האָט ער זיך אומגעקערט צום נישט צוגעטעסעטן פּיעניקל...

און אַקסיניאַ, ווי נאָר זי איז אַהיימגעקומען און אויסגע־ליידיקט די עמערס, איז זי גלייך צוגעגאַנגען צום שפּיגעלע, וואָס איז איינגעמויערט געווען אין אויוון, און לאַנג מיט אומרויִקייט באַטראַכט איר געעלטערט פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ שיין געווען. עס האָט נאָך פאַרמאָגט די זעלבע זינדיקע און רייצפולע שיינ־קייט, נאָר דער האַרבסט פון לעבן האָט שוין געוואָרפן פאַרוועלק־טע פאַרבן אויף די באַקן, געל־געמאַכט די אויגן־לעדלעך, אַריינ־געוועבט גרויע פעדעם אין די שוואַרצע האָר, מאַט געמאַכט די אויגן. פון זיי האָט שוין אַרויסגעקוקט אַ טרויעריקע מידקייט.

איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע, אַקסיניאַ, און דערנאָך צו־געגאַנגען צום בעט, אַ פאַל געטון מיטן פּנים אַראָפּ און זיך

צעוויינט מיט אַזעלכע בשפעדיקע דערלייכטערנדיקע און זיסע טרערן, ווי זי האָט שוין זייער לאַנג נישט געוויינט...

איבער דער שיפּוע פון דאָנער באַרג, ערגעץ איבערן בולטן האָרב פון אַראָפּהאַנג, וואָס ווערט אָנגערופן אין פּראָסטן פאָלקס-לשון „טיבער", ווירבלען און וואָיען ווינטער-צייט קאַלטע, שאַרפע ווינטן. זיי טראָגן אָן פון נאַקעטן באַרג ווייסן שניי-שטויב, קערן אים צונויף אין אַ קופּע און זאַמלען אים אין שיכטן. פינקלענדיק ווי צוקער אויף דער זון, בלוי אין די בין-השמשותן, פיאָלעט אין די פרימאָרגנס און ראָז ביים זון-אויפגאַנג — בלייבט הענגען איבערן אָפּהאַנג די שניי-קופּע. זי הענגט אַזוי, דראָענדיק מיט איר שווייגן, ביז דאָס לינדע וועטער שווענקט זי אונטער, אָדער אַ זייטיקער ווינט גיט זי נישט אַ שטויס מיט זיין אימפּעט. דעמאָלט פאַלט זי אַראָפּ מיט אַ טויב און ווייך גערויש, צעקוועטשנדיק אויף איר וועג די נידעריק-געוואַקסענע דערנער-קוסטעס, צעברעכנדיק די עפּל-ביימלעך, וואָס טוליען זיך פאַרשעמט איבער דער שיפּוע, האַסטיק מיטשלעפּנדיק נאָך זיך דעם אויפגעקאָכטן זילבערנעם פּאָדל פון שניי-שטויב, וואָס דערהייבט זיך צום הימל...

אַקסיניעס פיליעריקן געפיל, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט ענלעך צו יענער שניי-קופּע, איז נייטיק געווען בלויז אַ קליינער שטויס. און אַלס דעמדאָזיקן שטויס האָט געדינט די באַגעגעניש מיט גריגאָריען, זיין צערטלעכע ווענדונג: „וואָס מאַכסטו, טייערע אַקסיניע?!" און ער? צי איז ער איר נישט טייער געווען? צי האָט זי אים נישט דערמאָנט די אַלע יאָרן יעדן טאָג, יעדע שעה, זיך אומקערנדיק צו אים אין אירע צודרינגלעכע געדאַנקען? און וועגן וואָס זי זאָל נישט געווען טראַכטן, וואָס זי זאָל נישט געווען טון, תמיד איז זי אומפאַרענדערלעך, אומאויפהערלעך געווען אין אירע מחשבות לעבן גריגאָריען. אַזוי גייט אַרום אין קרייז פון קעראַט אַ בלינד פערד, דרייענדיק אַרום דער אַקס דאָס ראָד פון פּלומפּ...

אַקסיניאַ איז ביז אָוונט אָפּגעלעגן אין בעט, דערנאָך אויפ-

געשטאַנען, אַן אָנגעדראָלענע פון די טרערן, זיך אָפּגעוואַשן, פאַר־קעמט און מיט פיבערהאַפטער שנעלקייט, ווי אַ מיידל פאַר אַ זעאונג, אָנגעהויבן זיך אָנטון. זי האָט אָנגעטון אַ קלאָר העמד, דאָס וואָלענע באָרדאָ־קלייד, גענומען עפּעס אויפן קאָפּ, געוואָרפן אַ בליק אין שפּיגעלע אַריין און אַרויסגעגאַנגען.

איבערן טאָטערישן כוטאָר איז געשטאַנען אַ גרויער בין־השמשות. ערגעץ איבערן אויסגוס פון די פרילינגס־וואַסערן האָבן געגענגעט ווילדע גענז. די מאַט־בלייכע לבנה האָט זיך אָפּגעריסן פון הינטער די טאָפּאָלן ביים דאָן. איבערן וואַסער איז געלעגן אַ גערינצלטער גרינער שטעג פון לבנה־ליכט. פון סטעפּ האָט זיך באַצייטנס אומגעקערט דער טאַבון. אין די הויפן האָבן געמרוטשעט די בהמות, וואָס האָבן זיך נישט גענוג אָנגעזעטיקט מיטן יונגן גראָז. אַקסיניאַ איז נישט געגאַנגען מעלקן איר קו. זי האָט אַרויסגעטריבן איר קעלבל מיט די ווייסע נאָזנדרעס פון שטעלעכל, עס צוגעלאָזט צו דער מוטער, און דאָס קעלבל איז גיריק צוגעוואַקסן מיט די ליפּן צום מאָגערן אייטער, דרייענדיק מיטן וויינדל, אָנגעשטרענגט זיך שטיצנדיק אויף די הינטערשטע פיס.

דאַריאַ מעליעכאָווא האָט נאָר־וואָס אויסגעמאָלקן די קו און מיטן זייער און עמער אין דער האַנט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער כאַטע, ווי מען האָט זי אַ רוף געטון פון הינטערן פּאַרקן:

— דאַשאַ!

— ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך, אַקסיניאַ... קום שוין אַריין צו מיר אויף אַ רגע.

— וואָס דאַרפסטו מיך עפּעס?

— איך דאַרף דיך זייער! קום אַריין! ווי גאָט איז דיר ליב!

— כ׳וועל נאָר דורכזייען די מילך, קום איך אַריין.

— נו, וועל איך אויף דיר צוּוואַרטן פאַרן הויף.

— גוט!

אין אַ ווײַלע אַרום איז דאַריאַ אַרויסגעקומען. אַקסיניאַ האָט זי אָפּגעוואַרט פאַר איר טירל. פון דאַריען האָט זיך גע־

טראָגן אַ וואַרעמער ריח פון פריש געמאָלקענער מילך, אַ ריח פון בהמות־הויף. זי האָט זיך געוווּנדערט, זעענדיק אַקסיניען נישט מיט קיין פאַרשטעקט פאַרטוך, נאָר אַן אויסגעפּוצטע, אַ ריינע.

— פרי, שכנטע, האָסטו דיך אָפּגעפּאַרטיקט.

— איך האָב זייער ווייניק צו טון אָן סטיעפּאַנען. איין קו, און איך קאָך כּמעט נישט... איך כאַפּ אַזוי עפּעס טרוקנס — און פּטור...

— וואָס האָסטו מיך גערופן?

— קום אַריין צו מיר אין דער כאַטע אויף אַ רגע. איך דאַרף דיך עפּעס...

אַקסיניעס קול האָט געציטערט. דאַריאַ האָט זיך אַ ביסל משער געווען, וואָס זי וויל, און שווייגנדיק איר נאָכגעגאַנגען.

אַקסיניאַ האָט נישט געמאַכט ליכטיק, ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען אין שטוב, געעפנט דעם קופערט, אַ זוך געטון אין אים, און אָנכאַפּנדיק דאַריעס האַנט מיט אירע טרוקענע און הייסע הענט, אָנגעהויבן אײַליק אָנטון איר אַ רינגל אויפן פינגער.

— וואָס טוסטו? דאָס איז דאָך אַ רינגל! דאָס איז פאַר מיר?..

— פאַר דיר! פאַר דיר. פון מיר... צום אָנדענק...

— אַ גילדנס? — האָט דאַריאַ זאַכלעך זיך אינפאָרמירט, צוגייענדיק צום פענסטער און ביים מאַטן ליכט פון דער לבנה באַטראַכטנדיק דאָס רינגל אויף איר פינגער.

— אַ גילדנס. טראָג עס!

— נו, זאָל דיר גאָט באַצאָלן!... וואָס דאַרפסטו, פאַרוואָס שענקסטו עס מיר?

— רוף מיר אַרויס... רוף אַרויס גריגאָריען אייערן.

— ווידעראַמאָל, וואָס? — דאַריאַ האָט כיטרע אַ שמייכל געטון.

— ניין, ניין! אוי, וואָס דיר פאַלט איין! — האָט אַקסיניאַ זיך דערשראָקן, רויט ווערנדיק ביז טרערן. — איך דאַרף מיט אים זיך דורכשמועסן וועגן סטיעפּאַנען... אפשר וועט ער זיך משתדל זיין וועגן אורלויב פאַר אים...

— פּאַרוואָס־זשע ביסטו נישט אַריינגעקומען צו אונז ? וואָלסט דיך דאָרט מיט אים דורכגעשמועסט, אויב דו האָסט אָן עסק צו אים, — האָט דאַריאַ געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכעלע.

— ניין, ניין... נאַטאַליע קאָן נאָך מיינען... ס'איז נישט באַקוועם...

— נו, גוט, גוט, כ'וועל אים אַרויסרופן. ער גייט מיך נישט אָן.

גריגאָרי האָט פאַרענדיקט דאָס אָוונט־ברויט. ער האָט נאָר־וואָס אָוועקגעלייגט דעם לעפל, אָפּגענאָגט און זיך אָפּגעווישט מיט דער האַנט די וואָנסעס, וואָס זענען נאָס געווען פון באָרשטש. ער האָט דערפילט, אַז אונטערן טיש באַרירט עמעצנס פרעמדער פוס זיין פוס, אויסגעדרייט די אויגן און באַמערקט, ווי דאַריאַ האָט קוים־באַמערקבאַר צו אים אַ ווונק געטון.

„אויב זי וויל מיט מיר פאַרבייטן דעם פאַרשטאָרבענעם פּיאָטערן און וועט באַלד וועגן דעם מיר עפּעס זאָגן — וועל איך זי אָנהרגענען ! איך וועל זי אַריינפירן אין שייער, איר פאַרבונדן דאָס קלייד איבערן קאָפּ און איר אַריינצײלן, ווי אַ צויג !" — האָט ביז אַ טראַכט געטון גריגאָרי, וועלכער האָט די גאַנצע צייט כמורנע אויפגענומען דער שווערינס פּוצן זיך צו אים. ער איז אַפּערגעגאַנגען פון הינטערן טיש, פאַררייכערט און נישט איילנדיק זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. אויך דאַריאַ איז כמעט באַלד אַרויס־געקומען.

דורכגייענדיק אין הויז פאַרביי גריגאָריען, האָט זי זיך אַ רייב געטון אָן אים מיט דער ברוסט און שעפּטשענדיק אַ זאָג געטון :

— אוי, אויסוואורף ! גיי־שוין־גיי... זי האָט דיך גערופן.

— ווער ? — האָט גריגאָרי שנעל אַ פרעג געטון :

— זי.

אין אַ שעה אַרום, נאָכדעם ווי נאַטאַליאַ מיט די קינדער זענען איינגעשלאָפן, איז גריגאָרי אין פאַרקנעפּלטן שינעל אַרויס־געגאַנגען מיט אַקסיניען פון טויער פון אַסטאַכאָווס הויף. זיי זע־נען שווייגנדיק געשטאַנען אַ ווײלע אין פינסטערן געסל און אויך

אַזוי שווייגנדיק אַוועקגעגאַנגען אין סטעפּ, וואָס האָט געלאָקט מיט שטילקייט, פּינסטערניש, שיכּורע ריחות פון יונגן גראָז. פאַרשאַרצנדיק די פּאָלע פון שינעל, האָט גריגאָרי צוגעדריקט צו זיך אַקסיניען און געפּילט, ווי זי ציטערט, ווי איר האַרץ קלאַפּט מיט שטאַרקע זעלטענע קלעפּ אונטערן קאָפטנדל.

LI

צומאָרגנס, פאַרן אָפּפאָרן, האָט גריגאָרי קורץ זיך דורכגעשמועסט מיט נאַטאַליען. זי האָט אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און שעפּטשענדיק געפרעגט:

— וווּהין ביסטו געגאַנגען בייַנאַכט? פונוואַנען ביסטו אַזוי שפּעט צוריקגעקומען?

— ס'איז גאָרנישט געווען אַזוי שפּעט!

— נישט שפּעט, זאָגסטו? איך האָב מיך אויפגעכאַפּט — די הענער האָבן שוין געקרייעט, און דו ביסט נאָך אַלץ נישט געווען...

— קודינאָוו איז געקומען. איך בין געגאַנגען צו אים זיך באַראָטן וועגן מיינע מיליטערישע ענינים. דאָס — איז נישט דיין ווייבעריש עסק.

— פאַרוואָס איז ער נישט פאַרפאָרן צו אונז נעכטיקן?

— ער האָט זיך געאיילט קיין וויעשקי.

— ביי וועמען־זשע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט?

— ביי די אַבאָשטשענקאָווס. זיי זענען זיינס עפּעס ווייטע קרובים, דאַכט זיך.

נאַטאַליע האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט. ס'איז קענטיק געווען אין איר אַ געוויסע וואַקלעניש, נאָר פון די אויגן האָט אַרויסגעלויכטן אַ פאַרבאָרגנקייט, און גריגאָרי האָט זיך נישט געקאָנט משער זיין — צי זי האָט אים געגלייבט, צי נישט.

ער האָט שנעל אָפּגעגעסן פרישטיק. פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז געגאַנגען אָנזאָטלען דאָס פערד און איליניטשנאַ האָט

אים געצערטלט, געקושט און שנעל פליסטערנדיק געזאָגט:

— דו, זון מיינער, פאַרגעס נישט אָן גאָט... אָן גאָט פאַר־געס נישט! מיר האָבן געהערט, אַז דו האָסט עפּעס מאַטראָסן דערהרגעט... גאָט מיינער! דו, גרישענקאַ, האַזין דיך! זע נאָר, וואָס פאַר אַ דערוואַקסענע קינדער דו האָסט שוין, און נאָך יענע, וואָס דו האָסט אומגעבראַכט, זענען דאָך אויך מסתמא קינדער געבליבן... נו, ווי אַזוי־זשע קאָן מען דאָס? ווען דו ביסט קליין געווען, ביסטו געווען אַזאַ צערטלעכער און מילדער, און אַצינד לעבסטו כסדר מיט צונויפגעצויגענע ברעמען. דאָס האַרץ איז שוין ביי דיר באַלד ווי ביי אַ וואָלף געוואָרן. האָרך די מאַמע, גרי־שענקאַ! דו ביסט דאָך אויך נישט קיין פאַרכּישופטער, און פאַר דיין האַלז קאָן זיך אויך אַ שווערד פון אַ שלעכטן מענטש געפינען...

גריגאָרי האָט אומעטיק אַ שמייכל געטון, געקושט דער מו־טערס דאַרע האַנט און צוגעגאַנגען צו נאַטאַליען. זי האָט קאַלט אים אַרומגענומען, זיך אַוועקגעדרייט, און נישט קיין טרערן האָט גריגאָרי דערזען אין אירע טרוקענע אויגן, נאָר ביטערקייט און פאַרבאָרגענעם כּעס... ער האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער און אַרויסגעגאַנגען.

צוהאַלטנדיק דאָס רייט־אייזן מיטן פוס, זיך אָנהאַלטנדיק אָן דער האַרטער גריווע פון פערד, האָט ער צוליב עפּעס אַ טראַכט געטון: „און אָט האָט ווידער אַנדערש זיך גענומען דרייען דאָס לעבן, און אויפן האַרץ איז נאָך אַלץ אַזוי קילבלעך און פוסט... אפנים, אַז אויך אַקסיוטאַ וועט שוין אַצינד נישט קאָנען פאַרשטעלן דידאָזיקע פוסטקייט...“

זיך נישט אומקוקנדיק אויף די אייגענע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרן טויער, איז ער טריט ביי טריט געריטן איבער דער גאַס, און פאַרביירייטנדיק אַסטאַכאָווס כאַטע, וואַרפנדיק אַ זייטיקן בליק אויף די פענסטער, דערזען אין לעצטן פענ־סטער פון דער שטוב אַקסיניען. זי האָט שמייכלענדיק אַ פאָ־כע געטון צו אים מיט אַ געהאָפטן טיכעלע און באַלד עס צונויפ־

געקנייטשט, צוגעדריקט צום מויל, צו די אויגן, וואָס זענען מאַט געווען פון דער שלאָפלאָזער נאַכט...

גריגאָרי האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ שנעלן פעלד-גאַלאָפּ, זיך פאַרקליבן אויפן באַרג אַרויף און דאָ דערזען אויפן זומערדיקן שליאַך צוויי רייטער און אַ וואָגן, וואָס האָבן זיך פאַמעלעך באַוועגט אַקעגן אים. אין די רייטער האָט ער דערקענט אַנטיפּ ברעכאָוויטשן און סטרעמיאַניקאָוון — דאָס יונגע, שוואַרצינקע און ווידערישע קאָזאַקל פון אייבערשטן עק כוטאָר. „דערהרגעטע פירן זיי", — האָט גריגאָרי זיך משער געווען, קוקנדיק אויפן וואָגן מיטן אָקסן-געשפּאַן. ער האָט געפרעגט איידער ער איז נאָך צוגעקומען צו די קאָזאַקן:

— וועמען פירט איר?

— אַליאָשקאַ שאַמילן, טאָמילין איוואַנען און יאַקאָוו פּאָדקאָוען.

— דערהרגעטע?

— אויף טויט!

— ווען?

— נעכטן, פאַר זון-אונטערגאַנג.

— די באַטאַרייע איז גאַנץ?

— גאַנץ. דאָס האָבן זיי, די רויטע, פאַרכאַפּט די באַטאַרייצעס אונזערע אויף דער קוואַרטיר אין קאַלינאָוו-ווינקל. און שאַמילן האָבן זיי דערהרגעט... צוליב זיין נאַרישקייט!

גריגאָרי האָט אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע און אַראָפּגעשטיגן פון פערד. די אָנטרייבערין, אַ נישט-יונגע קאָזאַטשקע פון טשיר, האָט פאַרהאַלטן די אָקסן. אויפן וואָגן זענען אייבער לעבן צווייטן געלעגן די דערהרגעטע קאָזאַקן. גריגאָרי האָט נישט באַוויזן צוצוגיין, ווי דער ווינט האָט שוין דערטראָגן צו אים אַ זיסלעך-איבלדיקן ריח. אַליאָשקאַ שאַמיל איז געלעגן אינמיטן. זיין בלויער אַלטער טשעקמען איז געווען צעכראַסטעט, דער ליידיקער אַרבל אונטערגעלייגט אונטערן צעהאַקטן קאָפּ; דאָס רעשטל פון דער שוין לאַנג אָפּגעריסענער האַנט, אַרומגעוויקלט מיט אַ ברודיק

טיכל, תּמיד אַזוי בּאַוועגלעך, איז געווען קראַמפּהאַפט צוגעדריקט צו דער בּולטער בּרוסט, וואָס האָט שוין נישט געאָטעמט. אין די טויטע אויסגעשטשירעטע ציין פון אַליאָשקעס מויל איז אויף אייבּיק פאַרגליווערט געווען אַ פאַרבּיסענער צאָרן, אָבּער די פאַרשטאַרטע אויגן האָבּן געקוקט אויפן בּלויען הימל, אויפן וואָלקנדל, וואָס איז דורכגעשווומען איבּערן סטעפּ מיט אַ רויִקער און, דאַכט זיך, אומעטיקער פאַרטראַכטקייט...

טאָמילינס פּנים איז געווען נישט צו דערקענען; אייגנטלעך איז דאָס שוין נישט געווען קיין פּנים, נאָר עפּעס רויטס און אָנפאָרמיקס. קרימלעך אָפּגעטעכעט דורכן קלאַפּ פון אַ שווערד. יאַקאָוו פאָדקאָווע, וועלכער איז געלעגן אויף אַ זייט, איז געווען שאַפראַן-געל, מיט אַ קרומען האַלז, ווייל אים האָט מען כּמעט אינגאַנצן אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. פון צעשפּיליעטן קאָלנער פון דער גרינלעכער בּלוזע האָט אַרויסגעשטאַרט דער ווייסער איבּערגעהאַקטער שליסל-בּיין, און איבּערן אויג האָט געבּלוטיקט אין דער פאָרם פון אַ שוואַרצן צעשטראַלטן שטערן דער שניט פון אַ קויל. עמעצער פון די רויטאַרמייער האָט קענטיק זיך מרחם געווען אויפן שווער-שטאַרבּנדיקן קאָזאַק און אויסגעשאָסן אין אים פון דער נאָענט, אַזוי, אַז אפילו דער בּרי און די שוואַרצע פּינטעלעך פון פּולווער זענען געבּליבּן אויף יאַקאָוו פאָדקאָוועס טויט פּנים.

— נו, וואָס-זשע, בּרידער, לאָמיר דערמאָנען צום גוטן אונזערע כוטאָר-לייט, לאָמיר אויסרייכערן פאַר דער רו פון זייערע נשמות, — האָט גריגאָרי פאָרגעלייגט און, אַוועקגייענדיק אין אַ זייט, לויז געמאַכט די רימענט פון זאָטל, אַרויסגענומען דעם פערד די צוים פון פּיסק, אָנגעבּונדן די לייץ אָן לינקן פעדערשטן פוס און עס אָפּגעלאָזט ציפּן דאָס זייד-ווייכע גראָז, וואָס האָט שפּיציק זיך אַרויסגעשלאָגן פון דער ערד.

אָנטיפּ און סטרעמיאַניקאָוו זענען געגאַן אַראָפּגעשטיגן פון די פערד, זיי געפּענטעט, אָפּגעלאָזט אויף דער פּאַשע. זיי האָבּן זיך אַנידערגעלייגט. פאַררייכערט. קוקנדיק אויף דער צויטיקער,

צום פרילינג נאָך נישט אויסגעקראָכענער שערשטש פון אָקס, וואָס האָט זיך געצויגן צום שיטערן גראָז ביים וועג, האָט גריגאָרי געפרעגט:

— און שאַמיל ווי אַזוי איז אומגעקומען?

— וועסט גלייבן, פּאַנטעלעיעוויטש, — צוליב זיין נאַרישקייט!

— ווי אַזוי?

— אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען, — האָט סטרעמיאַניקאָוו אָנגעהויבן. — נעכטן, די זון איז נאָך געשטאַנען אינמיטן הימל, זענען מיר אַרויסגעריטן אויף אַן אויסשפּירונג. פּלאַטאָן ריאַבטשיקאָוו אַליין האָט אונז געשיקט אונטער דער אָנפירונג פון אַ וואַכמייסטער... ווער איז ער דער אַנטיפּ, דער וואַכמייסטער אונזערער, מיט וועלכן מיר זענען נעכטן אַרויסגעריטן?

— אַ, די טשומע ווייסט אים!

— נו, כאַפּט אים דער טייוול! ער איז אונז אומבאַקאַנט, פון אַ פרעמדער סאָטניע. יאָ-אָ-אָ... רייטן מיר אַזוי, פערצן קאָזאַקן זענען מיר, און שאַמיל איז מיט אונז. ער איז נעכטן דעם גאַנצן טאָג געווען אַזאַ פריילעכער, דאָס האַרץ, הייסט עס, האָט אים גאָרנישט פאָרגעזאָגט! רייטן מיר אַזוי, און ער וואַרפט מיטן אָפּגעהאַקטן שטיקל האַנט, די לייץ האָט ער אויפן האָרן פון זאָטל אָנגעבונדן ... אַכגעלאָזט און זאָגט: „עך, ווען וועט שוין אונזער גריגאָר פּאַנטעלעיעוו קומען! מען זאָל כאָטש נאָכאַמאָל מיט אים אויסטרינקען און אַ לידל אויפזינגען!" אַזוי האָט ער, ביז מיר זענען אָנגעקומען צום לאַטישעווער בערגל, כסדר אונטערגעזונגען:

וו דער היישעריק געפלויגן
איבער זיין געבערגלט לאַנד —
זענען מיר, קאָזאַקן-העלדן,
פון דעם ווייטן דאָנער קאַנט.

און אויף אַזאַ אופן — שוין אַזש לעבן טאָפּקער באַרג-דורכגאַנג — אַראָפּגעריטן אין טאָל, און דער וואַכמייסטער זאָגט: „די רויטע, יאַטן, זעט מען אין ערגעץ נישט. זיי האָבן

ויך נאָך, מסתמא, פֿון אַסטאַכאָווער דאַרף נישט אַרויסגערירט. ווערן — זיי זענען פֿויל אויפֿצוּשטיין, זיי עסן ערשט אַצינד מי־טאָג, קאָכן און בראָטן די כאַכלישע הינער. לאָמיר אויך אַ ביסל זיך אָפּרוען, וואָרים די פֿערד אונזערע זענען שוין נאַס געוואָרן״. — „נו, מילא, זאָגן מיר, גוט״. און אַזוי זענען מיר אַראָפּגעשטיגן פֿון די פֿערד, זיך געלייגט אויפֿן גראָז, איינעם אַלס וואַכמאַן אויפֿן בערגל אַרויסגעשיקט. ליגן מיר אַזוי, זע איך — אַליאָשקאַ. דער פֿאַרשטאָרבענער, פֿאָרעט זיך ביי זיין פֿערד, לאָזט נאָך דעם רי־מען פֿון זיין זאָטל־קישן. זאָג איך אים: „אַלעקסעי, דו וואָלסט דעם רימען נישט נאָכגעלאָזט, וואָרים טאָמער קומט אויס פּלוצלינג, די שעה זאָל נישט זיין, אַרויסצוטרעטן, ווי אַזוי־זשע וועסטו דע־מאָלט דעם רימען מיט דיין קאַליקעוואַטער האַנט פֿאַרציִען?״ אָבער ער שטשירעט די ציין: „איך וועל מיך נאָך פֿריער פֿון דיר צֻפּפּאַרטיקן! וואָס לערנסטו מיך, גרינער ראָר־שטעקן דו?״ און אזוי האָט ער לויז געמאַכט דאָס געשפּאַן, דעם פֿערד די צוים פֿון פּיסק אַרויסגענומען. ליגן מיר אַזוי, — ווער עס רייכערט, ווער עס דערציילט מעשהלעך און ווער עס דרימלט. און דער וואַכמאַן אונ־זערער האָט דערווייל אויך איינגעדרימלט. ער האָט זיך געלייגט — דער טייוול זאָל אים נעמען! — אונטערן בערגל, און זעט חלומות, דאָ דערהער איך — ווי עס וואָלט אַ פֿערד אינדערווייטנס אַ פֿאַר־סקע געטון. פֿויל איך מיך זיך אויפֿצוהייבן, אָבער שטיי פֿאָרט אויף, קריך אַרויס פֿון טאָל אויפֿן בערגל. איך קוק מיך אַרום, און אויף אַ הונדערט קלאַפּטער פֿון אונז, אין דער נידער פֿון באַרג־דורכגאַנג, רייטן שוין די רויטע. פֿאָרויס זיי דער קאָמאַנדיר אויף אַ קאַשטענעוואַטע פֿערד. דאָס פֿערד אונטער אים איז ווי אַ לייב. און אַ קוילנוואַרפֿער פֿירן זיי מיט. בין איך גלייך אין טאָל אַראָפּ־געלאָפֿן, און שריי: „די רויטע! צו די פֿערד!״ און זיי האָבן מיך געקאָנט דערזען. באַלד הערן מיר, ווי מען גיט ביי זיי אַרויס אַ קאָמענדע. זענען מיר אַרויף אויף די פֿערד. דער וואַכמייסטער אַנטבלויזט שוין די שווערד, וויל זיך וואַרפֿן אין אַטאַקע. אָבער ווי אַזוי קאָן מען טראַכטן וועגן אַטאַקע, אַז מיר זענען פֿערצן און

זיי — אַ האַלבע סאָטניע, און האָבן נאָך אַ קוילנוואָרפער דערצו! האָבן מיר אָנגעהויבן אַנטלויפן, זיי האָבן שוין אָנגעשטעלט דעם קוילנוואָרפער אויף אונז, אָבער זיך מיישב געווען, אַז מיטן קוילנוואָרפער וועלן זיי אונז גאָרנישט טון, ווייל דער באַרג-דורכגאַנג באַשיצט אונז. דעמאָלט האָבן זיי אונז אָנגעהויבן נאָכיאָגן, אָבער אונזערע פערד זענען געווען פלינקערע, זענען מיר אַוועק אויף אַ היפשן מהלך, אַראָפּ פון די פערד און זיך אָנגעהויבן אָפּשיסן. און ערשט דאָ זען מיר, אַז אַליאָשקאַ שאַמיל איז נישטאָ מיט אונז. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צעמישונג — איז ער, מסתמא, צו צום פערד, זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביים זאָטל-האָרן, געפּרווט אַריינשטעקן דעם פוס אין רייט-אייזן, אָבער דאָ איז דאָס זאָטל באַלד דעם פערד אונטערן בויך פאַרפאָרן. נישט באַווייזנדיק אַרויפצושפּרינגען אויפן פערד, איז שאַמיל געבליבן אויג-אויף-אויג מיט די רויטע, און דאָס פערד איז צוריקגעקומען צו אונז, — די נאָזלעכער שפּריצן מיט פייער, דאָס זאָטל וואַרפט זיך אונטערן בויך. אַזוי ווילד איז עס געווען, אַז עס לאָזט קיין מענטש נישט צו, שנאָרכט ווי אַ טייוול! אָט ווי אַזוי אַלעקסעי האָט זיך באַנאַרישט! ווען ער וואָלט נישט געווען נאָכגעלאָזט דעם רימען פון זאָטל-קישן — וואָלט ער נאָך אַצינד געלעבט, און אַזוי... — סטרעמיאַניקאָוו האָט אַ שמייכל געטון אין די שוואַרצע וואָנסעלעך אַריין און פאַרענדיקט: — ער האָט די לעצטע טעג כסדר זיך אונטערגעזונגען:

העי, זיידעשי-בערעלע,
פאַרציק מיר מיין קיעלע,
און שוין מיר מיין קעפּעלע...

האָט מען עס אים טאַקע געשוינט, דאָס קעפּעלע... דאָס פּנים נישט צו דערקענען! אַזוי פיל בלוט איז פון אים דאָרט אָפּגעגאַנגען, ווי פון אַ געשאָכטענעם אָקס... דערנאָך, ווען מען האָט די רויטע אָפּגעשלאָגן, זענען מיר אין טאָל אַראָפּגעריטן, זען מיר — ער ליגט. און בלוט אונטער אים — איז אַ גרויסע קאַלוזשע, ער שווימט ממש.

— נו, ווען וועלן מיר שוין פאָרן? — האָט אומגעדולדיק

געפּרעגט די אָנטרייבערין, פאַרהייבנדיק פון די ליפּן דאָס קאָפּטיכל, וואָס האָט איר פאַרשטעלט דאָס פּנים פאַר דער היץ.

— אייל דיך נישט, מומע, מיר וועלן באַלד פאָרן.

— ווי אַזוי זאָל איך מיך נישט איילן? פון די דערהרגעטע טראָגט זיך אַזאַ שווערער ריח, אַז מען קאָן אַזש חלשות פאַלן!

— און פונוואַנען זאָל ער גרינג זיין, דער ריח? אי פלייש האָבן זיי געפּרעסן, די פאַרשטאָרבענע, אי ווייבער געטאַפּט. און ווער עס פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע זאַכן, דער הייבט שוין אָן צו שטינקען, איידער ער באַוויזט נאָך צו שטאַרבן. מען שמועסט, אַז בלויז פון הייליקע טראָגט זיך נאָכן טויט אַן אָנגענעמער ריח. לויט מיין מיינונג — איז דאָס אויך פלוידעריי. ווי הייליק איינער זאָל נישט זיין, מוז אויך, לויט די געזעצן פון דער נאַטור, נאָכן טויט פון אים שטינקען, ווי פון אַ קהליש אַפּטריט. זיי, די הייליקע, נעמען דאָך אויך אַריין די שפּייז אין אינגעווייד און פאַרמאָגן אויך די דרייסיק אַרשין קישקעס, ווי גאָט האָט פאַר יעדן מענטש באַשטימט... — האָט אַנטיפּ פאַרטראַכט געזאָגט:

אָבער סטרעמיאַניקאָוו האָט צוליב עפּעס זיך אויפגעקאָכט און אויסגעשריגן:

— צו וועלכן טייוול דאַרפסטו זיי? ער האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין די הייליקע, לאָמיר פאָרן!

גריגאָרי האָט זיך געזעגנט מיט די קאָזאַקן, צוגעגאַנגען צום וואָגן זיך געזעגענען מיט די טויטע כוטאָר־לייט און ערשט דאָ באַמערקט, אַז אַלע דריי זענען אויסגעטון באָרוועס און דריי פּאָר שטיוול זענען אונטערגעבעט מיט די כאָליעוועס אונטער זייערע פיס.

— פאַרוואָס האָט מען די טויטע אויסגעטון?

— דאָס, גריגאָר פּאַנטעלעוויטש, האָבן אונזערע קאָזאַקן געטון... זיי, די פאַרשטאָרבענע, זענען געווען אָנגעטון אין גוטע שטיוול, נו, האָט מען אין דער סאָטניע געעצהט: די גוטע שטיוול אַראָפּצונעמען פאַר יענע, וואָס האָבן געמיינע אויף די פיס, און די געמיינע אַוועקצופירן אין כוטאָר אַריין. די פאַרשטאָרבענע האָבן דאָך פאַמיליעס. נו, וועלן זייערע קינדער אויך די געמיינע אָפּטראָגן...

אַניקושקאַ האָט טאַקע אַזוי געזאָגט: „די טויטע וועט שוין נישט אויסקומען צו גיין, און אויך רייטן — וועלן זיי שוין נישט. גיט מיר אַליאָשקעס שטיוול, די פּאָדעשוועס זענען נאָך גוט אונטער זיי, וואָרים איידער איך וועל מיר איינשאַפן שטיוול פון אַ רויטן, קאָן איך דערווייל פון אַ פּאַרקילונג די פיס אויסציִען".

גריגאָרי איז אַוועקגעריטן און הינטער זיך געהערט, ווי עס האָט אויסגעבראָכן אַ קריג צווישן די קאָזאַקן. סטרעמיאַניקאָוו האָט מיט אַ קלינגענדיק טענאָרל געשריגן:

— זאָגסט ליגנט דו, ברעכאָוויטש! דערפאַר טאַקע האָט דיין טאַטע געהייסן ברעך! עס איז נישט געווען צווישן די קאָזאַקן קיין הייליקע! זיי אַלע שטאַמען פון פויערישן שטאַנד.

— ניין, עס איז יאָ געווען!

— זאָגסט ליגנט, ווי אַ הונט!

— ניין, עס איז יאָ געווען!

— ווער?

— און יעגאָרי — דער זיגער?

— טיו־ו־ו־ו! כאַפּט דיך די טשמומע! ער איז דען געווען אַ קאָזאַק?

— אַן אמתער דאָנער, לויטן אָפּשטאַם פון דער ביזאָווער סטאַניצע, דאַכט זיך אַ סעמיקאַראַקאָרסקער.

— אָך, האַקסטו שוין איינמאָל אויף וואָס די וועלט שטייט! וואָלסט דיך כאָטש פריער צעבריקעוועט. נישט קיין קאָזאַק איז ער געווען!

— נישט קיין קאָזאַק? און פאַרוואָס שטעלט מען אים פאָר מיט אַ פּיקע?

מער האָט גריגאָרי נישט געהערט. ער איז אַוועקגעריטן שנעל, זיך אַראָפּגעלאָזט אין באַרג־דורכגאַנג און, דורכשניידנדיק דעם העטמאַנישן שליאַך, דערזען, ווי דער וואָגן מיט די רייטער לאָזן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון באַרג אין כוטאָר אריין.

כמעט ביז קאַרגין איז גריגאָרי געריטן שנעל. דאָס לייכטע ווינטל האָט זיך געשפּילט מיט דער גריווע פון זיין פערד, וואָס

איז קיין איין מאָל נישט דערשוויצט געוואָרן. גרויע לאַנגע סוסליקעס זענען אַריבערגעלאָפן דעם וועג, אומרויִק פייפנדיק. זייער שאַרף וואָרנענדיק פייפן האָט אויף אַ מאָדנעם אופן האַרמאָנירט מיט דער טיפער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין סטעפּ. פון די בערגלעך לענגאויס דעם וועג האָבן זיך אויפגעהויבן ערן פון סטעפּ-פייגל. שניי-ווייסע, פינקלענדיק אין דער זון, האָבן זיי דראָבנע און שנעל געפאָכעט מיט די פליגל, זיך דערהויבן אַלץ העכער און דערגרייכנדיק דעם זעניט, ווי געשווימען אין בלויִלעכן חלל, אויסשטרעקנדיק אין האַסטיקן פליִען די העלזער, וואָס זענען באַצירט געווען מיט סאַמעט-שוואַרצע האַלז-בענדער ווי צו אַ חתונה, זיך דערווייטערנדיק מיט יעדער רגע. און אָפּפליענדיק אַ הונדערט קלאַפטער, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט, נאָך אָפּטער פלאַטערנדיק מיט די פליגל, ווי אָפּשטעלנדיק זיך אויפן אָרט. האַרט ביי דער ערד, אויפן גרינעם פאָן פון די פאַרשידענע גרעזער, האָט צום לעצטן מאָל ווי אַ ווייסער בליץ אויפגעפלאַקערט די העלע-בלענדיקע באַפעדערונג פון די פליגל און פאַרלאָשן געוואָרן: דער פויגל איז פאַרשוווּנדן, פאַרשלונגען דורכן גראָז.

דאָס רופנדיקע, אומגעצוימט-ליידנשאַפטלעכע טרילערן פון די ערן האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ בערגל ביים טשיר, עטלעכע טריט פון וועג, האָט גריגאָרי פון זאָטל דערזען דאָס אָרט, וווּ די סטעפּ-פייגל פאָרן זיך: אַ גלאַטער קרייז ערד, אַן אַנדערטהאַלבן אַרשין אין דורכשניט, איז געווען האַרט אויסגעפלאַסטערט דורך די פיס פון די סטעפּ-פייגל, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער זי. קיין גרעזל איז נישט געווען צו באַמערקן אינמיטן דעם רעדל; בלויז אַ גרויער שטויב, דורכגעקרייצט פון שפּורן, איז ווי אַ גלאַטער שיכט דערויף געלעגן, און אין די זייטן, אויף די טרוקענע שטענגלעך פון די גרעזער און פּיאָלון-געוויקסן, זענען, אויסגעריסענע פון די רוקנס און ווײדלען, ציטערנדיק אין ווינט, געהאָנגען מיט אַ רויזלעכן אונטערשלאַק בלייך-פאַרביקע פעדערן פון די סטעפּ-פייגל, וואָס האָבן געקעמפט

אויף דער אַרענע. נישט װײַט איז אַרויסגעשפּרונגען פון איר נעסט אַ גרױלעכע קלײנע זי, זיך האָרבענדיק, װי אַ זקנהלע, פאָרזיכטיק באַװעגנדיק מיט די פּיסלעך.

דאָס פאַרבאָרגענע לעבן, באַפּרוכפּערט דורכן פרילינג, האָט מעכטיק און פולסירנדיק זיך אויסגעשפּרײט איבערן סטעפּ: בשפעדיק זענען געװאַקסן די גראָזן; באַהאַלטן פון רויב-גיריקן מענטשלעכן אויג, אין די געהײמע סטעפּישע באַהעלטענישן האָבן זיך פאַראײניקט די תתונה-פּאָרן פון די פײגל, חיות און בריאימלעך, די פעלדער זענען באַדעקט געװען מיט די אומצײליקע צינגלעך פון די אויפגעגאַנגענע תבואות. בלויז דאָס פאַריעריקע סטעפּ-גראָז, װאָס האָט שוין אָפּגעלעבט זײַן צײַט, האָט מרה-שחורהדיק זיך געהויקערט איבער די שיפּועים פון די בערגלעך, װאָס זענען צעשיט געװען איבערן סטעפּ, זיך געטוליעט צו דער ערד, זוכנדיק רעטונג, אָבער דאָס קרעפּטיקע, פרישע װינטל האָט עס אָפּגעבראָכן פון פאַרטרוקנטן װאָרצל, געטריבן, געקײַקלט אַהין און אַהער איבערן סטעפּ, װאָס איז פאַרגאָסן געװען מיט זון און אויפגעשטאַנען צו אַ נײַ לעבן.

גריגאָרי מעליעכאָװ איז אָנגעקומען קײן קאַרגין פאַרנאַכט. איבערן טשיר איז ער אַריבער רײַטנדיק; אויף דער לאָנקע, לעבן קאָזאַקישן דערפל האָט ער אָפּגעזוכט ריאַבטשיקאָװן. אינדערפרי האָט ער איבערגענומען פון אים די אָנפירונג איבער די טײלן פון דער ערשטער דיװיזיע, װאָס זענען צעװאָרפן געװען איבער די כוטאָרן, און דורכלײענענדיק די לעצטע קאָמוניקאַטן פון שטאַב און זיך באַראַטנדיק מיט זײַן שעף פון דיװיזיע-שטאַב מיכאַיל קאָפּילאָװן, האָט ער באַשלאָסן אָנצוגרײַפן אויף דרום צום אַסטאַכאָװער דאָרף.

אין די אָפּטײלונגען האָט זיך געשפּירט אַ שאַרפער מאַנגל אין קוילן. עס איז נײטיק געװען מיט קאַמף זײ צו דעראָבערן. דאָס איז טאַקע געװען דער גרונד-ציל פון דעם אָנגריף, װעלכן גריגאָרי האָט באַשלאָסן אונטערצונעמען.

ביז פאַרנאַכט זענען קײן קאַרגין קאָנצענטרירט געװאָרן

דריי פּולקן רייטער און איין פּולק פוסגייער. פון די צוויאונצוואָנ־ציק קוילנוואַרפער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער דיוויזיע, האָט מען באַשלאָסן מיטצונעמען בלויז זעקס; פאַר די איבעריקע זענען נישט געווען קיין קוילן־לענטעס.

דעם 22־סטן אַפּריל אינדערפרי איז די דיוויזיע אַרויסגע־טרעטן אין אָנגריף. איבערלאָזנדיק ערגעץ אויפן וועג דעם שטאַב, האָט גריגאָרי גענומען אויף זיך די אָנפירונג איבער דעם 3־טן רייטער־פּולק, אַרויסגעשיקט פאָרויס רייטער־פּאַטראָלן, אין מאַרש־אָרדענונג זיך צווּעקגעלאָזט אויף דרום אין דער ריכטונג פון דאָרף פּאָנאָמאַרעוו, ווו עס האָבן, לויט די מיטטיילונגען פון די אויס־שפּירער, זיך קאָנצענטרירט די רויטאַרמייאישע אינפאַנטעריע־פּולקן 101 און 103, וועלכע האָבן אויך זיך געגרייט אָנצוגרייפן קאַרגין.

אַ דריי ווייאָרסט פון דער סטאַניצע האָט אים דעריאָגט אַ שליח און איבערגעגעבן אַ בריוו פון קודינאָוו.

„דאָס צווייטע סערדאָבסקער פּולק האָט זיך אונדז אונטער־געגעבן! אַלע זעלנערלעך זענען אַנטוואָפנט, אַ מאָן צוואַנציק פון זיי, וועלכע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָט באַגאַטיריעוו משלח געווען אויף יענער וועלט אַרויף; געהייסן אויסהרגענען. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן פיר האַרמאַטן (אָבער די שלעסער האָבן די פאַרשאָלטענע קאָמוניסטן־באַטאַרייער באַוויזן אַרויסצונע־מען), מער פון 200 קוילן און ניין קוילנוואַרפער. ביי אונדז איז אַ גרויסער יובל! די רויטאַרמייער צעטיילן מיר איבער אונזערע סאָטניעס; מיר וועלן זיי צווינגען צו שלאָגן די אייגענע. וואָס הערט זיך דאָרט ביי דיר? יאָ, איך האָב שיער נישט פאַרגעסן. עס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן דיינע לאַנדסלייט־קאָמוניסטן: קאָט־ליאַראָוו, קאָשעוואָי און אַ סך יעלאַנער. זיי אַלע וועט מען פאַר־טיק מאַכן אויפן וועג קיין וויעשקי. אויב דו נייטיקסט דיך שטאַרק אין קוילן, טייל מיט דורך דעם איבערגעבער, וועלן מיר דיר אַרויסשיקן אַ 500 שטיק. קודינאָוו“.

— דעם אָרדינאַנס! — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן.

פּראָכאָר זיקאָוו איז גלייך צוגעריטן, נאָר דערזעענדיק, אַז

גריגאָרי האָט זיך אינגאַנצן געענדערט, האָט ער אפילו אַ כאַפּ געטאָן די האַנט צום דאַשעק:

— וואָס באַפעלסטו?

— ריאַבטשיקאָוון! ווו איז ריאַבטשיקאָוו?

— אין עק פון דער קאָלאָנע.

— געשווינד נאָך אים! זאָל ער שוין זיין דאָ!

פּלאַטאָן ריאַבטשיקאָוו, אין גאַלאָפּ מיידנדיק די מאַרשירנ-דיקע קאָלאָנע, האָט זיך אויסגעגלייכט מיט גריגאָריען. אויף זיין פּנים מיט די העלע וואָנסעס האָט די הויט זיך געשיילט פון די ווינטן, די וואָנסעס און ברעמען, אָפּבליאַקירטע פון דער פרילינגס-זון, האָבן אָפּגעשלאָגן מיט פוקסן-געלקייט. ער האָט געשמייכלט, רייטנדיק געריי̆כערט אַ פּאַפּיראָסל. דאָס טונקל-קאַשטענעוואַטע, זאַט-געפּיטערטע פערד, וואָס איז גאָרנישט אָפּגעפאַלן איבער די זומער-חדשים, איז געגאַנגען אונטער אים מיט אַ פריילעך טענצל, פינקלענדיק מיטן ברוסט-געשפּאַן.

— אַ בריוו פון וויעשקי? — האָט ריאַבטשיקאָוו אויסגעשריגן, דערזעענדיק לעבן גריגאָריען דעם שליח.

— אַ בריוו, — האָט גריגאָרי געענטפערט איינגעהאַלטן. — נעם איבער דאָס פולק מיט דער דיוויזיע. איך פאָר אַוועק.

— נו מילא, פאָר. אָבער וואָס איז דאָס איילעניש? וואָס שרייבט מען? ווער? קודינאָוו?

— דאָס סערדאָבסקער פולק האָט זיך אונטערגעגעבן אין אוסט-כאָפּער.

— נו-ו-ו? לעבן מיר דאָך נאָך? פאָרסט שוין?

— שוין.

— נו, אין אַ מזלדיקער שעה. איידער דו וועסט צוריקקו-מען, וועלן מיר שוין זיין אין אַסטאַכאָוו!

„פאַרכאַפּן אַ לעבעדיקן מישקען, איוואַן אַלעקסעיעוון... געוויר ווערן ווער עס האָט פּיאָטערן דערהרגעט... און מציל זיין איוואַנען, מישקען פון טויט! מציל זיין... אַ חוב פון בלוט איז צווישן אונז אָנגעוואַקסן, אָבער מיר זענען דאָך נישט קיין פרעמ

דע!?" — האָט גריגאָרי געטראַכט, ווילד שמייסנדיק דאָס פערד מיטן ראַפּניק, און גאַלאָפּ זיך אַראָפּלאָזנדיק פון באַרג.

LII

ווי נאָר די אויפשטענדערישע סאָטניעס זענען אַריינגעגאַנגען קיין אוסט-כאָפּער און אַרומגערינגלט די סערדאָבּצעס, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן דעם מיטינג, איז דער קאָמאַנדיר פון דער זעקסטער בריגאַדע מיט וואָראָנאָווסקין און וואָלקאָוון אַוועקגעגאַנגען אויף אַ באַראַטונג. זי איז פאָרגעקומען דאָ טאַקע, לעבן פּלאַץ, אין איינעם פון די סוחרישע הייזער. און האָט געדויערט נישט לאַנג. נישט אָראָפּנעמענדיק דעם ראַפּניק פון דער האַנט, האָט באָגאַטיריעוו זיך באַגריסט מיט וואָראָנאָווסקין און געזאָגט:

— אַלץ איז אין אָרדענונג. דאָס וועט אייך פאַררעכנט ווערן. אָבער ווי אַזוי האָט איר עס נישט באַוויזן די האַרמאַטן אָפּצוהיטן?

— אַ צופאַל! אַ פּשוטער צופאַל, הער פּענריך! די אַרטילעריסטן זענען כמעט אַלע געווען קאָמוניסטן, זיי האָבן געשטעלט אונזערע אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, ווען מען האָט זיי אָנגעהויבן אַנטוואָפּענען; דערהרגעט צוויי רויטאַרמייער און, אַרויסנעמענדיק די שלעסער, אַנטלאָפן.

— אַ שאָד! — באָגאַטיריעוו האָט אַ וואָרף געטון אויפן טיש זיין היטל פון האַקי-קאָליר מיטן פרישן צייכן פון דער נישט לאַנג אַראָפּגעריסענער אָפיצירן-קאָקאַרדע אויף דער דענקע און, אָפּווישנדיק זיך מיטן ברודיקן נאָז-טיכל דעם נידעריק-געשוירענעם קאָפּ און דעם שווייס פון גרוי-געוואָרענעם פּנים, האָט ער קאַרגלעך אַ שמייכל געטון: — נו, דאָס איז אויך גוט. גייט שוין אַרויס און זאָגט אייערע זעלנער... שמועסט זיך דורך מיט זיי, ווי עס געהער צו זיין — זיי זאָלן נישט... זיי זאָלן אָפּגעבן דאָס גאַנצע געווער.

וואָראָנאָווסקי, באַליידיקט פון באַפעלערישן טאָן פון קאָזאַקאָפיציר, האָט, פאַרהיקענדיק זיך, איבערגעפרעגט:

— דאָס גאַנצע געווער ?

— נו, איך וועל אייך נאָכאַמאָל נישט איבערחזרן ! געזאָגט איינמאָל — דאָס גאַנצע, איז דאָס גאַנצע.

— דורך אייך, הער פענריך, און אייער אָנפירונג, איז דאָך אָבער אָנגענומען געוואָרן אַ באַדינג דאָס פּאָלק נישט צו אַנטוואָפענען ? ווי־זשע קאָן מען אַזוי ?... נו, איך פאַרשטיי, אַז די קוילנוואַרפער, האַרמאַטן, האַנט־גראַנאַטן — דאָס אַלץ זענען מיר מחויב אָפּצוגעבן, אָבער וואָס שייך דער באַוואָפענונג פון די רויטאַרמייער...

— קיין רויטאַרמייער זענען אַצינד נישטאָ ! — האָט באָגאַטיריעוו מיט אַ געהעכערט קול ביז פאַרהויבן זיין געגאָלטע ליפ און זיך אַ שמייכל געגעבן מיטן געפלאָכטענעם ראַפּניק איבער דער פאַרשפריצטער כאָליעווע. — ס'איז נישטאָ אַצינד קיין רויטאַרמייער, נאָר עס זענען דאָ זעלנער, וואָס וועלן פאַרטיידיקן די דאָנער ערד. פאַר־שטאַ־נען ?... און אויב זיי וועלן נישט וועלן, וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט זיי צו נייטן ! נישטאָ וואָס אין באַהעלטערלעך זיך צו שפּילן ! איר האָט דאָ אָנגעמאַכט שאָדן אויף אונזער ערד, און דו טראַכסט אַצינד נאָך אויס עפּעס באַדינגונגען. נישטאָ צווישן אונז קיין שום באַדינגונגען ! פאַר־שטאַ־נען ?...

דער שטאַב־אָנפירער פון טערדאָבסקער פּאָלק, דער יונגער אונטעראָפיציר וואָלקאָוו, האָט זיך באַליידיקט. אויפגערעגט לויפנדיק מיט די פינגער איבער די קנעפּלעך פון שטייענדיקן קאָלנער פון זיין שווארצער טוכענער בלוזע, שויבערנדיק די קאַראַקולענע קרייזלעך פון זיין געלאָקטן שוואַרצן טשופּ, האָט ער שאַרף געפרעגט :

— הייסט עס, האַלט איר אונז פאַר געפאַנגענע ? יאָ, צי ניין ?

— איך האָב דיר דאָס נישט געזאָגט, און דו, פאַרשטייט זיך, דאַרפסט דיך נישט אָנוואַרפן מיט דיינע השערות ! — האָט אים גראָב איבערגעריסן דער קאָזאַקישער בריגאַדע־קאָמאַנדיר, איבערגייענדיק אויף „דו” און שוין אָפן אַרויסווייזנדיק, אַז זיינע מיט־

שמועסער זענען פון אים אין דירעקטער און פולשטענדיקער אָפּהענגיקייט.

אויף אַ מינוט איז אין צימער געוואָרן שטיל. פון פּלאַץ האָט זיך דערטראָגן אַ טויבער ליאַרם. וואָראָנאָווסקי איז עטלעכע מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, גענומען קנאַקן מיט די ביינדלעך פון די פינגער, דערנאָך פאַרקנעפּלט זיין וואָרעמען פרענטש פון האַקי־קאָליר אויף אַלע קנעפּלעך און, נערוועז ציקנדיק, זיך געווענדט צו באָגאַטיריעוון:

— אייער טאָן באַליידיקט אונז און איז נישט פּאַסיק פאַר אייך, ווי פאַר אַ רוסישן אָפיציר! איך זאָג דאָס אייך אָפן. מיר וועלן נאָך זען, אויב איר האָט אונז אויף דעם אַרויסגערופן... מיר וועלן נאָך זען, ווי אַזוי צו האַנדלען... אונטעראָפיציר וואָלקאָוו! איך באַפעל אייך: גייט אַרויס אויפן פּלאַץ און זאָגט די עלטסטע, זיי זאָלן אין קיין פאַל נישט אָפּגעבן דאָס געווער די קאָזאַקן! באַפעלט דעם פאָלק זיך צו שטעלן אונטער דער ביקס. איך וועל באַלד פאַרענדיקן דעם שמועס מיט אָט דעם... מיט דעם הער באָגאַטיריעוון און אַרויסקומען אויפן פּלאַץ.

די שוואַרצע האַנט פון כּעס האָט אָוועקגעלייגט אַ פלעק אויף באָגאַטיריעווס פּנים. דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער שוין אָנערקענענדיק, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן און גלייך געענדערט די באַנעמונג. מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַרויפזעצנדיק דאָס היטל אויפן קאָפּ, האָט ער נאָך אַלץ ווילעריש זיך געשפּילט מיטן ברוינעם ראַפּניק, גענומען רעדן, און אין זיין קול האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ טאָן פון איינגעהאַלטענער ווייכקייט און העפלעכקייט:

— מיינע הערן, איר האָט באַוויליקט מיך נישט ריכטיק צו פאַרשטיין. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט באַקומען די ספּעציעלע דערציִונג... אין די יונקער־שולן די וויסנשאַפטן נישט דורכגעגאַנגען און אפשר נישט אַזוי ריכטיק זיך אויסגעדריקט. נו, אַלץ קאָן דאָך נישט זיין מיטן פּינטל. מיר זענען דאָך פאָרט אייגענע מענטשן! מיר דאַרפן זיך נישט באַליידיקן. וואָס האָב איך דען

געזאָגט? איך האָב בלויז געזאָגט, אַז מען דאַרף גלייך אייערע רויטאַרמייער אַנטוואָפּענען, באַזונדערס יענע, וועלכע זענען סיי פאַר אייך, סיי פאַר אונז נישט זיכער... וועגן דידאָזיקע האָב איך גערעדט!

— דערלויבט־זשע! האָט מען געדאַרפט זיך אויסדריקן קלאָר, הער פענריך! און חוצדעם, זייט מסכּים, אַז אייער אַרויסרופנדי־קער טאָן, אייער גאַנצע אויפפירונג... — וואָראָנאָווסקי האָט אַ דריק געטון מיט די אַקסלען און שוין פרידלעכער, אָבער מיט אַ טאָן פון אומגעשטילטן פאַרדראָס ווייטער גערעדט: — מיר אַליין האָבן געטראַכט, אַז די וואַקלהאַפטע, נישט זיכערע דאַרף מען אַנטוואָפּענען און איבערגעבן צו אייער דיספּאָזיציע...

— אָט־אָט! דאָס האָב איך דאָך געמיינט!

— ...זאָג איך דאָך, אַז מיר האָבן אַליין באַשלאָסן זיי צו אַנטוואָפּענען. און וואָס שייך אונזער קעמפערישן קערן, וועלן מיר אים דערהאַלטן פאַר יעדן פּרייז! איך אַליין, אָדער אָט דער אונ־טעראָפיציר וואָלקאָוו, וועלכן איר האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו זאָגן „דו", נישט זייענדיק נאָענט באַקאַנט מיט אים... מיר וועלן נעמען אויף זיך די אָנפירונג און באַוויזן מיט ווירדע אָפּצוואַשן פון זיך די שאַנד פון אונזער פאַרברעכן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. איר דאַרפט אונז איבערלאָזן דידאָזיקע מעגלעכקייט.

— וויפיל באַגנעטן וועלן זיין אין דעמדאָזיקן קערן אייערן?

— אומגעפער צווייהונדערט.

— נו, מילא, גוט, — האָט באָגאַטיריאָוו אומגערן מסכּים געווען. ער איז אויפגעשטאַנען, געעפנט די טיר אין קאָרידאָר אַריין און הויך אַ רוף געטון: — באַלעבאָסטע! — און ווען אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַן עלטערע פרוי אין אַ וואַרעם טוך, האָט ער באַפוילן: - זיסע מילך פאַר מיר! אָבער אויף איין פוס!

— קיין מילך האָבן מיר נישט, מיר בעטן אונז אַנטשולדיקן.

— פאַר די רויטע האָט איר געהאַט און פאַר אונז — נישט? — האָט באָגאַטיריאָוו זויער אַ שמייכל געטון.

ווידער האָט אַ זשענירטע שטילקייט זיך איינגעשטעלט אין

צימער. דער אונטעראָפיציר וואָלקאָוו האָט זי איבערגעריסן:
— דאַרף איך גיין?
— יאָ, — האָט מיט אַ זיפץ געענטפערט וואָראָנאָווסקי. — גייט און באַפעלט, עס זאָלן אַנטוואַפנט ווערן יענע, וואָס זענען ביי אונז אָנגעמערקט אין די רשימות. די רשימות געפינען זיך ביי גאָריגאַסאָוון און וועיסטמינסטערן.
בלויז די באַליידיקטע אָפיצירישע איגנליבע האָט אים גע-נייט כלומרשט צו זאָגן: „מיר וועלן נאָך זען, ווי אַזוי צו האַנדלען". אינדערעמתן אָבער האָט דער שטאַבס-קאַפּיטאַן וואָראָנאָווסקי אויס-געצייכנט פאַרשטאַנען, אַז זיין שפּיל איז געענדיקט און אָפּצו-טרעטן איז נישטאָ וווהין. לויט די ידיעות, וואָס ער האָט באַ-קומען, האָבן פון אוסט-מיעדוויעדיצאַ שוין מאַרשירט און גע-דאַרפט אַ ליאַדע רגע אָנקומען די כּוחות, וואָס זענען אַריבער-געוואָרפן געוואָרן דורכן שטאַב פון דער אַרמיי אויף צו אַנטוואָ-פענען דאָס צעבונטעוועטע סערדאָבסקער פּולק. אָבער אויך דאָ-גאַטיריעוו האָט שוין באַוויזן זיך איבערצוצייגן, אַז וואָראָנאָווסקי איז אַ זיכערער און אַבסאָלוט-אומגעפערלעכער מענטש, וועלכער קאָן אַציגד זיך נישט צוריקציִען. דער בריגאַדע-קאָמאַנדיר האָט אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט מסכים געווען צו פאָרמירן פון די זיכערע טיילן פון פּולק אַ זעלבשטענדיקן קאָמפּעריישן איינס. דערמיט האָט די באַראַטונג זיך פאַרענדיקט.
און דערווייל, זיך נישט דערוואַרטנדיק אויף די רעזולטאַטן פון דער באַראַטונג, זענען די אויפשטענדער שוין אַליין ענערגיש צוגעטרעטן אַנטוואָפענען די סערדאָבצעס. די גיריקע קאָזאַקישע אויגן און הענט האָבן געגישטערט אין די פורן, אין די צווייַ-רעַ-דערדיקע וועגעלעך. די אויפשטענדער האָבן צעכאַפּט נישט בלויז די קוילן, נאָר אויך די געלע רויטאַרמייאישע שיך מיט די דיקע פאָדעשוועס, די שפּולן וויקלערס, וואַרעמע לייבלעך, וואַטענע הויזן, פּראָדוקטן. אַ מאַן צוואַנציק סערדאָבצעס, קלאָר זיך איבער-צייגנדיק, ווי עס זעט אויס דער קאָזאַקישער ווילקיר, האָבן גע-פּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. איינער פון זיי האָט דערלאַנגט

מיט דער קאָלבע אַן אויפשטענדער, וואָס האָט אים באַזוכט און רויק איבערגעלייגט דעם רויטאַרמייערס בייטעלע אין זיין קעשע-נע. ער האָט אויסגעשריגן:

— רויבער! וואָס נעמסטו?! גיב אָפּ, וואָרים איך דערשטעך דיך!

זיינע חברים האָבן זיך אָנגענומען פאַר אים. עס האָבן זיך דערהערט ווילדע אויסגעשרייען:

— חברים, צום געווער!

— מען האָט אונז אָפּגענאַרט!

— גיט נישט אָפּ די ביקסן!

עס האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף אויף באַגנעטן, און די צע-בונטעוועטע רויטאַרמייער האָט מען צוגעשפּאַרט צום פּאַרקן; די אויפשטענדערישע רייטער, אונטערגעהעצט דורכן קאָמאַנדיר פון דער דריטער רייטער-סאָטניע, האָבן זיי אויסגעהרגעט אין צוויי מינוט.

מיטן אָנקומען פון אונטעראָפיציר וואָלקאָוון אויפן פּלאַץ, איז דאָס אַנטוואָפענען צוגעגאַנגען נאָך טיכטיקער. אונטערן גאַס-רעגן האָט מען באַזוכט די אויסגעשטעלטע רויטאַרמייער. נישט ווייט פון דער רייע האָט מען צונויפגעלייגט אין קופּעס די ביקסן, גראַנאַטן, דאָס פּאַרמעג פון דער טעלעפאָנישער קאָמאַנדע פון פּולק, די קעסטלעך ביקסן-קוילן און לענטעס פון די קוילנוואַרפער...

באָגאַטיריעוו איז אַרויסגעריטן אויפן פּלאַץ און זיך דריי-ענ-דיק אין אַלע זייטן פאַר דער ליניע פון די סערדאָבצעס אויף זיין צעהיצט פערד, וואָס האָט כסדר אונטערגעטאַנצט, האָט ער דראָענדיק אויפגעהויבן דעם דיקן געפלאָכטענעם ראַפּניק איבערן קאָפּ און אויסגעשריגן:

— הערן וואָס איך רעד דאָ! איר וועט פון היינטיקן טאָג אָן זיך שלאָגן מיט די רויבער-קאָמוניסטן, מיט זייערע חיילות. ווער עס וועט גיין מיט אונז — דעם וועלן מיר מוחל זיין, און ווער ס'וועט זיך אָקעגנשטעלן — דער וועט אויפן זעלבן אופן באַלוינט ווערן! — דאָ האָט ער אָנגעוויזן מיטן ראַפּניק אויף די דערהרגעטע רויט-

אַרמייער, וואָס זענען שוין געלעגן אויסגעטועטע דורך די קאָזאַקן ביז דער וועש און זיך געוויקט אין אַ ווייסער פּאַרמלאָזער קופּע אונטער׳ן רעגן.

איבער די רויטאַרמייאישע רייען איז, ווי אַ כוואַליע, דורכגעגאַנגען אַ שטילער געמירמל, נאָר קיינער האָט אויפן הויכן קול נישט געזאָגט קיין וואָרט פון פּראָטעסט, קיין איינער איז נישט אַרויסגעטרעטן פון דער רייע...

אומעטום האָבן אַרומגעשוויבלט קאָזאַקן אין גרופּעס און איינציקווייז, צופוס און רייטנדיק. זיי האָבן אַרומגענומען מיט אַ פעסטן רינג דעם פּלאַץ. און לעבן פּאַרקן פון דער צערקווע, אויסגעדרייט צו די רויטאַרמייאישע רייען, זענען געשטאַנען אויפן בערגל די גרין־געפאַרבטע קוילנוואַרפער פון די סערדאָבצעס און לעבן זיי, הינטער די שוצטעלערס, גרייט צום שיסן, זענען געזעסן, נאַסע פון רעגן, די קאָזאַקן פון דער נייער באַדינונג...

אין אַ שעה אַרום האָבן וואָראָנאָווסקי און וואָלקאָוו אָפּגעקליבן די „זיכערע" לויט דער רשימה. זיי זענען געווען הונדערט פיראונניינציק מאַן. די ניי־פאָרמירטע אָפּטיילונג האָט באַקומען דעם נאָמען „איינס פון באַזונדערן אויפשטענדערישן באַטאַליאָן" און אין באַלד דעם זעלבן טאָג אַוועקגעגאַנגען אויף דער פּאָזיציע צום בעלאַווינער כוטאָר, פונוואַנען עס האָבן אָנגעגריפן די פּולקן פון דער דרייאונצוואָנציקסטער מיראָנאָווער דיוויזיע, וואָס זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן פון דאָניעץ. ווי מען האָט איבערגעגעבן, זענען געגאַנגען די מיראָנאָווער פּולקן: דאָס 15־טע אונטער דער אָנפירונג פון ביקאַדאָראָוון, און מיטן 32־סטן האָט אָנגעפירט דער באַרימטער מישקאַ בלינאָוו. זיי זענען געגאַנגען, צעקלאַפּנדיק די אויפשטענדערישע סאָטניעס, וואָס האָבן זיך זיי אַקעגנגעשטעלט. איינע פון זיי, וואָס איז איילִיק אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך עפּעס אַ כוטאָר פון אוסט־כאָפּערער יורט, האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה. קעגן בלינאָוון טאַקע האָט דאָס באָגאַטיריעוו באַשלאָסן אַרויסצושטעלן וואָראָנאָווסקיס באַטאַליאָן, אויסצופּרוּוון זיין שטאַנדהאַפטיקייט אין דער טויפונג פון דער ערשטער שלאַכט...

די איבעריקע סערדאָבצעס, אין דער צאָל פון העכער אַכ־ציק מאַן, זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן צופוס לענגאויס דעם ברעג פון דאָן קיין וויעשענסק, — ווי עס האָט אין זיין צייט באַפוילן דער קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדערישע כוחות קודינאָוו אין זיין בריוו אויפן נאָמען פון באָגאַטיריעוו. אָלס וואָך איבער זיי זענען געגאַנגען מיטן דאָנער הויכלאַנד דריי רייטער־סאָטניעס, באַוואָפנטע מיט די קוילנוואָרפער פון די סערדאָבצעס.

פאַרן אַוועקפאָרן פון אוסט־כאָפער האָט באָגאַטיריעוו אָפּ־געריכט אין צערקווע אַ תפילה, און ווי נאָר עס האָבן זיך פאַרענ־דיקט די לעצטע ווערטער פון פּאָפּ, וועלכער האָט מתפלל געווען פאַרן שענקען אַ נצחון דעם „קאָזאַקישן חייל, וואָס איז טריי צום קריסטנטום״, — איז ער אַרויסגעגאַנגען. מען האָט אים צוגעפירט דאָס פערד. ער איז אויפגעזעסן, צוגערופן אַ קאָמאַנדיר פון איי־נער פון די סאָטניעס, וואָס זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אַלס דע־קונג אין אוסט־כאָפער, — זיך אָנגעבויגן פון זאָטל און אים איינ־גערוימט:

— די קאָמוניסטן היטן שטאַרקער, ווי דעם פולווער־סקלאַד! מאָרגן אינדערפרי זיי אַוועקטרייבן אונטער אַ זיכערן קאָנוואָי. און היינט נאָך אַרויסשיקן שלוחים איבער די כוטאָרן, כדי באַקאַנט צו מאַכן, וואָס פאַר אַ פאַרשוינען מיר טרייבן. זיי וועט דאָס פאָלק משפטן מיט זיין אייגענעם משפט!

דערמיט איז ער אַוועקגעפאָרן.

LIII

איבערן סינגינער כוטאָר פון דער וויעשענסקער סטאַניצע האָט דעם צוואַנציקסטן אַפּריל אינמיטן טאָג זיך באַוויזן אַן אַע־ראָפּלאַן. די קינדער, ווייבער און אַלטע לייט, וואָס זענען אויפ־מערקזאַם געוואָרן אויפן גערויש פון מאָטאָר, זענען אַרויסגעלאָפן פון די כאַטעס; פאַררייסנדיק די קעפּ, פאַרהייבנדיק די הענט אי־

בער די אויגן, האָבן זיי לאַנג זיך צוגעקוקט, ווי דער אַעראָפּלאַן טראָגט זיך אָנגעבויגענערהייט אונטערן כמורנעם הימל און צייכנט קרייזן, ווי אַ רויב-פויגל. דאָס גערויש פון מאָטאָר איז געוואָרן שאַרפער, הילכיקער. דער אַעראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן, אויסקלויבנדיק פאַרן לאַנדן אַ גלייך שטיקל פּלאַץ נאָכן כוטאָר אויף דער פּאַשע.

— ער וועט באַלד אָנהייבן באָמבעס וואַרפן! היט אייך! — האָט דערשראָקן אויסגעשריגן עפּעס אַ באַהאַוונטער אַלטיטשקער.

און דער עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אין געסל, האָט אָנגעהויבן עוקר זיין. די באַבעס האָבן נאָכגעשלעפּט די וויינענדיקע קינדער די אַלטע לייט זענען געשפּרונגען מיט דער פלינקייט פון ציגן-בעק איבער פּלויטן, אַנטלאָפן אין די לעוואַדעס אַריין. אין געסל איז געבליבן בלויז איין אַלטיטשקע. זי האָט אויך געוואָלט אַנטלויפן, נאָר צי די פיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן פון שרעק, צי זי האָט זיך געשטרויכלט אָן אַ בערגל, — כּיווי, זי איז געפאַלן און אַזוי געבליבן ליגן, מיט אומפאַרשעמטפאַרריסענע דאַרע פיס, שרייענדיק מיט אַ פאַרשמאַכט קול:

— אוי, ראַטעוועט מיך, מענטשן! אוי, דאָס איז שוין דער טויט מיינער!

ראַטעווען די אַלטע האָט קיינער זיך נישט אומגעקערט. און דער אַעראָפּלאַן האָט מיט אַ שרעקלעך רעווען און פייפן זיך דורכגעטראָגן נידעריק איבערן שייער, אויף אַ רגע פאַרשטעלט מיטן שאָטן פון זיינע פליגל דאָס טאָג-ליכט פון דער אַלטערס אין טויטאַנגסט אויסגעגלאָצטע אויגן, — זיך דורכגעטראָגן אין, ווייך-באַרירנדיק מיט די רעדער די פייכטע ערד פון דער כוטאָר-פּאַשע, איז ער אַוועקגעלאָפן אין סטעפּ. אין דעם מאָמענט איז מיט דער אַלטער געשען דאָס, וואָס עס געשעט מיט אַ קליין קינד: זי איז געלעגן אַ האַלב-טויטע, גאָרנישט פילנדיק, וואָס עס טוט זיך אונטער איר און אַרום איר. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט נישט געקאָנט זען, ווי אינדערוויטנס זענען פון דער שרעקלעכער מאַשין, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אַרויסגענאַנגען

צוויי מענטשן אין שוואַרץ-לעדערן אָנטון און, שטעלנדיק עטלעכע אומזיכערע טריט, זיך אַרומגעקוקט און אַוועקגעגאַנגען צום הויף.

אָבער איר אַלטער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דער לעוואַדע אין די פּאַריעריקע, געדיכט-פאַרוואַקסענע מאַלינעס, איז געווען אַ מוטיקער אַלטער. כאָטש דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין אים ווי אין אַ געפאַנגענעם שפּערל, איז ער דאָך דרייסט געווען צו קוקן. ער האָט טאַקע דערקענט אין איינעם פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו זיין הויף — דעם אָפיציר פּיאָטער באָגאַטיריעוון, דעם זון פון זיין חבר, מיט וועלכן ער האָט צוזאַמען געדינט. פּיאָטער, וועלכער איז געווען גריגאָרי באָגאַטיריעווס — דעם קאָמאַנדירס פון דער זעקסטער אויפשטענדערישער באַזונדערער בריגאַדע — אַ קוזין, איז אַוועקגעגאַנגען מיט די ווייסע אויף יענער זייט דאָניעץ. אָבער דאָס איז זיכער געווען ער.

דער אַלטער האָט אַ ווײַלע פאָרשנדיק זיך איינגעקוקט, און אַראָפּגעזעצטער ווי אַ האָז, מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט. פולשטענדיק זיך איבערצייגנדיק, אַז עס גייט טאַקע פּאַמעלעך און וואַקלדיק דער אמתער פּיעטראָ באָגאַטיריעוו, דער זעלבער בלויאויגיקער, ווי מען האָט אים געזען פאַראַיאָרן, נאָר אַ ביסל פאַרוואַקסענער, צוליב דער האַרטער, נישט געגאָלטער באָרד, — האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף די פיס, אַ פּרוּוו געטון, צי זיי קאָנען אים האַלטן. די פיס האָבן בלויז לייכט געציטערט אין די קניִען, נאָר געהאַלטן אים פעסט, און דער אַלטער האָט מיט אַ טענצלדיק געגנגל זיך געלאָזט גיין פון דער לעוואַדע.

ער איז נישט צוגעגאַנגען צו דער אַלטער, וואָס איז געלעגן אין שטויב, נאָר גלייך אַוועקגעגאַנגען צו פּיאָטערן און זיין באַגלייטער, פונווייטנס נאָך אַראָפּנעמענדיק דאָס אָפּגעליאַקירטע קאָזאַקישע היטל פון זיין פליכיקן קאָפּ. און פּיאָטער באָגאַטיריעוו האָט אים דערקענט, באַגריסט מיט אַ פאָכען פון דער האַנט, אַ שמייכל געטון. זיי זענען זיך צונויפגעקומען.

— דערלויבט מיר געוווּר צו ווערן, צי איר זענט טאַקע פּיעטראָ גריגאָריטש?

— דער זעלבער, זיידעשי!

— אָט האָט מיר גאָט באַשערט צו זען אויף די אַלטע יאָרן אַ פלי-מאַשין! מיר האָבן זיך דאָס אַ ביסל דערשראָקן פאַר איר!

— די רויטע זענען דאָ נישטאָ נאָענט, זיידעשי?

— נישטאָ, נישטאָ, ליבינקער! מיר האָבן זיי פאַרטריבן אַזש דאָרט ערגעץ איבערן טשיר, צו די כאַכלעס.

— אונזערע קאָזאַקן זענען אויך אויפגעשטאַנען?

— אויפגעשטאַנען — זענען זיי, נאָר מ'האָט שוין אַ סך צו־ריק אַוועקגעלייגט.

— וואָס הייסט?

— דערהרגעט.

— אַאַאַ... די פאַמיליע מיינע, דער טאַטע, — אַלע לעבן?...

— אַלע. און איר קומט פון יענער זייט דאָניעץ? מיין טי־כאָנעץ האָט איר דאָרט נישט געזען?

— פון יענער זייט דאָניעץ. אַ גרוס דיר פון טיכאָנעץ גע־בראַנגט. נו, דו זיידעשי, גיב אַכטונג אויף אונזער מאַשין, די קינדערלעך זאָלן זי נישט רירן, און איך, — וועל צוגיין אַהיים... קומט!

פּיאָטער באָגאַטיריעוו און זיין באַגלייטער זענען אַוועקגע־גאַנגען. און פון די לעוואַדעס, פון די שאָפּעס, פון די קעלערס און אַנדערע לעכער האָט אָנגעהויבן אַרויסקריכן דאָס איבערגע־ש־אָקענע פאָלק, וואָס האָט זיך דאָרט באַהאַלטן. אַ מחנה האָט אַרומגערינגלט דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט נאָך געאָטעמט מיט דער היץ פון אָנגעגליטן מאָטאָר, געשמעקט מיט טשאַד פון בענ־זין און בוימל. זיינע פליגל, איבערגעצויגן מיט טוך, זענען אין אַ סך ערטער געווען געלעכערט פון קוילן און שטיקלעך גראַנאַטן. די נאָך ביז איצט נישט געזעענע מאַשין איז געשטאַנען אַ שוויינ־דיקע און הייסע, ווי אַן אָפּגעיאָגט פערד.

דער זיידע — וועלכער האָט דער ערשטער באַגעגנט פּיעט־

ראָ באָגאַטיריעוון — איז אַוועקגעלאָפן אין געסל אַריין, ווו ס׳איז געלעגן זיין פון שרעק געפאַלענע אַלטיטשקע, געוואָלט זי דער־פרייען מיט דער ידיעה פון זון טיכאָנען, וועלכער איז אין דעצעמ־בער אַוועקגעגאַנגען מיט דער קרייז־פאַרוואַלטונג. די אַלטיטשקע איז אין געסל שוין נישט געווען. זי האָט באַוויזן צוצוגיין צו דער דער כאַטע און, פאַרמאַכנדיק זיך אין קעמערל, זיך איבערגעטון: געביטן אויף זיך דאָס העמד מיטן קלייד. דער אַלטער האָט זי קוים געפונען. ער האָט אויסגעשריגן:

— פיעטקאָ באָגאַטיריעוו איז געקומען צו פליִען! ער האָט געברענגט אַ גרוס פון טיכאָנען! — און זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט דערזען, אַז זיין אַלטע האָט זיך איבערגעטון. — וואָס, אַלטער ביין, איז דיר עפּעס איינגעפאַלן זיך אויסצופּוצן? אָך, אין דיין מאַמען אַריין! און ווער דאַרף דיך, טייוול אָפּגע־קראָכענער? דו זעסט דאָך אויס ווי גאָר אַ יונגיטשקע!

...באַלד זענען אין דער כאַטע צו פיאָטער באָגאַטי־ריעווס פאָטער זיך צונויפגעקומען די אַלטע לייט. איטלעכער פון זיי איז אַריינגעגאַנגען, אַראָפּגענומען דאָס היטל אויף דער שוועל, זיך געצלמט פאַר די איקאָנעס און סאָליד אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן שטעקן. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. פיאָטער באָגאַטיריעוו, זופנדיק פון אַ גלאָז – קאַלטע זיסע מילך, האָט דערציילט, אַז ער איז געקומען צו פליִען לויטן אויפ־טראַג פון דער דאָנער רעגירונג, אַז זיין אויפגאַבע באַשטייט אין זיך קניפּן באַציִונגען מיט די אויפשטענדער פון איבערשטן דאָן און זיי העלפן אין קאַמף מיט די רויטע דורך צושטעלן אויף אַערע־פּלאַנען קוילן און אָפיצירן. ער האָט מיטגעטיילט, אַז בקרוב וועט די דאָנער אַרמיי איבערגיין אין אָנגריף אויפן גאַנצן פראָנט און זיך פאַראייניקן מיט דער אַרמיי פון די אויפשטענדער. ביי דער געלעגנהייט האָט באָגאַטיריעוו אויסגעמוסרט די אַלטע דערפאַר, וואָס זיי האָבן שלעכט געווירקט אויף די יונגע קאָזאַקן, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דעם פראָנט און אַרויסגעלאָזט די רויטע אויף זייער ערד. ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע אַזוי:

— אָבער ווייל איר האָט אייך מיישב געווען און פאַרטריבן די סאָוויעטישע מאַכט פון די סטאַניצעס, איז אייך די דאָנער רע־גירונג מוחל.

— ביי אונז, פּיעטראָ גריגאָריטש, איז דאָך אַצינד די מאַכט אויך אַ סאָוויעטישע, אָן די קאָמוניסטן. די פּאָן אפילו איז ביי אונז נישט קיין דריי־פאַרביקע, נאָר אַ רויט־ווייסע, — האָט איינער פון די אַלטע אומדרייסט געמאָלדן.

— אפילו אין דער באַנעמונג רופן דאָך די יונגע אונזערע, די הינטישע זין, די אומגעהאָרכזאַמע, איינער דעם אַנדערן „חבר” ! — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

פּיאָטער באָגאַטיריעוו האָט אַ שמייכל געטון אין די אונטער־געשוירענע געלבלעכע וואָנסעס אריין, מיט חוזק פאַרשמורעט די קיילעכיקע בלויע אויגן און געזאָגט:

— אייער סאָוויעטישע מאַכט — איז ווי אייז ערב־פרילינג. ווי נאָר די זון גיט אַ שיין — צעגייט עס. אָבער די ערשטע, וואָס האָבן הינטער קאַלאַטש דעם פראָנט פאַרלאָזט, — ווי נאָר מיר וועלן צוריקקומען פון יענער זייט דאָניעץ, — זיי וועלן מיר שמייסן !

— שמייסן די פאַרשאָלטענע ביז בלוט !

— עס קומט זיי !

— שמייסן ! שמייסן !

— שמייסן ביז איינעם, ביז זיי וועלן זיך באַמאַכן ! — האָבן פריידיק די אַלטע זיך איבערגעשריגן.

פאַרנאַכט־צו, אינפאָרמירט דורך אַ ספּעציעלן רייטער, זענען אויף פאַרשוימטע דריי פערד, געשפּאַנט אין אַ טאַראַנטאַס, געקו־מען קיין סינגין דער קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדערישע חיילות קודינאָוו און דער אָנפירער פון שטאַב איליאַ סאַפאָנאָוו.

נישט אָפּקלאַפּנדיק די בלאָטע פון די שטיוול און די ברעזענ־טענע פלאַשטשן, שטאַרק דערפרייט פון באָגאַטיריעווס קומען, זענען זיי כמעט אריינגעלאָפן אין באָגאַטיריעווס כאַטע.

LIV

די פינפאונצוואַנציק קאָמוניסטן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די אויפשטענדער דורכן סערדאָבסקער פּולק, זענען אונ־טער אַ פאַרשטאַרקטן קאָנוואָי אַרויסגעפירט געוואָרן פון אוסט־כאָפּער. וועגן אַנטלויפן איז נישט מעגלעך געווען אפילו צו טראַכטן. איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וואָס האָט אונטערגעלאָמט אינ־מיטן דער מחנה געפאַנגענע, האָט מיט פּיין און פאַראַכטונג זיך צוגעקוקט צו די אין צאָרן פאַרשטיינערטע פּנימער פון די קאָזאַקן־קאָנוואָיערן און געטראַכט: „זיי וועלן אונז פאַרטיק מאַכן! אויב עס וועט נישט זיין קיין משפט — זענען מיר פאַרלוירן!"

די קאָנוואָיערן זענען באַשטאַנען צומייַנסט פון בערדיקע. אָנגעפירט מיט זיי האָט אַ זקן, אַן אַלטגלוביקער, אַ וואַכמייס־טער פון אַטאַמאַנישן פּולק. באַלד פון אָנהייב אָן, ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון אוסט־כאָפּער, האָט ער באַפוילן די גע־פאַנגענע נישט צו שמועסן, נישט צו רייכערן, נישט צו ווענדן זיך מיט קיין פראַגן צו די קאָנוואָי־לייט.

— תפילות זאָגט, דינער פון אַנטיקריסט! אויפן טויט גייט איר, נישטאָ וואָס צו זינדיקן אין די לעצטע שעהן! או־ו־ו! איר האָט פאַרגעסן אָן גאָט! זיך איבערגעגעבן דעם טייוול! זיך גע־שטעמפּלט פאַר שונאים! — און ער האָט כּסדר — דאָ געהויבן דעם ראַפּניק, דאָ זיך געצופּט ביי דער געפלאָכטענער שנור פון רעוואָלווער אויפן האַלז.

צווישן די געפאַנגענע האָבן זיך געפונען בלויז צוויי מאַן פון קאָמוניסטישן קאָמפּלעט פון סערדאָבסקער פּולק, — די איבע־ריקע, חוץ איוואַן אַלעקסיעוויטש, זענען אַלע געווען פרעמדע, פון דער יעלאַנער סטאַניצע, הויכגעוואָקסיקע און פעסטע חברה־לייט, וואָס זענען אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי מיטן מאָמענט, ווען די סאָוויעטישע חיילות זענען אָנגעקומען אין דער סטאַניצע. זיי האָבן געדינט אַלס מיליציאָנערן און פאָרזיצערס פון די רעוואָ־

לוציאָנערע קאָמיטעטן אין די כוטאָרן, וואָס זענען נאָכן אויפ־שטאַנד אַנטלאָפן קיין אוסט־כאָפּער און זיך פאַראייניקט מיטן סערדאָבסקער פּולק.

אין דער פאַרגאַנגענהייט זענען זיי געווען כמעט אַלע באַל־מעלאָכעס: טשעשלערס, סטאָליערס, בעדנערס, שטיינער־קלאַפּערס, מויערערס, שוסטערס, שניידערס. דער עלטסטער פון זיי האָט אויס־געזען נישט מער ווי פון דרייסיק יאָר, דער יינגסטער — פון אַ יאָר צוואָנציק. פעסטע שיינע יונגען, מיט גרויסע הענט, צעשפּאַר־טע פון שווערער פיזישער אַרבעט, ברייט־פּלייציקע און ברוסטיקע; אויסערלעך האָבן זיי זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון די געהאַר־בעטע זקנים־קאָנוואָיערן.

— מען וועט אונז משפּטן, ווי מיינסטו? — האָט אַ שעפּטשע געטון איינער פון די יעלאַנער קאָמוניסטן, וואָס איז געגאַנגען לעבן איוואַן אַלעקסעיעוויטשן.

— ווער ווייסט...

— דערהרגענען?

— מסתּמא.

— ביי זיי דערשיסט מען דאָך נישט! אַזוי האָבן געזאָגט די קאָזאַקן, געדענקסט?

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט געשוויגן, אָבער אויך אין אים האָט די האָפענונג אויפגעלויכטן, ווי אַ פונק אויפן ווינט: „עס איז דאָך אַזוי! זיי וועלן אונז נישט טאָרן דערשיסן. זיי, די אויס־וווּרפן, האָבן דאָך געוואָרפן דעם לאָזונג: „נידער מיט דער קאָ־מונע, מיט די רויבערייען און דערשיסונגען!” לויט די ידיעות האָבן זיי פאַרמשפּט בלויז אויף קאַטאָרגע... זיי וועלן פאַראורטיילן אויף שמיץ, אויף קאַטאָרגע. נו, מילא, דאָס איז נישט שרעקלעך! אויף קאַטאָרגע וועלן מיר צוזיצן ביז ווינטער, און ווינטער, ווי נאָר דער דאָן וועט זיך שטעלן, וועלן אונזערע זיי ווידער צודריקן!...”

די האָפענונג האָט אויפגעפלאַמט און פאַרלאָשן געוואָרן, ווי אַ פונק אויפן ווינט: „ניין, זיי וועלן דערהרגענען! זיי זענען פול מיט כעס, ווי טייוולאָנים, זיי געזעגנט, לעבן!... עך, נישט אַזוי

האָט מען גערדאַרפט! איך האָב מיט זיי מלחמה געהאַלטן און אין האַרץ אויף זיי רחמנות געהאַט... נישט רחמנות האָבן האָט מען גערדאַרפט, נאָר שלאָגן, אַלע ביז איינעם אויסהרגענען!"

ער האָט צונויפגעדריקט די פויסטן, אַ דריי געטון מיט די פּלייצעס אין הילפלאָזן צאָרן און גלייך זיך אַ שטרויכל געטון, שיער ניט אומגעפאַלן פון אַ קלאַפּ הינטנאַרום אין קאָפּ אַריין.

— ויאָס בייַלסטו די פויסטן, וועלפישע זרע, די פויסטן וואָס בייַלסטו, פרעג איך דיך?! — האָט אַ דונער געטון דער וואַכמייסטער, דער אָנפירער פון קאָנוואָי, אַרויפרייטנדיק מיטן פערד אויף אים.

ער האָט נאָכאַמאָל אַ זעץ געטון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן מיטן ראַפּניק, צעשפּאָלטן אים דאָס פּנים אין דער קרום פון דער ברעם ביז דער שיפּער גאָמבע, מיטן גריבעלע אינמיטן.

— וועמען שלאָגסטו? מיך שלאָג, פּאַטערל! מיך! ער איז דאָך אַ פאַרווונדעטער, פאַרוואָס שלאָגסטו אים? — האָט מיט אַ בעטנדיקן שמייכל, מיט אַ ציטערדיק קול אויסגעשריגן איינער פון די יעלאַנער און אַרויסטרעטנדיק פון דער מחנה, אויסגעשטעלט פאָראויס די ברייטע ברוסט פון אַ טשעשלער, פאַרשטעלנדיק איוואַן אַלעקסעיעוויטשן.

— ס'וועט פאַר דיר אויך קלעקן! שלאָגט זיי, סטאַניצע־לייט! שלאָגט די קאָמוניסטן!

דער ראַפּניק האָט מיט אַזאַ קראַפט דורכגעהאַקט די זומער־דיקע האַקי־בלוזע אויף דער פּלייצע פון יעלאַנער, אַז אירע צווייטן האָבן זיך פאַרוויקלט, ווי בלעטער, צוגעזעגטע אויפן פּייער. באַנעצנדיק זיי, האָט פון דער ווונד, פון האַסטיק־אויפגע־שוואָלענעם שניט אַ פּליוכע געטון בלוט, וואָס איז אַזוי שוואַרץ געווען, ווי אין אַ שעכט־הויז...

דער וואַכמייסטער, שטיקנדיק זיך פון כעס, טרעטנדיק מיטן פערד די געפאַנגענע, האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער געדיכטקייט פון דער מחנה, אָנגעהויבן אומרחמנותדיק אַרבעטן מיטן ראַפּניק...

נאָך איין קלאַפּ איז געפאַלן אויף איוואַן אַלעקסעיעוויטשן. פאַר זיינע אויגן זענען אַ פלי געטון רויטע בליצן, די ערד

האָט זיך אַ וויג געטון און דער גרינער וואַלד, וואָס האָט אַרומגעזוימט דעם קעגנאיבערדיקן זאַמדיקן לינקן ברעג, האָט זיך אַ בויג געטון.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט זיין אָדערדיקער האַנט ביים רייט-אייזן, געוואָלט אַראָפּשלעפּן פון זאָטל דעם ווילד-געוואָרענעם וואַכמייסטער, נאָר אַ קלאַפּ מיט דער טעמפּער זייט פון אַ שווערד האָט אים אומגעוואָרפן אויף דער ערד. דאָס מויל איז אים פול געוואָרן מיט שטיקנדיקן, זיסלעכן שטויב; פון דער נאָז און די אויערן האָט זיך אַ גאָס געטון הייס בלוט...

די קאָנוואָי-לייט האָבן זיי געשלאָגן, צונויפטרייבנדיק אין אַ קופּע, ווי שעפּסן, געשלאָגן לאַנג און אכזריותדיק. איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וועלכער איז געלעגן אויפן וועג מיטן פּנים אַראָפּ, האָט געהערט ווי אין חלום טויבע אויסגעשרייען, אַ הילכיק טופּעריי פון פיס אַרום זיך, אַ ווילד שנאָרכען פון פערד. אַ קנויל וואַרעמע שוים איז אים פון אַ פערד אַראָפּגעפאַלן אויפן אַנטבלויזטן קאָפּ, און כמעט באַלד האָט ערגעץ זייער נאָענט, האַרט איבער זיין קאָפּ, אָפּגעקלונגען קורץ און שרעקלעך אַ מעניש יאָמערן, אַ שרייען:

— אויסוורפן! אומבאַוואָפנטע שלאָגט איר!... או-ו-ו!...

אויף איוואַן אַלעקסעיעוויטשס פאַרוונדעקן פוס האָט אַרויסגעטרעטן אַ פערד, די טעמפּע ציין פון דער פּאָדקאָווע האָבן זיך אַריינגעדריקט אין דיקן פליש פון דער ליטקע, אינדערהייך האָבן אָפּגעקלונגען הילכיקע קלעפּ, איינע נאָך די אַנדערע... דאָס האָט געדויערט אַ מינוט. דערנאָך איז אַ שווערער נאַסער קערפּער, פון וועלכן עס האָט זיך געשפּירט אַ שאַרפער ריח פון ביטערן שוויס און געזאַלצן בלוט, אַ פאַל געטון לעבן איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, און ער, וואָס האָט נאָך נישט אינגאַנצן געהאַט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, האָט דערהערט: פון האַלז פון געפאַלענעם מענטש האָט, ווי פון אַן איבערגעקערטער פלאַש, גענומען בולבלען בלוט...

און דערנאָך האָט מען זיי אַלע אַריינגעטריבן אין דאָן, געגייט אָפּצוואַשן דאָס בלוט. שטייענדיק איבער די קני אין וואַסער,

האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש זיך באַנעצט די ווונדן און פאַרשוואָלענע ערטער פון די קלעפּ, וואָס האָבן הייס געבּרענט, צעשאַרט מיט די הענט דאָס וואַסער, וואָס איז אויסגעמישט געווען מיט זיין בלוט, גיריק עס געטרונקען, מורא האָבנדיק, אַז ער וועט נישט באַוויזן צו שטילן דעם אויפגעפלאַקערטן דורשט.

אויפן וועג האָט זיי איבערגעיאָגט אַ קאָזאַקישער רייטער. דאָס טונקל-קאַשטענעוואַטע פערד זיינס האָט פרילינגדיק העל געגלאַנצט פון זאַטקייט און שוויס, געגאַנגען מיט אַ שנעלן טענצלדיקן טריט. דער רייטער איז פאַרשוווּנדן אין כוטאָר, און די געפאַנגענע האָבן נישט באַוויזן צוצוגיין ביז די ערשטע הויפן, ווי אַקעגן זיי האָט זיך אַרויסגעשיט אַ צונויפגעלאָפענע מחנה.

ביים ערשטן בליק אויף די קאָזאַקן און ווייבער, וואָס זענען זיי אַקעגנגעלאָפן, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש פאַרשטאַנען, אַז — דאָס איז דער טויט. עס האָבן עס אויך פאַרשטאַנען אַלע איבעריקע.

— חברים! לאָמיר זיך געזעגענען! — האָט אַ זאָג געטון איינער פון די קאָמוניסטן-סערדאָבּצעס.

די מחנה, באַוואָפנט מיט היי-גאָפּלען, מאָטיקעס, דרענגער אייזערנע ריפּן פון אַרבּעס, האָט זיך דערנענטערט...

ווייטער איז אַלץ פאָרגעקומען, ווי אין אַ שווערן חלום. דריי סיק וויאָרסט זענען זיי געגאַנגען איבּער די צעוואָרפענע כוטאָרן און אין יעדן כוטאָר באַגעגנט געוואָרן דורך מחנות פייניקער. אַלטע לייט, ווייבּער, אונטערגעוואַקסענע קינדער האָבן געשלאָגן, געשפּיגן אין די פאַרשוואָלענע, מיט בלוט-פאַרגאָסענע, בלוי-פאַרלאָפענע פנימער פון די געפאַנגענע קאָמוניסטן, באַוואָרפן מיט שטיינער און שטיקער ערד, פאַרשיט מיט שטויב און מיסט די אויגן, וואָס זענען אונטערגעהאַקט געווען פון די קלעפּ. באַזונדערס זענען זיך ווילד באַגאַנגען די ווייבּער. זיי האָבן אויסגעזוכט די אכזריותדיקסטע פּיין. די פינפאונצוואָנציק פאַראורטיילטע זענען געגאַנגען, ווי דורך אַ בּראַנד. צום סוף זענען זיי שוין געווען נישט צום דערקענען, נישט ענלעך צו מענטשן, אַזוי אויסטערליש פאַר-

שענדט זענען געווען זייערע קערפּערס און פּנימער, ברוין-און-בלויע, פֿאַרשוואָלענע, צעמזיקטע און אויסגעשמירטע אין בלאָטע, געמישט מיט בלוט.

אינאָנהייב האָט איטלעכער פֿון די פֿינפֿאונצוואָנציק זיך באַמיט צו גיין אַלץ ווייטער פֿון די קאָנוואָי-לייט, כּדי צו קריגן ווינציקער קלעפּ; איטלעכער האָט געזוכט מיטלען זיך אַריינצוכאַפּן אינמיטן פֿון די צעמישטע רייען, — דערפֿאַר זענען זיי געגאַנגען אין אַ פֿעסט-צונויפֿגעדריקטער מחנה. אָבער מען האָט זיי כּסדר צעטיילט, פֿונאַנדערגעשטופּט. און זיי האָבן פֿאַרלוירן די האָפֿענונג כאָטש וויפֿיל עס איז זיך אָפּצוהיטן פֿון די קלעפּ, זענען געגאַנגען צעוואָרפֿן, און איטלעכער האָט געהאַט בלויז איין פֿיינלעכן פֿאַרלאַנג: זיך גובר צו זיין, נישט אומצופֿאַלן; ווייל קיין געפֿאַלענער וואָלט זיך שוין נישט אויפֿגעהויבן. זיי זענען באַהערשט געוואָרן פֿון גלייכגילטיקייט. און אינאָנהייב האָט איטלעכער זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּנים און דעם קאָפּ מיט די הענט, שוצלאָז אויפֿהייבנדיק די האַנטפֿלאַכן צו די אויגן, ווען פֿאַר די סאַמע אַפּלען האָבן בלוי אויפֿגעפֿלאַקערט די שפּיצן פֿון די דריי-צייניקע היי-גאָפּלען אָדער עס האָט מאַט געפֿינקלט דער ווייסער עק פֿון אַ פֿלאָקן. אינאָנהייב האָבן פֿון דער צעשלאָגענער מחנה זיך געהערט אַי ווערטער פֿון געבעט וועגן פֿאַרגעבונג, אַי קרעכצן, אַי זידלערייען, אַי אַ חיהש רעווען פֿון אומדערטרעגלעכן ווייטיק, וואָס האָט זיך געטראָגן, ווי פֿון אינגעווייד, אָבער מיטאָג-צייט האָבן שוין אַלע געשוויגן. בלויז איינער פֿון די יעלאַנער, דער פֿריִערדיקער לץ און ליבלינג פֿון דער ראָטע, האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ גישריי, ווען אויף זיין קאָפּ איז געפֿאַלן אַ קלאַפּ. ער איז אויך געגאַנגען ווי אויף הייסן, אונטערטאַנצנדיק, צוקנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, נאָכשלעפּנדיק דעם פֿוס, וואָס מען האָט אים מיט אַ דראָנג איבערגעבראָכן...

נאָכדעם ווי איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אָפּגעוואַשן אין דאָן, איז ער גייסטיק געשטאַרקט געוואָרן, דערזעענדיק די קאָזאַקן און ווייבער, וואָס זענען זיי אַקעגנגעלאָפֿן, האָט ער איילעק

זיך געזעגנט מיטן נאָענטסטן פון די חברים און מיט אַ האַלב קול געזאָגט:

— מילא, ברידערלעך, מיר האָבן געקאָנט מלחמה האַלטן, דאַרף מען אויך קאָנען מיט ווירדע שטאַרבן... איינס דאַרפן מיר געדענקען ביזן לעצטן אָטעם. וועגן איין טרייסט בלייבט אונז צו טראַכטן, — אַז כאָטש זיי וועלן אונז דערהרגענען, וועלן זיי אָבער די סאָוויעטישע מאַכט מיט קיין פלאָקן נישט דערהרגענען. קאָמוניסטן! ברידער! לאָמיר שטאַרבן מוטיק, אַז די שונאים זאָלן פון אונז נישט לאַכן!

איינער פון די יעלאַנער האָט נישט אויסגעהאַלטן, — ווען די אַלטע אין באָבראָווער כוטאָר האָבן אים אָנגעהויבן ראַפּינירט און אכזריותדיק שלאָגן, האָט ער זיך צעשריגן מיאוס, ווי אַ ייִנגל, אויפגעריסן דעם קאָלנער פון זיין בלוזע, גענומען ווייזן די קאָזאַקן, די ווייבער דאָס קליינע צלמל, וואָס איז געהאָנגען ביי אים אויפן האַלז אויף אַ שנור, אַ שוואַרצע פון שווייס און ברודיקייט.

— חברים! איך בין נישט לאַנג אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי!... האָט רחמנות! איך גלייב אין גאָט!... איך האָב צוויי קינדערלעך!... דערבאַרעמט אייך! איר האָט דאָך אויך קינדער!...

— וואָס פאַר אַ „חברים” זענען מיר דיר! שוויג!

— אָן די קינדער האָסטו דיך דערמאָנט, געצנדינערישע שלאַנג? דעם צלם אַרויסגענומען? און די אונזעריקע האָסטו נישט דערשאָסן, נישט אומגעברענגט? אָן גאָט זיך דערמאָנט? — האָט סאַבענדיק געפרעגט אַן אַלטער מיט אַ פאַררויסענער נאָז און אויערינגל אין אויער, וואָס האָט אים צוויי מאָל אַ קלאַפּ געטון. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, ווידער זיך פאַרמאָסטן, צילנדיק אין קאָפּ אַריין.

די ברעקלעך פון דעם, וואָס עס האָבן אויפגענומען די אויגן, די אויערן, דאָס באַוווסטזיין, — דאָס אַלץ איז געגאַנגען פאַרביי איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, זיין אויפמערקזאַמקייט האָט אויף גאָרנישט זיך פאַרהאַלטן. דאָס האַרץ איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן און אַ ציטער געטון בלויז איין מאָל. אינמיטן טאָג זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין

טיוקאָוונאָווער כוטאָר, געגאַנגען איבער דער גאַס דורך דער בראַנד פֿון די קללות און קלעפּ. און אָט דאָ, וואַרפֿנדיק אַ זײַטיקן בליק, האָט איוואַן אַלעקסעיעוויטש דערזען, ווי אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר זיבן האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער מו-טערס פּאָדל און מיט טרערן, וואָס האָבן גענומען רינען איבער זײַנע צעקרימטע באַקן, זיך יעמערלעך צעשריגן:

— מאַמעשי! שלאָג אים נישט! אוי, שלאָג נישט!... מיר איז אַ רחמנות! איך האָב מורא! ער איז צעבלוטיקט!...

די באַבע, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיט אַ פֿלאָקן אויף איינעם פֿון די יעלאַנער, האָט פּלוצלינג אויסגעשריגן, אַוועקגע-וואָרפֿן דעם פֿלאָקן, — אַ כאַפּ געטון דאָס ייִנגעלע אויף די הענט און אַנטלאָפֿן אין געסל אַרײַן. און בײַ איוואַן אַלעקסעיע-וויטשן, וועלכער איז גערירט געוואָרן פֿון דעם קינדס געוויין, פֿון דעם קינדס רחמנות-געפֿיל, האָט זיך באַוויזן אָן אומגעבעטענע טרער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקייקלט און באַזאַלצן זײַנע צעהאַקטע און פֿאַרטרוקנטע ליפּן. ער האָט קורץ אַ כליפּע געטון, זיך דער-מאָנענדיק אָן זײַן זינדל, אָן דעם ווײַב, און פֿון דער דערינערונג, וואָס האָט אויפֿגעפֿלאַמט ווי אַ בליץ, איז געבוירן געוואָרן אָן אומגעדולדיקער פֿאַרלאַנג: „זאָל מען אים נאָר נישט דערהרגע-נען אין זײַערע אויגן! און... וואָס שנעלער...״

זיי זענען געגאַנגען, קוים נאָכשלעפּנדיק די פֿיס, וואַקלענ-דיק זיך פֿון מידקייט און ווייטיק, וואָס האָט צעשפּאַרט די גע-לענקען. נאָכן כוטאָר, דערזעענדיק אַ ברונעם אין סטעפּ, האָבן זיי אָנגעהויבן בעטן דעם אָנפֿירער פֿון קאָנוואָי, ער זאָל דערלויבן זיך אָנצוטרינקען.

— וואָס פֿאַר אַ טרינקען ווידער! מיר האָבן זיך אַזוי אויך פֿאַרשפּעטיקט! געגאַנגען זאָל ווערן! — האָט דער וואַכמייסטער אויסגעשריגן.

נאָר פֿאַר די געפֿאַנגענע האָט זיך אָנגענומען איינער פֿון די אַלטע לײַט פֿון קאָנוואָי:

— האָב גאָט אין האַרץ, אַקים סאַזאָניטש! זיי זענען דאָך אויף מענטשן.

— וואָס פאַר אַ מענטשן? קאָמוניסטן — זענען נישט קיין מענטשן! און דו לערן מיך נישט! איך בין זייער אָנפירער, צי דו?

— שוין צופיל אָנפירער אַזעלכע האָבן זיך אָנגעקליבן! גייט, קינדערלעך, טרינקען!

דער אַלטער איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד, אָנגעשעפּט אין ברונעם אַן עמער וואַסער. די געפאַנגענע האָבן איבּ אַרומגע־רינגלט, צום עמער האָבן מיטאַמאָל זיך אויסגעשטרעקט פינאונ־צוואַנציק פּאָר הענט, די פאַרקוילטע, שוואַרץ־אַרומגעריעמטע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, עס האָט זיך דערהערט אַ הייזעריק איבערגעריסן שעפּטשען:

— גיב מיר, זיידעשי!

— כאָטש אַ ביסעלע!...

— איין שלוק!...

— חברים, נישט אַלע מיטאַמאָל!

דער אַלטער האָט זיך געוואַקלט אַ ווײַלע: וועמען־זשע זאָל ער געבן דעם ערשטן. נאָך עטלעכע פיינלעכע רגעס האָט ער אויס־געגאָסן דאָס וואַסער אין דער אויסגעהוילטער קאָריטע פאַר בהמות, וואָס איז איינגעגראָבן געווען אין דער ערד, אַוועקגע־גאַנגען, אויסגעשריגן:

— וואָס קריכט איר, ווי אָקסן! טרינקט מיט אַ סדר.

דאָס וואַסער איז זיך צעפלאָסן איבער דער גרינלעך־מאָכי־קער פאַרשימלטער דנאָ פון דער קאָריטע און אַראָפּגעשטראָמט אין ווינקל אַריין, וואָס איז אָנגעוואַרעמט געווען פון דער זון און האָט געשמעקט מיט פייכט האָלץ. די געפאַנגענע האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך אַ וואָרף געטון צו דער קאָריטע. דער אַלטער האָט איינעם נאָכן אַנדערן אָנגעשעפּט עלף עמערס, — כמורעדיק זיך פון רחמנות קוקנדיק אויף די געפאַנגענע, האָט ער אָנגעפולט די קאָריטע.

איוואַן אַלעקסעיעוויטש האָט זיך אָנגעטרונקען, שטייענדיק אויף די קניִען און אויפהייבנדיק דעם דערפרישטן קאָפּ, מיט שאַר־

פער, כמעט אָנטאָפּנדיקער קלאָרקייט דערזען דעם ווייסן, ווי מיט טוי־געפּריר באַדעקטן, קאַלך־שטויביקן וועג לענגאויס דעם דאָן, די אָפּצווייגונגען פון די קרייד־בערג, וואָס זענען אינדערווייטנס אויס־געשטאַנען ווי אַ בלויער מיראַזש, און איבער זיי, איבערן פליסיקן שטראָם פון צעפּאַטלטן דאָן, אין דער ענדלאָזער מאַיעסטעטישער בלויקייט פון די הימלען, אין דער אומדערגרייכבאַרער הייך — אַ וואָלקנדל. באַפליגלט דורכן ווינט, מיט אַ פינקלענדיקן, ווי אַ זעגל ווייסן רוקן, איז עס האַסטיק געשוווּמען אויף צפון און אין ווייטן אויסבויג פון דאָן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין אָפּאַל־פאַרביקער שאָטן.

LV

אויף דער געהיימער באַראַטונג פון דער הויפּט־אָנפירונג פון די אויפשטענדערישע כוחות איז באַשלאָסן געוואָרן צו בעטן די דאָנער רעגירונג, דעם אַטאַמאַן באָגאַיעווסקי, וועגן הילף.

קודינאָוו איז באַאויפטראַגט געוואָרן אָנצושרייבן אַ בריוו מיט אויסדריקן פון חרטה און באַדויערונג, וואָס די אייבערשטע דאָנער זענען אין סוף 1918 געגאַנגען אויף אונטערהאַנדלונגען מיט די רויטע און פאַרלאָזט דעם פראָנט. דעם בריוו האָט קודינאָוו אָנגעשריבן. אין נאָמען פון גאַנצן אויפשטענדערישן קאָזאַקנטום פון אייבערשטן דאָן האָט ער געגעבן אַ צוזאָג פון איצט אָן שטאַנדהאַפטיק צו קעמפן מיט די באָלשעוויקעס ביז אַ פולשטענדיקן נצחון, געבעטן צו העלפן די אויפשטענדער דורך אַריבערוואַרפן איבערן פראָנט מיט אַעראָ־פּלאַנען קאַדר־אָפיצירן פאַר דער אָנפירונג מיט די אָפּטיילונגען און ביקסן־קוילן.

פּיאָטער באָגאַטיריעוו איז געבליבן אין סינגין און אַריבער־געפאָרן קיין וויעשקי. דער פליער האָט מיט קודינאָווס בריוו זיך אומגעקערט קיין נאָוואָטשערקאַסק.

פון דעם טאָג אָן האָט צווישן דער דאָנער רעגירונג און דער אָנפירונג פון די אויפשטענדער זיך איינגעשטעלט אַן ענגער קאָנטאַקט. כמעט טעגלעך האָבן אָנגעהויבן קומען פון יענער זייט

דאָניעץ נייענקע, פון די פראַנצויזישע פאַבריקן אַרויסגעלאָזטע אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן צוגעשטעלט אָפיצירן, ביקסן־קוילן און אַן אומבאַדייטנדע צאָל גראַנאַטן פאַר די דריי־צעליקע האַרמאַטן. פליער האָבן געבראַכט בריוו פון די קאָזאַקן פון איבערשטן דאָן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען מיט דער דאָנער אַרמיי, און געפירט ענטפערס פון די קרובים אין וויעשענסק פאַר די קאָזאַקן אויף יענער זייט דאָניעץ.

באַקענענדיק זיך מיט דער לאַגע אויפן פראָנט, מיט זיינע סטראַטעגישע פלענער, האָט דער נייער קאָמאַנדיר פון דער דאָנער אַרמיי, גענעראַל סידאָרין, אָנגעהויבן שיקן קודינאָוון פּלע־נער פון אָפּעראַציעס, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין שטאַב, באַפעלן, קאָמוניקאַטן, אינפאָרמאַציעס וועגן טיילן פון דער רויטער אַרמיי, וואָס זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויפן אויפשטענדערישן פראָנט.

קודינאָוו האָט בלויז עטלעכע אויסדערוויילטע אָנפאַרטרויט וועגן זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט סידאָרינען, פאַר די איבעריקע איז אַלץ געהאַלטן געוואָרן שטרענג געהיים.

LVI

די געפאַנגענע האָט מען געבראַכט צו טרייבן אין טאַטאַ־רישן כוטאָר אַריין אַ זייגער פינף פאַרנאַכט. דער פרילינגדיקער בין־השמשות, וואָס פאַלט צו שנעל, האָט זיך שוין דערנענטערט. די זון האָט זיך געזעצט, דערגרייכנדיק מיט איר צעפלאַקערטן דיסק דעם ראַנד פון צויטיקן גרויען וואָלקן, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף מערב.

אויף דער גאַס, אין שאָטן פון גרויסן קהלישן שפּייכלער, זע־נען געזעסן און געשטאַנען די טאַטאַרצעס פון אַ סאָטניע אינפאַנ־טעריע. זיי האָט מען אַריבערגעוואָרפן אויף דער רעכטער זייט דאָן צו הילף די יעלאַנער סאָטניעס, וועלכע האָבן מיט אָנשטרענגונג אויפגעהאַלטן דעם דרוק פון די מיראָנאָווער רייטער, און די טאַ־

טאָרצעס האָבן אויפן וועג צו דער פּאָזיציע זיך אַריינגעכאַפּט אין בוטאָר צו באַזוכן די אייגענע און לייטיש זיך אונטערצולענען.

זיי האָבן דעם טאָג שוין געדאַרפט אַוועקגיין, נאָר דערהערט, אַז מען טרייבט קיין וויעשענסק די געפאַנגענע קאָמוניסטן, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך מישקאַ קאָשעוואָי און איוואַן אַלעקסעיעוויטש, אַז די געפאַנגענע דאַרפן אָט-אָט אָנקומען אין טאָטערישן כוטאָר אַריין, — האָבן זיי באַשלאָסן צוצוּוואַרטן. באַזונדערס האָבן זיך געוואָלט טרעפן מיט קאָשעוואָיען און איוואַן אַלעקסעיעוויטשן די קרובים פון יענע, וואָס זענען דערהרגעט געוואָרן אין דער ערשטער שלאַכט צוזאַמען מיט פּיאָטער מעליעכאָוון.

די טאָטאַרצעס האָבן אָנגעשפּאַרט די ביקסן אָן דער וואַנט פון שפּייכלער און נאָכלעסיק געשמועסט צווישן זיך. זיי זענען געזעסן און געשטאַנען, האָבן גערייכערט און געקנאַקט ביר-העקעלעך; זיי זענען געווען אַרומגערינגלט מיט ווייבער, אַלטע לייט און קינדער. דער גאַנצער כוטאָר האָט זיך אַרויסגעשיט אויף דער גאַס, און פון די דעכער פון די כאַטעס האָבן קינדער אָן אויפהער אויסגעקוקט — צי מען טרייבט זיי שוין.

און אָט האָט אַ קינדעריש קול צו וויסן געטון:

— זיי האָבן זיך באַוויזן! מען טרייבט זיי!

אייליק זענען אויפגעשטאַנען די מיליטערלייט, דער עולם האָט זיך אַ וויג געטון, עס האָט אויסגעבראָכן אַ טויב גערויש פון באַלעבעטע גערעדערייען, עס האָבן גענומען טופּען די פיס פון די קינדער, וואָס זענען אַקעגנגעלאָפן די געפאַנגענע. אונטערן פרישן איינדרוק פון נאָך נישט געשטילטן צער, האָט אַליאָשקאַ שאַמילס אלמנה אַרויסגעיאָמערט ווי אַ באַנומענע.

— מען טרייבט זיי, די שונאים! — האָט עפּעס אַן אַלטער געזאָגט מיט אַ באַס.

— דערהרגענען זיי, די טייוולאָנים! אויף וואָס וואַרט איר, קאָזאַקן?!

— אַ משפט איבער זיי דורכפירן!

— די אונזעריקע — האָבן זיי אומגעבראַכט!

— אויפן שטריקל קאָשעוואָיען מיט זיין חבר!

דאַריאַ מעליעכאָוואַ איז געשטאַנען לעבן אַניקושקעס ווייב. זי האָט די ערשטע דערקענט איוואַן אַלעקסעיעוויטשן אין דער מחנה צעשלאָגענע געפאַנגענע, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

— אייער כוטאָריעץ האָבן מיר געברענגט צו טרייבן! קוקט זיך צו צו אים, דעם הינטישן זון, צעקושט זיך מיט אים! — האָט דער וואַכמייסטער, דער אָנפירער פון קאָנוואָי, הייזעריק איבער-געשריגן דעם ווילד-אויסגעבראָכענעם טומל פון קולות, ווייבערישע אויסגעשרייען און געוויינען און אויסגעשטרעקט די האַנט, אָנווייזנ-דיק פון פערד אויף איוואַן אַלעקסעיעוויטשן.

— און דער צווייטער וווּ איז? קאָשעוואָי מישקאַ וווּ איז?

אַנטיפּ ברעכאָוויטש האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם, אַראָפּנעמענדיק אויפן וועג די ביקס פון אַקסל, פאַרטשעפּענדיק מענטשן מיט דער קאָלבע און באַגנעט.

— בלויז איין כוטאָריעץ אייערער, מער איז נישט געווען. צו שטיקלעך אויף אַ מענטש פאַר אייך וועט דער איינער אויך קלעקן... — האָט דער וואַכמייסטער געזאָגט, אָפּווישנדיק מיט דער רויטער פאַטשיילע די טראָפּנס שווייס פון זיין שטערן, שווער אַריבערהייבנדיק דעם פוס איבערן זאָטל-האָרן.

די ווייבערישע קוויטשן און געשרייען, וואָס זענען כסדר געוואַקסן, האָבן דערגרייכט די העכסטע שפּאַנונג. דאַריאַ האָט זיך דורכגעשטופּט צו די קאָנוואָי-לייט און אויף עטלעכע טריט פון זיך, הינטערן נאַסן קערפּער פון אַ קאָנוואָי-פערד, דערזען אי-וואַן אַלעקסעיעוויטשעס פּנים, וואָס איז ברוין-און-בלוי געווען פון די קלעפּ. דער אויסטערליש-פאַרשוואָלענער קאָפּ זיינער, מיט די צו-נויפגעקלעבטע האָר פון פאַרגליווערטן בלוט, איז אַזוי הויך געווען, ווי אַן אויפגעשטעלטער עמער. די הויט אויפן שטערן האָט זיך געבלאָזן און געפּלאַצט, די באַקן האָבן ברוין געגלאַנצט און אויפן סאַמע שפּיץ קאָפּ, וואָס איז באַדעקט געווען ווי מיט גאַלאַרעטע, זענען געלעגן וואָלענע הענטשקעס. ער האָט, אפּנים, זיי אַרויפגע-לייגט אויפן קאָפּ, באַמיִענדיק זיך צו פאַרדעקן די ברייטע ווונד

פון די ברענענדיקע זון־שטראַלן, פון די פליגן און מחנות מוקן, וואָס האָבן זיך געדרייט אין דער לופט. די הענטשקעס האָבן זיך צו־געקלעבט צו דער ווונד און זענען אַזוי געבליבן ליגן אויפן קאָפּ...

ער האָט פאַרפייניקט זיך אַרומגעקוקט, זוכנדיק און מורא האָבנדיק צו געפינען מיטן בליק דאָס ווייב אָדער דעם קליינעם זון זיינעם. געוואָלט זיך ווענדן צו עמעצן מיט דער בקשה, מען זאָל זיי אַוועקפירן פונדאַנען, אויב זיי געפינען זיך דאָ. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ווייטער פון טאָטערישן כוטאָר וועט ער נישט גיין, אַז דאָ וועט ער שטאַרבן, און נישט געוואָלט, אַז די אייגע־נע זאָלן זען זיין טויט, און דעם טויט גופא האָט ער אָפּגעוואַרט מיט גיריקן אומגעדולד, וואָס איז כסדר געוואַקסן. זיך האָרבעני־דיק, פּאַמעלעך און שווער אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט ער אַרומ־גענומען מיטן בליק די באַקאַנטע פּנימער פון די כוטאָר־לייט און אין קיין איין באַגעגנטן בליק נישט באַמערקט קיין רחמנות אָדער מיטגעפיל, — די בליקן פון די קאָזאַקן און ווייבער זענען געווען פאַרביסן און האָבן געקוקט פון אונטערן שטערן אַפער.

זיין אָפּבליאַקירטע האַקי־בלוזע האָט אָפּגעשטאַרט און גע־שאָרכט ביי יעדער באַוועגונג. זי איז אינגאַנצן געווען טונקל־ברוין דורכגעשטרייפט פון אַראָפּגעפלאָסענעם בלוט, פאַרבלוטיקט זענען געווען אויך די וואַטענע געשטעפּטע רויטאַרמייאישע הויזן און באָרוועסע גרויסע פיס מיט די פלאַכע זוילן און צעקרימטע פינגער.

דאַריאַ איז געשטאַנען קעגן אים. זיך שטיקנדיק פון האַס, וואָס איז איר צוגעטרעטן צום האַלז, פון רחמנות און פיינלעכער דערוואַרטונג פון עפּעס שרעקלעכס, וואָס האָט אָט־אָט באַלד גע־דאַרפט געשען, האָט זי אים געקוקט אין פּנים אַריין און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, צי זעט ער זי און דערקענט זי?

און איוואַן אַלעקסייעוויטש האָט נאָך אַלץ אַזוי אומרויִק און אויפגערעגט געבלאָנזשעט מיטן אייביקן ווילד־פינקלענדיקן אויג איבער דער מחנה (דאָס צווייטע איז אים פאַרשוואָלן געווען) און גלוצלינג, פאַרהאַלטנדיק דעם בליק אויף דאַריעס פּנים, וואָס האָט זיך געפינען פון אים אויף עטלעכע טריט, האָט ער אומזיכער, ווי

אַ שטאַרק שיכּורער, אַ טרעט געטון פאָראויס. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט פון גרויסן בלוט-פאַרלוסט, דאָס באַוווּסטזיין האָט אים פאַרלאָזט, אָבער דער איבערגאַנגס-צושטאַנד, ווען אַלץ אַרום זעט אויס נישט רעאַל, ווען אַ ביטערע איבלקייט צעמישט דעם קאָפּ און מאַכט טונקל דאָס ליכט פון די אויגן, האָט באַאומרויִקט, און ער האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג נאָך אַלץ זיך געהאַלטן אויף די פיס.

דערזעענדיק און דערקענענדיק דאַריען, האָט ער געשטעלט אַ טריט פאָרויס און זיך אַ וואַקל געטון. עפּעס אַ ווייטע ענלעכקייט צו אַ שמייכל האָט באַרירט זיינע אַמאָל ענערגישע, אַצינד פאַרשענדטע ליפּן. און אָט דידאָזיקע, צו אַ שמייכל ענלעכע, גרימאַסע האָט דאָס גורם געווען, אַז דאַריעס האַרץ זאָל אָנהייבן הויך און אָפּט קלאַפּן; איר האָט זיך געדאַכט, אַז עס קלאַפּט ערגעץ ביים סאַמע האַלז.

זי איז צוגעגאַנגען צו איוואַן אַלעקסעיעוויטשן גאָר נאָענט, אָפּט און שטורמיש געאָטעמט, ווערנדיק מיט יעדער רגע אַלץ בלייכער.

— נו, וואָס מאַכסטו, קום!

דער קלינגענדיקער, ליידנשאַפטלעכער טעמבער פון איר קול, דאָס אומגעוויינלעכע טאָנירן די ווערטער האָבן [illegible]ייט דעם עולם פאַרשוויגן צו ווערן.

און אין דער שטילקייט האָט טויב, נאָר אַנטשלאָסן אָפּגעקלונגען דער ענטפער:

— און וואָס מאַכסטו, קומע דאַריאַ?

— דערציילן, ליבינקער קום, ווי אַזוי דו האָסט דעם קום דיינעם... מיין מאַן...

דאַריען איז געבליבן שטעקן דאָס קול אין דער קעל. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביי דער ברוסט. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם.

עס איז געשטאַנען אַ טיפע, געשפּאַנטע שטילקייט, און אין דעם ביזן שווייגן האָט מען אפילו אין די ווייטסטע רייען דער-

הערט, ווי דאַריאַ האָט קוים־הערבאַר פאַרענדיקט די פראַגע:

— ...ווי אַזוי דו האָסט דעם מאַן מיינעם, פּיאָטער פּאַנטעלע־יעוויטשן, דערהרגעט?

— ניין, קומע, איך האָב אים נישט דערהרגעט!

— וואָס הייסט נישט דערהרגעט? — האָט נאָך העכער זיך צעיאָמערט דאַריעס יאָכצנדיק קול. — דו און מישקאַ קאָשעוואָי, — איר האָט דאָך די קאָזאַקן דערהרגעט? איר?

— ניין, קומע... מיר האָבן... איך האָב אים נישט דערהרגעט...

— ווער־זשע האָט אים פון דער וועלט אומגעברענגט? נו, ווער? זאָג!

— דאָס זאַאַמורער פּולק האָט דעמאָלט...

— דו! דו האָסט אים דערהרגעט!... די קאָזאַקן האָבן גע־זאָגט, אַז דיך האָבן זיי געזען אויפן בערגל! אויף אַ ווייס פערד ביסטו געווען? וועסט לייקענען, פאַרשאָלטענער?

— איך בין אויך געווען אין דער שלאַכט... — איוואַן אַלעק־סעיעוויטשס לינקע האַנט האָט זיך שווער אויפגעהויבן צום קאָפּ, גלייך געמאַכט די הענטשקעס, וואָס האָבן זיך צוגעקלעבט צו דער וווּנד. אין זיין קול האָט זיך געהערט אַ בולטע אומזיכערקייט, ווען ער האָט אַ זאָג געטון: — איך בין אויך געווען אין יענער שלאַכט, נאָר דערהרגעט דיין מאַן האָב נישט איך, נאָר מיכאַיל קאָ־שעוואָי. ער האָט אים דערשאָסן. איך בין פאַרן טויט פון קום פּיאָטער נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

— און דו, רשע, — וועמען פון אונזערע כוטאָרצעס האָסט ד ו דערהרגעט? וועמענס קינדערלעך האָסט ד ו א ל יי ן אַלס יתומים איבער דער וועלט צעלאָזט? — האָט שאַרף אויסגעשריגן פון דער מחנה יאַקאָוו פּאָדקאָוועס אלמנה.

און נאָך שטאַרקער אַנגליִענדיק די לופט, וואָס איז אַזוי אייך שטאַרק אָנגעגליט געווען, האָבן זיך ווידער דערהערט היסטערישע ווייבערישע שלוכצן, אויסגעשרייען און אַ יאָמערן ווי אויף אַ לוויה...

שפּעטער האָט דאַריאַ געזאָגט, אַז זי געדענקט נישט פונוואַ־נען און ווי אַזוי עס האָט זיך דערנומען אַ קאַוואַלערישע ביקס אין

אירע הענט אַריין, ווער עס האָט איר די ביקס אונטערגערוקט. נאָר ווען די ווייבער האָבן זיך צעיאָמערט, האָט זי דערשפּירט אין אירע הענט די אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדער זאַך, נישט קוקנדיק, אָנטאַפּנדיק זיך משער געווען, אַז דאָס איז — אַ ביקס. זי האָט זי פריִער אָנגעכאַפּט ביי דער לופע, כדי אַ קלאַפּ צו געבן איוואַן אַלעקסעיעוויטשן מיט דער קאָלבע, נאָר דער צילעוער האָט זין איר שמערצלעך אַריינגעדריקט אין דער האַנט־פלאַך, און זי האָט איבערגערוקט די פינגער, איבערגעדרייט, פאַרוואָרפן די ביקס און אפילו גענומען אויפן ציל איוואַן אַלעקסעיעוויטשס לינקע זייט ברוסט.

זי האָט געזען, ווי די קאָזאַקן האָבן הינטער זיין רוקן זיך אָפּגערוקט אין דער זייט, אַנטבלויזנדיק די גרויע הילצערנע וואַנט פון שפּייכלער; זי האָט געהערט דערשראָקענע אויסגעשרייען: „טיו! ביסט משוגע געוואָרן! וועסט אייגענע דערהרגענען! וואַרט־צו, שיס נישט!” און אונטערגעשטופּט דורך דער חיהש־געשפּאַנטער דערוואַרטונג פון דער מחנה, דורך די בליקן, וואָס זענען קאָנצענטרירט געווען אויף איר, דורכן פאַרלאַנג זיך נוקם צו זיין פאַרן טויט פון מאַן און טיילווייז דורכן געפיל פון גאווה, וואָס איז פּלוצלינג אויפגעקומען אין איר צוליב דעם, וואָס זי איז אַצינד גאָרנישט די זעלבע, ווי די איבעריקע ווייבער, וואָס די קאָזאַקן קוקן אויף איר מיט פאַרוואונדערונג און אפילו מיט פחד, וואַרטנדיק אויף דער אַנטשיידונג, אַז זי דאַרף דעריבער טון עפּעס אומגעוויינלעכס, באַזונדערס, וואָס קאָן אַלע דערשרעקן, — באַוועגט אייניצייטיק דורך די אַלע פאַרשידנאַרטיקע געפילן, מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט זיך דערנענטערנדיק צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין פון פריער באַשטימט געוואָרן אין דער טיף פון איר באַוווסטזיין, וועגן וואָס זי האָט נישט געוואָלט און אויך נישט געקאָנט אין דעם מאָמענט טראַכטן, האָט זי געצעגערט אַ ווײַלע, פאָרזיכטיק אָנטאַפּנדיק דאָס צינגל, און פּלוצלינג, אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, מיט קראַמפּ עס אַ דריק געטון.

דער צוריקשטויס האָט זי געגייט שאַרף זיך אַ וואַקל צו טון, דער קלאַנג פון שאָס האָט זי פאַרטייבט, נאָר דורך די פאַר־

שמעלטע שפּעלטלעך פֿון די אויגן האָט זי דערזען, ווי איוואַן אַלעקסעיעוויטשס פּנים, וואָס האָט אַ ציטער געטון, האָט אויגנ־בליקלעך — שרעקלעך און נישט צום אויספּעסערן — זיך געביטן, ווי ער האָט צענומען און צונויפֿגעלייגט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַראָפּצושפּרינגען פֿון אַ גרויסער הייך אין אַ וואַסער אַריין, און דערנאָך איז ער אַ פֿאַל געטון מיטן פּנים אַרויף און מיט פֿיבערהאַפֿטער שנעלקייט האָט זיך גענומען וואַרפֿן זיין קאָפּ, האָבן זיך גענומען באַוועגן, פֿלייסיק גראָבן די ערד די פֿינגער פֿון זיינע צעוואָרפֿענע הענט...

דאַריאַ האָט אַוועקגעוואָרפֿן די ביקס; נאָך אַלץ זיך נישט אָפּגעבנדיק קיין קלאָרן חשבון פֿון דעם, וואָס זי האָט נאַר־וואָס געטון, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום געפֿאַלענעם און מיט אַ באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעזען אומנאַטירלעך צוליב איר וואָכעדיקער פּשוטקייט, זיך גלייך געמאַכט דאָס טיכל אויפֿן קאָפּ, אַרונטערמאַכנדיק די אָפּגעפֿאַלענע האָר.

— און ער אָטעמט נאָך... — האָט געזאָגט איינער פֿון די קאָזאַקן, מיט איבערמעסיקער העפֿלעכקייט זיך אָפּרוקנדיק און מאַכנדיק אַ וועג פֿאַר דאַריען, וואָס איז דורכגעגאַנגען.

זי האָט זיך אומגעקוקט, נישט פֿאַרשטייענדיק וועגן וועמען און וואָס אַזוינס מען רעדט, דערהערט אַ טיפֿן אויסגעצויגענעם קרעכץ אויף איין נאָטע, וואָס האָט זיך דערטראָגן נישט פֿון האַלז, נאָר פֿון ערגעץ, אַזוי ווי פֿון סאַמע אינגעווייד, און איבער־געריסן געוואָרן דורך אַ שלוקערץ פֿאַרן טויט. און ערשט דעמאָלט האָט זי באַגריפֿן, אַז דאָס קרעכצט איוואַן אַלעקסעיעוויטש, וואָס האָט באַקומען דעם טויט פֿון איר האַנט. שנעל און לייכט איז זי דורכגעגאַנגען פֿאַרביי דעם שפּייכלער, אַוועקלאָזנדיק זיך צום פּלאַץ, באַגלייט פֿון זעלטענע בליקן. די אויפֿמערק־זאַמקייט פֿון די מענטשן האָט זיך אַריבערגעוואָרפֿן אויף אַנטיפּ ברעכאָוויטשן. שנעל, ווי אויף אַ מיליטערישער רעווי, איז ער אויף די שפּיץ־פֿינגער צוגעלאָפֿן צום ליגנדיקן איוואַן אַלעקסעיע־וויטשן, צוליב עפּעס באַהאַלטנדיק אונטערן רוקן דעם אַנטבלויזטן

מעסער־באַגנעט פון אַ יאַפּאַנישער ביקס. זיינע באַוועגונגען זענען געווען אויסגערעכנטע און זיכערע. ער האָט זיך אָראָפּגעזעצט כּשיפּקע, אָנגעשטעלט דעם שפּיץ פון באַגנעט קעגן דער ברוסט פון איוואַן אַלעקסעיעוויטש, נישט הויך אַ זאָג געטון:

— נו, פּגר, קאַטלאַראָוו! — און זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער גאַנצער קראַפט אויפן הענטל פון באַגנעט.

שווער און לאַנג איז איוואַן אַלעקסעיעוויטש געשטאָרבן. אָן חשק האָט דאָס לעבן פאַרלאָזט זיין געזונטן אָדערדיקן קערפּער. אפילו נאָכן דריטן קלאַפּ מיטן באַגנעט האָט ער נאָך אַלץ געעפנט דאָס מויל און פון אונטער די אויסגעשטשירעטע, מיט בלוט־פאַר־גאָסענע ציין האָט זיך געטראָגן אַן אויסגעצויגן־כריפּענדיקער:

— אַ־אַ־אַ!

— עך, שוחט, אין דיין טייוולאַנישער מאַמען אריין — האָט געזאָגט דער וואַכמייסטער, דער אָנפירער פון קאָנוואָי, אוועקשטופּנ־דיק ברעכאָוויטשן, און אויפגעהויבן דעם נאַגאַן, פליסיק פאַרזשמו־רענדיק דאָס לינקע אויג, צילנדיק זיך.

נאָכן שאָס, וועלכער האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל, האָבן די קאָזאַקן, וואָס האָבן אויסגעפרעגט די געפאַנגענע, אָנגעהויבן זיי אויסהרגענען. יענע האָבן זיך אַ וואָרף געטון אַנטלויפן. ביקסן־שאָסן אויסגעמישט מיט געשרייען האָבן אָפּגעקלונגען טרוקן און קורץ.

...אין אַ שעה אַרום איז אין טאַטערישן כוטאָר אָנגעקו־מען גריגאָרי מעליעכאָוו. ער האָט ביז טויט געטריבן זיין פערד און עס איז געפאַלן אויפן וועג פון אוסט־כאָפּער, צווישן צוויי כו־טאָרן. צוטראָגנדיק אויף זיך דאָס זאָטל ביזן נאָענטן כוטאָר, האָט גריגאָרי דאָרט גענומען אַ געמיין פערדל, און ער האָט פאַר־שפּעטיקט... די סאָטניע פוסגייער פון די טאַטאַרצעס איז אַוועק־געגאַנגען איבערן באַרג אין דער ריכטונג פון אוסט־כאָפּערער כו־טאָר, צו דער גרענעץ פון אוסט־כאָפּערער יורט, ווו עס זענען פאָרגעקומען שלאַכטן מיט די טיילן פון דער מיראָנאָוער די־וויזיע. אין כוטאָר איז געווען שטיל, פוסט. די נאַכט האָט מיט אַ

פינסטערן פאָרהאַנג באַדעקט די אַרומיקע בערגלעך, יענע זייט דאָן, די רווישיקע טאָפּאָלן און יעשאַן-ביימער...

גריגאָרי איז אַרויסגעריטן אויפן הויף, אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע. קיין באַלייכטונג איז נישט געווען. אין דער געדיכטער פינסטערניש האָבן געקלונגען די מוקן, מיט מאַטן גאָלד האָבן גע-פינקלט די איקאָנעס אין קעגנאַיבערדיקן ווינקל. איינאָטעמענדיק דעם אויפרעגנדיקן ריח פון דער היימישער כאַטע, וואָס איז אים פון דער קינדהייט אָן באַקאַנט געווען, האָט גריגאָרי געפרעגט:

— איז ווער דאָ אינדערהיים? מאַמע! דוניאַשקע!

— גרישאַ! דו ביסט עס? — דוניאַשקעס קול פון אַלקער. אַ שאָרכענדיק טרעטן פון באָרוועסע פיס, אין דער רעם פון דער טיר דוניאַשקעס ווייסע פיגור, וואָס פאַרציט איילik דאָס פאַסעקל פון אונטערקליידל.

— וואָס האָט איר אייך עפּעס אַזוי פרי געלייגט? ווו איז די מאַמע?

— ביי אונז האָט מען דאָ...

דוניאַשקע איז פאַרשוויגן געוואָרן, און גריגאָרי האָט דער-הערט, ווי זי אָטעמט שנעל און אויפגערעגט.

— וואָס האָט מען דאָ ביי אייך? די געפאַנגענע האָט מען שוין לאַנג דורכגעטריבן?

— מען האָט זיי דערהרגעט.

— וואָ-אָ-אָס?...

— די קאָזאַקן האָבן זיי דערהרגעט... אָך, גרישאַ! אונזער דאַשקאַ, די פאַרשאָלטענע נבלה... אין דוניאַשקעס קול האָבן זיך דערהערט טרערן פון פאַרדרוס — ...זי אַליין האָט דערהרגעט אי-וואַן אַלעקסעיעוויטשן... געשאָסן אין אים...

— וואָס פּלאַפּלסטו? — האָט גריגאָרי אויסגעשריגן, דער-שראָקן אָנכאַפּנדיק די שוועסטער ביים קאָלנער פון דער געהאָפ-טענער בלוזע.

די ווייסלעכצן פון דוניאַשקעס אויגן האָבן אַ פינקל געטון מיט טרערן, און לויט דער שרעק, וואָס איז פאַרגליווערט געבליבן

אין אירע אָפּלען, האָט גריגאָרי פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט פאַרהערט.

— און מישקאַ קאָשעוואָי? און שטאָקמאַן?

— זיי זענען נישט געווען צווישן די געפאַנגענע.

דוניאַשקאַ האָט קורץ און כאַאָטיש דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט דערהרגעט די געפאַנגענע, וועגן דאַריען.

— ...די מאַמע האָט מורא געהאַט צו נעכטיקן מיט איר אין איין כאַטע, זי איז אַוועקגעגאַנגען צו די שכנים, און דאַשקאַ איז פון ערגעץ געקומען אַ שיכורע... אַ שיכורע, ווי אַ חזיר. זי שלאָפט אַצינד...

— ווו?

— אין שפּייכלער.

גריגאָרי איז אַריינגעגאַנגען אין שפּייכלער, ברייט געעפנט די טיר. דאַריאַ איז געלעגן, אומפאַרשעמט פאַררוקן דעם פאָדל, און געשלאָפן אויפן דיל. אירע דינע הענט זענען געווען פונאַנ-דערגעוואָרפן, די רעכטע באַק האָט געגלאַנצט, באַנעצט מיט גאַ-ווער, פון געעפנטן מויל האָט געזעצט אַ שאַרפער ריח פון סאַמאָ-גאָן. זי איז געלעגן, אומבאַקוועם איינגעטוליעט דעם קאָפּ, די לינ-קע באַק צוגעדריקט צום דיל און שווער און שנעל געאָטעמט.

נאָך קיינמאָל האָט גריגאָרי נישט איבערגעלעבט אַזאַ ווילדן פאַרלאַנג צו האַקן מיט דער שווערד. עטלעכע רגעס איז ער גע-שטאַנען איבער דאַריען, קרעכצנדיק און וויגנדיק זיך, פעסט צו-נויפדריקנדיק די ציין, און מיט אַ געפיל פון אומבאַזיגבאַרער פאַר-אַכטונג און עקל געקוקט אויף דעמדאָזיקן ליגנדיקן קערפּער. דער-נאָך האָט ער אַ שפּרייז געטון, אַרויפגעטרעטן מיטן געקאָוועטן אָפּצאַס פון זיין שטיוול אויף דאַריעס פנים, וואָס האָט זיך גע-שוואַרצט מיט די האַלב-קרייזן פון די הויכע ברעמען, זיך אָנגע-שפּאַרט מיט זיין גאַנצער שווערקייט אויפן אָפּצאַס, און פילנדיק, ווי אונטערן פוס קנאַקט דער נאָז-ביין, צעקריכט זיך ערגעץ די באַק, האָט ער אַרויסגעכריפּעט:

— שששלאַ-אַ-אַנג!

דאַריאַ האָט הייזעריק אַ קרעכץ געטון, עפּעס שיכּור אַרויסגעבורטשעט און אָנכאַפּנדיק זיך מיט די הענט ביים קאָפּ און קלאַפּנדיק איבער די טרעפּלעך מיט דער שייד פון דער שווערד, איז גריגאָרי אַרויסגעלאָפן אויפן הויף.

די זעלבע נאַכט, זיך נישט זעענדיק מיט דער מוטער, איז ער אָוועקגעפאָרן אויפן פראָנט.

LVII

די אַכטע און ניינטע רויטאַרמייען, וואָס האָבן נישט באַוויזן ביזן אָנהייב פון פרילינגדיקן אויסגוס צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער דאָנער אַרמיי און פאָרסירן דעם דאָניעץ, האָבן נאָך אַלץ געפּרוווט אויף באַזונדערע אָפּשניטן איבערגיין אין אָנגריף. דידאָזיקע פּרווון האָבן מערסטנטיילס זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. די איניציאַטיוו איז אַריבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער דאָנער אָנפירונג.

אינמיטן מאַי זענען אויפן דרום-פראָנט נאָך אַלץ נישט געווען קיין אָנזעעוודיקע ענדערונגען. אָבער זיי האָבן בקרוב געדאַרפט פאָרקומען. לויטן פּלאַן, וואָס איז נאָך אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן געוועזענעם קאָמאַנדיר פון דער דאָנער אַרמיי גענעראַל דעניסאָוו און זיין שטאַב-אָנפירער גענעראַל פּאָלאַקאָוו, האָט אין ראַיאָן פון דער קאַמיענסקער און אוסט-ביעלאָקאַליטוויענסקער סטאַניצע זיך שוין פאַרענדיקט דאָס קאָנצענטרירן די טיילן פון דער אַזוי-גערופענער שלאָגלערישער גרופּע. אויף דעם אָפּשניט פון פראָנט זענען קאָנצענטרירט געוואָרן די בעסטע כּוחות פון די אויסגעשולטע קאַדרען פון דער יונגער אַרמיי, די אויסגעפּרוווטע ניזאָווער פּולקן: דאָס גונדאָראָווער, געאָרגיעווסקער און אַנדערע. לויט אַן אויבנאויפיקן חשבון, זענען די כּוחות פון דערדאָזיקער שלאָגלערישער גרופּע באַשטאַנען פון זעכצן טויזנט באַגנעטן און שווערדן, ביי פירונצוואַנציק האַרמאַטן און הונדערט פופציק קוילנוואַרפער.

לויט דער מיינונג פֿון גענעראַל פּאָלאַקאָוו, האָט די גרופּע צוזאַמען מיט די טיילן פֿון גענעראַל פּיצעסלאַוראָוו געדאַרפֿט אָנגרייפֿן אין דער ריכטונג פֿון מאַקעעווער דאָרף, צעקלאַפּן די צוועלפֿטע רויטע דיוויזיע, און ווירקנדיק אין די פֿלאַנגען און אין רוקן פֿון דער דרייצענטער און אוראַלער דיוויזיע, זיך דורכרייסן אויף דער טעריטאָריע פֿון אייבערשטן דאָנער קרייז, כּדי זיך צו פֿאַראייניקן מיט דער אויפֿשטענדערישער אַרמיי און דערנאָך שוין גיין אין כאָפּערער קרייז „געזונט מאַכן“ די קאָזאַקן, וואָס זענען קראַנק געוואָרן אויף באָלשעוויזם.

ביים דאָניעץ איז געפֿירט געוואָרן אַן אינטענסיווע צוגרייטונג צום אָנגריף, צום דורכריס. די אָנפֿירונג איבער דער שלאָגלערישער גרופּע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם גענעראַל סעקרעטיעוו. דער דערפֿאָלג האָט אָנגעהויבן דייטלעך זיך נייגן אין דער זייט פֿון דער דאָנער אַרמיי. דער נייער קאָמאַנדיר פֿון דער דאָזיקער אַרמיי, גענעראַל סידאָרין, וואָס האָט פֿאַרטרעטן קראַסנאָווס קאַנדידאַט — גענעראַל דעניסאָוון, וועלכער איז געגאַנגען אין אורלויב, און דער ניי־געווײלטער מיליטערישער אַטאַמאַן, גענעראַל אַפֿריקאַן באָגאַיעווסקי, האָבן זיך אָריענטירט אויף די פֿאַרבינדעטע. בשותּפֿות מיט די פֿאָרשטייער פֿון די ענגלישע און פֿראַנצויזישע מיליטערישע מיסיעס זענען שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן ברייטע פּלענער פֿון אַ מאַרש אויף מאָסקווע, פֿון אָפּרייניקן די גאַנצע רוסישע טעריטאָריע פֿון די באָלשעוויקעס.

אין די פּאָרטן, לענגאויס די ברעגן פֿון שוואַרצן ים, זענען כּסדר אָנגעקומען טראַנספּאָרטן באַוואָפֿענונג. די אָקעאַנישע שיפֿן האָבן געבראַכט נישט בלויז ענגלישע און פֿראַנצויזישע עראָפּלאַנען, טאַנקן, האַרמאַטן, קוילנוואַרפֿער, ביקסן, נאָר אויך אייזלען צום שלעפּן, פּראָוויאַנט און מונדירונג, וואָס האָבן פֿאַרלוירן דעם ווערט צוליב דעם שלום מיט דייטשלאַנד. די פּעק ענגלישע טונקלגרינע ברידזשן און פֿרענטשן — מיטן אויסגעפּרעגטן בריטישן לייב אויף די מעשענע קנעפּ — האָבן אָנגעפֿילט די מיליטערישע מאַגאַזינען פֿון נאָוואָראָסייסק. די סקלאַדעס האָבן זיך געבראָכן פֿון אַמע־

ריקאַנער מעל, צוקער, שאָקאָלאַד, ווייַנען. דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייראָפּע, אָנגעשראָקן דורך דער עקשנותדיקער לעבנסקראַפט פון די באָלשעוויקעס, האָט מיט אַ מילדער האַנט געשיקט קיין דרום-רוסלאַנד גראַנאַטן און קוילן, די זעלביקע גראַנאַטן און קוילן, וועלכע די פאַרבינדעטע חיילות האָבן נישט באַוויזן אויסצושיסן אויף די דייטשן. די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע איז געגאַנגען שטיקן סאָוויעט-רוסלאַנד, וואָס איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט... די ענגלישע און פראַנצויזישע אָפיצירן-אינסטרוקטאָרן, וואָס זענען אָנגעקומען צום דאָן און קובאַן לערנען די קאָזאַקישע אָפיצירן און אָפיצירן פון דער פרייוויליקער אַרמיי, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט טאַנקן, שיסן פון ענגלישע האַרמאַטן, האָבן שוין פאָראויס איבערגעלעבט דעם טריאומף פון אַריינמאַרש קיין מאָסקווע.

און אין דער צייט האָבן ביים דאָניעץ זיך אָפּגעשפּילט געשעענישן, וואָס האָבן אַנטשידן וועגן אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי אין 1919 יאָר, אַז ער זאָל זיך פאַרענדיקן מיט דערפאָלג.

עס איז נישט קיין ספק, אַז די הויפּט-סיבה פון אומגעלונגענעם אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי, איז געווען דער אויפשטאַנד פון די אייבערשטע דאָנער. אין משך פון דריי חדשים האָט דערדאָזיקער אויפשטאַנד ווי אַ מכּה צעפרעסן דעם רוקן פון רויטאַרמייאישן פראָנט, געפאָדערט כּסדרדיקע איבערגרופּירונגען פון די טיילן, געשטערט דער פּינקטלעכער באַשפייזונג פון פראָנט מיט קריגס-מאַטעריאַלן און פּראָוויאַנט, באַשווערט דאָס אָוועקשיקן אין הינטערלאַנד די פאַרוווּנדעטע און קראַנקע. בלויז פון דער אַכטער און ניינטער רויטאַרמיי זענען צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אַן ערך צוואָנציק טויזנט באַגנעטן.

דער רעוואָלוציאָנערער קריגס-ראַט פון דער רעפּובליק, נישט ווייענדיק געניגנד אינפאָרמירט וועגן אמתן פאַרנעם פון אויפשטאַנד, האָט נישט אָנגענומען באַצייטנס קיין גענוג געהעריקע מיטלען אים צו דערשטיקן. קעגן אויפשטאַנד האָבן לכתחילה זיך געוואָרפן באַזונדערע אָפּטיילונגען און גרופּן (אַזוי, למשל, האָט די שול פון וו צ י ק אויסגעטיילט אַן אָפּטיילונג פון צווייהונדערט

מאַן), נישט צוקאָמפּלעטירטע טיילן, קליינע אָפּטיילונגען צו מאַכן פאַרצוימונגען. די גרויסע שרפה האָט מען געפּרוווט לעשן, צוטראָגנדיק וואַסער אין גלעזער. די צעוואָרפענע רויטאַרמייאישע טיילן האָבן אַרומגערינגלט די אויפשטענדערישע טעריטאָריע, וואָס האָט דערגרייכט ביז הונדערט ניינציק קילאָמעטער אין דיאַמעטער, געהאַנדלט זעלבשטענדיק, מחוץ פון אַלגעמיינעם אָפּעראַציע-פּלאַן, און נישט געקוקט דערויף, וואָס די צאָל פון די, וואָס האָבן געקעמפט מיט די אויפשטענדער, האָט דערגרייכט פינאונפוצאַנציק טויזנט באַגנעטן, — זענען קיין עפעקטיווע רעזולטאַטן נישט געווען.

צו לאָקאַליזירן דעם אויפשטאַנד זענען איינע נאָך דער צווייטער אַרויסגערוקט געוואָרן פערצן ראָטעס אינפאַנטעריע, צענדליקער אָפּטיילונגען צו מאַכן פאַרצוימונגען. עס זענען אָנגעקומען אָפּטיילונגען קורסאַנטן פון טאַמבאָוו, וואָראָניעזש, ראַזאַן. און ערשט דעמאָלט, ווען דער אויפשטאַנד איז זיך צעוואַקסן, ווען די אויפשטענדער האָבן זיך באַוואָפנט מיט די קוילנוואַרפער און האַרמאַטן, וואָס זענען אָפּגעשלאָגן געוואָרן ביי די רויטאַרמייער, האָבן די אַכטע און ניינטע אַרמייען אויסגעטיילט פון זייער קאָמפּלעט צו איינציקע עקספּעדיציע-דיוויזיעס, מיט קאָמענדעס פון אַרטילעריע און מאַשינגעווער. די אויפשטענדער האָבן געליטן אַ שטאַרקע מפּלה, נאָר צעבראָכן געוואָרן זענען זיי נישט.

די פונקן פון דער אייבערשטער דאָנער שרפה האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אויך אין שכנישן כאָפּערער קרייז. אונטער דער אָנפירונג פון אָפיצירן זענען דאָרט פאָרגעקומען עטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אומבאַדייטנדע קאָזאַקישע גרופּן. אין דער אורויפינער סטאַניצע האָט דער מיליטערישער עלטסטער אַלימאָוו צונויפגעקליבן אַרום זיך אַ היפשע צאָל קאָזאַקן און אויסבאַהאַלטענע אָפיצירן. דער אויפשטאַנד האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דער נאַכט פאַרן ערשטן מאַי, אָבער די פאַרשווערונג איז באַצייטנס אַנטדעקט געוואָרן. אַלימאָוו און אַ טייל פון זיינע מיטהעלפער, וואָס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אין איינעם פון די כוטאָרן פון דער פרעאָ-

בראָזשענסקער סטאַניצע, זענען דערשאָסן געוואָרן לויטן אורטייל פון רעוואָטריבונאַל. דער אויפשטאַנד, וועלכן מען האָט באַצייטנס אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, איז נישט פאַרגעקומען, און אויף אַזאַ אופן איז די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון כאָפּערער קרייז נישט געלונגען זיך צו פאַראייניקן מיט די אויפשטענדער פון אייבערשטן דאָנער קרייז.

אין די ערשטע טעג פון מאַי האָט אויף דער סטאַניצע טשאָרטקאָווע, ווו עס זענען געשטאַנען עטלעכע פאָרמירטע רויטאַרמייאישע פולקן, זיך אויסגעלאָדנט די אָפּטיילונג פון דער שול פון וציק. טשאָרטקאָוואָ איז געווען איינע פון די לעצטע סטאַציעס פון דער דרום־מזרחדיקער באַן־ליניע, וואָס האָבן אוממיטלבאַר זיך געגרענעצט מיטן דרומדיקן אָפּשניט פון אויפשטענדערישן פראָנט. די קאָזאַקן פון דער מיגולינער, מיעשקאָווער און קאַזאַנער סטאַניצע האָבן דעמאָלט אין גרויסע רייטער־מאַסן זיך קאָנצענטרירט אויף דער גרענעץ פון קאַזאַנער סטאַניצע־יורט, געפירט דרייסטע שלאַכטן מיט די רויטאַרמייאישע טיילן, וואָס זענען אריבערגעגאַנגען אין אָנגריף.

אויף דער סטאַציע האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די קאָזאַקן האָבן אַרומגערינגלט טשאָרטקאָוואָ און וועלן אָקאָרשט מען זעט נישט אָנהייבן אַן אָנגריף. און נישט געקוקט דערויף, וואָס צום פראָנט איז געווען נישט ווינציקער פון פופציק וויאָרסט, וואָס פאָראויס האָבן זיך געפונען רויטאַרמייאישע טיילן, וואָס וואָלטן זיכער מיטגעטיילט, ווען די קאָזאַקן זאָלן זיך האָבן דורכגעריסן, — האָט אויף דער סטאַציע זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק. די אויסגעשטעלטע רויטאַרמייאישע רייען האָבן אַ ציטער געטון. ערגעץ הינטער דער צערקווע האָט אַ הויך קאָמענדע־קול געשריען: „אונטער דער ביקסעס!" איבער די גאַסן האָט מען אָנגעהויבן איילעק לויפן.

די פּאַניק האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומזיסטע. פאַר די קאָזאַקן האָט מען אָנגענומען אַן עסקאַדראָן רויטאַרמייער, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו דער סטאַציע פון דער זייט פון מענגאָוואָר

דאָרף. די קורסאַנטן און צוויי פאַרמירטע פולקן זענען אַרויסגע־ריטן אין דער ריכטונג פון דער קאַזאַנער סטאַניצע.

אין אַ טאָג אַרום איז דורך די קאַזאַקן כמעט אינגאַנצן פאַר־ניכטעט געוואָרן דאָס נאָר־וואָס אָנגעקומענע קראַנשטאַטער פולק.

באַלד נאָך דער ערשטער שלאַכט מיט די קראַנשטאַטער האָבן זיי ביינאַכט דורכגעפירט אַן אָנפאַל. אויסשטעלנדיק וואַך־פאָסטנס, האָט דאָס פולק גענעכטיקט אין סטעפ, נישט ריזיקירנדיק צו פאַר־נעמען דעם כוטאָר, וואָס איז פאַרלאָזט געוואָרן דורך די אויפ־שטענדער. אינמיטן דער נאַכט האָבן עטלעכע קאָזאַקישע רייטער־סאָטניעס אַרומגערינגלט דאָס פולק, געעפנט אַ ווילד שיסעריי, בלייז אויסנוצנדיק דאָס מיטל פון אָפשרעקן, וואָס איז דורך עמעצן דערפינדן געוואָרן — די גרויסע הילצערנע קלאַפערס. דידאָזיקע קלאַפערס האָבן אין די נעכט פאַרטרעטן די אויפשטענדער: קוילנ־וואַרפער. אַלנפאַלס האָבן די קלאַנגען, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך זיי, כמעט מיט גאָרנישט זיך אונטערגעשיידט פון אַ כסדרדיקער שיסעריי פון קוילנוואַרפער...

און אָט, ווען די אַרומגערינגלטע קראַנשטאַטער האָבן דער־הערט אין דער ביינאַכטיקער געדיכטער פינסטערניש דאָס קלאַפן פון די פיל־צאָליקע „קוילנוואַרפער", די בהלהדיקע שאָסן פון זייערע וואַך־פאָסטנס, דעם ווילדן ליאַרעם פון די קאָזאַקן, דעם געוואַי און הילכיקן טומל פון די זיך דערנעענטערנדיקע רייטער־לאַוועס, האָבן זיי אָנגעהויבן אַנטלויפן צום דאָן, זיך דורכגעי־שלאָגן, אָבער אומגעוואָרפן געוואָרן דורך דער רייטער־אַטאַקע. פון גאַנצן קאָמפלעט פון פולק זענען ניצול געוואָרן בלויז עטלעכע מאַן, די, וואָס האָבן געקאָנט אַריבערשווימען דעם דאָן, וואָס האָט זיך ברייט צעכראַסטעט אין זיין פרילינגדיקן פונאַנדערגוס.

אין מאַי האָבן פון דאָניעץ אויפן אויפשטענדערישן פראָנט אָנגעהויבן אָנקומען אַלץ נייערע פאַרשטאַרקונגען. עס איז אָנגעקו־מען די דרייאונדרייסיקסטע קובאַנער דיוויזיע און גריגאָרי מעליע־כאָוו האָט צום ערשטן מאָל דערפילט די גאַנצע קראַפט פון אַן אמתן אָנגריף. די קובאַנער האָבן געטריבן זיין ערשטע דיוויזיע

אָן אָפּרו. גריגאָרי האָט אָפּגעגעבן איין כוטאָר נאָכן צווייטן, אָפּ־טרעטנדיק אויף צפון, צום דאָן. אויף דער גרענעץ פון טשיר לעבן קאַרגין האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויף אַ טאָג, און דערנאָך אונטערן דרוק פון די איבערוועגנדע כּוחות פון שונא געבייט געווען נישט בלויז אָפּצוגעבן קאַרגין, נאָר אויך איילעק צו בעטן פאַר־שטאַרקונג.

קאָנדראַט מיעדוויעדיעוו האָט אים געשיקט אַכט רייטער־סאָטניעס פון זיין דיוויזיע. זיינע קאָזאַקן זענען געווען וווּנדערלעך אויסגעשטאַט. איטלעכער האָט געהאַט געצויג קוילן און איז געווען גוט אָנגעטון, — דאָס אַלץ איז צוגענומען געוואָרן ביי די געפאַנגענע רויטאַרמייער. נישט קוקנדיק אויף דער היץ, האָבן אַ סך קאָזאַקן־קאַזאַנער קאָקעטירט מיט די לעדערנע קורטקעס. כּמעט איטלעכער האָט געהאַט אָדער אַ נאַגאַן, אָדער אַ בינאָקל... די קאַזאַנער האָבן אויף אַ געוויסער צייט פאַרהאַלטן דעם אָנגריף פון דער דרייאונדרייסיקסטער קובאַנער־דיוויזיע, וואָס איז געגאַנגען דורכ־ברעכן דעם פראָנט. דאָס אויסנוצנדיק, האָט גריגאָרי באַשלאָסן אויף אַ טאָג זיך אַריינצוכאַפּן קיין וויעשענסק, ווייל קודינאָוו האָט אים כּסדר געבעטן צו קומען אויף אַ באַראַטונג.

LVIII

קיין וויעשענסק איז ער אָנגעקומען באַגינען.

דאָס צוגענומענע וואַסער אין דאָן האָט אָנגעהויבן אָפּפאַלן. מיטן איבלדיק־זיסן קלעפּיקן ריח פון די טאָפּאָלן איז אָנגעזאַפּט געווען די לופט. ביים דאָן האָבן די זאַפּטיקע טונקל־גרינע בלעטער פון די דעמבעס דרימלדיק געשאָרכט. די אָנטבלויזטע בייטן אין די גערטענער האָבן גערויכערט מיט דאַמף. אויף זיי האָבן זיך שוין דורכגעשלאָגן שאַרף־שפּיזלדיקע גראָזעלעך, און אין די פלאַכע ערטער האָט נאָך געגלאַנצט דאָס געבליבענע וואַסער. מיט אַ באַס האָבן געהודזשעט די קאַרפּ־אָקסן און אין דער פייכטער לופט, וואָס איז דורכגענומען געווען מיטן ריח פון שלאַם און בלאָטע,

נישט געקוקט דערויף, וואָס די זון איז שוין אויפגעגאַנגען, האָבן געדיכט זיך געדרייט מחנות פליגעלעך.

אין שטאַב האָט געקלאַפּט אַן אַלטע שרייב־מאַשין, עס איז געווען טומלדיק און אָנגערייכערט.

קודינאָוון האָט גריגאָרי געטראָפן ביי אַ מאָדנער באַשעפטי־קונג: נישט אומקוקנדיק זיך אויף גריגאָריען, וואָס איז שטיל אַריינגעקומען, האָט ער מיט אַן ערנסטער און פאַרטראַכטער מינע אָפּגעריסן די פיסלעך ביי אַ געכאַפּטער גרויסער, שמאַראַגד־גרינער פליג. ער האָט זי פאַרקוועטשט אין דער דאַרער פויסט, אויפגע־הויבן צום אויער, קאָנצענטרירט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און זיך איינ־געהערט, ווי די פליג זשומעט – דאָ באַסאַרטיק, דאָ דין. דערזעענ־דיק גריגאָריען, האָט ער מיט פאַראַכטונג און פאַרדרוס אַוועקגע־וואָרפן די פליג אונטערן טיש, אָפּגעריבן די האַנט אין די הויזן, מיד אַ פאַל געטון אויפן אָנלען פון פאָטעל, וואָס האָט געגלאַנצט פון אָפּגעריבנקייט.

– זעץ דיך, גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש.

– וואָס מאַכסטו, אָנפירער!

– עך, מען מאַכט שוין איינמאָל. נו, און וואָס הערט זיך ביי דיר? זיי שפּאַרן?

– מיטן גאַנצן כוח.

– האָסט דיך פאַרהאַלטן ביים טשיר?

– אויף לאַנג דען? די קאָזאַקעס האָבן אַרויסגעהאָלפן.

– אָט וואָס, מעליעכאָוו, – קודינאָוו האָט אַרומגעדרייט דאָס קאַווקאַזער פּאַסעקל אַרום זיין פינגער, אויפמערקזאַם באַ־טראַכט דאָס מאַט־געוואָרענע זילבער און אַ זיפץ געטון: – אפנים, מיט אונזערע ענינים וועט נאָך ערגער ווערן. עפּעס קומט דאָרט פאָר ביים דאָניעץ. אָדער אונזערע גרייסן שטאַרק אַן די רויטע און רייסן זיי דורך דעם פראָנט, אָדער די רויטע האָבן באַגריפן, אַז – מיר זענען די הויפּט־סיבה פון זייער שלעכטס און באַמיען זיך אונז צו נעמען אין קלעם.

– און וואָס הערט זיך מיט די קאַדעטן? וואָס האָבן זיי מיטן לעצטן אַעראָפּלאַן מיטגעטיילט?

— קיין שום באַזונדערס. זיי, ברידערל, ווילן אונז זייערע סטראַטעגיע-פּלענער נישט אויסזאָגן. סידאָרין — ער, ברודער, איז פּיפּיק! פון אים וועסטו אַזוי שנעל נישט אַרויסקריגן. זיי האָבן אַזאַ פּלאַן — דורכרייסן דעם פראָנט פון די רויטע און געבן אונז שטיצע. זיי האָבן צוגעזאָגט צו העלפן, אָבער נישט אַלע צוזאָגן ווערן מקוים. און דורכרייסן דעם פראָנט איז נישט קיין לייכטע זאַך, איך ווייס דאָס, איך אַליין האָב געפרווט מיטן גענעראַל ברוסילאָוו רייסן. פונוואַנען ווייסן מיר, וואָס פאַר אַ כוחות די רויטע האָבן ביים דאָניעץ? אפשר האָבן זיי פון קאָלטשאַקן אַראָפּגענומען עטלעכע קאָרפּוסן און אַריבערגעוואָרפן צו אונז, האַ? מיר לעבן אין דער פינצטערניש! און ווייטער פון אונזער נאָז קאָנען מיר גאָרנישט זען!

— וועגן וואָס האָסטו געוואָלט רעדן? זיך בּאַראַטן? — האָט גריגאָרי געפרעגט און לאַנגווייליק אַ געגעץ געטון.

ער האָט זיך נישט גענומען צום האַרץ דעם אויסגאַנג פון אויפשטאַנד. אים האָט דאָס עפּעס נישט באַאומרויִקט. ווי אַ פערד, וואָס שלעפט אַרום דעם וואַלץ צום דרעשן איבערן דיל פון שייער, אַזוי האָט ער טאָג-איין, טאָג-אויס זיך געדרייט אַלץ אַרום דער זעלבער פראַגע, און צום סוף אין געדאַנק אַ מאַך געטון אויף איר מיט דער האַנט: „מיט דער סאָוויעטישער מאַכט איז נישט מעגלעך אַצינד שלום צו שליסן, צופיל בלוט האָט זי אונז און מיר איר אָפּגעצאַפט, און די קאַדעטישע מאַכט גלעט אונז אַצינד און דערנאָך וועט זי קעגן די האָר קעמען. כאַפּט עס דער טייוול! ווי עס וועט זיך ענדיקן, אַזוי וועט גוט זיין!"

קודינאָוו האָט אויסגעשפּרייט די מאַפּע; נאָך אַלץ נישט קוקנדיק גריגאָריען אין די אויגן אַריין, האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבן דאָ אַן דיר אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג און באַשלאָסן...

— מיט וועמען האָסטו דאָ אָפּגעהאַלטן די באַראַטונג, מיטן פירשט? — האָט גריגאָרי אים איבערגעשלאָגן, דערמאָנענדיק זיך די באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זעלבן צימער ווינטער-צייט, און דעם קאַווקאַזער פּאָדפּאָלקאָווניק.

קודינאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט, פינסטער געוואָרן.
— ער לעבט שוין נישט.
— וואָס רעדסטו? — האָט גריגאָרי זיך אַ כאַפּ געטון.
— איך האָב דיר דען נישט געזאָגט? מען האָט דערהרגעט דעם חבר געאָרגידזע.
— נו, וואָס פאַר אַ חבר איז ער אונז געווען... כל-זמן ער האָט געטראָגן דאָס געגאַרבטע פעלצל, איז ער געווען אַ חבר. און וואָלטן מיר, גאָט באַהיט, זיך פאַראייניקט מיט די קאַדעטן און ער וואָלט לעבן געבליבן, וואָלט ער באַלד צומאָרגנס זיך אָנגעשמירט די וואָנסעס מיט פּאָמאַדע, זיך אויסגעצערטלט און נישט די האַנט דיר דערלאַנגט, נאָר אָט אַזוי, מיטן קליינעם פינגערל, — גריגאָרי האָט אָפּגעבויגן זיין ברוינעם ברודיקן פינגער און זיך צעלאַכט, פינקלענדיק מיט די ציין.
קודינאָוו האָט נאָך מער זיך אָנגעכמורעט. בולטע אומצו-פרידנקייט, פאַרדרוס, איינגעהאַלטענער כעס האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין בליק און זיך געהערט אין זיין קול.
— צו לאַכן איז דאָ נישטאָ פון וואָס. פון אַ צוויייטנס טויט לאַכט מען נישט. דו ווערסט שוין ענלעך צו וואַניושקאַ תם. מען האָט אַ מענטש דערהרגעט, און דו וויצלסט דיך.
דער לייכט-באַליידיקטער גריגאָרי האָט נישט אַרויסגעוויזן, אַז קודינאָווס פאַרגלייך האָט אים אָנגערירט; ער האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:
— איך האָב נישט קיין רחמנות אויף די לייט מיט די געקעכלטע פנימלעך און איידעלע הענטלעך.
— נו, האָט מען אים דערהרגעט...
— אין אַ שלאַכט?
— ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן... דאָס איז אַ טונקעלע גע-שיכטע, און דעם אמת איז נישט אַזוי לייכט געוויר צו ווערן. ער האָט דאָך אויף מיין באַפעל זיך געפונען אין טאַבאָר. נו, און איז עפּעס נישט דורכגעקומען מיט די קאָזאַקן. אין דודאַראָווקע האָט זיך פאַרוויקלט אַ שלאַכט, דער טאַבאָר, מיט וועלכן ער איז

געפּאָרן, האָט זיך געפונען פון דער פייער־ליניע אויף אַ צוויי ווייאָרסט. ער, געאָרגידזע, איז געזעסן אויפן דישל פון אַ בריטשקע (אַזוי האָבן מיר די קאָזאַקן דערציילט), אַ פאַרבלאָנזשעטע קויל האָט אים כּלומרשט אַ טשמאָק געטון אין דער שלייף, און ער האָט אפילו קיין דריגע נישט געטון... די קאָזאַקן, די אויסוואורפן, האָבן אים מסתּמא דערהרגעט...

— און זיי האָבן גוט געטון, וואָס זיי האָבן אים דערהרגעט!

— דו הער שוין אויף! האָסט שוין גענוג אָנגעפּלוידערט.

— זיי נישט בייז. דאָס שפּאַס איך דאָך אַזוי.

— טייל מאָל שפּאַסטו אויף גאָר אַ נאַרישן אופן... דו ביסט ווי אַן אָקס: דאָרט ווו דו פּרעסט — דאָ מאַכסטו אָן. וואָס־זשע, לויט דיין מיינונג, דאַרף מען אָפּיצירן — דערהרגענען? ווידער „נידער מיט די שליפּעס”? און איז שוין נישט צייט, זאָלסט צום שכל קומען, גריגאָרי? הינקסטו שוין אונטער, זאָל כאָטש זיין אויף איין פוס!

— פאַררעד מיר נישט די ציין, דערצייל!

— עס איז נישטאָ וואָס צו דערציילן! איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דערהרגעט האָבן אים די קאָזאַקן, בין איך אַהינגעפאָרן און זיך דורכגעשמועסט מיט זיי אינטים. איך האָב טאַקע אַזוי געזאָגט: „איר, הינטישע זין, האָט זיך ווידער גענומען צו די אַלטע שטיפעריין? און האָט איר נישט אַמאָל צופרי אָנגעהויבן די אָפּיצירן דערשיסן? אין האַרבסט האָט איר דאָך זיי אויך אונטערגעשאָסן, און דערנאָך, ווען מען האָט אייך פאַררוקט אַ מעסער אין בויך, האָט איר זיך אין זיי געבייטיקט. איר אַליין, זאָג איך, זענט דאָך געקומען און אויף די קני געקראָכן: „נעם אויף דיר די קאָמענדע, פיר אָן!” און אַצינד האָט איר זיך ווידער גענומען צום אַלטן”. נו, איך האָב זיי פאַרשעמט, אויסגעזידלט. זיי האָבן געלייקנט: „גאָט באַהיט, זאָגן זיי, מיר האָבן אים נישט דערהרגעט!” און לויט די אויגן זייערע זע איך... אַז דאָס האָבן זיי אים טאַקע צורעכטגעמאַכט! אָבער וואָס וועסטו מיט זיי מאַכן? שפּייסט זיי אין פּ אריין, זאָגן זיי — עס רעגנט. — קודינאָוו

האָט דענערווירט צונויפגעקנייטשט דאָס פּאַסעקל, רויט געוואָרן. — זיי האָבן דערהרגעט אַ געבילדעטן מענטש, און איך בין אַצינד אַן אַ ים, ווי אָן הענט. ווער וועט אַ פּלאַן אָנוואַרפן? ווער וועט אַן עצה געבן? מיט דיר קאָן מען זיך סתם אַזוי דורכשמועסן, אָבער ווען עס קומט צו סטראַטעגיע און טאַקטיק, טויגן מיר ביידע צו גאָרנישט. נאָך גוט, וואָס פּיעטראָ באַגאַטיריעוו איז געקומען צו פליִען, וואָרים עס איז נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן... עך, נו, כאַפּט עס דער טייוול! אָט ווי די זאַך זעט אויס: אויב אונזערע וועלן ביים דאָניעץ דעם פראָנט נישט דורכרייסן, וועלן מיר זיך דאָ נישט דערהאַלטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, ווי מען האָט שוין פריער אָפּגערעדט, מיט דער גאַנצער דרייסיק־טויזנטיקער אַרמיי צו גיין זיך דורכרייסן. אויב מען וועט דיך אָפּשטויסן — טרעט אָפּ ביז צום סאַמע דאָניעץ. פון אוסט־כאָפּער ביז דער קאַזאַנער סטאַניצע וועלן מיר זיי אָפּרייניקן די רעכטע זייט, אויסגראָבן טראַנשייען ביים דאָן און זיך פאַרטיידיקן...

אין דער טיר האָט מען הויך אָנגעקלאַפּט.

— אַריין, ווער איז דאָרט? — האָט קודינאָוו אויסגעשריגן.

עס איז אַריינגעקומען דער קאָמאַנדיר פון דער זעקסטער בריגאַדע, באָגאַטיריעוו גריגאָרי. זיין פעסט רויט פּנים האָט געגלאַנצט פון שווייס, די אָפּבליאַקירטע בלאָנדע ברעמען זענען געווען ביין צונויפגערוקט. נישט אויסטוענדיק דאָס היטל מיט דער נאַסער דענקע פון שווייס, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

— וואָס ביסטו געקומען? — האָט קודינאָוו געפרעגט, קוקנדיק אויף באָגאַטיריעוון מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל.

— קוילן גיב.

— מען האָט שוין געגעבן. וויפיל־זשע דאַרפסטו? וואָס איז ביי מיר דאָ, אַ פאַבריק פון קוילן, צי וואָס?

— וואָס האָט מען געגעבן? צו איין קויל אויף אַ מענטש? אויף מיר האָגלט מען מיט קוילנוואַרפער, און איך בייג כסדר דעם רוקן און באַהאַלט מיך. דאָס איז אַ מלחמה? דאָס איז בלויז... אַ יאָמער־געשריי! אָט וואָס דאָס איז!...

— דו וואַרט־צו, באָגאַטיריעוו, מיר שמועסן דאָ וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, — אָבער זעענדיק, אַז באָגאַטיריעוו הייבט זיך אויף אַוועקצוגיין, האָט ער צוגעגעבן: — וואַרט־צו, גיי נישט אַוועק, מיר האָבן נישט פאַר דיר קיין סודות... איז אָט־וואָס, מעליעכאָוו, אויב מיר וועלן אויף דער זייט זיך שוין נישט דערהאַלטן, גייען מיר דעמאָלט זיך דורכרייסן. מיר לאָזן איבער אַלע, וואָס געהערן נישט צו דער אַרמיי, לאָזן איבער די טאַבאָרן. די אינפאַנטעריע זעצן מיר־אויף אויף בריטשקעס, נעמען מיט זיך דריי באַטארייעס און שלאָגן זיך דורך צום דאָן. דיך וועלן מיר מאַכן פאַרן אָנפירער. האָסט נישט דאַקעגן?

— מיר איז אַלץ איינס. און וואָס וועט זיין מיט אונזערע פאַמיליעס? עס וועלן אומקומען די מיידלעך, די ווייבער, די אַלטע לייט.

— אַזוי מוז שוין זיין. בעסער זיי אַליין זאָלן אומקומען, איידער מיר אַלע.

באָגאַטיריעוו האָט אַ שמייכל געטון, גענומען דרייען מיטן קאָפּ.

— דאָס יאָר וועלן די ווייבער ביי אונז געבוירן אַזוי פיל יינגלעך, — אַז מען וועט זיי נישט קאָנען איבערציילן! די רויטע זענען אַציינד הונגעריק אויף ווייבער. אַנומלט זענען מיר אָפּגעטרעטן פון ביעלאָווין, די איינוווינער זענען אויך מיט אונז מיטגעגאַנגען, עס איז געבליבן בלויז איין יונג ווייבעלע. אינדערפרי, מיר קוקן זיך אום — זי קריכט אויף אַלע פיר, די חברים האָבן זי אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז זי האָט נישט געקאָנט אויף די פיס גיין...

קודינאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט די ווינקלען פון די ליפּן, לאַנג געשוויגן און דערנאָך אַרויסגענומען אַ צייטונג פון טיש.

— יאָ, נאָך אַ נייעס: דער הויפּט־קאָמאַנדיר איז געקומען אָנפירן מיטן מיליטער. עס איז דערגאַנגען צו אונז אַ ידיעה, אַז ער געפינט זיך אין מילעראָוואָ אָדער קאַנטעמיראָווקע. אָט ווי זיי פאַרנעמען זיך אויף אונז.

— טאַקע? — איז גריגאָרי מעליעכאָוו נישט זיכער געוועזן.

— יאָ, יאָ! נאַדיר, לייען. די קאַזאַנער האָבן מיר געשיקט.

נעכטן אינדערפרי האָט אונזערס אַ פּאַטראָל באַגעגנט נאָך שומוי־לין צוויי רייטערס.ביידע רויטע קורסאַנטן. נו, האָבן זיי די קאָזאַקן דערהרגעט, און ביי איינעם — שוין נישט קיין יונגן לויטן אויסזען, ווי זיי האָבן געזאָגט, אפשר גאָר עפּעס אַ קאָמיסאַר — האָבן זיי געפונען אין פּלאַנשעט אָט די צייטונג מיטן נאָמען „אין וועג" פון צוועלפטן היינטיקן חודש. זיי באַשרייבן אונז אויסגעצייכנט. — קודינאָוו האָט דערלאַנגט מעליעכאָוון די צייטונג מיטן קרימלעך־אָפּגעריסענעם ברעג.

גריגאָרי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן איבערשריפט פון אַרטיקל, וואָס איז אונטערגעשטראָכן געווען מיט אַ כעמישער בלייפעדער, און אָנגעהויבן לייענען:

„דער אויפשטאַנד אין רוקן

דער אויפשטאַנד פון אַ טייל פון דאָנער קאָזאַקנטום ציט זיך שוין אַ רייע וואָכן. דער אויפשטאַנד איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די אַגענטן פון דעניקינען — די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָפיצירן. זיי האָבן געפונען אַ שטיצע אין דער ספערע פון קאָזאַקישן קולאַקנטום. די קולאַקעס האָבן צוגעצויגן אַ באַדייטנדע טייל פון די קאָזאַקן, וואָס געהערן צום מיטלשטאַנד. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין דעם אָדער יענעם פאַל האָבן די קאָזאַקן געליטן געוויסע אומגערעכטיקייטן דורך די באַזונדערע פאָרשטייער פון דער כאָוויעטישער מאַכט. דאָס האָבן פלינק אויסגענוצט דעניקינס אַגענטן, כדי אויפצובלאָזן אַ פייער פון בונט. די ווייסגוואַר־דייאישע אויסוואורפן גיבן זיך אָן אין ראַיאָן פון אויפשטאַנד אַלס אָנהענגער פון דער סאָוויעטישער מאַכט, כדי לייכטער צו געווינען דעם צוטרוי פון די קאָזאַקן, וואָס געהערן צום מיטלשטאַנד. אויף אַזאַ אופן האָבן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, די קולאַקעס און די אומבאַוווסטזיניקע מאַסע פון קאָזאַקנטום זיך צייטווייליק פאַר־אייניקט אין דעם זינלאָזן און פאַרברעכערישן בונט אין רוקן פון אונזערע אַרמייען אויפן דרום־פראָנט. אַ בונט אין רוקן פון אַ קעמפער איז דאָס זעלבע, וואָס אַ מכה אויפן רוקן פון אַן אַרבע־טער. כדי מלחמה צו האַלטן, כדי צו פאַרטיידיקן און באַשיצן דאָס

סאָוויעטישע לאַנד, כּדי אויסצוראָטן די גוטבאַזיצערישע דעניקין־באַנדעס, איז נייטיק צו האָבן אַ זיכערע, רויִקע, פריינטלעכע באַפעלקערונג פון אַרבעטער און פויערן אין רוקן. די הויפּט־אויפגאַבע באַשטייט דעריבער אַצינד אין אָפּרייניקן דעם דאָן פון דעם בונט און זיינע אונטערהעצער.

די צענטראַלע סאָוויעטישע מאַכט האָט באַפוילן דידאָזיקע אויפגאַבע צו לעזן וואָס שנעלער. צוהילף די עקספּעדיציע־חיילות, וואָס אָפּערירן קעגן דעם נידערטרעכטיקן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן בונט, זענען אָנגעקומען און קומען כּסדר אָן אויסגעצייכנטע פאַרשטאַרקונגען. די בעסטע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעטער ווערן איבערגעשיקט אַהער, כּדי צו לעזן די אויפגאַבע, וואָס לאָזט זיך שוין מער נישט אָפּלייגן.

מען דאַרף אַ סוף מאַכן צו דעם בונט. אונזערע רויטאַרמייער מוזן זיך דורכדרינגען מיטן קלאָרן באַוווסטזיין, אַז די אויפשטענדער פון דער וויעשענסקער, יעלאַנער אָדער בוקאַנאָווער סטאַניצע זענען דירעקטע מיטהעלפער פון די ווייסגוואַרדייאישע גענעראַלן דעניקין און קאָלטשאַק. וואָס לענגער דער אויפשטאַנד וועט געדויערן, אַלץ מער קרבנות וועלן זיין פון ביידע זייטן. פאַרקלענערן די בלוט־פאַרגיסונג קאָן מען נאָר דורך איין וועג: דורך דערלאַנגען אַ האַסטיקן, שטרענגן, צעשמעטערנדיקן קלאַפּ.

מען דאַרף אַ סוף מאַכן צו דעם בונט. מען דאַרף עפענען די מכּה אויף דער פּלייצע און זי אויסברען מיט אַ גליִענדיק אייזן. דעמאָלט וועט די האַנט פון דרום־פראָנט זיך באַפרייען, כּדי צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם שונא".

גריגאָרי האָט פאַרענדיקט דאָס לייענען, אומעטיק אַ שמייכל געטון. דאָס אַרטיקל האָט אים אָנגעפילט מיט פאַרדרוס און האַרץ־ווייטיק. „זיי האָבן געמאַכט אַ שטריך מיט דער פעדער און אויף איינמאָל צונויפגעפּאָרט מיט דעניקינען, פאַררעכנט אַלס זיין מיטהעלפער"...

— נו, ווי געפעלט דיר? זיי זענען גוט פאַרפאָרן. מיט אָנגעגליט אייזן פאַרנעמען זיי זיך אויסצוברענען. נו, מיר וועלן

נאָך זען, ווער ווען! אמת, מעליעכאָוו? — קודינאָוו האָט צוגעוואַרט אויף אַן ענטפער און זיך געווענדט צו באָגאַטיריעוון: — קוילן דאַרף מען? מיר וועלן געבן! צו דרייסיק שטיק אויף א רייטער פאַר דער גאַנצער בריגאַדע. ס׳וועט קלעקן?... גיי אין סקלאַד אַריין און נעם. אַן אָרדער וועט דיר אויסשרייבן דער שעף פון דער פאַרזאָרגונגס-אָפּטיילונג, גיי אַריין צו אים. אָבער דו, באָגאַטיריעוו, לייג דאָרט מער געוויכט אויף דער שווערד, אויף כיטרעקייט, דאָס איז אַ פיינע זאַך!

— פון אַ חזיר אַ האָר! — האָט דער דערפרייטער באָגאַטיריעוו אַ שמייכל געטון, זיך געזעגנט און אַרויסגעגאַנגען.

נאָכדעם ווי גריגאָרי מעליעכאָוו האָט זיך דורכגעשמועסט מיט קודינאָוו וועגן פאָרגעזעענעם ריקצוג צום דאָן, איז ער אַוועקגעגאַנגען. פאַרן אַוועקגיין געפרעגט:

— אויב איך וועל די גאַנצע דיוויזיע ברענגען קיין באַזקי, וועט זיין אויף וואָס זיך אַריבערצושיפן?

— אַ שיינער איינפאַל! די גאַנצע קאַוואַלעריע וועט איבערן דאָן אַריבערשווימען. ווו איז דאָס געזען געוואָרן, מען זאָל קאַוואַלעריע אַריבערשיפן?

— איך האָב דאָך אָבער ווייניק דאָנער, נעם דאָס אין אַכט. און די קאָזאַקן פון טשיר — זענען נישט קיין שווימערס. זיי פאַרברענגען דאָס גאַנצע לעבן אין סטעפ. ווי קומען זיי צו שווימען?

— לעבן די פערד וועלן זיי אַריבערשווימען. זיי פלעגן שווימען אויף די מאַנעוורעס, און אין דער דייטשישער מלחמה איז אויך אויסגעקומען.

— איך רעד וועגן דער אינפאַנטעריע.

— אַ פּראָם איז דאָ, שיפלעך וועלן מיר צוגרייטן, באַאומרויִק דיך נישט.

— די איינוווינער וועלן אויך מיטפאָרן.

— איך ווייס.

— דו זע, אַז אַלע זאָלן זיך קאָנען אַריבערשיפן, — אַז נישט, וועל איך דיר די נשמה אַרויסנעמען! דאָס איז דאָך

נישט קיין שפּאַס, אויב דעם פּאָלק וועט אויסקומען צו בלייבן.

— איך וועל שוין זען!

— און וואָס וועלן מיר טון מיט די האַרמאַטן?

— די גרויסע רייס אויף, און די דרייצעליקע נעם מיט. מיר וועלן די גרויסע שיפלעך צונויפבינדן און די באַטאַרייעס אויף דער צווייטער זייט אַריבערפירן.

גריגאָרי איז אַרויסגעגאַנגען פון שטאַב אונטערן איינדרוק פון איבערגעלייענטן אַרטיקל.

„מיטהעלפער פון דעניקינען — רופט מען אונז! ווער־זשע דען זענען מיר? עס קומט דאָך אויס, אַז מיר זע־נען טאַקע זיינע מיטהעלפער, און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו באַליידיקן. דער אמת שטעכט די אויגן...״ ער האָט זיך דער־מאָנט אָן די ווערטער פון יאַקאָוו פאָדקאָווע. איינמאָל אין קאַר־גין, זיך אומקערנדיק שפּעט אין אָוונט אויף דער קוואַרטיר, איז גריגאָרי אַריינגעגאַנגען צו די אַרטילעריסטן, וואָס האָבן זיך איינ־געאָרדנט אין איינעם פון די הייזער אויפן פּלאַץ. אַפּרייבנדיק זיך אין הויז די פיס אָן בעזעם, האָט ער געהערט, ווי יאַקאָוו פאָדקאָווע האָט געזאָגט, דיסקוטירנדיק מיט עמעצן: „מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט, זאָגסטו? וועלן אונטער קיינעמס מאַכט נישט גיין? האָ! אויף דיינע פּלייצעס זיצט נישט קיין קאָפּ, נאָר אַ קיר־ביס, וואָס טויג אפילו נישט צום עסן! אויב דו ווילסט וויסן, זע־נען מיר אַצינד, ווי אַ היימלאָזער הונט: אַ הונט טוט אַמאָל נישט געפינען זיין באַלעבאָס, מאַכט אָן אַ שאָדן, גייט אַוועק פון הויז — וווּ־זשע זאָל ער זיך אַהינטון? צו די וועלף צושטיין וועט ער נישט — עס איז אַ ביסל אַ מורא, און ער פילט אויך, אַז זיי זע־נען פון אַ חיהשער ראַסע; צום באַלעבאָס צוריקגיין — קאָן ער נישט: ער וועט מיט קלעפּ דעם שאָדן זיך פאַרגיטיקן. מיר זענען אויך אַזוי. און דו געדענק מיינע רייד: מיר וועלן פאַרבעמען דעם ווידל אונטערן בויך און צו די קאַדעטן אַוועקקריכן. „נעמט אונז צו, ברידערלעך, האָט רחמנות!״ אָט ווי אַזוי עס וועט זיך פאַרענדיקן!״

נאָך דער שלאַכט הינטער קלימאָוו, אין וועלכער גריגאָרי האָט דערהרגעט די מאַטראָסן, האָט ער כסדר געלעבט אין אַ צושטאַנד פון קאַלטער טעמפּער גלייכגילטיקייט, וואָס האָט אים מעכטיק באַהערשט. ער האָט געלעבט מיט אַן אומעטיק געבויגענעם קאָפּ, אָן אַ שמייכל, אָן פרייד. אויף איין טאָג איז ער עפּעס יאָ אויפגערודערט געוואָרן פון ווייטיק און רחמנות צום דערהרגעטן איוואַן אַלעקסעיעוויטשן, אָבער באַלד איז דאָס אויך איבערגעגאַנגען. דאָס איינציקע, וואָס אים איז געבליבן אין לעבן (אַזוי על כל פּנים האָט זיך אים געדאַכט) איז געווען — די נייע ליידנשאַפט צו אַקסיניען, וואָס האָט אויפגעפלאַקערט מיט אַ נישט געמינערטער קראַפט. בלויז זי אַליין האָט אים געלאָקט, ווי עס לאָקט אַמאָל אַ וואַנדערער אין אַ קאַלטער פינסטערער נאַכט אַ ווייט ציטערדיק פייערל פון אַ שייטער אין סטעפּ.

אויך אַצינד, זיך אומקערנדיק פון שטאַב, האָט ער זיך דערמאַנט אָן איר, אַ טראַכט געטון: „מיר וועלן גיין זיך דורכרייסן, און וואָס וועט זיין מיט איר? — און אָן וואַקלעניש און לאַנגע נאָכטראַכטעניש באַשלאָסן: — נאַטאַליאַ וועט בלייבן מיט די קינדער און מיט דער מאַמען, און אַקסיוטקען וועל איך מיטנעמען. איך וועל איר געבן אַ פערד, און זאָל זי מיטרייטן מיט מיין שטאַב".

ער האָט זיך אַריבערגעשיפט איבערן דאָן קיין באַזקי, אַריינגעגאַנגען אין זיין קוואַרטיר, אויסגעריסן אַ בלעטל פון נאָטיצביכל און אָנגעשריבן:

„קסיושאַ! מעגלעך, אַז אונז וועט אויסקומען אָפּצוטרעטן אויף דער לינקער זייט דאָן, — לאָז דעמאָלט איבער אַלץ און פאָר אַוועק קיין וויעשקי. דאָרט וועסטו מיך געפינען, דו וועסט זיין לעבן מיר".

דאָס בריוועלע האָט ער פאַרקלעבט מיט שיטערן קאַרשן־קליי, איבערגעגעבן עס פּראָכאָר זיקאָוון און, רויט־ווערנדיק, כמורעגנדיק זיך, באַהאַלטנדיק אונטער דער געמאַכטער שטרענגקייט זיין פאַרלעגנהייט פאַר פּראָכאָרן, האָט ער געזאָגט:

— וועסט אַוועקרייטן אין טאָטערישן כוטאָר, איבערגעבן

דאָסדאָזיקע בריוועלע דער אַסטאַכאָוואַ — אַקסיניען. אָבער אַזוי איבערגעבן, אַז... נו, קיינער, למשל, פון אונזערע זאָל נישט באַמערקן, פון מיין פאַמיליע. פאַרשטאַנען? בעסער טראָג אַריין און גיב עס איר אָפּ ביינאַכט. קיין ענטפער דאַרף מען נישט. און דערנאָך אָט־וואָס: איך גיב דיר צוויי מעת־לעת אורלויב. נו, פאָר!

פּראָכאָר איז אַוועקגעגאַנגען צום פערד, נאָר גריגאָרי האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און אים צוריקגערופן:

— גיי אַריין צו אונזערע און זאָג דער מאַמען אָדער נאַטאַליען, אַז זיי זאָלן באַצייטנס אַריבערפּראַוועון אויף דער צווייטער זייט די מלבושים און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. דאָס קאָרן זאָלן זיי פאַרגראָבן און די בהמות שווימענדיק אַריבערטרייבן איבערן דאָן.

LIX

דעם 22־סטן מאַי האָט זיך אָנגעהויבן דער ריקצוג פון די אויפשטענדערישע חיילות איבערן גאַנצן רעכטן ברעג. דאָס מיליטער האָט אָפּגעטרעטן מיט קאַמף, פאַרהאַלטנדיק זיך אויף יעדער גרענעץ. די באַפעלקערונג פון די כוטאָרן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שטח פון סטעפּ, האָט אין פּאַניק געשטראָמט צום דאָן. די אַלטע לייט און ווייבער האָבן איינגעשפּאַנט אַלע אָקסן און פערד, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין דער באַלעבאַטישקייט, אַרויפגעלייגט אויף די אַרבעס די קופערטס, די הויז־חפצים, דאָס קאָרן, די קינדערלעך. פון די טאַבונעס און סטאַדעס צונויפגענומען די קי און שעפּסן, געטריבן זיי אין דער זייט פון וועג. ריזיקע טאַבאָרן, גייענדיק פאָראויס דער אַרמיי, האָבן זיך געצויגן צו די כוטאָרן ביים דאָן.

די אינפאַנטעריע האָט אויפן באַפעל פון שטאַב אָנגעהויבן דעם ריקצוג מיט אַ טאָג פריער. די טאַטערישע פוסגייער און פּרעמדע ווישענסקער אָפּטיילונג זענען דעם 21־סטן מאַי אַרויסגעגאַנגען פון טשעבאָטאַרעווער כוטאָר פון דער אוסט־כאָפּערער

סטאַניצע, דורכגעמאַכט אַ מאַרש פון העכער פערציק וויאָרסט און געבליבן נעכטיקן אין ריבנער כוטאָר פון דער וויעשענסקער סטאַניצע.

דעם 22-סטן פאַרטאָג האָט אַ טריבע בלייכקייט פאַרצויגן דעם הימל, קיין איין וואָלקנדל איז נישט געווען צו זען אין זיין נעפּלהאַפטן חלל. בלויז אויף דרום, איבערן שטיקל ברעג, פונוואַנען מען שיפט זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט דאָן, האָט פאַר זון-אויפגאַנג זיך באַוויזן אַ קליין בלענדיק-ראָז וואָלקנדל. די זייט פון וואָלקנדל, וואָס איז געווענדט געווען צו מזרח, האָט ווי געטריפט מיט בלוט, אויסשטראַלנדיק אַ פּורפּורנע ליכטיקייט. די זון איז אויפגעגאַנגען פון הינטער די זאַמדיקע אינזלען ביים לינקן ברעג, וואָס זענען נאָך פייכט געווען פון טוי, און דאָס וואָלקנדל איז פאַרשוווּנדן, צעגאַנגען געוואָרן. אויף דער לאָנקע האָבן שאַרפער זיך צעשריגן די וואַכטלען, די שמאָל-פליגלדיקע פיש-פאַנגער האָבן ווי בלויע טיכלעך זיך אַראָפּגעלאָזט צום געפאַלבטן פלוס פון דאָן, זיך אונטערגעטונקט און צוריק אויפגעהויבן אינדערהייך מיט זילבערדיק-פינקלענדיקע פישלעך אין די שאַרפע שנאָבלען.

מיטאָג-צייט האָט זיך געשטעלט אַ היץ, ווי עס טרעפט גאָרנישט אין מאַי. עס האָט געדאַמפט, ווי פאַר אַ רעגן. נאָך פאַר זון-אויפגאַנג האָבן פון מזרח איבער דער רעכטער זייט דאָן זיך גענומען ציִען קיין וויעשענסק טאַבאָרן פון פליטים. איבערן העטמאַנישן שליאַך האָבן אָן אויפהער געגרילצט די רעדער פון די ברישקעס. דאָס הירזשען פון די פערד, דאָס ריטשען פון די אָקסן, דאָס גערעדעריי פון די מענטשן האָט זיך דערטראָגן פון באַרג אַראָפּ ביזן טאָל.

די וויעשענסקער פרעמדע אָפּטיילונג, וואָס האָט געציילט אַן ערך צווייהונדערט קעמפער, האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אין ריבנער כוטאָר. אַרום צען אַ זייגער איז דערהאַלטן געוואָרן אַ באַפעל פון וויעשענסק: די אָפּטיילונג זאָל אַריבערגיין אין כוטאָר באָלשאָי גראָמאָק, אויסשטעלן אויפן העטמאַנישן שליאַך און אויף די גאַסן וואַך-פּאָסטנס, פאַרהאַלטן אַלע קאָזאַקן פון מיליטערישן עלטער, וואָס וועלן פאָרן קיין וויעשענסק.

צו גראַמאַק האָט זיך צוגעקייקלט די כוואַליע וואָגנס פון די פליטים, וואָס זענען געפאָרן קיין וויעשענסק. פארשטויבטע, פון דער זון־פארברענטע ווייבער האָבן געטריבן בהמות, אין דער זייט פון וועג זענען געריטן רייטער. דאָס סקריפען פון די רעדער, דאָס פאָרסקען פון די פערד און שעפסן, דאָס ריטשען פון די קי, דאָס געוויינערײ פון די קינדער, דאָס קרעכצן פון די טיפוס־קראַנקע, וועלכע מען האָט אויך מיטגענומען, האָבן צעשטערט די רויקע שטילקייט פון כוטאָר, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין זיינע קערשן־סעדער. אַזוי אומגעוויינלעך איז געווען דער פארשידנאַרטיקער צונויפגעגאָסענער ליאַרם, אַז די הינט פון די כוטאָרן זענען פולשטענדיק הייזעריק געוואָרן פון בילן און האָבן זיך שוין נישט געוואָרפן, ווי פריער, אויף יעדן פוסגייער, נישט באַגלייט די פורן איבער די געסלעך, נאָר פון לאַנגווײַליקייט זיך צוגעטשעפעט צו זיי אויף אַ גוטער וויאָרסט.

פראָכאָר זיקאָוו האָט צוויי מעת־לעת פארברענגט אינדערהיים, איבערגעגעבן גריגאָריעס בריוועלע אַקסיניען, דעם מינדלעכן באַפעל איליניטשנען מיט נאַטאַליען און דעם 24־סטן אַרויסגעפאָרן קיין וויעשענסק.

ער האָט אויסגערעכנט צו טרעפן זיין סאָטניע אין באַזקי, נאָר דאָס האַרמאַטן־שיסערײ, וואָס האָט טויב זיך דערטראָגן צו דער געגנט פון דאָן, האָט נאָך אָפּגעקלונגען ווי ערגעץ ביים טשיר. פראָכאָרן האָט עפּעס נישט געצויגן צו פאָרן אַהין, ווו עס איז פאָרגעקומען די שלאַכט, און ער האָט באַשלאָסן צוצופאָרן קיין באַזקי, דאָרט צוזוואַרטן ביז גריגאָרי מיט זיין ערשטער דיוויזיע וועלן אָנקומען צום דאָן.

דעם גאַנצן וועג ביז גראַמאַק איז פראָכאָר כסדר איבערגעיאָגט געוואָרן דורך די פורן פון פליטים. ער איז געפאָרן נישט געאײַלט, כמעט דעם גאַנצן וועג טריט־בײ־טריט. ער האָט נישט געהאַט וווהין זיך צו אײַלן. אין רובעזשין איז ער צוגעשטאַנען צום שטאַב פון נישט־לאַנג פאָרמירטן אוסט־כאָפּערער פּולק.

דער שטאַב האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אַ לאַנגן וואָגן

מיט רעסאָרן און צוויי ברישקעס. די שטאַב־לייט האָבן געהאַט אָנגעבונדן פונהינטן זעקס געזאָטלטע פערד. אויף איינער פון די ברישקעס האָט מען געפירט עפּעס פאַפּירן און טעלעפאָן־אַפּאַראַטן און אויפן וואָגן — אַ פאַרוואונדעטן באַיאָרטן קאָזאַק און נאָך איינעם, אַ שרעקלעך אָפּגעמאַגערטן, מיט אַ געהאָרבעטער נאָז, וועלכער האָט נישט אויפגעהויבן פון געזעס־קישן דעם קאָפּ, וואָס איז אָנגעטון געווען אין אַ גרויער קאַראַקולענער אָפיציר־שער פּאַפּאַכע. ער איז, משמעות, גאָר־וואָס איבערגעקומען אַ טיפוס. ער איז געלעגן אין שינעל, פאַרקנעפּלט ביז דער גאָמבע. אויף זיין בולטן בלייכן שטערן, אויף דער דינער, בייניקער, פאַרשוויצטער נאָז האָט זיך אָפּגעזעצט שטויב. נאָר ער האָט די גאַנצע צייט געבעטן מען זאָל אים אַרומדעקן די פיס מיט עפּעס אַ וואַרעמער זאַך און, ווישנדיק זיך דעם שוויס פון שטערן מיט דער דאַרער אָדערדיקער האַנט, האָט ער כסדר געזידלט:

— אויסוואורפן! נבלות! אונטער די פיס בלאָזט מיר, איר הערט? פּאָליקאַרפּ, דו הערסט? דעקט מיך אַרום! איך בין געזונט געווען — בין איך נייטיק געווען, אַצינד... — ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן מיט זיין שטרענגן בליק, ווי ביי אַלע, וואָס קומען דורך אַ שווערע קראַנקהייט.

דער, וועלכן ער האָט אָנגערופן פּאָליקאַרפּ — אַ הויכער, פלינקער אַלטגלויביקער, איז אין רייטן אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און צוגעגאַנגען צום וואָגן.

— איר קאָנט זיך אַזוי אַרום נאָך שטאַרקער פאַרקילן, סאַמאָילאָ איוואַנאָוויטש.

— דעק אַרום, זאָגט מען דיר!

פּאָליקאַרפּ האָט געהאָרכזאַם אויסגעפירט דעם באַפעל און אוועקגעגאַנגען.

— ווער איז ער דאָס אַזעלכער? — האָט אים געפרעגט פּראָכאָר, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויפן קראַנקן.

— אַן אוסט־מיעדוויעדיצער אָפיציר. ער האָט געדינט ביי אונדז אין שטאַב.

מיטן שטאַב זענען אויך געפֿאָרן פּליטים פֿון אוסט-כאָפּערער, טיוקאָווער, באָבראָווער, קרוטאָווער, זימאָווער כוטאָר און אַנדערע כוטאָרן.

— נו, און וווּהין טראָגט דער טײַוול? — האָט פּראָכאָר געפֿרעגט אײנעם אַ אַלטן פֿון די פּליטים, וואָס האָט זיך ארויסגעכאַפּט אויף אַ וואָגן, הויך-אָנגעלאָדנט מיט פֿאַרשידענע הויז-חפֿצים.

— מיר ווילן קײן וויעשקי דורכפֿאָרן.

— מען האָט געשיקט נאָך אײך, איר זאָלט קײן וויעשקי פֿאָרן?

— געשיקט, ליבינקער, האָט מען נישט, נאָר וועמען איז דאָס ניחא דער טויט? נישקשה, מען פֿאָרט שוין, ווען מען זעט די שרעק פֿאַר די אויגן.

— צוליב דעם פֿרעג איך דאָך טאַקע, צוואָס איר שלעפּט זיך קײן וויעשקי? איר וואָלט אין יעלאַן אויף דער צווייטער זײַט זיך אַריבערגעשיפּט — און פּטור.

— אויף וואָס? דאָרט, האָט דער עולם געשמועסט, איז קײן פֿאַראָם נישטאָ.

— און אין וויעשקי וועט מען דעם פֿאַראָם פֿאַר דײַן אַלטוואַרג אָוועקגעבן? דאָס מיליטער אויפֿן ברעג איבערלאָזן און אײך מיט די אַרבעס אָנהײבן אַריבערשיפֿן? איר, זיידעשי, זענט שוין אײנמאָל נאַרישע מענטשן! פֿאָרן, דער טײַוול ווייסט וווּהין און נאָכוואָס. נו, וואָס האָסטו עס אויף דער אַרבע אַרויפֿגעפּאַקט? — האָט פּראָכאָר מיט פֿאַרדרוס געפֿרעגט, זיך אויסגלײַכנדיק מיט דער אַרבע, אָנווײַזנדיק אויף די פּעק מיטן ראַפּניק.

— וואָס דאָ געפֿינט זיך אַלץ! אי מלבושים, אי כאָמוטן, אי קאָרן און פֿאַרשידענע אַנדערע זאַכן, וואָס זענען נײטיק אין דער באַלעבאַטישקייט... איבערלאָזן האָט מען נישט געקאָנט, מען וואָלט צו אַ ליידיקער כאַטע צוריקגעקומען. האָב איך געשפּאַנט אַ פּאָר פֿערד מיט דרײַ פּאָר אָקסן, אַלץ אַרויפֿגעלייגט, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען, די ווײַבער אויפֿגעזעצט און אָוועקגעפֿאָרן. אַלץ, ליבינקער, איז דאָך דערוואָרבן געוואָרן דורך שווערער מי, דורך

טרערן און שווייס, — האָט נישט געזאָלט אַ שאָד זיין עפּעס אי־בערצוּלאָזן? ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אויך די כאַטע מיטגענומען, זי זאָל פאַר די רויטע נישט בלייבן, אַ כאָליערע זיי אין די זייטן אַריין!

— נו, און נאָך וואָס, אַ שטייגער, פירסטו מיט די זיפּ מיט דיר? אָדער די בענקלעך — וואָס שלעפּסטו מיט? די רויטע דאַרפן זיי נישט אינגאַנצן.

— מען האָט דאָך זיי נישט געקאָנט איבערלאָזן! עך, שוטה דו... גיי לאָז איבער, וועלן זיי אָדער צעברעכן, אָדער פאַרברע־נען. ניין, ביי מיר וועלן זיי גאָרנישט דערלעבן. אַ מכה זיי אין האַרץ אַריין! אַלץ האָב איך פאַרנומען!

דער אַלטער האָט אַ פאָכע געטון מיט דער בייטש אויף די זאַטע אָקסן, וואָס האָבן פויל באַוועגט מיט די פיס, זיך אויסגע־דרייט און, אָנווייזנדיק מיט דער בייטש אויפן דריטן וואָגן מיט די אָקסן פון הינטן, האָט ער געזאָגט:

— אָט דאָס מיידל מיטן טיכל אויפן קאָפּ, וואָס טרייבט אָן די אָקסן, איז מיין טאָכטער. ביי איר אויף דער אַרבע געפינט זיך אַ מאַטשאָרע מיט חזירימלעך. זי איז געווען אויף דער צייט. מיר האָבן איר, אפנים, אַ קוועטש געטון, ווען מיר האָבן זי גע־בונדן און אויף דער אַרבע אַרויפגעלייגט. האָט זי גענומען און געהאַט די חזירימלעך ביינאַכט, פּשוט אויף דער אַרבע. הערסט, ווי די חזירימלעך קוויטשען? ניין, פון מיר וועלן די רויטע ווי־ניק געניסן, אַ נכפה אויף זיי!

— זאָלסט מיר, זיידע, נישט קומען פאַר די אויגן ביים פּאַ־ראָם, — האָט פּראָכאָר געזאָגט, ביין אָנשטעלנדיק דעם בליק אויפן פאַרשוויצטן ברייטן פּרצוף פון אַלטן. — זאָלסט מיר פאַר די אויגן נישט קומען, — אַז נישט וועט דיין מאַטשאָרע מיט די חזירימלעך און אַלעם איבעריקן אין דאָן אַריין פליען!

— פאַרוואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט דער אַלטער שטאַרק זיך געוווּנדערט.

— דערפאַר, וואָס מענטשן קומען אום, פאַרלירן אַלץ, און

ד׳, אַלטער טייוול, שלעפּסט אַלץ ווי אַ שפּין מיט זיך! — האָט דער געוויינלעך־רויִקער און שטילער פּראָכאָר זיך צעשריגן. — איך האָב אַזעלכע דרעק־פּרעסערס פּיינט ווי דעם טויט! זיי זענען מיר — אַ מעסער אין האַרץ!

— פאָר דורך! פאָר דורך! — האָט דער אַלטער בייז זיך צעשריגן, סאַפּענדיק, זיך אַוועקדרייענדיק. — נאַדיר אַן אַנפּירער, פרעמד האָב־און־גוטס וואָלט ער אין דאָן אַריין געוואָרפן... איך רעד מיט אים, ווי מיט אַ גוטן מענטש... איך האָב אַליין אַ זון אַ וואַכמייסטער, וואָס פאַרהאַלט אַצינד מיט אַ סאָטניע די רויטע... פאָר דורך, בעט איך דיך! פרעמד גוטס איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין! וואָלסט אייגנס דערוואָרבן, וואָלטן דיר די אויגן אויף יענעמס נישט אַרויסגעקראָכן!

פּראָכאָר איז שנעל אַוועקגעריטן. הינטער אים האָט שאַרף זיך צעקוויטשעט אַ חזירל, די מאַטשאָרע האָט אומרויִק זיך צעקרעכצט. דאָס קוויטשען פון חזירל האָט ווי אַן אָל זיך אַריינגעשטאָכן אין די אויערן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ טייוול? פונוואַנען קומט דאָ אַהער אַ חזירל? פאַליקאַרפּ!... — האָט זיך צעשריגן דער אָפיציר, וואָס איז געלעגן אויפן וואָגן, קרענקלעך זיך פאַרקרימט און שיִער נישט אַרויסגעוויינט.

— דאָס איז אַ חזירל אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַרבע און אַ ראָד איז עס איבער אַ פיסל אַריבער, — האָט פּראָכאָר געענטפערט צוּ־רייטנדיק.

— זאָג זיי... רייט צו, זאָג דעם באַלעבאָס פון חזירל, ער זאָל עס איינשניידן. זאָג, אַז דאָ געפינען זיך קראַנקע... עס איז אַזוי אויך שווער, און דאָ נאַדיר נאָך דאָס קוויטשען. שנעלער! רייט צו!

פּראָכאָר, זיך אויסגלייכנדיק מיטן וואָגן, האָט געזען, ווי דאָס אָפיצירל מיט דער געהאָרבעטער נאָז קרימט זיך, ווי ער הערט זיך איין מיט אַ שטאַרן בליק אין קוויטשען פון חזירל, ווי

ער באַמיט זיך בחינם צו פאַרשטעלן די אויערן מיט זיין גרויער קאַראַקולענער פאַפּאַכע... פאָליקאַרפּ איז צוגעריטן.

— ער וויל עס נישט איינשניידן, סאַמאָילאָ איוואַניטש. ער זאָגט, עס וועט זיך איינשטילן, און אויב נישט — וועט ער עס פאַרנאַכט איינשניידן.

דער אָפיציר איז בלייך געוואָרן, מיט אָנשטרענגונג זיך אונטערגעהויבן, אַוועקגעזעצט אויפן וואָגן, אַראָפּהענגענדיק די פיס.

— ווו איז מיין בראַונינג? פאַרהאַלט די פערד! ווו איז דער באַלעבאָס פון חזירל? איך וועל אים באַלד וויזן... אויף וועלכן וואָגן?

דעם באַלעבאַטישן אַלטן האָט מען דאָך געניט איינצושניידן דאָס חזירל.

פראָכאָר איז, שמייכלענדיק, אַוועקגעריטן שנעלער, איבעריאָגנדיק דעם צוג פון די אויסט-כאָפּערער פורן. פאָראויס, אויף אַ מהלך פון אַ וויאָרסט, זענען אויפן וועג געפאָרן נייע פורן און רייטער. פורן איז געווען נישט ווייניקער ווי צוויי הונדערט, רייטער, וואָס זענען געריטן צעוואָרפן — אַ מאַן פערציק. „עס וועט דאָרט זיין עק וועלט ביים פאָראָם", — האָט פראָכאָר אַ טראַכט געטון.

ער האָט דעריאָגט די פורן. קעגן אים, פון אָנהייב טאַבאָר, איז אויף אַ פרעכטיק טונקל-קאַשטענעוואַטע פערד אין גאַלאָפּ געריטן אַ פרוי. זיך אויסגלייכנדיק מיט פראָכאָרן, האָט זי פאַרצויגן די לייצן. דאָס פערד אונטער איר איז געווען אָנגעזאָטלט מיט אַ רייך זאָטל, די רימענס אויף דער ברוסט און דאָס ציימל האָבן געפינקלט מיט זילבער, אַפילו די פליגל פון זאָטל זענען גאָרנישט געווען אָפּגעריבן און דער גורט און דאָס קישן האָבן געהאַט דעם גלאַנץ פון דער בעסטער לעדער. די פרוי איז געשיקט און פלינק געזעסן אין זאָטל, אין דער שטאַרקער ברוינער האַנט פעסט געהאַלטן די פינקטלעך-צענומענע לייצן. נאָר דאָס געוואוקסיקע מיליטערישע פערד האָט, אפנים, זיך באַצויגן מיט ביטול צו זיין באַלעבאָסטע: אויסגלאָצנדיק דעם מיט בלוט-אָנגעגאָסענעם אַפּל פון

אויג, האָט עס אויסגעבויגן דעם האַלז, און אַנטבלויזנדיק די געלע צײַן־פּלאָמבן, זיך באַמיט אָנצוכאַפּן די פּרוי בײַ דער קיילעכיקער קני, וואָס האָט זיך איר אַפּערגערוקט פֿון אונטערן קלייד.

די פּרוי איז געווען אַרומגעהילט ביז די אויגן מיט אַ פּריש־געוואַשן קאָפּ־טיכל, וואָס איז נאָך בלוי געווען פֿון דער וועש. אָוועקמאַכנדיק עס פֿון די ליפּן, האָט זי געפֿרעגט:

— דו האָסט נישט געמיטן, פּעטערל, קיין וואָגנס מיט פֿאַר־וווּנדעטע?

— איך האָב געמיטן אַ סך וואָגנס. וואָס איז דען?

— אַט אַן אומגליק, — האָט די פּרוי זיך ברייט צערעדט, — כ'קאָן דעם מאַן נישט געפֿינען. ער פֿאָרט פֿון אויסט־כאַפּער מיטן לאַזאַרעט. ער איז פֿאַרוווּנדעט געווען אין אַ פֿוס. אַצינד זאָל די ווונד זיך שוין האָבן פֿאַרהיילט, און ער האָט מיר באַפֿוילן דורך די כוטאָר־לײַט, איך זאָל אים ברענגען דאָס פֿערד. דאָס איז זײַן פֿערד, — די פּרוי האָט אַ שמיץ געטון איבערן פֿערדס האַלז, וואָס איז באַדעקט געווען מיט טראָפּעלעך שווייס, — האָב איך אָנגע־זאָטלט דאָס פֿערד, אָוועקגעריטן קיין אויסט־כאַפּער און דעם לאַזאַ־רעט שוין דאָרט נישט געטראָפֿן, ער איז אָוועקגעפֿאָרן. און אַט ווי־פֿיל איך האָב מיך נישט אַרומגעשלעפּט, קאָן איך אים אַלץ נישט געפֿינען.

זיך קווייקנדיק מיטן קײַלעכיקן שײַנעם פּנים פֿון דער קאָזאַטש־קע, מיט פֿאַרגעניגן זיך אײַנהערנדיק אין ווייכן טעמבר פֿון איר נידעריקן קאָנטר־אַלט, האָט פּראָכאָר אַ קוואַקע געטון:

— עך, מאַמעשי! צו וועלכן טײַוול דאַרפֿסטו זוכן דעם מאַן! זאָל ער זיך דאָרט פֿאָרן מיטן לאַזאַרעט — און דיך — אַזאַ שיינ־הייט, דערצו נאָך מיט אַזאַ פֿערד אין גדן — וועט יעדער ער־שטער פֿאַר אַ ווײַב נעמען! איך אַליין וואָלט ריזיקירט.

די פּרוי האָט אומגערן אַ שמייכל געטון, — זיך אָנבייגנ־דיק מיט דער פֿולער פֿיגור, האָט זי אַראָפּגעצויגן דאָס קלייד אי־בער די נאַקעטע קני.

— דו זאָגסט אַן חכמות, האָסט נישט געזען דעם לאַזאַרעט?

— אָט אין דעם צוג זענען דאָ אי קראַנקע, אי פאַרוווּנדעטע, — האָט פראָכאָר געענטפערט מיט אַ זיפץ.

די פרוי האָט אַ פאָכע געטון מיטן ראַפניק, איר פערד האָט זיך פלינק אויסגעדרייט בלויז אויף די הינטערשטע פיס, ווייס אַ פינקל געטון מיט דער געדיכטער שוים צווישן די פיס, שנעל זיך אַוועקגעלאָזט, ענדערנדיק דעם טריט און איבערגייענדיק אין גאַלאָפּ.

די וואָגנס האָבן זיך גערוקט פּאַמעלעך. די אָקסן האָבן פויל געפאָכעט מיט די ווינדלען, אָפּיאָגנדיק די הודזשענדיקע פליגן. עס איז געשטאַנען אַזאַ היץ, אַזוי ענג און געפרעסט איז געווען די לופט, ווי פאַר אַ שטורעם, אַז אין דער זייט פון וועג האָבן די יונגע בלעטלעך פון די נישט הויכע זון-רויזן זיך איינגעשרומפן און פאַרוועלקט געוואָרן.

פראָכאָר איז ווידער געפאָרן צוזאַמען מיטן טאַבאָר. אים האָט איבערראַשט די גרויסע צאָל יונגע קאָזאַקן. זיי האָבן אָדער פאַרלוירן זייערע סאָטניעס, אָדער פשוט דעזערטירט, צוגעשטאַנען צו זייערע פאַמיליעס, צוזאַמען מיט זיי געפאָרן זיך אַריבערשיפן. טייל, אָנבינדנדיק די מיליטערישע פערד אָן די וואָגנס, זענען געלעגן אויף די אַרבעס, זיך דורכגעשמועסט מיט די ווייבער, געניאַנטשעט די קינדער, אַנדערע זענען געפאָרן רייטנדיק, נישט אויסטוענדיק נישט די ביקסן, נישט די שווערדן. „זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע אָפּטיילונגען און אַנטלויפן" — האָט פראָכאָר באַשלאָסן, קוקנדיק אויף די קאָזאַקן.

עס האָט געשמעקט מיטן שווייס פון די פערד און אָקסן, מיטן אָנגעוואַרעמטן האָלץ פון די בריטשקעס, מיט די היימישע כּלים, מיטן פעך פון די רעדער. די אָקסן זענען געגאַנגען מרה-שחורהדיק, שווער באַוועגנדיק מיט די זייטן. פון זייערע אַרויסגערוקטע צונגען זענען ביזן שטויב אויפן וועג אַראָפּגעהאָנגען פאַרביקע פעדעם גאַווער. דער טאַבאָר האָט זיך באַוועגט מיט דער שנעלקייט פון פיר, פינף וויאָרסט אין אַ שעה. די וואָגנס, געשפּאַנט מיט פערד, האָבן נישט איבערגעיאָגט די אָקסן. ווי נאָר אָבער ס'האָט ערגעץ ווייט אויף דרום ווייך אָפּגעקלונגען דער ערשטער

שאָס פון אַ האַרמאַט, איז אַלץ געקומען אין באַוועגונג: צעמישנדיק דעם סדר, זײַנען פון דער לאַנגער קײט וואָגנס אַראָפּגעפּאָרן אין די זײַטן עטלעכע, וואָס זײַנען געשפּאַנט געווען מיט טאָפּלטע אָדער אײנציקע פערד. די פערד האָבן אָנגעהויבן גײן שנעלער, עס האָבן געקנאַלט די בײַטשן, עס האָט זיך געהערט אַ פאַרשידנאַרטיק אָנטרײַבן: „נאָ, גײ!!" „נאָ־אָ־אָ, טײַוואָלאַנישע זין!" „ריר דיך!" איבער די רוקנס פון די אָקסן האָט הילכיק אָפּגעקלונגען דאָס שמײַסן פון די בײַטשן און ראַפּניקעס, הײטער האָבן גענומען גריִלצן די רעדער. פון שרעק האָט אַלץ פאַרגיכערט די באַוועגונג. אין שווערע גרויע קנוילן האָט זיך אויפגעהויבן פון וועג דער הײסער שטויב און גענומען שווימען צוריק, זיך אָפּזעצנדיק אויף די שטענגלעך פון די זאַנגען און אַנדערע געוויקסן.

פראָכאָרס קלײנע פערדל האָט גײענדיק זיך געצויגן צום גראָז, אָפּרײַסנדיק מיט די ליפּן דאָ אַ האָניק־בלימל, דאָ אַ געל בעזעמל ווילד־קרויט, דאָ אַ צווײַגל גאָרטשיצע; אָפּגעריסן און געקײעט, האָט עס באַוועגנדיק מיט די אָנגעשפּיצטע אויערן, באַמיִענדיק זיך אַרויסצוואַרפן מיט דער צונג די קלינגענדיקע צוים, וואָס האָט געריבן די יאַסלעס. אָבער נאָכן האַרמאַטן־שאָס האָט פראָכאָר עס אַ שטויס געטון מיט די קנאַפּלעס, און ווי פאַרשטײענדיק, אַז אַצינד איז נישט קײן צײַט זיך צו פּאַשען, האָט דאָס פערדל געגרן מיט אַ וויגנדיקן טריט אָנגעהויבן גײן שנעלער.

דאָס האַרמאַטן־שיסערײַ איז זיך צעוואַקסן. די זיך קײַקלענדיקע ווײכע קלאַנגען פון די שאָסן האָבן זיך צונויפגעגאָסן, אין דער שטיקנדיקער לופט איז געשטאַנען אַ צעוויגטער עכאָ פון אַ ווײַט דונערן.

— האַר יעזוס! — האָט אַ יונגע פרוי זיך געצלמט אויף אַן אַרבע, אַרויסרײַסנדיק פון קינדס מײַלעכל די ברוינלעך־ראָזע וואָרצל, וואָס האָט געגלאַנצט מיט מילך, צערײַנשטופּנדיק אין העמד די מיט מילך אָנגעקוואָלענע געלבלעכע ברוסט.

— אונזערע שיסן אַזוי אָדער עמעצער אַנדערש? הע, מי־

ליטערמאַן! — האָט אַ געשריי געטון צו פּראָכאָרן און אַלטער, וואָס האָט געשפּריצט לעבן זיינע אָקסן.

— די רויטע, זיידע! אונזערע האָבן נישט קיין גראַנאַטן.

— נו, זאָל זיי די הימלישע קעניגין מציל זיין.

דער אַלטער האָט אַרויסגעלאָזט פון די הענט דעם שטריק, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט די אָקסן, אַראָפּגענומען דאָס אַלטע קאָזאַקישע היטל גייענדיק זיך געצלמט, אויסגעדרייט מיטן פּנים צו מזרח.

פון הינטערן וואַל, וואָס איז באַוואַקסן געווען מיט שפּעטער קוקורוזע, האָט אויף דרום זיך באַוויזן אַ שיטערער שוואַרצער וואָלקן, ער האָט פאַרנומען אַ האַלבן האָריזאָנט, מיט אַ נעפּל פאַרצויגן דעם הימל.

— אַ גרויסע שׂרפה, זעט נאָר! — האָט עמעצער אויסגעשריגן פון אַ וואָגן.

— וואָס קאָן דאָס זיין?

— ווו ברענט? — האָבן זיך דערהערט קולות, וואָס האָבן איבערגעשריגן דאָס גרילצן פון די רעדער.

— ביים טשיר.

— די רויטע פאַרברענען די כוטאָרן ביים טשיר!

— אַ טרוקעניש, אַז גאָט זאָל מציל זיין...

— זע, וואָס פאַר אַ שוואַרצער וואָלקן עס האָט זיך פאַרנומען!

— דאָס ברענט מסתמא נישט איין כוטאָר!

— פון קאַרגין ביז אַראָפּ צום טשיר ברענט, דאָרט קומט דאָך אָצינד פאַר אַ שלאַכט.

— און אפשר ביים שוואַרצן טייכל? טרייבט אונטער, איוואַן!

— אָך, עס ברענט שוין איינמאָל!...

דער שוואַרצער נעפּל האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער ברייט, פאַרנומען אַלץ אַ גרעסערן שטח. אַלץ העכער איז געוואָרן דאָס רעווען פון די האַרמאַטן. און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דאָס דרום-ווינטל אויפן הטמאַנישן שליאַך צוגעבראַנגט דעם ביטערלעכן ריח פון דער שׂרפה, וואָס האָט אויף פינפאונדרייסיק וויאָרסט פון שליאַך געבושעוועט אין די כוטאָרן ביים טשיר.

LX

דער וועג איבער באַלשאָי גראָמאַק האָט אויף איין אָרט זיך געצויגן פאַרביי אַ פאַרצוימונג, וואָס איז געמאַכט געווען פון גרויע שטיין־פליטעס, דערנאָך זיך פאַרקירעוועט צום דאָן און אַראָפּגענידערט צו אַ נישט טיפן טרוקענעם ראָוו, איבער וועלכן ס'איז אַריבערגעוואָרפן געווען אַ הילצערנע בריק.

אין טרוקן וועטער האָט די דנאָ פון דעם ראָוו געלויכטן מיט זאַמד, מיט קאָלירטע קיזל־שטיינדלעך, און נאָך אַ זומערדיקן גאָס־רעגן האָבן פון באַרג צום ראָוו האַסטיק אַראָפּגעשטראָמט טריבע רעגן־שטראָמען, זיך צונויפגעגאָסן, אַראָפּגעפאַלן איבער דער שיפּוע, אונטערשווענקענדיק און מיטקייקלענדיק שטיינער, זיך אַוועקטראָגנדיק מיט גערויש צום דאָן.

אין אַזעלכע טעג איז די בריק פאַרטרונקען געוואָרן, אָבער נישט אויף לאַנג; אין אַ שעה צוויי אַרום זענען די צעבושעוועטע וואַסערן, וואָס האָבן ערשט חרוב געמאַכט גערטענער און אויסגעריסן פלויטן צוזאַמען מיט די סלופּעס, אָפּגעפאַלן, און אויפן אַנטבלויזטן גרונט פון ראָוו האָבן פריש געלויכטן די אָפּגעוואַשענע קיזלשטיינדלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט קרייד און פייכטקייט, און אין די זייטן האָט מיט אַ ברוינעם גלאַנץ געבלישטשעט דער אָנגעטראָגענער שלאַם.

לענגאויס דעם ראָוו זענען געדיכט געוואַקסן טאָפּאָלן און ווערבעס. אין זייער שאָטן האָט זומער זיך אויפגעהאַלטן אַ קילקייט אפילו אין די הייסטע שעהן פון טאָג.

זיך קוויקנדיק מיט דער קילקייט, האָט ביי דער בריק זיך אָפּגעשטעלט אַ וואַך־פּאָסטן פון דער וויעשענסקער פרעמדער אָפּטיילונג. דער וואַך־פּאָסטן איז באַשטאַנען פון עלף מאַן. כל־זמן די פורן פון די פליטים האָבן זיך נישט געוויזן אין כוטאָר, זענען די וואַך־לייט געלעגן אונטער דער בריק, געשפּילט אין קאָרטן, גערייכערט, טייל האָבן זיך אויסגעטון נאַקעט און אויסגערייניקט די

נענט פֿון די העמדער און הויזן פֿון די אומזעטיקע זעלנערישע לייז, צוויי האָבן זיך אָפּגעבעטן בײַם אונטעראָפֿיציר און אוועקגעגאַנגען זיך באָדן צום דאָן.

אָבער דער אָפּרו האָט געדויערט נישט לאַנג. בֿאַלד האָבן צו דער בריק אָנגעהויבן אָנקומען וואָגנס. זיי האָבן זיך באַוועגט אין אַ ברייטן שטראָם, און גלייך איז אין דרימלדיק־שאָטנדיקן געסל געוואָרן טומלדיק און ענג, ווי צוזאַמען מיט די פֿורן וואָלט פֿון די דאָנער בערג אין כוטאָר אַראָפּגעפֿאַלן אַ שאַרפֿע דורשנעקייט פֿון סטעפּ.

דער אָנפֿירער פֿון וואַך־פּאָסטן, דער קאָמאַנדיר פֿון דער דריטער גרופּע פֿון דער אָפּטיילונג — אַ הויכער, דאַרער אונטעראָפֿיציר מיט אַן אונטערגעשוירן גרוילעך בערדל און גרויסע אָפּשטאַרנדיקע אויערן, ווי בײַ אַ ייִנגל, — איז געשטאַנען בײַ דער בריק מיט דער האַנט אויף דער אָפּגעריבענער שייד פֿון רעוואָלווער. ער האָט אַן שטערונג דורכגעלאָזט אַ צוויי צענטליק פֿורן, נאָר באַמערקנדיק אויף איינער פֿון די אַרבעס אַ יונגן קאָזאַק פֿון אַ יאָר פֿינפֿאונצוואָנציק, האָט ער קורץ באַפֿוילן:

— שטיי!

דער קאָזאַק האָט פֿאַרצויגן די לייצן, זיך אָנגעכמורעט.

— פֿון וועלכער אָפּטיילונג? — האָט דער אונטעראָפֿיציר שטרענג געפֿרעגט, נאָענט צוגייענדיק צו דער אַרבע.

— וואָס גייט עס אייך אָן?

— פֿון וועלכער אָפּטיילונג, פֿרעג איך? נו?

— פֿון דער רובעזשינער סאָטניע. און ווער זענט איר דאָס אַזעלכער?

— קריך אַראָפּ!

— און ווער זענט איר אַזעלכער?

— קריך אַראָפּ, זאָגט מען דיר!

די קייַלעכיקע מושלעס פֿון אונטעראָפֿיצירס אויערן האָבן רויט אויפֿגעפֿלאַמט. ער האָט אויפֿגעקנעפּלט די שייד, אַרויסגענומען און איבערגעלייגט אין דער לינקער האַנט אַריין

דעם רעוואָלווער. דער קאָזאַק האָט איבערגעגעבן די לייצן דעם ווייב, אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אַרבע.

— פאַרוואָס ביסטו נישט אין דער אָפּטיילונג, וווהין פאַר־סטו? — האָט דער אונטעראָפיציר אים געפרעגט.

— איך בין קראַנק געווען. איך פאָר אַצינד קיין באָזקי... מיט דער פאַמיליע אונזערער פאָר איך.

— אַ דאָקומענט וועגן דער קראַנקהייט האָסטו?

— פונוואַנען קאָן איך האָבן? עס איז נישט געווען קיין פעלדשער אין דער סאָטניע...

— אַ, נישט געווען?... נו, קאַרפּענקאָ, פיר אים אַוועק אין דער שולע אַריין!

— ווער־זשע זענט איר אַזעלכע?

— דאָרטן וועלן מיר דיר שוין ווייזן, ווער מיר זענען אַזעלכע!

— איך דאַרף מיך צושטעלן אין מיין אָפּטיילונג אַריין! האָסט נישט קיין רעכט מיך צו פאַרהאַלטן!

— מ י ר וועלן דיך שוין צושטעלן! דאָס געווער האָסטו?

— בלויז די ביקס.

— נעם זי, און שנעלער ריר דיך, וואָרים איך וועל דיר באַלד פאַרפאָרן! אַזאַ יונגער, הונטישער זון, און קריכסט דעם ווייב אונטערן פאַרטוך, באַהאַלטסט דיך! וואָס־זשע, מ י ר דאַרפן דיך באַ־שיצן? — און ער האָט מיט פאַראַכטונג אים נאָכגעשריגן: — ששש־לאַ־אַ־אַנג!

דער קאָזאַק האָט אָפּגענומען די ביקס, אָנגענומען דאָס ווייב ביי דער האַנט, געקושט זיך מיט איר פאַר מענטשן האָט ער נישט, בלויז געהאַלטן דעם ווייבס שאַרסטקע האַנט אין זיינער אַ מינוט, עפּעס אַ שעפּטשע געטון און נאָכגעגאַנגען דעם וואַך־מאַן צו דער שול פון כוטאָר.

די וואָגנס, וואָס זענען זיך צונויפגעפאָרן אין געסל, זענען מיט גערויש אַוועק צו דער בריק.

דער וואַך־פּאָסטן האָט אין משך פון אַ שעה פאַרהאַלטן אַ מאַן פּופציק דעזערטירן. טייל פון זיי האָבן ביים פאַרהאַלטן גע־

שטעלט אַ ווידערשטאַנד, באַזונדערס — איין נישט יונג, לויטן אויסזען, בראָוו קאָזאַקל, מיט לאַנגע וואָנסעס פון ניזשניע־קריוּוער כוטאָר פון דער יעלאַנער סטאַניצע. אויפן באַפעל פון אָנפירער פון וואַך־פּאָסטן אַראָפּצוגיין פון דער ברישקע, האָט ער אַ שמיץ געטון די פערד מיט דער בייטש. צוויי פון די וואַך־לייט האָבן אָנגעכאַפּט די פערד ביי די צוימען, זיי אָפּגעשטעלט ערשט אויף דער צווייטער זייט בריק. דעמאָלט האָט דאָס קאָזאַקל נישט לאַנג געטראַכט, אַפּער־געכאַפּט פון אונטער דער פאָלע אַן אַמעריקאַנער ווינטשעסטער, אים פאַרוואָרפן צום אַקסל.

— לאָז דורך !... איך וועל דערהרגענען, נבלה !

— קריך אַראָפּ, קריך אַראָפּ ! מיר האָבן אַ באַפעל צו שיסן, ווער עס וועט זיך נישט אונטערגעבן. מיר וועלן ד י ך גיכער נע־מען אויפן ציל !

— פויערררן !... נעכטן זענט איר ערשט רויטע געווען, און היינט קאָמאַנדעוועט איר שוין מיט קאָזאַקן ?... פעל פאַר־עיפּושטע !... טרעט אָפּ, וואָרים איך וועל אויסשיסן !...

איינער פון די וואַך־לייט אין נייאינקע ווינטערדיקע וויק־לערס איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פעדערשטן ראָד פון דער בריטש־קע און נאָך אַ קורצן געראַנגל אויסגעריסן דעם ווינטשעסטער פון קאָזאַקס הענט. יענער האָט ווי אַ קאַץ זיך אויסגעבויגן, אַ פאָר געטון מיט דער האַנט אונטער דער פלאַכטע, אַרויסגעכאַפּט אַ שווערד פון אַ שייד ; שטייענדיק אויף די קניען, האָט ער זיך אַ שטרעק געטון איבער זיין געפאַרבט וויגל און שיער־שיער נישט דערגרייכט מיטן שפּיץ פון דער קלינג דעם קאָפּ פון וואַך־מאַן, וואָס איז באַצייטנס אָפּגעשפּרונגען.

— טימאָשאַ, הער אויף ! טימאָניושקאַ ! אַך, טימאָשאַ !... מען דאַרף נישט !... לאָז דיך נישט אַריין מיט זיי !... זיי וועלן דיך דערהרגענען !... — האָט דאָס מיאוסע, דאַרע ווייבעלע פון צעבושעוועטן קאָזאַק געוויינט, זיך ברעכנדיק די הענט.

אָבער ער, זיך אויפשטעלנדיק אין דער ברישקע אין זיין גאַנצער גרייס, האָט נאָך לאַנג געפאַכעט מיט דער בלוי־פינקלענ־

דיקער קלינג, נישט צוגעלאָזט צו דער בריטשקע די וואַך-לייט, הייזעריק געזידלט, ווילד געדרייט מיט די אויגן אַרום זיך. „טרעט אָאָאָפּ !... איך וועל דערהרגענען !״ איבער זיין טונקל-ברוין פּנים איז אַלעמאָל דורכגעגאַנגען אַ קאָנוולסיוו ציטערן, אונטער די לאַנגע געלבלעכע וואָנסעס האָט זיך געבלעזלט אַ שוימיקער גאַ-זוער, די בלוילעכע ווייסלעכצן האָבן אַלץ מער זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט...

אים האָט מען מיט אָנשטרענגונג אַנטוואָפנט, אומגעוואָרפן, געבונדן. די קעמפערישקייט פון ווילדן קאָזאַקל איז אויפגעקלערט געוואָרן אויף אַ פּשוטן אופן : מען האָט דורכגעזוכט די בריטשקע און געפונען אין איר אַן אָנגעהויבענע קריג פון אַן עמער מיטן שטאַרקסטן סאַמאָגאָן...

אין געסל האָט זיך געשאַפן אַ פאַרשטאָפּונג. די פורן האָבן אַזוי ענג זיך צונויפגעדרענגט, אַז מען האָט געמוזט אויסשפּאַנען די אָקסן און פערד און מיט די הענט צושלעפּן די אַרבעס צו דער בריק. עס האָבן געפּלאַצט דישלעס און האָלאָביעס, די פערד האָבן ביין געהירזשעט, די אָקסן, באַקלעפּטע מיט פליגן, נישט פאָלגנדיק דאָס אָנטרייבן פון די באַלעבאַטים, ווילד ווערנדיק פון לאַנגווייליקייט, זענען געקראָכן אויף די פאַרקנס. זידלערייען, גע-שרייען, אַ געקנאַלעריי פון בייטשן און וויבערישע קללות האָבן נאָך לאַנג אָפּגעקלונגען אַרום דער בריק. דאָרט, וווּ מען האָט גע-קאָנט זיך באַוועגן, האָבן די הינטערשטע וואָגנס אויסגעדרייט צו-ריק, ווידער אַרויף אויפן שליאַך, כּדי זיך אַראָפּצולאָזן צום דאָן דורך באַזקי.

די פאָרעסטירטע דעזערטירן האָט מען אָוועקגעשיקט מיט אַ קאָנוואָי קיין באַזקי, נאָר אַזויווי זיי אַלע זענען געווען באַוואָפנט, האָט דער קאָנוואָי נישט געקאָנט זיי איינהאַלטן. באַלד נאָך דער בריק איז צווישן די קאָנוואָי-לייט און די געפירטע אויסגעבראָכן אַ געשלעג. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן די וואַך-לייט זיך אומגעקערט צוריק, און די דעזערטירן זענען אַליין אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אוועקגעגאַנגען קיין וויעשקי.

פּראָכאָר זיקאָוון האָט מען אויף פאַרהאַלטן אין גראַמאַק. ער האָט געוויזן זיין אורלויב־שיין, וואָס איז אים אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך גריגאָרי מעליעכאָוו, און מען האָט אים אָפּגעלאָזט, נישט מאַכנדיק אים קיין שטערונגען.

ערשט פאַרנאַכט איז ער אָנגעקומען קיין באַזקי. טויזנטער פורן, וואָס זענען אָנגעפאָרן פון די כוטאָרן ביים טשיר, האָבן פאַרצוימט אַלע גאַסן און געסלעך. ביים דאָן האָט זיך געשאַפן עפּעס אומבאַשרייבלעכס. די פּליטים האָבן פאַרשטעלט מיט די וואָגנס דעם גאַנצן ברעג אויף אַ שטח פון צוויי וויאָרסט. טויזנט פינפהונדערט מאַן, צעוואָרפן איבערן וואַלד, האָבן געוואַרט אויף זייער רייע זיך אַריבערצושיפן.

קעגנאיבער וויעשענסק האָט מען אויף אַ פּאַראָם אַריבערגעשיפט די באַטאַרייעס, די שטאַבן און דאָס גאַנצע מיליטערישע פאַרמעג. די אינפאַנטעריע האָט מען אַריבערגעפירט אויף קליינע שיפלעך. זיי האָבן אין צענטליקער געשווייבלט איבערן דאָן, אַריבערפירנדיק צו דריי־פיר מאַן. ביים סאַמע וואַסער, לעבן בריקל, האָט זיך געמאַכט אַן ענגשאַפט, צום דערדריקט ווערן. און די קאַוואַלעריע, וואָס איז געבליבן אין אַריערגאַרד, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן. פון טשיר האָט, ווי פריער, זיך דערטראָגן דאָס דונערן פון די האַרמאַטן־שאָסן און נאָך שאַרפער, נאָך דייטלעכער האָט זיך געשפירט דער ביטערלעכער ריח פון דער שרפה.

דאָס אַריבערשיפן איז פאָרגעקומען ביז טאָג. אַרום צוועלף ביינאַכט זענען אָנגעקומען די ערשטע רייטער־סאָטניעס. באַגינען האָבן זיי געדאַרפט אָנהייבן אַריבערשווימען.

געוויר ווערנדיק, אַז די רייטער־אָפּטיילונגען פון דער ערשטער דיוויזיע זענען נאָך נישט אָנגעקומען, האָט פּראָכאָר זיקאָוו באַשלאָסן צוצוואַרטן אויף זיין סאָטניע אין באַזקי. מיט אָנשטרענגונג האָט ער דורכגעפירט זיין פערד ביי דער צוים דורך די פורן, וואָס זענען ענג צונויפגעדרענגט געווען ביי דער פאַרצוימונג פון באַזקאָווער שפּיטאָל, נישט אויסגעזאַטלטערהייט עס צוגעבונדן צו עמעצנס אַן אַרבע און אַליין אַוועקגעגאַנגען צווישן די פורן זוכן באַקאַנטע.

לעבן וואָל האָט ער פונווייטנס דערזען אַקסיניאַ אַסטאַ־כאָווא. זי איז געגאַנגען צום דאָן, צודריקנדיק צו דער ברוסט אַ נישט גרויס פעקעלע, אָנגעהאָנגען אויף די אַקסל אַ וואַרעם קאַפטנדל. איר העלע שיינקייט, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין, האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אינפאַנטעריסטן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ביים ברעג. זיי האָבן איר געזאָגט עפּעס אומפאַרשעמטס, זייערע דערשוויצטע, פאַרשטויבטע פּנימער האָבן זיך שמייכלענדיק צעלויכטן, אויפדעקנדיק ווייסע ציין, עס האָט זיך געהערט אַ געשמאַק לאַכן און הירזשען. אַ הויכגעוויקסיקער בלאָנד־האָריקער קאָזאַק, אין אַ צעכראַסטעטער בלוזע און פאַר־רוקטער פאַפּאַכע אויפן נאַקן האָט זי הינטערוויילעכטס אַרומגענו־מען און באַרירט מיט די ליפּן איר ברוינעם געטאָקטן האַלז. פּראָ־כאָר האָט געזען, ווי אַקסיניאַ האָט שאַרף אָפּגעשטויסן דעם קאָזאַק, עפּעס נישט הויך אים געזאָגט, ווילד אויסשטשירענדיק דאָס מויל. אַרום האָט מען זיך צעלאַכט, און דער קאָזאַק האָט אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע און מיט אַ באַס הייזעריק אַ זאָג געטון: „עך, מומעשי! כאַטש איינמאָל!"

אַקסיניאַ האָט פאַרשנעלערט דעם טריט, דורכגעגאַנגען פאַר פּראָכאָרן. אויף אירע פולע ליפּן האָט געציטערט אַ פאַראַכטנ־דיקער שמייכל. פּראָכאָר האָט זי נישט גערופן, ער האָט געגנישטערט מיט די אויגן אין דער מחנה, זוכנדיק באַקאַנטע פון כוטאָר.

פּאַמעלעך זיך באַוועגנדיק צווישן די פורן מיט די אויס־געשטרעקטע האָלאָביעס און דישלעס צום הימל, האָט ער דער־הערט שיכּורע קולות, געלעכטער. אונטער אַן אַרבע, אויף אַן אויסגעשפּרייטער דערע, זענען געזעסן דריי אַלטע לייט. ביי איי־נעם פון זיי איז צווישן די פיס געשטאַנען אַן עמער סאַמאָ־גאָן. די צעהוליעטע אַלטיטשקע האָבן איינער נאָכן צווייטן גע־שעפּט דעם סאַמאָגאָן מיט אַ קופּערן קווערטל, וואָס איז געמאַכט געווען פון אַ האַרמאַטן־גילז און געטרונקען, פאַרבייסנדיק מיט געטרוקנטע פיש. דער שאַרפער ריח פון דעם סאַמאָגאָן און די גע־

זאַלצענע פיש האָבן געגייט דעם אויסגעהונגערטן פראָכאָרן זיך אָפּצושטעלן.

— מיליטערמאַן! טרינק אויס מיט אונז אויף הצלחה! — האָט איינער פון די אַלטע זיך געווענדט צו אים.

פראָכאָר האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער האָט זיך געזעצט, איבערגעצלמט, מיט אַ שמייכל איבערגענומען פון גאַסטפריינטלעכן אַלטנס האַנט דאָס קווערטל מיטן זיס־שמעקענדיקן סאַמאַגאָן.

— טרינק, כּל־זמן דו לעבסט! און פאַרבייס מיט לעשטש. מיט אַלטע, בחורל, דאַרף מען זיך נישט ברעקלען. די אַלטע זענען חכמים! איר, יונגע, דאַרפט נאָך זיך לערנען ביי אונז, ווי אַזוי צו לעבן און... נו, ווי אַזוי בראָנפן צו טרינקען, — האָט פאַרדומפן גערעדט דער צווייטער זיידעשי, מיט אַן איינגעפאַלענער נאָז און פאַרשאַרצטער אייבערשטער ליפּ ביז איבער דער יאַסלע.

פראָכאָר האָט אויסגעטרונקען, פאָרזיכטיק אַ וואָרף געטון אַ זייטיקן בליק אויפן אַלטן אָן דער נאָז. צווישן צווייטן און דריטן קווערטל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, געפרעגט:

— האָסט פאַרהוליעט די נאָז, זיידעשי?

— ניי־יי־יין, ליבינקער! דאָס איז פון אַ פאַרקילונג. ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען, האָב איך שטאַרק געקרענקט פון אַ פאַרקילונג, — דערפאַר איז זי מיר קאַליע געוואָרן.

— און איך האָב דיך שוין חושד געווען, איך טראַכט: נישט פון עפּעס אַ מיאוסער קראַנקהייט איז די נאָז אים איינגעפאַלן? איך זאָל מיך נאָר נישט אַמאָל אָנשטעקן! — האָט פראָכאָר אָפנהאַרציק מודה געווען.

באַרויִקט פון אַלטנס פאַרזיכערונג, איז ער גיריק צוגעפאַלן צום קווערטל און שוין אָן מורא אין איין אָטעם עס אויסגעליידיקט ביז דער דנאָ.

— אַלץ גייט אונטער! ווי אַזוי־זשע זאָל מען נישט די צרות פאַרטרינקען? — האָט דער באַלעבאָס פון סאַמאַגאָן, דער פעטער אַלטיטשקער געדעוועט. — אָט האָב איך געברענגט צו פירן צוויי הונדערט פּוד ווייץ און אפשר טויזנט איבערגעלאָזט אין

רער הייט. פינף פּאָר אָקסן געברענגט צו טרייבן, און ס'וועט אויס־קומען דאָס אַלץ דאָ איבערצולאָזן, איבערן דאָן וועט מען דאָך מיט זיך נישט מיטפירן! מיין פאַרמעג גייט צו גרונט. איך וויל אַ ליד זינגען! הוליעט, סטאַניצע־לייט! — דעם אַלטנס פּנים האָט זיך באַ־דעקט מיט אַ פּורפּור־רויטקייט, זיינע אויגן זענען פייכט געוואָרן פון טרערן.

— שריי נישט, טראָפים איוואַניטש. מאָסקווע — גלייבט נישט אין טרערן. אויב מיר וועלן לעבן — וועלן מיר נאָך האָבן! — האָט דער צווייטער אַלטיטשקער איינגענומען זיין חבר.

— ווי אַזוי זאָל איך נישט שרייען?! — האָט דער אַלטער מיט אַ צעקרומט פּנים געהעכערט זיין קול. — די תּבואה גייט פאַרלוירן! די אָקסן וועלן אויספגרן! די כאַטע וועלן די רויטע אונטערצינדן! דעם זון האָט מען אין הארבסט דערהרגעט! ווי אַזוי קאָן איך נישט שרייען? פאַר וועמען האָב איך געהאָרעוועט? איבערן זומער פלעגן מיר צעקראַכן ווערן אויף די פּלייצעס צען העמדער פון שוויס, און אַצינד בלייב איך אַ נאַקעטער און באָרוועסער... טרינק!

פּראָכאָר האָט שמועכנדיק אויפגעגעסן אַ לעשטש, וואָס איז אַזוי ברייט געווען, ווי אַ ברעטל צום פאַרשטעלן אַ באַק־אויוון, אויס־געטרונקען אַ זיבן קווערטלעך סאַמאָגאָן, זיך דערפילט אַזוי שווער, אַז ס'איז אים קוים מעגלעך געווען אויף די פיס אויפצושטיין.

— מיליטערמאַן! באַשיצער אונזערער! ווילסט, וועל איך דיין פערד קערנער געבן? וויפיל ווילסטו?

— אַ זאַק! — האָט פּראָכאָר אַ בורטשע געטון, גלייכגילטיק צו אַלעם אַרום.

דער אַלטער האָט אים אָנגעשיט אַ טאָרבע פון בעסטן האָ־בער, צוגעהאָלפן פאַרנעמען אויף די פּלייצעס.

— די טאָרבע ברענג צוריק! פאַרגעס נישט, למען השם! — האָט ער געבעטן, אַרומנעמענדיק פּראָכאָרן און וויינענדיק מיט שיכורע טרערן.

— ניין, איך וועל נישט צוריקברענגען. איך זאָג — איך

וועל נישט צוריקברענגען, וועל איך נישט צוריקברענגען... — האָט פראָכאָר אָן אַ פאַרוואָס זיך איינגעזעגנט.

ער האָט זיך אַ וויג געטון און אַוועקגעגאַנגען פון דער אַרבע. די טאָרבע האָט אים אַראָפּגעדריקט, וואַקלענדיק אין ביי־דע זייטן. פראָכאָרן האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט איבער אַ גליטשיקן וועג, זיינע פיס זענען זיך צעפאָרן און האָבן געציטערט, ווי ביי אַ נישט געקאָוועט מיליטעריש פערד, וואָס גייט איבער אייז. ער האָט געמאַכט נאָך עטלעכע נישט זיכערע טריט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיך דערמאַנען: צי ער האָט געהאַט אויף זיך אַ היטל, צי נישט? אַ קאַשטענעוואַטע מערין מיט אַ ווייסן שטערן, וואָס איז געווען אָנגעבונדן אָן אַ בריטשקע, האָט דערשמעקט דעם האָבער, אויסגעשטרעקט דעם האַלז צו דער טאָרבע און אַ ביס געטון אין אַ שפּיץ. דורכן ריס האָט ווייך שאָרכענדיק זיך גענומען שיטן דער האָבער. פראָכאָרן איז געוואָרן לייכטער, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין.

ער וואָלט אפשר דערטראָגן די רעשט האָבער צו זיין פערד, אָבער אַ גרויסער אָקס, פאַר וועלכן ער איז דורכגעגאַנגען, האָט פלוצלינג זייטיק, ווי דער שטייגער איז פון אַן אָקס, אים אַ בריקע געטון מיט אַ פוס. דעם אָקס האָבן פאַרפּייניקט די פליגן און מוקן, ער איז ווילד געוואָרן פון היץ און לאַנגווייליקייט, נישט צוגעלאָזט צו זיך קיין מענטשן. פראָכאָר, וועלכער איז דעם טאָג געווען נישט דער ערשטער קרבן פון אָקס, איז אַוועקגעפלויגן אין אַ זייט, זיך אַ זעץ געטון מיטן קאָפּ אין אַ ספּריכע פון אַ ראָד־באָלד איינגעשלאָפן.

ער האָט אויפגעוואַכט אין מיטן דער נאַכט. איבער אים, אין דער בלויער הייך, האָבן האַסטיק זיך געטראָגן אויף מערב בליי־גרויע וואָלקנס. דורך זייערע בלייזן האָט אַלע ווייל־ע דורכגעקוקט דער יונגער סערפּ פון דער לבנה, און ווידער האָט דער הימל זיך גרוי פאַרצויגן און דער שאַרפער קאַלטער ווינט האָט זיך געשטאַרקט אין דער פינסטערניש.

גאָר נאָענט פון דער אַרבע, ביי וועלכער פראָכאָר איז גע־

לעגן, אין דורכגעגאַנגען די קאַוואַלעריע. אונטער די פּילצאַליקע קאָפּיטעס, באַשיכטע מיט אײַזערנע פּאָדקאָוועס, האָט די ערד גע־קרעכצט. עס האָבן געפּאָרסקעט די פערד, פאַרפּילנדיק אַ רעגן. עס האָבן געקלונגען אָן די רייט־אײַזנס די שווערדן, עס האָבן רויט געגליט די פייערלעך פון די פּאַפּיראָסן. פון די דורכגייענדי־קע סאָטניעס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון פערדישן שווייס און אַ האַרבע זויערקייט פון לעדערוואַרג.

ווי יעדער קאָזאַק אין דינסט — האָט אויך פּראָכאָר אין משך פון די מלחמה־יאָרן זיך צוגעוווינט צו דעם געמישטן ריח, וואָס איז אייגן געווען נאָר דער קאַוואַלעריע. די קאָזאַקן האָבן אים דורכגעטראָגן איבער אַלע וועגן פון פּרייסן און בוקאָווינע ביז די דאָנער סטעפּעס, און ער, דערדאָזיקער ריח פון דער קאַוואַלעריע, איז אַזוי נאָענט און באַקאַנט געווען, ווי דער ריח פון דער היי־מישער כאַטע. גיריק אַ זופּ טוענדיק מיט די צעשפּרייטע נאָזלע־כער, האָט פּראָכאָר אונטערגעהויבן דעם שווערן קאָפּ.

— וואָס פּאַר אַן אָפּטיילונג איז דאָס, ברידער?

— אַ פערדישע... — האָט וויציק געענטפערט אַ באַס פון דער פינסטערניש.

— וועמעס, פרעג איך, אָפּטיילונג?

— פּעטליורעס... — האָט געענטפערט דער זעלבער באַס.

— אָך, סאַראַ אויסוואורף! — ער האָט צוגעוואָרט אַ ווײַלע, איבערגעחזרט די פראַגע: — וועלכעס פּולק, חברים?

— דאָס בוקאָווער.

פּראָכאָר האָט געוואָלט אויפשטיין, נאָר אין קאָפּ האָט האַס־טיק אַ שלאָג געטון דאָס בלוט און ביים האַלז איז געוואָרן איבל־דיק. ער האָט זיך געלייגט, ווידער אײַנגעשלאָפן. פאַרטאָג האָט גענומען ציִען פון דאָן מיט פייכטקייט און קעלט.

— ער איז נישט געשטאָרבן? — האָט ער פון שלאָף דער־הערט אַ קול איבער זיך.

— ער איז וואַרעם... און אונטערן גלעזל! — האָט עמעצער געענטפערט נאָענט איבער פּראָכאָרס אויער.

— שלעפּ אים אַוועק צום טייוול! זיך צעלייגט ווי אַ נבלה! אַ־נו, דערלאַנג אים אונטערן גאָרגל!

מיטן שטעקן פון דער פּיקע האָט אַ רייטער ווייטיקלעך אַ שטורכע געטון דעם נישט אויסגעטשוכעטן פּראָכאָרן אין אַ זייט. עמעצנס הענט האָבן אים אָנגעכאַפּט בײַ די פיס און אַוועקגעשלעפּט.

— ציט זיך אויס אין אַ רייע מיט די וואָגנס! זיי זענען אויסגעפּגרט! געפונען אַ צייט צו פּאָפן. די רויטע טרעטן אָן אויפן ווײַנדל אָקאָרשט מען זעט נישט און זיי שלאָפן, ווי אינדערהיים! פּאָרט אַראָפּ מיט די וואָגנס אין דער זייט אַרײַן, אַ באַטאַרייע וועט באַלד דורכגיין! שנעלער!... זיי האָבן פאַרצוימט דעם וועג... נו, אַ פּאַ־אָ־אָלק! — האָט זיך צעשריגן אַ באַפעלעריש קול.

די פּליטים, וואָס זענען געשלאָפן אויף די וואָגנס און אונטער די וואָגנס, האָבן אָנגעהויבן זיך באַוועגן. פּראָכאָר איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס. ער האָט נישט געהאַט אויף זיך נישט די ביקס, נישט די שווערד, עס האָט אים אויך געפעלט דער שטיוול אויפן רעכטן פוס, — דאָס אַלץ האָט ער באַוויזן צו פאַרלירן נאָכן נעכטיקן קערמישל. ער האָט פאַרוווּנדערט זיך אַרומגעקוקט און שוין געוואָלט אָנהייבן זוכן אונטער דער אַרבע, נאָר די אָנטרײַבער און קאַנאָניערן פון דער צוגעפּאָרענער באַטאַרייע זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד, אומרחמנותדיק איבערגעקערט די אַרבע צוזאַמען מיט די קופערטס, וואָס זענען געשטאַנען אויף איר, און אויגנבליקלעך אָפּגערייניקט דעם וועג פאַר די האַרמאַטן.

— רי־י־ר!...

די אָנטרײַבער זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד. שטייף האָבן אַ ציטער געטון און זיך אָנגעשפּאַנט די צונויפגענייטע שטריק. די הויכע רעדער פון האַרמאַט, וואָס איז איבערגעצויגן געווען מיט אַ פּוטעראַל, האָבן זיך צעגרילצט איבערן גריביקן וועג. דער אַמוניציע־קאַסטן האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט דער אַקס אָן דישעל פון אַ בריטשקע און אים אָפּגעבראָכן.

— איר פאַרלאָזט דעם פראָנט? מלחמה־פירער, אין אייער

מאַמען אַריין! — האָט אַ געשריי געטון פון אַ בריטשקע אַראָפּ דער אַלטער, מיט וועלכן פּראָכאָר האָט איינאָוונט געשיכורט.

די אַרטילעריסטן זענען דורכגעפאָרן שוויגנדיק, אַראָפּגע־שטיגן פון די פערד ביים וואַסער. פּראָכאָר האָט אין פאַרטאָגיקן בין־השמשות לאַנג געזוכט די ביקס מיטן פערד. ער האָט זיי טאַ־קע נישט געפונען. לעבן די שיפלעך האָט ער אויסגעטון אויך דעם אַנדערן שטיוול, אים אַ וואָרף געטון אין וואַסער אַריין און לאַנג געגעצט דעם קאָפּ, וואָס איז אַרומגענומען געווען מיט רייפן פון אומדערטרעגלעכער ווייטיק.

די קאַוואַלעריע האָט אָנגעהויבן אַריבערגיין מיטן זון־אויפגאַנג. די הונדערט און פופציק אויסגעזאָטלטע פערד פון דער ערשטער סאָטניע האָבן די אַראָפּגעשטיגענע קאָזאַקן צוגעטריבן צום דאָן נאָכן אויסבויג, פונוואַנען דער דאָן פאַרקירעוועט זיך האַס־טיק אויף מזרח. דער קאָמאַנדיר פון דער סאָטניע, ביז די אויגן פאַרוואַקסן מיט אַ געל האָרט בערדל, מיט אַ געהאָרבעטער נאָז, און אַ כעסן, לויטן אויסזען, איז שטאַרק ענלעך געווען צו אַ ווילד חזיר. זיין לינקע האַנט איז געהאָנגען אויף אַ שמוציקער, פאַרבלוטיקטער באַנד, די רעכטע — האָט אַן אויפהער געפאָכעט מיטן ראַפּניק.

— לאָז נישט די פערד טרינקען! טרייב! טרייב זיי! וואָס־זשע, אין דיין מאַמען אַריין... מאַמען אַריין... מאַמען אַריין... האָסט פאַרן וואַסער מורא, צי וואָס?.. גיי אַריין!... ער איז ביי דיר נישט פון צוקער, וועט נישט צעווייקט ווערן!... — האָט ער גע־שריגן אויף די קאָזאַקן, וואָס האָבן אַריינגעטריבן די פערד אין וואַסער, און אונטער זייערע געלע וואָנסעס האָבן זיך געשטשירעט די ווייסע רייט־ציין.

די פערד האָבן זיך צונויפגעדרענגט, אומגערן געגאַנגען אין קאַלטן וואַסער אַריין, די קאָזאַקן האָבן געליאַרעמט, זיי געשמיסן מיט די ראַפּניקעס. דאָס ערשטע האָט זיך אַ לאָז געטון שווימען אַ שוואַרץ פערד מיט ווייסע נאָזדרעס און אַ ברייטער ראָזלעכער לאַ־טע אויפן שטערן. עס איז געשווומען, אפנים, נישט צום ערשטן מאָל. זיין קערפּער מיטן שיפן הינטן האָט געוואַשן די כוואַליע,

דער צעפלאָשעטער ווײַנדל האָט זיך פאַרטראָגן אין אַ זײַט און דער האַלז און רוקן זענען געווען אײַנדרויסן. נאָך אים זענען געגאַנגען די איבעריקע פערד, צעשנײַדנדיק דעם שטראָם, מיט ליאַרעם און געפּאָרסקערײַ פאַרזינקענדיק אין אויפגעזאָטענעם וואַסער. קאָזאַקן זענען אויף זעקס באַרקעס נאָכגעשווומען פון הינטן. אײנער פון די באַגלײטער, שטײענדיק אויפן שפּיץ פון זײַן באַרקע, האָט אויף יעדן סאַל צוגעגרײט אַן אַרקאַן פון אַ שטריק.

— פאָרויס שיק דיך נישט! דרײ זײ אָן קעגן שטראָם, לאָז נישט, עס זאָל זײ אַראָפּטראָגן!

דער ראַפּניק אין דער האַנט פון סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט אויפגעפלאַטערט, אָנגעצײכנט אַ קרײַז און מיט אַ זעץ אַראָפּגעפאַלן אויף דער כאָליעווע פון שטיוול, וואָס איז אויסגעשמירט געווען מיט קאַלך.

דער האַסטיקער שטראָם האָט אַראָפּגעטראָגן די פערד. דאָס שוואַרצע איז לײַכט געשווומען פאָרויס, אַרויסרוקנדיק זיך אויף צווײ פערדישע קערפּערס. עס איז צום ערשט אַרויס אויפן זאַמד פון לינקן ברעג. אין דעם מאָמענט האָט פון הינטער די טאָפּאָל-צווײַגן זיך באַוויזן די זון, אַ ראָזער שטראַל איז געפאַלן אויפן שוואַרצן פערד, און זײַן גלאַנציקע נאַסע פעל האָט אויגנבליקלעך אויפגעפלאַקערט ווי אַ שוואַרץ אומפאַרלעשלעך פײַער.

— אויף מריכעס קאָבילע גיב אַכטונג! העלף איר צו!... זי האָט אויף זיך אַ ציימל. רודער-זשע! רודער!... — האָט הײזעריק געשריגן דער סאָטניע-קאָמאַנדיר, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ ווילד חזיר.

די פערד זענען בשלום אַריבערגעשווומען. אויף דער צווײטער זײַט האָבן געוואַרט אויף זײ די קאָזאַקן. זײ האָבן צענומען די פערד, זײ אָנגעטון די ציימלעך. פון דער זײַט האָט מען אָנגעהויבן אַריבערפירן די זאָטלען.

— ווו האָט נעכטן געברענט? — האָט פּראָכאָר געפרעגט בײַ אַ קאָזאַק, וואָס האָט צוגעטראָגן די זאָטלען צום שיפל.

— בײַם טשיר.

— אַ גראַנאַט האָט אונטערגעצונדן?

— וואָס פאַר אַ גראַנאַט ! — האָט דער קאָזאַק שטרענג גע־ענטפערט. — די רויטע צינדן אונטער...

— אַלץ, אָן אויסנאַם ? — האָט פּראָכאָר זיך געוווּנדערט.

— אָבער ניי־יין... די רייכע כאַטעס צינדן זיי אונטער, די, וואָס האָבן בלעכערנע דעכער אָדער אַ רייכן הויף.

— וועלכע־זשע כוטאָרן זענען אָפּגעברענט געוואָרן ?

— פון ווישלאָגוזאָוו ביז גאַטשעוו.

— און דער שטאַב פון דער ערשטער דיוויזיע — ווייסטו נישט ווו ער געפינט זיך אַצינד ?

— אין טשוקאַרין.

פּראָכאָר האָט זיך אומגעקערט צו די וואָגנס פון די פּליטים. אומעטום, איבער דער גאַנצער לענג' פון טאַבאָר, וואָס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף, האָט דאָס ווינטל צעטראָגן דעם ביטערלעכן ריח פון די שייטערס, אין וועלכע עס האָבן געטליִעט צווייגן, גע־הילצן פון צענומענע פּלויטן און טרוקן מיסט פון בהמות : די ווייבער האָבן געקאָכט פרישטיק.

איבער נאַכט זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע טויזנט פּליטים פון דער סטעפּישער געגנט אויפן רעכטן ברעג.

ביי די שייטערס, אויף די אַרבעס און וואָגנס האָט געזשו־מעט, ווי אין אַ בינשטאָק :

— ווען וועט זי שוין אָנקומען, אונזער רייע, — זיך אַריבער־צושיפן ?

— אַך, מיר וועלן זיך שוין נישט דערוואַרטן !

— זאָל מיך גאָט שטראָפן — איך וועל אַריינגשיטן דאָס קאָרן אין דאָן, עס זאָל די רויטע נישט אָנקומען !

— ביים פּאַראָם איז אַן עולם — ווי אַ וואָלקן וואָלט זיך אָוועקגעשטעלט.

— קראַנקע מיינע, ווי אַזוי־זשע וועלן מיר די קופערטס אי־בערלאָזן אויפן ברעג.

— מיר האָבן אָנגעהאָרעוועט... אָנגעהאָרעוועט, האַר יעזוס, שפּייזער אונזערער !

— מען האָט געדאַרפט אין אונזער כוטאָר אַריבערפאָרן...

האָט דער טייוול דאָ אַהער קיין וויעשקי פאַרטראָגן, עך!

— קאַלינאָוו, שמועסט מען, האָבן זיי אינגאַנצן פאַרברענט.

— מען האָט זיך פאַרנומען צום פאַראָם אָנצוקומען...

— וואָרים זיי וועלן דען רחמנות האָבן, צי וואָס!

— זיי האָבן אַ באַפעל: אַלע קאָזאַקן פון זעקס יאָר אָן ביז די עלטסטע יאָרן — אויסצוהרגענען.

— זיי וועלן אונז טרעפן אויף דער זייט... וואָס וועט דע־מאָלט זיין?

— אַ ביסל פלייש וועלן זיי דאָס אָנשאַטקעווען!...

ביי אַ געפּאַרבטער טאַוורימשאַנער בריטשקע האָט גערעדט אַ שלאַנקער גרוי־ברעמיקער אַלטער, לויטן אויסזען און די זיכערע באַוועגונגען — אַן אַטאַמאַן פון אַ כוטאָר, וואָס האָט נישט איין יאָר געטראָגן דעם אַטאַמאַנישן שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע.

— ...איך פרעג:

„דאַרף, הייסט עס, דער עולם אומקומען אויפן ברעג? ווען־זשע וועלן מיר שוין קאָנען מיט אונזערע זאַכן אויף דער צווי־טער זייט זיך אַריבערקריגן? די רויטע וועלן דאַך אונז אויס־הרגענען ביז איינעם!" און זייער ווילגעבוירנהייט זאָגט מיר: „זאָרג דיך נישט, פאָטערל! מיר וועלן אַזוי לאַנג האַלטן די פּאָ־זיציעס און זיך פאַרטיידיקן, ביז דאָס גאַנצע פאָלק וועט אַריבערפאָרן. אומקומען וועלן מיר, און אונזערע ווייבער, קינדער און אַלטע לייט פאַרלאָזן!"

דעם גרוי־ברעמיקן אַטאַמאַן רינגלען אַרום זקנים און ווייבער. זיי הערן אויס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיין רעדן, דערנאָך הייבט זיך אויף אַן אַלגעמיין בהלהדיק שרייען:

— און פאַרוואָס האָט די באַטאַרייע זיך פאַרפּלאָנטערט, זיי האָבן שיער מענטשן נישט איבערגעפאָרן?

— געאיילט זיך צום אַריבערגיין!...

— און די קאַוואַלעריע איז אויך שוין אָנגעקומען...

— גריגאָרי מעליעכאָוו, שמועסט מען, האָט פאַרלאָזט דעם פראָנט.

— וואָס פאַר אַן אָרדענונג איז דאָס ? די אייגוויינער האָבן זיי איבערגעלאָזט, און אַליין...

— און דאָס מיליטער לויפט פאַראויס !...

— ווער וועט אונז באַשיצן ?

— אָט האָט די קאַוואַלעריע שוין אָנגעהויבן אַריבערשווימען.

— יעדן איז זיין אייגן העמד נענטער...

— אַזוי איז עס טאַקע !

— מען האָט אונז אינגאַנצן פאַרראַטן !

— דער טויט דערנענטערט זיך, אָט-וואָס !

— מען דאַרף אַרויסשיקן צו די רויטע זקנים מיט ברויט און זאַלץ. אפשר וועלן זיי זיך דערבאַרעמען און אונז נישט באַשטראָפן...

אין ראָג פון געסל, ביים גרויסן געמויערטן בנין פון שפּי-טאָל, באַווייזט זיך אַ פערדל. די ביקס הענגט אויפן פע-דערשטן האָרן פון זאָטל, אין דער זייט וויגט זיך דער גרין-גע-פאַרבטער שטעקן פון דער פּיקע.

— דאָס איז דאָך מיין מיקישקאַ ! — שרייט דערפרייט אויס אַ באַיאָרטע באַבע.

זי לאָזט זיך לויפן צום רייטער, אַריבערשפּרינגענדיק דעם דישעל, שפּאַרט זיך דורך צווישן די וואָגנס און פערד. דעם ריי-טער כאַפּט מען אָן ביים רייט-אייזן. מען פאַרהאַלט אים. ער הייבט אויף איבערן קאָפּ אַ גרויען פּאַקעט מיט אַ לאַק-חתימה און שרייט :

— מיט אַ ראַפּאָרט אין הויפּט-שטאַב ! לאָזט דורך !

— מיקישענקאַ ! זינדל מיינס ! — שרייט אויפגערעגט די באַ-יאָרטע באַבע. די צעשויבערטע, שוואַרץ-גרוילעכע פּאַסמעס האָר פאַלן אויף איר צעלויכטן פּנים. זי דריקט זיך צו מיט אַ פלאַטערנדיקן שמייכל מיטן גאַנצן קערפּער צום רייט-אייזן, צו דער פאַרשוויצטער זייט פון פערד און פרעגט :

— אין אונזער כוטאָר ביסטו געוועזן ?

— געוועזן. אַצינד זענען דאָרט די רויטע...

— די כאַטע אונזערע ?...

— די כאַטע איז גאַנץ, און פּיעדאָטס האָבן זיי פאַרברענט.

אונזער שאָפּע האָט זיך אָנגעצונדן, נאָר זיי האָבן זי אַליין פאַר-לאָשן. פעטיסקאַ איז פון דאָרט געקומען צו לויפן, האָט זי דער-ציילט, אַז דער עלטסטער פון די רויטע האָט געזאָגט: „קיין איין אָרימע כאַטע זאָל נישט פאַרברענט ווערן, אָבער די בורזשויען צינדט אונטער!"

— נו, אַ דאַנק דיר גאָט! באַשירעם זיי, קריסטוס! — צלמט זיך די באַבע.

אַ שטרענגער אַלטער זאָגט מיט אַ געבייזער:

— וואָס מיינסטו עס מיט דיר, ליבינקע מיינע! מ׳האָט דעם שכן פאַרברענט — זאָגסטו „אַ דאַנק דיר גאָט?"

— דער טייוול וועט אים נישט צונעמען! — וואָרטשעט די באַבע מיט ירגזון. — ער וועט זיך נאָך אויפבויען, אָבער איך פון וועלכן קניפּל וואָלט מיך אויפגעבויט, ווען זיי וואָלטן פאַרברענט? פיעדאָט — האָט אַ באַהאַלטן פעסל גאָלד, און איך... דאָס גאַנ-צע לעבן ביי פרעמדע מענטשן, אין דער נויט געשפּאַנט!

— לאָזט מיך, מאַמענקע! איך מוז מיטן פּאַקעט איילן, — בעט דער רייטער, זיך אָנבייגנדיק פון זאָטל.

די מוטער גייט לעבן פערד, קושט אין גאַנג דעם זונס האַנט, וואָס איז שוואַרץ אָפּגעברענט פון דער זון, לויפט צו איר וואָגן, און דער רייטער שרייט מיט אַ יוגנטלעך טענאָרל:

— לאָזט דורך! מיט אַ פּאַקעט צום קאָמאַנדיר! לאָזט דורך!

זיין פערד היצט זיך, דרייט מיטן הינטן, גייט טענצלדיק. די מענטשן רוקן זיך אומגערן אָפּ, דער רייטער רייט כּלומרשט פּאַמעלעך, נאָר באַלד פאַרשווינדט ער הינטער די וואָגנס, הינטער די רוקנס פון די אָקסן און פערד, און בלויז זיין פּיקע וויגט זיך איבער דער פילצאָליקער מחנה, זיך דערנענטערנדיק צום דאָן.

LXI

אין משך פון טאָג זענען אויף דער לינקער זייט דאָן ערי-בערגעוואָרפן געוואָרן אַלע אויפשטענדערישע אָפּטיילונגען און

פליטים. די לעצטע זענען אַריבער די רייטער־סאָטניעס פון וויעשענסקער פּאָלק, פון גריגאָרי מעליעכאָווס ערשטער דיוויזיע.

ביז אָוונט האָט גריגאָרי מיט צוועלף אויסדערוויילטע סאָטניעס אויפגעהאַלטן דעם דרוק פון דער דרייאונדרייסיקסטער רויטער קובאַנער דיוויזיע. אַ זייגער פינף האָט ער פון קודינאָוון באַקומען אַ ידיעה, אַז די מיליטערישע אָפּטיילונגען און פליטים זענען שוין אַריבער, און ערשט דעמאָלט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אָפּצוטרעטן.

לויטן פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן, האָבן די אויפשטענדערישע סאָטניעס פון דער דאָנער געגנט געדאַרפט אַריבערגיין און פאַרנעמען אַן אָרט יעדערע קעגנאיבער איר כוטאָר. מיטאָג־צייט האָבן אין שטאַב אָנגעהויבן אָנקומען ראַפּאָרטן פון די סאָטניעס. די מערהייט פון זיי האָט שוין געהאַט פאַרנומען ערטער אויפן לינקן ברעג, קעגנאיבער זייערע כוטאָרן.

אַהין, וווּ צווישן די כוטאָרן האָבן זיך געפונען אָפענע ערטער, האָט דער שטאַב אַריבערגעוואָרפן די קאָזאַקן־סאָטניעס פון דער סטעפּישער געגנט ביים ברעג. די סאָטניעס פון קרוזשילין, מאַקסאַיעוואָ־סינגין, קאַרגין, לאַטישעוו, ליכאָווידאָוו און גראַטשעוו האָבן פאַרנומען די אָפענע ערטער צווישן די כוטאָרן פיעגאַרעוו, וויעשענסק, לעביאַזשין און קראַסנאָיאַרסק; די איבעריקע זענען אַוועקגעגאַנגען אין רוקן, אין דער ריכטונג פון די כוטאָרן ביים דאָן — דובראָווקע, טשאָרני, גאָראָכאָווקע און האָבן געדאַרפט, לויט סאַפּאָנאָווס אָנווייזונג, שאַפן יענעם רעזערוו, וועלכער וואָלט צונוץ געקומען דער אָנפירונג אין פאַל פון אַ דורכבּריס.

איבער דער לינקער זייט דאָן, פון די לעצטע כוטאָרן פון דער קאַזאַנער סטאַניצע אויף מערב ביז אוסט־כאָפּער האָט אויף הונדערט פופציק וויאָרסט זיך אויסגעצויגן דער אויפשטענדערישער פראָנט.

די אַריבערגעגאַנגענע קאָזאַקן האָבן זיך געגרייט צו פּאָזיציע־קאַמפן: זיי האָבן איילִיק געגראָבן טראַנשייען, אונטערגעהאַקט און צעזעגט טאָפּאָל־ביימער, ווערבעס, דעמבעס, איינגעאָרדנט

בלינדאזשן און נעסטן פון קוילנוואַרפער. אַלע ליידיקע זעק, וואָס האָבן זיך געפונען בײַ די פליטים, האָבן זיי אָנגעשיט מיט זאַמד, אויסגעלייגט איינעם אויפן צווייטן אין דער פאָרם פון אַ ברוסט־ווער פאַר דער לאַנגער ליניע טראַנשייען.

פאַרנאַכט־צו איז דאָס גראָבן טראַנשייען אומעטום געווען פאַרענדיקט. נאָך וויעשענסק, אין יונגן סאָסנע־וועלד האָבן זיך פאַר־מאַסקירט די ערשטע און דריטע אויפשטענדערישע באַטאַרייעס. אויף אַכט האַרמאַטן איז געווען סך־הכל פינף גראַנאַטן. עס האָבן געהאַלטן אין אויסגיין אויך די ביקסן־קוילן. קודינאָוו האָט מיט אַ ספעציעלן רייטער צעשיקט אַ באַפעל, וואָס האָט שטרענג פאַרבאָטן זיך אָפּצושיסן. אין באַפעל איז פּראָפּאָנירט געוואָרן אויסצוטיילן פון די סאָטניעס צו איינעם אָדער צוויי בעסטע שיסערס, באַזאָרגן זיי מיט אַ גענוגנדער צאָל קוילן, כדי דידאָזיקע אויסגעצייכנטע שיסערס זאָלן פאַרניכטן די רויטע באַדינונג פון די קוילנוואַרפערס און די רויטאַרמייער, וועלכע וועלן זיך ווייזן אויף די גאַסן פון די כוטאָרן אויפן רעכטן ברעג. די איבעריקע איז דערלויבט געווען צו שיסן בלויז אין דעם פאַל, ווען די רויטע וועט איינפאַלן צו פּרווון אַריבערגיין דעם טייך.

גריגאָרי מעליעכאָוו האָט שוין אין בין־השמשות באַזוכט די צוואָרפענע טיילן פון זיין ערשטער דיוויזיע ביים דאָן, נעכטיקן האָט ער זיך אומגעקערט קיין וויעשענסק.

אָנלייגן פייערן איז פאַרבאָטן געווען. מען האָט אויך נישט געזען קיין פייער אין וויעשענסק. די גאַנצע געגנט פון דאָן איז געזונקען אין אַ לילאַ־נעפל.

פאַרטאָג האָבן אויפן באַזקער בערגל זיך באַוויזן די ערשטע רויטע פּאַטראָלן. באַלד האָבן זיי זיך גענומען וויגן איבער אַלע בערגלעך פון רעכטן ברעג פון אוסט־כאָפּער ביז קאַזאַן. דער רוי־טער פראָנט האָט ווי אַ מעכטיקע לאַווינע זיך צוגעקאָלערט צום דאָן. דערנאָך זענען די פּאַטראָלן פאַרשוווּנדן און ביז מיטן־טאָג האָבן די בערגלעך געפּוסטעוועט אין אַ שווערער שטילקייט.

אויפן העטמאַנישן שליאַך האָט דער ווינט אויפגעהויבן ווײַ־

סע זיילן שטויב. אויף דרום איז נאָך אַלץ געהאָנגען דער פורפור־שווארצער נעפּל פון דער שׂרפה. די פון ווינט־צעטריבענע וואָלקנס האָבן זיך ווידער באַהאָפטן. איבערן בערגל האָט זיך אויסגעלייגט אַ געפליגלטער שאָטן פון די וואָלקנס. עס האָט אַ בלענד געטון אַ בליץ, אַ ווייסער אין טאָג־ליכט. ער האָט מיט זילבערדיקן זיגזאַגישן האַפּט אויף אַן אויגנבליק אַרומגעזוימט דעם בלויען וואָלקן, ווי אַ פינקלענדיקע פייל זיך אַ שליידער געטון אַראָפּ און אַריינגעשלאָגן אין דער שטייפער, בולטער ברוסט פון בערגל, וואָס איז געזעסן ווי אויף דער וואַך. דער דונער האָט ווי צעשפּאָלטן דעם שווערן וואָלקן, וואָס איז נידעריק געהאָנגען: פון זיין אינגעווייד האָט אַ פלייץ געטון אַ רעגן. דער ווינט האָט אים קרום אויסגעבויגן, געטראָגן אין ווייסע טאַנצנדיקע כוואַליעס איבער די שיפּועים פון די דאָנער קרייד־בערג, איבער די פון דער היץ פאַרוועלקטע זון־רויזן, איבער די געבויגענע זאַנגען־קעפּ.

דער רעגן האָט באַנייט דאָס יונגע, נאָר פון שטויב זקניש־גרויע בלעטערוואַרג. זאַפטיק האָט זיך צעגלאַנצט די זומער־תּבֿואה, אויפגעהויבן די קיילעכיקע קערנדיקע קעפּ האָבן די געל־פּנימדיקע זון־רויזן, פון די גערטענער האָט אַ ווייע געטון מיט אַ האָניקריח פון די צעבליטע קירביסן. די ערד, וואָס האָט געשטילט איר דורשט, האָט געאָטעמט מיט דאַמף...

אויף די וואַך־בערגלעך, וואָס זענען ווי אַ שיטערע קייט געלעגן אויפן רוקן פון דער דאָנער בערג־קאַם און זיך אַוועקגעצויגן לענגאויס דעם דאָן ביזן אַזאָווישן ים, האָבן נאָך האַלבן טאָג ווידער זיך באַוויזן די פּאַטראָלן פון די רויטאַרמייער.

פון די בערגלעך האָט די געל־גרויע פלאַכע דאָנער געגנט, צעשניטן דורך די גרינע פּאַרוואַקסענע, זומפּיקע אינזלען, זיך געזען אויף צענדליקער וויאָרסט. די רויטאַרמייאישע פּאַטראָלן האָבן פּאָרזיכטיק אָנגעהויבן אַראָפּרייטן אין די כוטאָרן. פון באַרג האָט אין טיראַליערן אָנגעהויבן אַראָפּשטראָמען די אינפאַנטעריע. הינטער די וואַך־בערגלעך, אויף וועלכע די וואַך־לייט פון די אַלטע פעלקער — פון די פּאָלאָווצעס און קעמפערישע בראָדניקן — האָבן

אַמאָל אויסגעשפּירט דאָס אָנקומען פון שונא, זענען אַצינד געשטאַנען די רויטע באַטאַרייעס.

די באַטאַרייע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן ביעלאָגאָרער באַרג, האָט אָנגעהויבן באַשיסן וויעשענסק. דער ערשטער גראַנאַט האָט אויפגעריסן אויפן פּלאַץ, און דערנאָך האָבן די גרויע רויכלעך פון די גראַנאַטן-עקספּלאָזיעס און מילך-ווייסע היטלען פון די שראַפּנעלן, וואָס זענען צעגאַנגען אויפן ווינט, באַדעקט די סטאַניצע. נאָך דריי באַטאַרייעס האָבן אָנגעהויבן באַשיסן וויעשענסק און די קאָזאַקישע טראַנשייען ביים דאָן.

אויף באָלשאָי גראָמאָק האָבן העפטיק זיך אָנגערופן די קוילנוואַרפער. צוויי „קאָטשקיסן" האָבן געקנאַלט מיט קורצע הפסקות און אַ „מאַקסים" האָט מיט אַ באַריטאָן אָן אויפהער פּונאַנדערגעשיט אַ דראָבנע געקלאַפּעריי, ווי פון אייזערנע פּייקלעך, באַשיסנדיק די גרופּן פון דער אויפשטענדערישער אינפאַנטעריע, וואָס זענען איבערגעלאָפן אויף דער צווייטער זייט דאָן. צו די בערגלעך האָבן זיך צוגערוקט די טאַבאָרן. אויף די שיפּועים פון די בערג, וואָס זענען באַוואַקסן געווען מיט נאָדל-ביימלעך, זענען געגראָבן געוואָרן אָקאָפּעס. אויפן העטמאַנישן שליאַך האָבן געגרילצט די רעדער פון די צוויי-רעדערדיקע וועגעלעך און פורן, נאָך זיי האָט ווי אַ לאַנגער זיך קנוילנדיקער פאָדל נאָכגעטראָגן דער שטויב.

די האַרמאַטן-שיסעריי איז פאָרגעקומען אויפן גאַנצן פראָנט, פון די דאָנער בערג, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבער דער געגנט, האָבן די רויטע באַטאַרייעס באַשאָסן די צווייטע זייט דאָן ביז שפּעט אין אָוונט. דאָס פעלד, וואָס איז צעשניטן געווען דורך די טראַנשייען פון די אויפשטענדער, האָט געשוויגן אויפן גאַנצן שטח פון קאַזאַן ביז אוסט-כאָפּער. די אָנטרייבער האָבן זיך באַהאַלטן מיט די פערד אין די זומפּיקע ערטער, וואָס זענען געדיכט פאַרוואַקסן געווען מיט ראָר-שטעקנס און קראָפּיווע. דאָרט זענען די פערד נישט באַאומרויִקט געוואָרן דורך די מוקן. אין וועלדל, וואָס איז אַרומגעפלאָכטן געווען מיט ווילדע האָפּן, איז געווען קיל. די

היכע ווערבעס האָבן גוט פאַרשטעלט פאַר די רויטאַרמייאישע באָבאַכטער.

קיין לעבעדיק נפש איז נישט געווען צו באַמערקן אויף דער גרינער זומפּיקער ערד. בלויז פון צייט־צו־צייט האָבן אויף דער לאַנקע זיך באַוויזן די פיגורלעך פון די פּליטים, געבויגענע פון שרעק, וואָס האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט ווייטער פון דאָן. אַ רויט־אַרמייאישער קוילנוואַרפער האָט אויסגעשאָסן אויף זיי עטלעכע רייען. דאָס שאַרפע פייפן פון די קוילן האָט די איבערגעשראָקענע פּליטים געוואָרפן צו דער ערד. זיי זענען געלעגן אין געדיכטן גראָז ביז פאַרנאַכט און ערשט דעמאָלט שנעל אַריבערגעלאָפן אין וואַלד אַריין, זיך נישט אומקוקנדיק געאיילט אויף צפון, צו די זומפּן, וואָס האָבן גאַסטפריינטלעך געלאָקט מיט זייער געדיכטער פאַרוואַקסנקייט פון די אַלכע־ביימלעך און בערעזעס.

צווי טעג האָט וויעשענסק זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקער אַרטילערישער באַשיסונג. די איינוווינערס האָבן זיך נישט געוויזן פון די קעלערס אַרויס. בלויז ביינאַכט האָבן אויפגעלעבט די גאַסן פון דער סטאַניצע, וואָס זענען צעגראָבן געווען דורך די גראַנאַטן פון די קוילנוואַרפער.

אין שטאַב זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות, אַז אַזאַ אינטענסיווע באַשיסונג איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ צוגרייטונג צו אַן אָנגריף, צום אַריבערגיין דעם טייך. מען האָט מורא געהאַט, אַז די רויטע וועלן אָנהייבן דעם אַריבערגאַנג טאַקע קעגנאיבער וויעשענסק, מיטן ציל צו פאַרנעמען דעם כוטאָר, און אַריינדרינגענדיק ווי אַ קלין אין פראָנט, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ גלייכער ליניע, צעטיילן אים אויף צוויי, און דערנאָך שוין פון קאַלאַטש און אוסט־מיעדוויעדיצאַ מיט אַן אָנגריף אין די פלאַנגען פולשטענדיק אים פאַרניכטן.

אויפן באַפעל פון קודינאָוון זענען אין וויעשענסק ביים דאָן קאָנצענטרירט געוואָרן מער ווי צוואָנציק קוילנוואַרפער, וואָס זענען פאַרזען געווען מיט אַ גענוגנדער צאָל קוילן־לענטעס. די קאָ־

מאַנדירן פון די באַטאַרייעס האָבן באַקומען אַ באַפעל אויסצושיסן די געבליבענע גראַנאַטן בלויז אין פאַל, ווען די רויטע וועלן מאַכן אַ פּרווו אַריבערצוגיין. דער פּאַראַם און די שיפלעך זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער בוכטע נאָך וויעשענסק און האָבן דאָרט זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקער באַוואַכונג.

גריגאָרי מעליעכאָוו האָט די מורא פון די שטאַב־לייט אויסגעזען נישט באַגרינדעט. אויף דער באַראַטונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24־סטן מאַי, האָט ער אויסגעלאַכט די פאַרזאָרגונגען פון איליאַ סאַפאָנאָוו און זיינע אָנהענגער.

— אויף וואָס וועלן זיי אַריבערגיין קעגנאיבער וויעשקי? — האָט ער געזאָגט. — צי איז דען דערלאָזבאַר דאָ אַריבערצוגיין? איר גיט נאָר אַ קוק: אויף דער צווייטער זייט איז דער ברעג גאָל, ווי די פעל פון אַ פּויק, אַ זאַמדיקער גלייכער שטח, ביים דאָן גופא — קיין וועלדל, קיין קוסט אפילו. ווו־זשע וועט זיך געפינען אַ שוטה, וואָס אים וועט איינפאַלן אויף דעם אָרט אַריבערצוגיין? איין איליאַ סאַפאָנאָוו מיט זיינע פעיִקייטן וואָלט געקאָנט קריכן אין אַזאַ אָפּגרונט... די קוילנוואַרפער וועלן אויף אַזאַ גאָלן ברעג אונטערשניידן אַלע ביז איינעם! און דו מיין נישט, קודינאָוו, אַז די רויטע קאָמאַנדירן זענען נאַרישער פון אונז. צווישן זיי געפינען זיך קליגערע קעפּ ווי ביי אונז! גלייך קעגנאיבער וויעשקי וועלן זיי נישט גיין, און מיר דאַרפן זיך ריכטן אויף זיי נישט דאָ, נאָר אָדער דאָרט, ווו עס איז פלאַך, ווו עס געפינען זיך אַ סך אָנגעטראָגענע זאַמדן, אָדער דאָרט, ווו די געגנט איז אַ פאַרבאָרגענע, צווישן בערגלעך און וואַלד. אויף אַזעלכע באַדראָטע ערטער דאַרף מען שטאַרק אַכטונג געבן, באַזונדערס אין די נעכט; מען דאַרף די קאָזאַקן וואָרענען, זיי זאָלן זיך נישט פאַרגעסן, נישט פאַרזען און צו די געפערלעכע ערטער באַצייטנס צופירן רעזערוון, עס זאָל זיין וואָס אַרויסצורוקן אין אַ נויט־פאַל.

— דו זאָגסט, — זיי וועלן נישט גיין אויף וויעשקי? און פאַרוואָס שיסן זיי ביז שפּעט אויף דער סטאַניצע פון די האַרמאַטן? — האָט געפרעגט סאַפאָנאָוו געהילך.

— דאָס פרעג שוין בײַ זיי. בלויז אויף וויעשקי שיסן זיי ? זיי שיסן אי אויף קאַזאַן, אי אויף יערינסק, אפילו פון סעמיאָנאָווער באַרג — דערלאַנגען זיי. זיי שיסן אָן אויפהער פון די האַרמאַטן. זיי האָבן, מסתמא, אַ ביסל מער גראַנאַטן, ווי מיר. דאָס האָט אונזער דרע... אַרטילעריע בלויז פינף גראַנאַטן...

קודינאָוו האָט זיך צעלאַכט :

— נו, מיט דעם האָסטו טאַקע געטראָפן אין פינטל אַרײַן !

— דאָ איז נישטאָ וואָס צו קריטיקירן ! — האָט זיך באַליידיקט דער קאָמאַנדיר פון דער דריטער באַטאַרייע, וואָס איז אָנוועזנד געווען אויף דער באַראַטונג. — דאָ דאַרף מען רעדן צו דער זאַך.

— רעד, ווער האַלט דיך בײַ דער צונג ? — קודינאָוו האָט זיך אָנגעכמורעט, גענומען שפּילן מיטן פּאַסעקל. — מען האָט אײַך געזאָגט, טיוולאָנים, נישט איינמאָל : „ברענגט נישט אויס אומזיסט קיין גראַנאַטן, באַהאַלט זיי אויף וויכטיקע פאַלן !“ האָבן זיי נישט געפאָלגט, געשאָסן אָן אַ סדר, אפילו אויף טאַבאָרן. און אַצינד, ווען מ׳האַלט שוין די הויזן אין דער האַנט — איז נישטאָ מיט וואָס אויסצושיסן. פּאַרוואָס-זשע זיך באַליידיקן פון קריטיק ? גריגאָרי איז גערעכט, וואָס ער לאַכט אויס אײַער אַרטילעריע. זי איז טאַקע מער נישט ווערט, ווי אויסגעלאַכט צו ווערן !

קודינאָוו איז געווען אויף דער זײַט פון גריגאָריען, אַנטשלאָסן שטיצנדיק זײַן פּאָרשלאַג וועגן פאַרשטאַרקן די וואַך איבער די ערטער, וואָס זענען צומײנסט פּאַסיק פאַר אַריבערגיין, און קאָנצענטרירן אין אוממיטלבאַרער נאָענטקייט פון די באַדראָטע אָפּשניטן רעזערוו-אָפּטיילונגען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן פון די קוילנוואַרפער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער וויעשענסקער סאָטניע גופא, אויסצוטיילן עטלעכע שטיק און זיי איבערגעבן די סאָטניעס פון ביעלאָגאָרסק, מערקולאָוו, גראָמקאָוו, אויף וועמעס אָפּשניטן דאָס אַריבערגיין איז געווען צומײנסט מעגלעך.

גריגאָריעס השערות, אַז די רויטע וועלן נישט אונטערנעמען קיין פּרווו אַריבערצוגיין קעגנאיבער וויעשקי, נאָר אויסקלויבן אַ מער באַקוועם אָרט, האָבן זיך באַשטעטיקט באַלד צומאָרגנס. אינ-

דערפֿרי האָט דער קאָמאַנדיר פֿון דער גראָמאָווער סאָטניע מיטגעטיילט, אַז די רויטע גרייטן זיך אַריבערצוגיין. די גאַנצע נאַכט האָט אויף דער צווייטער זייט דאָן זיך געהערט אַ טומל, אַ קלאַפּן פֿון האַמערס, אַ סקריפּען פֿון רעדער. אויף אָן אַ שיִער פֿורן האָט מען פֿון ערגעץ געבּרענגט קיין גראָמאָק ברעטער, זיי אַראָפּגעוואָרפֿן, און גלייך האָבן אָנגעהויבן גרילצן זעגן, און מען האָט געהערט, ווי מען האָט געקלאַפּט מיט העק און האַמערס. לויט דעם אַלעם האָט מען געקאָנט אורטיילן, אַז די רויטע גרייטן זיך צו עפּעס. די קאָזאַקן האָבן לכתחילה זיך משער געווען, אַז מען מאַכט אַ פּאַנטאָן-בריק. צוויי דרייסטע חברה-לייט זענען בײַנאַכט אַרויפֿגעגאַנגען אויף אַ האַלבער וויאָרסט העכער פֿון אָרט, פֿונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דאָס גערויש פֿון דער טשעשלאַרסקער אַרבעט, זיך אויסגעטון און אונטער דער באַהעלטעניש פֿון אָנגעטויענע קוסטעס אויף די קעפּ, מיטן שטראָם זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן. זיי זענען געווען בײַם סאַמע ברעג, נישט ווײַט פֿון זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט די רויטאַרמייער פֿון די קוילנוואַרפֿער, וואָס זענען אַוועקגעשטעלט געווען הינטער די ווערבעס, עס האָבן דײַטלעך זיך געהערט די קולות און דאָס קלאַפּן פֿון די העק אין כוטאָר, נאָר פֿון וואַסער האָט מען גאָרנישט געזען. אויב די רויטע האָבן עפּעס געבויט, איז אַלנפֿאַלס נישט קיין בריק.

דער גראָמקאָווער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט פֿאַרשטאַרקט די באַאָבאַכטונג פֿון שוגאַס זײַט. פֿאַרטאָג האָבן די באַאָבאַכטער, וואָס האָבן געקוקט דורך דער לאָרנעטע, גאָרנישט געזען. נאָר באַלד האָט איינער פֿון זיי, וואָס האָט זיך גערעכנט נאָך אין דער דײַטשישער מלחמה פֿאַרן בעסטן שיסער אין פּולק, באַמערקט אין פֿאַרטאָגיקן בי-השמשות אַ רויטאַרמייער, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום דאָן מיט צוויי געזאָטלטע פֿערד.

— אַ רויטער לאָזט זיך אַראָפּ צום וואַסער, — האָט דער קאָזאַק אַ שעפּטשע געטון צו זײַן חבר און אַוועקגעלייגט די לאָרנעטע.

די פֿערד זענען אַרײַנגעגאַנגען ביז איבער די קניִען, אָנגעהויבן טרינקען.

דער קאָזאַק האָט פאַרוואָרפן אויפן עלנבויגן פון דער לינקער האַנט דעם נאָכהענגענדיקן רעמעט פון דער ביקס, לאַנג און טיכטיק געצילט...

נאָכן שאָס האָט איינס פון די פערד ווייך זיך אַ לייג געטון אויף אַ זייט, דאָס צווייטע האָט אין גאַלאָפּ זיך אַוועקגעלאָזט באַרג־אַראָפּ. דער רויטאַרמייער האָט זיך אָנגעבויגן אַראָפּצונעמען פון דערהרגעטן פערד דאָס זאָטל. דער קאָזאַק האָט אויסגעשאָסן אַ צווייט מאָל, שטיל זיך צעלאַכט: דער רויטאַרמייער האָט שנעל זיך אויסגעגלייכט, אָנגעהויבן אַנטלויפן פון דאָן, נאָר פלוצלינג געפאַלן. ער איז געפאַלן מיטן פנים אַראָפּ און מער זיך נישט אויפגעהויבן...

ווי נאָר גריגאָרי מעליעכאָוו האָט באַקומען די ידיעה וועגן דער צוגרייטונג פון די רויטע אַריבערצוגיין — האָט ער אָנגעזאָטלט זיין פערד און אַוועקגעריטן צום אָפּשניט, וווּ עס האָט זיך געפונען די סאָטניע פון גראָמאַק. נאָך דער סטאַניצע איז ער אַריבערגעריטן די שמאָלע אָזיערע, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן פון דאָן און אַוועקגעפלאָסן ביזן סוף פון דער סטאַניצע, און אַריינגעריטן אין וואַלד.

דער וועג האָט אייגנטלעך געפירט איבער דער לאָנקע, נאָר דאָ איז געפערלעך געווען צו רייטן, דערפאַר האָט גריגאָרי בעסער אויסגעקליבן אַ געדרייטן וועג: מיטן וואַלד איז ער דורכגעריטן ביזן סוף פון דער ראַסאָכאָווער אָזיערע, איבער די בערגלעך און דורך די ווערבעס זיך דערקליבן ביזן קאַלמיקישן טייכל (אַ שמאָלער דורכפלוס, געדיכט פאַרוואַקסן מיט קריגעלעך, פלאַקס און קאָמיש, וואָס האָט פאַראייניקט איינעם פון די פּאַשע־זומפן מיט דער פּאָדסטאָילער אָזיערע) און ערשט נאָכדעם, ווי ער איז אַריבערגעריטן דאָס קאַלמיקישע טייכל, האָט ער פאַרהאַלטן דאָס פערד און געלאָזט עס עטלעכע מינוט אָפּרוען.

ביזן דאָן איז געווען מיטן גלייכן וועג אַן ערך צוויי וויאָרסט.

רייטן צו די טראַנשייען איבער דער לאָנקע — האָט געהייסן זיך אונטערוואַרפן דער געפאַר דערשאָסן צו ווערן. מ'האָט געקאָנט

צוואַרטן ביז פאַרנאַכט, כדי דורכצושניידן דעם גלייכן שטח פון
דער לאָנקע, אין דער טונקלקייט, נאָר גריגאָרי, וועלכער האָט נישט
ליב געהאַט צו וואַרטן און פלעגט תמיד זאָגן, אַז „דאָס ערגסטע
אין דער וועלט איז — וואַרטן אָדער דעריאָגן", האָט באַשלאָסן
שוין צו רייטן. „כ'וועל מיך אַ לאָז טון אין גאַלאָפּ מיטן גאַנצן
אימפּעט, וועלן זיי זיכער נישט טרעפן!" — האָט ער אַ טראַכט
געטון, אַרויסרייטנדיק פון די קוסטעס.

ער האָט אויסגעקליבן אַ גרינע קופּקע ווערבעס, וואָס איז
אַרויסגערוקט געוועזן פון וואַלד ביים דאָן, אויפגעהויבן דעם רצפּ-
ניק. פון פייערדיקן שמיץ און ווילדן היקע האָט דאָס פערד אַ
ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער, פאַרלייגט די אויערן, און אָנ-
נעמענדיק אַלץ מער שנעלקייט, ווי אַ פויגל זיך אַוועקגעטראָגן צום
דאָן. גריגאָרי האָט נישט באַוויזן דורכצוגאַלאָפּירן אַ האַלבן הונ-
דערט קלאַפּטער, ווי פון באַרג ביים רעכטן ברעג האָט נאָך אים
אין לאַנגע רייען זיך צעטרילערט אַ קוילנוואַרפער. „טיווט! טיווט!
טיו! טיו!" — האָבן ווי אַ באָבאַק געפּייפט די קוילן. „ער האָט
באַמערקט, דער פּעטער!" — האָט גריגאָרי אַ טראַכט געטון, צו-
נויפדריקנדיק דעם פערדס זייטן, נאָכלאָזנדיק די לייצן, באַרירנדיק
מיט דער באַק דעם פערדס גריווע, וואָס האָט געפלאַטערט אין
קעגנאיבערדיקן ווינט. און ווי פאַרשטייענדיק זיין געדאַנק, האָט
דער רויטער שיסער, וואָס איז געלעגן הינטער דער גרינער וואָפנ-
שילד פון קוילנוואַרפער ערגעץ אויף אַ ווייס זאַמד-בערגל, אָנ-
געהויבן צילן פאַראויס, אַ שנייד געטון מיט אַ שטראָם פייער פון
קוילנוואַרפער נידעריקער, און אונטער די פעדערשטע קאָפּיטעס פון
פערד האָבן שוין געשמאַק גענומען טשמאָקען, ווי שלאַנגען צישען
די קוילן, וואָס זענען אָנגעגליט געוואָרן פון פליִען. זיי האָבן זיך
איינגעביסן אין פייכטן באָדן, וואָס איז נאָך נישט טרוקן געוועזן פון
די פרילינגדיקע וואַסערן, געשפּריצט מיט הייסער בלאָטע... „צאָק!
ששיו! צאָק! צאָק!" און ווידער איבערן קאָפּ און אין די זייטן
פון פערד! „טיו! טיוט! טייייווו!"

זיך אונטערהייבנדיק אויף די רייט-אייזנס, איז גריגאָרי

כמעט געלעגן אויפֿן אויסגעשטרעקטן האַלז פֿון פֿערד. מיט שרעקלעכער שנעלקייט האָט זיך געקייקלט אַקעגן די גרינע קופּקע ווערבעס. ווען ער האָט שוין דערגרייכט האַלב וועג, האָט פֿון סעמיאַנאָווער באַרג אַ זעץ געטון אַ האַרמאַט. דער אײַזערנער גרילץ פֿון גראַנאַט האָט אויפֿגעטרייסלט די לופֿט. דער נאָענטער ליאַרם פֿון אויפֿרייס האָט געבייט גריגאָריען זיך אַ וואַקל צו טון אין זאָטל. עס איז נאָך נישט פֿאַרטייבט געוואָרן אין זײַנע אויערן דאָס יאָכצנדיקע פּייפֿן און וואָיען פֿון די שפּליטערס, עס האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אויפֿצוהייבן אין נאָענטן זומפּ די ראָרשטעקנס, וואָס זענען אומגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון שטורמישן לופֿטדרוק, — ווי אויפֿן באַרג האָט זיך דערהערט אַ דונער פֿון אַ האַרמאַטן־שאָס, און דאָס וואָיען פֿון זיך דערנענטערנדיקן גראַנאַט האָט ווידער אָנגעהויבן שטיקן גריגאָריען, אים צודריקן צום זאָטל.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער שטיקנדיקער גרילץ, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע אָנשטרענגונג, האָט אפֿשר אויף אַ הונדערטסטל רגע זיך איבערגעריסן, און אָט אין דעמדאָזיקן הונדערטסטל רגע האָט פֿאַר זײַנע אויגן זיך אַ שטעל געטון אַ שוואַרצער וואָלקן, פֿון צעשמעטערנדיקן קנאַל האָט די ערד גענומען ציטערן און די פֿעדערשטע פֿיס פֿון פֿערד זענען ערגעץ ווי אײַנגעזונקען...

גריגאָרי האָט אויפֿגעוואַכט אין מאָמענט פֿון פֿאַלן. ער האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן דער ערד אַזוי שטאַרק, אַז אויף זײַנע קניען האָבן געפּלאַצט די טוכענע האַקי־הויזן און די רעמעטלעך האָבן זיך אָפּגעריסן. די מעכטיקע, פֿון אויפֿרייס אויפֿגעטרייסלטע לופֿט־כוואַליע האָט אים ווייט אַוועקגעשלײַדערט פֿון פֿערד און שוין פֿאַלנדיק — האָט ער נאָך עטלעכע קלאַפּטער זיך געגליטשט איבערן גראָז, אָפּרײַבנדיק זיך די הענט און די באַק אָן דער ערד.

פֿאַרטייבט פֿון פֿאַלן, האָט גריגאָרי זיך אויפֿגעהויבן אויף די פֿיס. פֿונדערהייך האָבן ווי אַ שוואַרצער רעגן זיך געשיט שטיקער

ערד און שטויב, אויסגעריסן גראָז מיטן וואָרצל... דאָס פערד איז געלעגן אויף צוואַנציק טריט פון גרוב, וואָס דער גראַנאַט האָט אויסגעגראָבן. זיין קאָפּ איז געווען אומבאַוועגלעך, נאָר די הינטערשטע פיס, וואָס זענען פאַרשיט געווען מיט ערד, דער נאַסער קערפּער פון שווייס און דער שיפּער שטייפּער ווײַנדל האָבן קאָנוולסיוו געציטערט.

דער קוילנוואַרפער אויף דער צווייטער זייט דאָן איז פאַרשוויגן געוואָרן. אַ מינוט פינף האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט. איבערן זומפּ האָבן אומרויִק געשריגן בלויע מעוועס. גריגאָרי האָט גובר געווען זיין חלשות-געפיל און אַוועקגעגאַנגען צום פערד. זיינע פיס האָבן זיך געטרייסלט, זענען מאָדנע שווער געווען. ער האָט זיך געפילט אַזוי, ווי מען פילט זיך געוויינלעך ביים גיין נאָך אַ לאַנג אומבאַקוועם זיצן, ווען פון דער צייטווייליק-געשטערטער בלוט-צירקולאַציע זענען די פאַרשטאַרטע פיס פרעמד און יעדער טריט קלינגט אָפּ אין גאַנצן קערפּער...

גריגאָרי האָט אַראָפּגענומען פון דערהרגעטן פערד דאָס זאָטל, און ווי נאָר ער איז אַרײַנגעגאַנגען צווישן די ראָר-שטעקנס פון נאָענטן זומפּ, וואָס זענען צעבראָכן געווען פון די שפּליטערס, האָט ווידער מיט גלייכע הפסקות אָנגעהויבן קלאַפּן אַ קוילנוואַרפער. דאָס פליען פון די קוילן האָט מען נישט געהערט. אפנים, מען האָט פון באַרג געשאָסן שוין אין עפּעס אַ נייעם ציל.

אין אַ שעה אַרום איז ער אָנגעקומען צום ערד-שטיבל פון סאָטניע-קאָמאַנדיר.

— זיי האָבן ערשט אויפגעהערט די טשעשלער-אַרבעט, — און ביינאַכט וועלן זיי זיכער ווידער אָנהייבן אַרבעטן. איר וואָלט אונז צוגעשיקט אַ ביסל קוילן, וואָרים – כאָטש שריי – האָבן מיר נישט מער, ווי צו איין אָדער צוויי ביקסן-מאַגאַזינען אויף אַ מאַן.

— קוילן וועט מען צוברענגען פאַרנאַכט. לאָז די אויגן נישט אַראָפּ פון יענעם ברעג.

— אַזוי טוען מיר טאַקע. היינט ביינאַכט רעכן איך אַרויסצורופן פרייוויליקע, זיי זאָלן אַריבערשווימען און זען, וואָס זיי מאַכן דאָרט.

— און פאַרוואָס האָסטו די נאַכט נישט געשיקט?

— איך האָב געשיקט, גריגאָרי פּאַנטעלעיעוויטש, צוויי, נאָר זיי האָבן מורא געהאַט אין כוטאָר אַריינצוגיין. פאַרן בּרעג זענען זיי דורכגעשווומען, און אין כוטאָר אַריין — מורא געהאַט... קאָן מען דען עמעצן צווינגען בּיי אַזאַ לאַגע? די זאַך איז אַ ריזיקאַלישע. אויף זייער וואַך-פּאָסטן זיך אָנגעשטויסן — וואָלטן זיי גלייך צורעכט געמאַכט. נאָענט פון זייערע היימען ווייזן די קאָזאַקלעך נישט צו גרויס עפּעס אַזאַ גרויסע העלדישקייט... אין דער דייטשישער מלחמה האָבן נישט געפעלט קיין בּעלנים-ריזיקאַנטן אויף אַ קרייץ, און דאָ, — נישט נאָר אויף אַ געפערלעכער אויסשפּירונג, נאָר אפילו אויף אַ וואַך-פּאָסטן איז שווער עמעצן צו דערבּעטן. דערצו נאָך די צרה מיט די ווייבּער: זיי זענען זיך צונויפגעלאָפן צו די מענער, נעכטיקן דאָ אין די אָקאָפּעס, און אַרויסטרייבּן זיי איז נישט מעגלעך. נעכטן האָב איך אָנגעהויבּן זיי אַרויסטרייבּן, האָבן די קאָזאַקן גענומען דראָען אויף מיין חשבון: „זאָל ער בּעסער אָפּזיצן, וואָרים מיר וועלן זיך מיט אים גיך אָפּפאַרטיקן!"

פון סאָטניע-קאָמאַנדירס ערד-שטיבּל איז גריגאָרי אַוועקגעגאַנגען אין די טראַנשייען אַריין. זיי האָבן זיגזאַגיש זיך געצויגן איבּערן וואַלד אויף אַ צוואָנציק קלאַפטער פון דאָן. דעמבּע-בּיימלעך, אַקאַציע-קוסטעס און געדיכט-פאַרוואַקסענע יונגע טאָפּאָלן האָבן פאַרשטעלט דעם געלן אויפשיט פון בּרוסטווער פאַר די אויגן פון די רויטאַרמייער. די קאָמוניקאַציע-וועגן האָבן פאַראייניקט די טראַנשייען מיט די בּלינדאַזשן, ווו די קאָזאַקן האָבן אָפּגערוט. אַרום די ערד-שטיבּלעך האָבן זיך געוואַלגערט בּלויע שופּן פון געטרוקנטע פיש, בּיינער פון שעפּסנס, שאָלן פון בּירהעקעס, פּיטומס פון פּאַפּיראָסן, שמאַטעס; אויף די צווייגן זענען געהאָנגען אויסגעוואַשענע זאָקן, לייוונטענע אונטער-הויזן, אָנוטשעס, ווייבּערישע העמדער און קליידלעך...

בּאַלד פון ערשטן ערד-שטיבּל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאָפּ אָן אַ טיכל פון אַ יונג פאַרשלאָפן ווייבּעלע. זי האָט זיך

אויסגעריבן די אויגן, גלייכגילטיק באטראכט גריגאָריען; ווי א באָבאָק אין זיין נאָרע פארשווונדן אין דער שווארצער עפענונג פון אַרויסגאַנג. אין שכנישן ערד-שטיבל האָט מען שטיל געזונגען. אין די מענערישע קולות האָט זיך אריינגעפלאָכטן אַן איינגע-האַלטן, אָבער הויך און ריין קול פון אַ פרוי. ביים סאַמע אריינ-גאַנג אין דריטן ערד-שטיבל איז געזעסן אַ נישט יונגע, זויבער-אָנגעטוענע קאָזאַטשקע. אויף אירע קניען איז געלעגן אַ שוואַרץ-גרויער באַטשופרינטער קאָפּ פון אַ קאָזאַק. ער האָט געדרימלט, באַקוועם ליגנדיק אויף אַ זייט, און דאָס ווייב האָט אים פלינק געלויזט, געקנאַקט אויף אַ הילצערנער געצײנדלטער קאַם די לייז מיט די שוואַרצע רוקנס, אַראָפּגעטריבן די פליגן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן פנים פון איר באַיאָרט „פריינטל“. ווען נישט דאָס בייזע קנאַלן פון קוילנוואַרפער פון דער צווייטער זייט דאָן, דאָס הילכיקע זעצן פון די האַרמאַטן, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ אינדערהייך, פון די מיגולינער אָדער קאַזאַנער יורטן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ביים דאָן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף לאַגער אַ חברה שניטערס, — אַזוי פרידלעך איז געווען דער אָנבליק פון דער גראָמקאָווער אויסשטענדערישער סאָטניע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פייער-ליניע.

דאָס ערשטע מאָל אין משך פון די פינף יאָר מלחמה האָט גריגאָרי געזען אַזאַ אומגעוויינלעך פאָזיציע-בילד. נישט זייענדיק בכוח זיך אָפּצוהאַלטן פון שמייכלען, איז ער געגאַנגען פאַרביי די ערד-שטיבלעך און אומעטום האָט זיין בליק אָנגעטראָפן אויף ווייבער, וואָס האָבן באַדינט זייערע מענער, גענייט, אויספאַרראַכטן דאָס קאָזאַקישע אָנטון, געוואַשן די מיליטערישע וועש, געקאָכט און ריין געמאַכט די כלים נאָכן נישט איבעריק-בשפעדיקן מיטאָג.

— איר לעבט דאָ נישקשה! מיט באַקוועמלעכקייטן... — האָט גריגאָרי געזאָגט דעם סאָטניע-קאָמאַנדיר, זיך אומקערנדיק אין זיין ערד-שטיבל.

דער סאָטניע-קאָמאַנדיר האָט זיך צעשמייכלט:

— מיר לעבן דאָ — ווי מען דאַרף שוין נישט בעסער.

— שוין טאַקע צו באַקוועם ! — גריגאָרי האָט זיך אָנגעכמו־רעט : — די ווייבער דאַרף מען גלייך פונדאַנען משלח זיין ! אין מלחמה — און אַזאַ אָרדענונג !... אַ מאַרק איז דאָ ביי דיר אָדער אַ יריד ! וואָס איז דאָס אַזוינס !... אַזוי וועלן די רויטע דעם דאָן אַריבערגיין, און איר וועט אפילו נישט דערהערן, עס וועט קיין צייט נישט זיין צו הערן, איר וועט מיט די ווייבער פאַרנומען זיין... טרייב אַרויס אַלע, ווי נאָר עס וועט טונקל ווערן ! וואָרים איך וועל מאָרגן קומען, און אויב איך וועל נאָך דאָ טרעפן אַ קליידל, וועל איך דיר דעם ערשטן דעם קאָפּ אַראָפּדרייען !

— אַזוי דאַרף טאַקע זיין... — האָט דער סאָטניע־קאָמאַנ־דיר גערן מסכים געווען. — איך אַליין בין קעגן די ווייבער, אָבער וואָס טוט מען מיט די קאָזאַקן ? די דיסציפּלין איז קאַליע גע־וואָרן... די ווייבער האָבן זיך פאַרבענקט נאָך די מענער, מיר פירן דאָך שוין מלחמה דעם דריטן חודש !...

און אַליין האָט ער, רויט־ווערנדיק, זיך געזעצט אויף דער נאַרע, צו פאַרשטעלן מיט זיך דאָס נאַכלעסיק־אַוועקגעוואָרפענע רויטע ווייבערישע פאַרטיכל און, אַוועקדרייענדיק זיך פון גריגאָ־ריען, האָט ער דראָענדיק געוואָרפן זייטיקע בליקן אויפן ווינקל פון ערד־שטיבל, וואָס איז אָפּגעצוימט געווען מיט אַ פּלאַכטע און פונוואַנען עס האָט אַרויסגעקוקט דאָס לאַכנדיקע שוואַרצע אויג פון זיין אייגן ווייבעלע...

LXII

אַקסיניאַ אַסטאַכאָוואַ האָט זיך באַזעצט אין ווישענסק ביי איר מומע, וואָס האָט געוווינט אין עק פון דער סטאַניצע, נישט ווייט פון דער נייער צערקווע. דעם ערשטן טאָג האָט זי אַרומגע־זוכט גריגאָריען, נאָר ער איז נאָך נישט געווען אין ווישענסק, און אויפן צווייטן טאָג האָבן ביז שפּעט איבער די גאַסן און געס־לעך געפייפט קוילן, זיך אויפגעריסן גראַנאַטן, און אַקסיניאַ האָט זיך נישט אַנטשלאָסן אַרויסצוגיין פון דער כאַטע.

„ער האָט מיך אַרויסגערופן קיין וויעשקי, צוגעזאָגט — מיר וועלן זיין צוזאַמען, און אַליין פליט ער אַרום, דער טייוול ווייסט וווּ!״ — האָט זי בייז געטראַכט, ליגנדיק אין אַלקער אויפן קו־פערט, בייסנדיק די העלע ליפן, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן אָפּ־בליאַקירט ווערן. די זקנה, די מומע, איז געזעסן ביים פענסטער, געשטריקט אַ זאָק, נאָך יעדן האַרמאַטן־שאָס זיך געצלמט.

— אָך, האַר יעזוס! אַ חשק דאָס איז! און צוואָס פירן זיי מלחמה? און צוואָס האָבן זיי זיך איינגעגעסן איינער אין צווייטן?

אויף דער גאַס, אויף אַ פּופּצן קלאַפּטער פון דער כאַטע, האָט אויפגעריסן אַ גראַנאַט. אין דער כאַטע האָבן מיט אַ יעמער־לעך קלינגען זיך געגומען שיטן די שויבן פון די פענסטער.

— מומע! גיי אַוועק פון פענסטער, מ׳קאָן דאָך נאָך טרעפן אין דיר — האָט אַקסיניאַ זיך געבעטן.

די אַלטע האָט זי מיט חוזק באַטראַכט פון אונטער די ברילן אָפּער, פאַרדראָסיק געענטפערט:

— אָך, אַקסיוטקאַ! נו, דו ביסט שוין איינמאָל אַ נאַר, ווי איך זע. וואָס בין איך — זייער שונא, צי וואָס? פאַרוואָס זאָלן זיי שיסן אין מיר?

— זיי וועלן דיך אומגערן דערהרגענען! זיי ווייסן דאָך נישט ווו די קוילן פליען.

— זיי וועלן דיר שוין דערהרגענען! זיי זען דיר שוין נישט! זיי שיסן אין די קאָזאַקן, די קאָזאַקן זענען זייערע שונאים, אָבער איך — אַ זקנה, אַן אלמנה, צוואָס דאַרפן זיי מיך? נישקשה, זיי ווייסן אין וועמען צו צילן פון די ביקסן, פון די האַרמאַטן!

אינמיטן טאָג האָט איבער דער גאַס, אין דער ריכטונג פון נאָענטן אויסבויג זיך דורכגעטראָגן גריגאָרי, אָנגעבויגן צום האַלז פון זיין פערד. אַקסיניאַ האָט אים דערזען דורכן פענסטער, אַרויס. געשפרונגען אויפן גאַנעקל, וואָס איז אַרומגעפלאָכטן געווען מיט ווילדע וויינטרויבן, און אַ געשריי געטון: „גרישאַ!״... — נאָר גרי־גאָרי איז שוין פאַרשוווּנדן הינטערן ראָג, בלויז דער שטויב, וואָס

איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך די קאַפּיטעס פון זיין פערד, האָט פאַמעלעך זיך אַראָפּגעזעצט אויפן וועג. לויפן אים נאָכיאָגן האָט נישט געהאַט קיין זין. אַקסיניאַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע אויפן גאַנעק, זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן.

— דאָס האָט נישט סטיעפּאַ זיך דורכגעטראָגן ? וואָס ביסטו עפּעס אַרויסגעלאָפן, ווי אַ משוגענע ? — האָט די מומע געפרעגט.

— ניין... דאָס איז איינער פון אונזער כוטאָר... — האָט אַקסיניאַ מיט טרערן געענטפערט.

— פאַרוואָס־זשע גיסן זיך טרערן בײַ דיר ? — האָט די נייגיריקע אַלטיטשקע זיך נאָכגעפרעגט.

— און צוואָס, מומענקע, דאַרפט איר דאָס וויסן ? דאָס איז נישט פאַר אייער שכל...

— שיין נישט פאַר מיין שכל... נו, מסתמא, דער געליבטער זיך דורכגעטראָגן... וואָס דען־זשע ! בחינם וואָלסטו נישט אַרויסגעשריגן... כ׳האָב אַליין אַ לעבן דורכגעלעבט, ווייס איך !

פאַרנאַכט איז אין דער כאַטע אַריינגעקומען פּראָכאָר זיקאָוו.

— וואָס מאַכט איר ! איז נישטאָ בײַ אייך, באַלעבאָסטעשי, עמעצער פון טאַטערישן כוטאָר ?

— פּראָכאָר ! ! — האָט אַקסיניאַ דערפרייט אויסגעשריגן און אַרויסגעלאָפן פון אַלקער.

— נו, מויד, האָסט מיר אַ גוט שטיקל אַרבעט פאַרגעבן, איך האָב שוין קיין פּיס נישט, דיך זוכנדיק ! דו קענסט דאָך אים ? ער איז דאָך אין פּאַטער אַריין געראָטן. אינדרויסן גייט אַ שיסעריי, אַז ס׳איז חושך, קיין לעבעדיק נפש זעט מען נישט, און ער — אין איין אָטעם : „געפין זי מיר ! אַז נישט וועל איך דיך לעבעדיקערהייט אין קבר אַריינטרייבן !"

אַקסיניאַ האָט אָנגעכאַפּט פּראָכאָרן ביים אַרבל פון דער בלוזע, אים אַריינגעשלעפּט אין פּעדערהויז.

— וווּ־זשע איז ער, דער פאַרשאָלטענער ?

— הם... וווּ זאָל ער זיין ? פון דער פּאָזיציע צופוס געקומען. דאָס פערד האָט מען היינט אונטער אים דערהרגעט ? אַ ביי־

זער געקומען, ווי אַ הונט, וואָס מען האָט אים נאָר־וואָס פון דער קייט אָפּגעלאָזט. „האָסט זי געפונען?“ פרעגט ער. „ווו־זשע קאָן איך זי געפינען? – זאָג איך. – איך קאָן דאָך זי נישט באַשאַפן!“ און ער: „אַ מענטש איז נישט קיין שפּילקע!“ און ווי ער גיט דאָס אַ היקע אויף מיר... אַן אמתער וואָלף אין מענטשן־געשטאַלט!

– וואָס האָט ער געזאָגט?

– פאַרנעם דיך און קום, מער גאָרנישט!

אַקסיניאַ האָט אין איין מינוט צונויפגעבונדן איר פּעקעלע, אײַליק זיך געזעגנט מיט דער מומע.

– סטיעפּאַן האָט געשיקט?

– סטיעפּאַן, מומענקע!

– נו, גריס אים אין מײַן נאָמען. פאַרוואָס־זשע איז ער אַליין נישט אַרײַנגעקומען? ער וואָלט אַ ביסל מילך געטרונקען, קרעפּלעך זענען בײַ אונז געבליבן.

אַקסיניאַ האָט נישט אויסגעהערט ביזן סוף און אַרויסגעלאָפן פון דער כאַטע.

ביז זי איז צוגעקומען צו גריגאָריעס קוואַרטיר – האָט זי שוין שטאַרק געסאַפּעט און בלייך געוואָרן. שוין צו שנעל איז זי געגאַנגען, אַזוי אַז פּראָכאָר האָט צום סוף זי שוין אפילו אָנגעהויבן בעטן:

– הער מיך נאָר אויס! איך אַליין בין אין די יונגע יאָרן מיידן נאָכגעלאָפן, נאָר קיינמאָל זיך נישט אַזוי געאײַלט ווי דו. צי דו האָסט קיין געדולד נישט? אָדער עס ברענט ערגעץ? איך האָב דאָך שוין קיין אָטעם נישט! נו, ווער לויפט עס אַזוי איבער זאַמד? אַלץ קומט בײַ אייך אַרויס נישט אויף קיין מענטשלעכן שטייגער...

און פאַר זיך האָט ער געקלערט: „זיי האָבן זיך ווידער צונויפגעשפּאַנט... נו, אַצינד וועט זיי שוין אפילו דער טײַוול אַליין נישט צעשיידן! זיי טוען זיך זייער זאַך, און איך האָב זי געדאַרפט, די צויג, אונטער די קוילן צו זוכן... באַהיט און באַשירמט זאָל מען ווערן – נאַטאַליאַ זאָל געוויר ווערן. זי וואָלט דאָך מיך

אַ לעבעדיקן אויפגעגעסן... קאָרשונאָווס גוזע קענען מיר אויך! ניין, ווען איך וואָלט נישט פאַרלוירן דאָס פערד מיט דער ביקס אין מיין שיכורן צושטאַנד, וואָלט איך דיך שוין נישט געגאַנגען זוכן איבער דער סטאַניצע! איך וואָלט צו דעם קיין האַנט נישט צוגעלייגט...״

אין דער שטוב מיט די פעסט-פאַרמאַכטע לאָדנס האָט רויכיק געברענט אַ נאַפט-לעמפל, גריגאָרי איז געזעסן ביים טיש. ער האָט נאָר-וואָס אייסגערייניקט די ביקס און נאָך נישט פאַרענדיקט דאָס אויסווישן די לופע פון מאַוזער, ווי די טיר האָט אַ סקריפע געטון. אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן אַקסיניאַ. איר שמאָלער ווייסער שטערן איז געווען פייכט פון שוויס, און אויף איר בלייך פנים האָבן מיט אַזאַ עקשנותדיקער ליידנשאַפט געברענט די אויסגעברייטערטע בייזע אויגן, אַז גריגאָריעס האַרץ האָט פריידיק אַ ציטער געטון ביים דערזען זי.

— האָסט מיך אַהערגענאַרט... און אַליין... וועסטו פאַרפאַלן!... — האָט זי אַרויסגערעדט, שווער סאַפענדיק.

ווי אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווי אין די ערשטע טעג פון זייער פאַרבינדונג, האָט שוין פאַר איר אַציינד גאָרנישט עקזיסטירט, חוץ גריגאָריען. ווידער איז פאַר איר די וועלט אָפּגעשטאָרבן, ווען גריגאָרי איז נישט געווען און ווידער איז זי אויפסניי באַשאַפן געוואָרן, ווען ער האָט זיך צוריק באַוויזן!... נישט שעמענדיק זיך פאַר פראָכאָרן, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו גריגאָריען, אים אַרומגעפלאָכטן, ווי ווילדע האָפּן און, וויינענדיק, קושנדיק די האַרט-האָריקע באַקן פון געליבטן, באַדעקנדיק מיט קורצע קושן זיין נאָז, זיין שטערן, זיינע אויגן, זיינע ליפּן, האָט זי שטיל און כליפּענדיק געשעפּטשעט:

— איך בין פאַר-פּיי-ניקט גע-וואָרן!... קראַנק געוואָרן! גרישענקאַ! לעבן מיינס!

— נו, אַט... נו, אַט זעסטו דאָך... אָבער וואַרט-צו!... אַקסיניאַ, הער אויף... — האָט גריגאָרי אין פאַרלעגנהייט געבורטשעט, אָוועקדרייענדיק דאָס פּנים, אויסמיידנדיק צו קוקן אויף פראָכאָרן. ער האָט זי אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, אַראָפּגענומען

פון איר קאָפּ די שאַל, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט אויפן נאַקן, צוגעגלעט אירע צעשויבערטע האָר.

— דו ביסט עפּעס...

— איך בין די זעלבע, ווי געווען! נאָר דו...

— ניין, בנאמנות, דו — ביסט אינגאַנצן צעטראָגן!

— אַקסיניא האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף גריגאָריעס אַקסלען, זיך צעלאַכט מיט טרערן, גענומען שנעל פּליסטערן:

— נו, ווי קאָן מען עס אַזוי? האָסט מיך גערופן... איך בין געקומען צופוס, אַלץ אַוועקגעוואָרפן, און דו ביסט נישטאָ... דו ביסט דורכגעריטן, איך בין אַרויסגעשפּרונגען, גענומען שרייען, און דו ביסט שוין הינטערן ראָג פאַרשוווּנדן... מען וואָלט דיך דערהרגעט, און איך וואָלט אויף דיר אפילו צום לעצטן מאָל נישט קיין קוק געטון...

זי האָט נאָך עפּעס געזאָגט, אומגעוויינלעך-צערטלעכס ליבס, ווייבערישס, נאַרישס און די גאַנצע צייט מיט די הענט געגלעט גריגאָריעס ברייטע אַקסלען, אומאויפהערלעך מיט אירע אויף איי־ביק אונטערטעניקע אויגן געקוקט אין זיינע אויגן אַריין.

אין איר בליק האָט געפלאַטערט עפּעס נעבעכדיקס און איינ־צייטיק זייער אכזריותדיקס, ווי אין די אויגן פון אַ געיאָגטער חיה, אַזוינס, פון וואָס גריגאָריען איז שווער און ווייטיקלעך גע־ווען אויף איר צו קוקן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, וואָס זענען אָפּגעברענט געווען פון דער זון, איבער די אויגן, זיך געניייט צו שמייכלען, געשוויגן, און אירע באַקן האָבן אַלץ שטאַרקער זיך אָנגעצויגן מיט אַ הייסער ראָזקייט, און די אַפּלען האָבן זיך פאַרצויגן, ווי מיט אַ בלוי רויכל.

פּראָכאָר איז אַרויסגעגאַנגען אומגעזעגנט, אַ שפּיי געטון אין פּעדערהויז, דעם שפּיי צעריבן מיטן שטיוול.

— אַ כישוף — און שוין! — האָט ער מיט פאַרביטערונג אַ זאָג געטון, אַראָפּגייענדיק פון די שטיגעלעך און דעמאָנסטראַטיוו הויך אַ קלאַפּ געטון מיטן טירל.

LXIII

צוויי מעת־לעת האָבן זיי דורכגעלעבט, ווי אין אַ חלום, נישט געוווּסט פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט, פאַרגעסן אָן אַלצם אַרומיקן. פון צייט־צו־צייט האָט גריגאָרי זיך אויפגעכאַפּט נאָך אַ קורצן פאַרשמאַכטן שלאָף און אין האַלב־טונקל געזען, אַקסיניעס אויפמערקזאַמען פאַרשנדיקן בליק, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף אים. זי איז געוויינלעך געלעגן אויפן עלענבויגן, אונטערגעשפאַרט די באַק מיט דער האַנט, געקוקט, כמעט נישט מרוגענדיק.

— וואָס קוקסטו? — האָט גריגאָרי זי געפרעגט.

— איך וויל מיך אָנקוקן צו דער זעט... מען וועט דיך דערהרגענען, דאָס האַרץ זאָגט מיר.

— נו, מילא, אַז דאָס האַרץ זאָגט דיר, — קוק, — האָט גריגאָרי געשמייכלט.

ערשט אויפן דריטן מעת־לעת איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. קודינאָוו האָט אינדערפרי געשיקט איין שליח נאָכן צווייטן, געבעטן אים קומען אויף אַ באַראַטונג. „איך וועל נישט קומען. זאָלן זיי אָן מיר זיך באַראַטן“, — האָט גריגאָרי געענטפערט די שליחים.

פּראָכאָר האָט אים געבראַכט אַ ניי פערד, וואָס ער האָט באַקומען אין שטאַב. פאַרנאַכט צוגעריטן אויפן אָפּשניט פון דער גראָמאָווער סאָטניע, געבראַכט דאָס זאָטל, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט. דערזעענדיק, אַז גריגאָרי קלויבט זיך אָוועקצופאָרן, האָט אַקסיניאַ דערשראָקן אים געפרעגט:

— וווהין?

— כ'וויל מיך צוכאַפּן אין טאַטערישן כוטאָר, אַ קוק טון ווי אונזערע פאַרטיידיקן דעם כוטאָר און דרך־אגב געוויר ווערן ווי די פאַמיליע געפינט זיך.

— האָסט נאָך די קינדערלעך זיך פאַרבענקט? — אַקסיניאַ האָט אַרומגעהילט מיט דער שאַל אירע שיפּע ברוינע פּלייצעס, ווי עס וואָלט איר קאַלט געווען.

— פאַרבענקט.
— וועסט אפשר נישט פאָרן, האַ?
— ניין, איך וועל פאָרן.
— פאָר נישט! — האָט אַקסיניאַ זיך געבעטן, און אירע אויגן אין די שוואַרצע אָרביטן האָבן אָנגעהויבן הייס צו פינקלען. — איז די פאַמיליע, הייסט עס, ביי דיר טייערער פון מיר? טייערער? עס ציט דיך אַהין, אַהער? וואָלסטו מיך אפשר גענומען צו דיר? מיט נאַטאַליען וואָלט איך ווי ס'איז דורכגעקומען: נו, גיי! פאָר! נאָר צו מיר ווייז דיך נישט מער! איך וועל דיך נישט אויפנעמען. איך וויל נישט אַזוי!... איך וויל נישט!
גריגאָרי איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, אויפגעזעסן אויפן פערד.

די סאָטניע טאָטערישע פוסגייער האָט זיך געפוילט צו גראָבן טראַנשייען.
— דער טייוול ווייסט, וואָס זיי האָבן אויסגעטראַכט, — האָט כריסטאָניאַ געזאָגט מיט אַ באַס. — וואָס זענען מיר, אויפן דייטשישן פראָנט, צי וואָס? גראָבט, הייסט עס, ברידערלעך, די אַלט-באַקאַנטע אָקאָפּעס טיף ביז איבער די קניען. צי האָט דאָס אָבער אַ זין, אַזאַ הארטע ערד צו גראָבן צוויי אַרשין די טיף? נישט נאָר מיט דער לאָפּעטע — מיט קיין אייזערנעם דראָנג וועסטו נישט אָפּקרישלען.
מען האָט אים געפאָלגט. אין האַרטן משופּעדיקן יאַר אויסגעגראָבן קליינע אָקאָפּעס צום ליגן און אין וואַלד געמאַכט ערדשטיבלעך.
— האָבן מיר, הייסט עס, אָנגעהויבן לעבן ווי די באָבאַקעס! — האָט אַניקושקאַ, וואָס איז קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן אין מרה-שחורה, זיך געוויצלט. — מיר וועלן ווינען אין נאָרעס, זיך שפּייזן מיט גראָז, וואָרים תמיד ווילט איר פרעסן בלינצעס מיט סמעטענע, פלייש, לאָקשן מיט פיש... און אַ ביסל גראָז טויג נישט?
די טאָטאַרצעס האָבן די רויטע ווייניק באַאומרויִקט. קעגנאיבער דעם כוטאָר זענען נישט געווען קיין באַטאַרייעס. בלויז פון

צייט-צו-צייט האָט פֿון רעכטן ברעג אָנגעהויבן דראָבנע קלאַפּן אַ קוילנוואַרפֿער, באַשיסנדיק דעם באַאָבאַכטער, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון דער אָקאָפּע, און דערנאָך האָט ווידער אויף לאַנג זיך איינגעשטעלט אַ שטילקייט.

די רויטאַרמייאישע אָקאָפּעס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן באַרג. פֿונדאַנען האָט מען אויך פֿון צייט-צו-צייט געשאָסן, נאָר אין כוטאָר אַריין זענען די רויטאַרמייער אַראָפּגעגאַנגען בלויז ביינאַכט און אויך נישט אויף לאַנג.

גריגאָרי איז געקומען אָנצורייטן אויף זיין פּאַשע פֿאַרנאַכט.

אַלץ איז אים דאָ געווען באַקאַנט, יעדעס ביימעלע האָט אַרויסגערופֿן זכרונות... דער וועג האָט געפֿירט איבער דער דיעוויטשער וואַלד-לאַנקע, אויף וועלכער די קאָזאַקן האָבן אַלע יאָר אין טאָג פֿון הייליקן פּיאָטער געטרונקען בראָנפֿן, נאָכדעם ווי זיי האָבן צעטיילט די לאַנקע. ווי אַ האַלבּ-אינזל האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער פּאַשע אַליאָשקעס וועלדל. מיט אַ סך יאָרן צוריק האָבן וועלף אין דעם וועלדל, וואָס האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין נאָמען, צעריסן אַ קו, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן אַלעקסעי — אַן איינוווינער פֿון טאָטערישן כוטאָר. אַלעקסעי איז געשטאָרבן, דער זכר וועגן אים איז אָפּגעמעקט געוואָרן, ווי עס ווערט אָפּגעמעקט אַן אויפֿשריפֿט אויף אַ מצבֿה, אפֿילו זיין פֿאַמיליע-נאָמען האָבן די שכנים און לאַנדסלייט פֿאַרגעסן, אָבער דאָס וועלדל, וואָס איז אָנגערופֿן געוואָרן מיט זיין נאָמען, לעבט, שטרעקט קעגן הימל די טונקל-גרינע קרוינען פֿון די דעמבעס און דאָרן-קוסטעס. די טאָטאַרצעס האַקן זיי אויס צו מאַכן פֿון זיי די נייטיקע כּלים פֿאַר דער באַלעבאַטישקייט, אָבער פֿון די ברייט-צעוואַקסענע שטאַמען שלאָגן פֿרילינגס-צייט אַרויס פֿרישע, יונגע קנאָספּן, אַ יאָר-צוויי געדויערט זייער אומבאַמערקט וואַקסן, און ווידער שטייט אַליאָשקעס וועלדל זומער-צייט — אין מאַלאַכיטער גרינקייט פֿון אויסגעשפּרייטע צווייגן, און האַרבסט-צייט — ווי אין אַ גילדערנעם שטאָכעל-פּאַנצער — אין רויטן ווידערשיין פֿון די אָנגעצונדענע דורך די מאָרגן-פֿרעסטלעך געשניצטע דעמבע-בלעטער.

זומער פֿלעכטן אין אַליאָשקעס וועלדל געדיכט אַרום די וויל-

דע מאַלינעס די פייכטע ערד, אויף די שפּיצן פון די אַלטע דאָרן-
קוסטעס בינדן זיך נעסטן צירלעך-באַפּעדערטע, תּכלת-בלויע גאָ-
פּעס און סראָקעס ; האַרבסט-צייט, ווען עס שמעקט פריש און בי-
טערלעך מיט חזיר-ניס און אָראָפּגעפאַלענע דעמבע-בלעטער, קומען
אין וועלדל צו-גאַסט דורכפליענדיקע וואַלד-שנעפּן, און ווינטער זעט
זיך בלויז דער קיילעכיקער אָפּגעדריקטער שפּור פון פוקס, וואָס
שלענגלט זיך, ווי אַ שנורל פּערל איבערן אויסגעשפּרייטן ווייסן
פילץ פון שניי. גריגאָרי פלעגט נישט איינמאָל ייִנגלוויַיז גיין אין
אַליאָשקעס וועלדל אַריין אויפשטעלן שטייגלעך אויף פוקסן...

ער איז געריטן אין קילן שאָטן פון די צווייגן, איבער די
אַלטע, פאַרוואַקסענע קאָליעס פון פאַראַיאָריקן וועג. ער האָט גע-
מיטן די דיעוויטשער וואַלד-לאָנקע, אָנגעקומען צום שוואַרצן יאַר,
און די זכרונות האָבן ווי אַ שיכּרות אים אַ שלאָג געטון אין קאָפּ
אַריין. ביי די דריי טאָפּאָלן האָט ער אַלס ייִנגל אַמאָל זיך גע-
יאָגט נאָך ווילדע קאַטשקעלעך, וואָס האָבן זיך ערשט געהאַט
אויסגעפּיקט. אין דער קיילעכיקער אָזיערע פון פאַרטאָג ביז
נאַכט געכאַפּט קאַרפּן... און נישט וויַיט — געפינט זיך דאָס שירעמ-
אַרטיקע קאַלינע-ביימל. עס שטייט אָפּגעזונדערט, איינזאַם און אַלט.
מען זעט עס פון די מעליעכאָווס הויף, און יעדן האַרבסט פלעגט
גריגאָרי, אַרויפגייענדיק אויפן גאַנעק פון זיין כאַטע, זיך קוויקן מיט
דעם קאַלינע-קוסט, וואָס האָט פונוויַיטנס אויסגעזען, ווי אַרומגעכאַפּט
מיט רויטע פייער-צונגען. דער פאַרשטאָרבענער פּיעטראָ האָט אַזוי ליב
געהאַט בלינצעס, געפילטע מיט ביטערלעכע האַרבע קאַלינעס...

גריגאָרי האָט מיט שטילן טרויער באַטראַכט די ערטער, וואָס
זענען אים באַקאַנט געווען פון דער קינדהייט. דאָס פערד איז גע-
גאַנגען, פויל אָפּיאָגנדיק מיטן וויינדל די פליגעלעך, וואָס האָבן
געדיכט געווימלט אין דער לופט, די ברוינע בייזע מוקן. דער גרי-
נער בלעטער-ווייך און ווילדער קאָרן האָבן זיך געבויגן אונטערן
ווינט. די לאָנקע האָט זיך גרין געכוואַליעט.

אָנקומענדיק צו די אָקאָפּעס פון די טאָטערישע פּוסגייער, האָט
גריגאָרי געשיקט נאָכן פאָטער. ערגעץ-וויַיט אויפן לינקן פליגל האָט
כריסטאָניאַ אַ געשריי געטון:

— פּראָקאָפּיטש, גיי שנעלער! דאַכט זיך, גריגאָרי איז גע-קומען!...

גריגאָרי איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון פֿערד, איבערגעגעבן די לייצן דעם צוגעקומענעם אַניקושקען, נאָך פֿונוויטנס דערזען דעם פֿאָ-טער, וואָס האָט איילִיק אונטערגעהינקען.

— נו, וואָס מאַכסטו, אָנפֿירער!

— און וואָס מאַכסטו, טאַטע.

— ביסט געקומען?

— קוים זיך אָפּגעריסן! נו, וואָס מאַכן דאָרט אונזערע? די מאַמע, נאַטאַליע ווּ איז?

פּאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, זיך פֿאַרקרימט. איבער זײַן שוואַרצער באַק האָט זיך אַראָפּ-געגליטשט אַ טרער...

— נו, וואָס איז געשען? וואָס טוט זיך בײַ זיי? — האָט גריגאָרי שאַרף און אומרויִק געפֿרעגט.

— זיי זענען נישט אַריבערגעפֿאָרן...

— פֿאַרוואָס?

— נאַטאַליאַ האָט מיט צוויי טעג צוריק זיך אַוועקגעלייגט, ווי עס געהערט צו זײַן. אַ טיפֿוס, מסתמא... נו, און די אַלטע האָט זי נישט געוואָלט איבערלאָזן... אָבער דו שרעק דיך נישט, זינדל, בײַ זיי איז דאָרט אַלץ אין אָרדענונג.

— און די קינדערלעך? מישאַטקאַ? פּאָלושקאַ?

— זיי זענען אויך דאָרט. און דוניאַשקאַ איז אַריבערגע-פֿאָרן. זי האָט מורא געהאַט צו בלײַבן... אַ מיידל, ווייסט דאָך! זי איז אַצינד מיט אַניקושקעס ווײַב אַוועקגעגאַנגען קיין וואָלאָ-כאָוו. און אינדערהיים בין איך שוין צוויי מאָל געווען. אינמיטן דער נאַכט שיף איך מיך שטילינקערהייט אַריבער אויף אַ באַרקע, נו, און כ׳האָב זיי באַזוכט. נאַטאַליאַ איז נאָך זייער קראַנק, און די קינדערלעך — נישקשה, דאַנקען גאָט... נאַטאַליושקאַ ליגט אָן באַוווּסטזײַן, זי האָט אַזאַ שטאַרקע היץ, אַז די ליפּן זענען איר אַזש מיט בלוט פֿאַרקלעפּט.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו זיי נישט אַריבערגעפירט אַהער? — האָט גריגאָרי בייז אויסגעשריגן.

דער אַלטער איז אין כּעס געוואָרן, זיין קול האָט געציטערט מיט באַליידיקונג און פאָרוואורף.

— און דו וואָס האָסט געטון? דו האָסט נישט געקאָנט באַצייטנס קומען און זיי אַריבערפירן?

— איך האָב אויף מיר אַ דיוויזיע! איך האָב געדאַרפט די דיוויזיע אַריבערפירן! — האָט גריגאָרי היציק אָפּגעענטפערט.

— מיר האָבן געהערט מיט וואָס דו פאַרנעמסט דיך אין וויעשקי... די פאַמיליע האָסטו גאָרנישט אין זינען? עך, גריגאָרי! אויב מען געדענקט נישט אַן מענטשן, דאַרף מען כאָטש אַן גאָט זיך דערמאַנען... איך האָב נישט דאָ מיך אַריבערגעשיפט, וואָרים איך וואָלט זיי נישט געווען מיטגענומען? מיין אָפּטיילונג איז געווען אין יעלאַן, און איידער מיר זענען דאָ אַהערגעקומען, האָבן די רויטע שוין פאַרנומען דעם כוטאָר.

— איך בין אין וויעשקי!... דער ענין דאַרף דיך נישט אָנגיין... און דו דאַרפסט מיר... — גריגאָריעס קול איז געווען הייזעריק און פאַרשטיקט.

— איך זאָג דאָך דיר גאָרנישט! — האָט דער אַלטער זיך דערשראָקן, מיט אומצופרידנקייט זיך אומקוקנדיק אויף די נישט וויים פאַרזאַמלטע קאָזאַקן. — איך מיין דאָך נישט דאָס... און דו רעד אַ ביסל שטילער, מענטשן הערן... — און ער האָט אָנגעהויבן רעדן שעפּטשענדיק: — דו אַליין ביסט דאָך שוין נישט קיין קליין קינד, דו דאַרפסט וויסן, און וועגן דער היים נעם דיר נישט צום האַרץ. נאַטאַליען וועט, מיט גאָטס הילף, בעסער ווערן, און די רויטע טוען זיי קיין שלעכטס נישט. דאָס יעריקע קאַלב האָבן זיי, וואָס אַן אמת, געשאָכטן, און ווייטער — איז נישקשה. זיי האָבן רחמנות געהאַט און טשעפּען נישט... קאָרן אַ פערציק מעסטלעך האָבן זיי גענומען. נו, מילא, אויף דעם איז דאָך מלחמה!

- אפשר זאָל מען זיי אַצינד אַריבערנעמען?

— לויט מיין מיינונג איז דאָס איבעריק. נו, וווהין וועסטו זי קראַנקערהייט פירן? און עס איז דאָך אויך אַן איינשטעלעניש.

דאָרט פעלט זיי אויך גאָרנישט. די אַלטע טוט אַכטונג אויף דער באַלעבאַטישקייט, בין איך אויך רויִקער. עס זענען דאָך געווען שרפות אין כוטאָר.

— ווער איז פאַרבּרענט געוואָרן?

— דער גאַנצער פלאַץ איז פאַרבּרענט געוואָרן. די קאָרשו־נאָווס, די מחותנים אונזערע, האָט מען אינגאַנצן פאַרבּרענט. די מחותנתטע לוקיניטשנאַ געפינט זיך אַצינד אין אַנדראָפּאָוו, און דער זיידע גרישאַקאַ איז געבליבּן דאָס הויז אָפּהיטן. די מאַמע דיינע האָט דערציילט, אַז ער, דער זיידע גרישאַקאַ, האָט געזאָגט: „איך וועל מיך אין ערגעץ פון מיין הויף נישט רירן, און די אַנטיקריסטן וועלן צו מיר נישט אַריינגיין, זיי וועלן מורא האָבּן פאַרן צלם". ער האָט לעצטנס שוין אינגאַנצן אָנגעהויבּן צעמישט ווערן. נאָר, ווי עס זעט אויס, האָבּן די רויטע זיך נישט דערשראָקן פאַר זיין צלם, די כאַטע און דער הויף זענען פון רויך אַרומגענומען גע־וואָרן, און וועגן אים הערט מען גאָרנישט... און עס איז שוין טאַקע צייט געווען ער זאָל שטאַרבּן. אַן ארון האָט ער זיך גע־מאַכט שוין מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק, און ער לעבּט נאָך אַלץ... און דעם כוטאָר האָט אונטערגעצונדן דער פריינט דיינער, איינ־געזינקען זאָל ער ווערן!

— ווער?

— מישקאַ קאָשעוואָי, די זיבּעטע נכפה זאָל ער קריגן!

— וואָס רעדסטו?...

— ער, ווי גאָט איז אמת! בּיי אונזערע געווען, אויף דיר זיך געפרעגט. דער מאַמען האָט ער אַזוי געזאָגט: „ווען מיר וועלן אויף דער צווייטער זייט אַריבּערגיין — וועט אייער גריגאָרי זיין דער ערשטער אויפן שטריקל. ער דאַרף הענגען אויפן סאַמע העכסטן דעמבּ. איך וועל אָן אים, — זאָגט ער, — אפילו די שווערד נישט איינריכטן!" און אויף מיר האָט ער געפרעגט און — זיך גע־בּייזערט: „און דעם לאָמען, — זאָגט ער, — ווּהין האָט דער טייוול פאַרטראָגן? ער וואָלט בּעסער, — זאָגט ער, — געזעסן אינ־דערהיים אויפן אויוון. נו, און אויבּ איך וועל אים פאַקן, וועל איך אים צום טויט נישט דערהרגענען, נאָר אַזוי לאַנג מיטן ראַפּניק

אַריינבײַלן, ביז די נשמה וועט פון אים אַרויספליען!" אָט וואָס פאַר אַ טייוול ער איז געוואָרן! ער גייט אַרום איבערן כּוטאָר, צינדט אונטער די סוחרישע און פּאָפּישע הייזער און זאָגט: „פאַר איוואַן אַלעקסעיעוויטשן און פאַר שטאָקמאַנען וועל איך גאַנץ וויעשענסק פאַרברענען!" געפעלט דיר אַזאַ לשון?

גריגאָרי האָט נאָך געשמועסט מיטן פאָטער קעגן אַ האַלבער שעה, דערנאָך אַוועקגעגאַנגען צום פערד. אין שמועס האָט דער אַלטער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן אַקסיניען, אָבער גריגאָרי האָט זיך אַזוי אויך געפילט דערשלאָגן. „אַלע האָבן שוין מכּתמא געהערט, אויב דער טאַטע ווייסט שוין. ווער־זשע האָט געקאָנט דערציילן? ווער, חוץ פּראָכאָרן, האָט אונז געזען צוזאַמען? צי ווייסט שוין סטיעפּאַן אויך?" ער האָט אפילו מיט די ציין אַ קריץ געטון פון בושה, פון כּעס אויף זיך אַליין...

ער האָט קורץ זיך דורכגעשמועסט מיט די קאָזאַקן. אַניקושקאַ האָט אַלץ געשפּאַסט און געבעטן צו שיקן פאַר דער סאָטניע עטלעכע עמער סאַמאָגאָן.

— מיר דאַרפן גאָרנישט קיין קוילן, אַבי עס וואָלט נאָר געווען בראָנפן! — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק און אונטערווינקענדיק, הויך שנעלנדיק מיטן נאָגל איבערן שוואַרצן קייטעלע אויף דער בלוזע.

כריסטאָניען און אַלע איבעריקע פון כוטאָר האָט גריגאָרי מכבד געווען מיט טיטון, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך; און שוין פאָרן אַוועקפאָרן דערזען סטיעפּאַן אַסטאַכאָוון. סטיעפּאַן איז צוגעקומען, נישט איילנדיק זיך באַגריסט, אָבער די האַנט נישט דערלאַנגט.

גריגאָרי האָט אים געזען צום ערשטן מאָל, זינט דעם אויפשטאַנד, זיך איינגעקוקט אין אים שאַרף און אומרויִק: „צי ווייסט ער?" נאָר סטיעפּאַנס שיינע קאַלטע פּנים איז געווען רויִק, אפילו מונטער, און גריגאָרי האָט מיט פאַרלייכטערונג אָפּגעזיפצט: „ניין, ער ווייסט נישט!"

LXIV

אין צוויי טעג אַרום האָט גריגאָרי זיך אומגעקערט פון דער נסיעה איבערן פראָנט פון זיין דיוויזיע. דער שטאַב פון קאָמאַנדיר

האָט זיך איבערגעקליבן אין כוטאָר טשאָרני. גריגאָרי האָט ביי וויעשענסק געלאָזט דאָס פערד אָפרוען קעגן אַ האַלבער שעה, אָנגעטרונקען עס און, נישט אַריינרייטנדיק אין דער סטאַניצע, זיך אַוועקגעלאָזט קיין טשאָרני.

קודינאָוו האָט אים אויפגענומען מיט אַ פריילעכן בליק און אָפּוואַרטנדיק שמייכעלע.

— נו, גריגאָרי פּאַנטעלעיעוו, וואָס האָסטו געזען? דערציי.

— קאָזאַקן האָב איך געזען, רויטע אויף די בערגלעך געזען.

— אַ סך זאַכן האָסטו געזען! און צו אונדז זענען דאָ געקומען דריי אַעראָפּלאַנען, קוילן געבראַכט, אַ ביסל בריוו געבראַכט...

— וואָס-זשע שרייבט דיר דיין ווינדעלע גענעראַל סודאַרין?

— מיין חבר פון פולק? — האָט קודינאָוו איבערגעפרעגט און ווייטער געפירט דעם אָנגעהויבענעם שמועס אין זעלבן וויציקן טאָן. — ער שרייבט, איך זאָל מיך האַלטן מיט אַלע כוחות און נישט לאָזן אַריבערגיין די רויטע. און נאָך שרייבט ער, אַז די דאָנער אַרמיי טרעט אָט-אָט אַרויס אין אַנטשלאָסענעם אָנגריף.

— ער שרייבט פיין.

קודינאָוו איז געוואָרן ערנסט.

— זיי גייען זיך דורכרייסן. איך זאָג עס בלויז דיר און פולשטענדיק געהיים! אין אַ וואָך אַרום וועלן זיי דורכרייסן דעם פראָנט פון דער אַכטער דאָנער אַרמיי. מען דאַרף זיך האַלטן

— מיר האַלטן זיך דאָך.

— אין גראָמאָק גרייטן זיך די רויטע אַריבערצוגיין.

— זיי קלאַפּן נאָך אַלץ מיט די העק? — האָט גריגאָרי זיך געוווּנדערט.

— זיי קלאַפּן... נו, און דו וואָס האָסט געזען? ווו ביסטו געווען? ביסט נישט אַמאָל אַפּגעלעגן די גאַנצע צייט אין וויעשקי? אפשר ביסטו גאָרנישט געפאָרן אינערגעץ? אייערנעכטן האָב איך די גאַנצע סטאַניצע דורכגענישטערט, דיך געזוכט, און אָט קומט איינער אַ שליח און זאָגט: „אויף דער קוואַרטיר האָב איך מעליעכאָוון נישט געטראָפן, נאָר צו מיר איז פון אַלקער אַרויסגעקומען אַ גאָר שיינע פרוי און געזאָגט: „ער איז אַוועקגעפאָרן,

גריגאָרי פּאַנטעלעוויטש", און די אויגן זענען בײַ איר אָנגעשוואָלן". האָב איך כאָקע אַ טראַכט געטון: „אפשר פאַרשפּילט זיך אונזער דיוויזיע־קאָמאַנדיר מיט זײַן ליבינקער, און פאַר אונז באַהאַלט ער זיך ?"

גריגאָרי האָט זיך פאַרקרימט. קודינאָווס שפּאַס איז אים נישט געפעלן.

— דו וואָלסט ווינציקער פלוידערייען אויסגעהערט און בעסער זיך אויסגעקליבן אָרדינאַנסן מיט קורצע צונגען! וואָרים אויב דו וועסט מיר שיקן אַזעלכע, וואָס וועלן האָבן צו לאַנגע צונגען, וועל איך זיי באַצײַטנס מיט דער שווערד די צונגען אָפּהאַקן... זיי זאָלן נישט פלוידערן, וואָס מען דאַרף נישט.

קודינאָוו האָט זיך צעלאַכט, אַ קלאַפּ געגעבן גריגאָריען איבער דער פּלײַצע.

דו האָסט טײלמאָל אויך נישט ליב קיין שפּאַס ?! נו, גענוג צו שפּאַסן! איך האָב מיט דיר צו רעדן אויך וועגן וויכטיקס. מיר וואָלטן געדאַרפט פּאַקן אַ צ ו נ ג — דאָס איז איינס, און צווייטנס — וואָלט מען געדאַרפט בײַנאַכט ערגעץ, נישט העכער פון דער קאַזאַנער גרענעץ, אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זײַט מיט אַ צוויי סאָטניעס רײַטער און אַרויסרופן אַ בהלה בײַ די רויטע. אפשר גאָר קיין גראָמאָק אַריבערגיין, כדי אָנצוזאָגן אַ פּאַניק אויף זיי, האַ ? ווי מיינסטו ?

גריגאָרי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך געענטפערט :

— עס וואָלט נישט שלעכט געווען.

— און דו אַליין, — קודינאָוו האָט באַטאָנט דאָס לעצטע וואָרט, — וואָלסט נישט אָנגעפירט מיט דידאָזיקע סאָטניעס ?

— פאַרוואָס איך אַליין ?

— מען דאַרף אַ העלדישן קאָמאַנדיר, אָט פאַרוואָס! מען דאַרף זייער אַ העלדישן, ווײַל די אונטערנעמונג איז נישט קיין לײַכטע. מיט אַזאַ אַריבערגיין קאָן מען זיך אַזוי פאַרשיטן, עס זאָל קיין איינער זיך נישט אומקערן!

גריגאָרי, וואָס האָט זיך געפילט געשמײכלט, האָט אָן אַ ישוב מסכּים געווען.

— איך וועל אָנפירן, אוודאי!

— מיר האָבן דאָ געפּלאַנט און צוגעטראַכט אַזוי, — האָט קודינאָוו אָנגעהויבן רעדן באַלעבאַטיש, אויפשטייענדיק פון טאַבורעט, זיך דורכגייענדיק איבער די סקריפּענדיקע ברעטער פון דיל: — אַוועקגיין טיף אין רוקן דאַרף מען נישט, נאָר ביים דאָן, אין אַ צוויידריי כוטאָרן זיי אַ טרייסל טון אַזוי, אַז עס זאָל זיי איבל ווערן, פאַרנעמען אַ גרעסערע צאָל קוילן און גראַנאַטן, פאַרכאַפּן געפאַנגענע און מיטן זעלבן וועג — צוריק. דאָס אַלץ דאַרף אָפּגעטון ווערן איבער נאַכט, כדי מען זאָל פאַרטאָג זיך שוין אומקערן. אמת? זייזשע דיך מישב, קלויב דיר מאָרגן אויס קאָזאַקן און דערלאַנג זיי. מיר האָבן טאַקע אַזוי באַשלאָסן: חוץ מעליעכאָוון וועט דאָס קיינער נישט דורכפירן! און וועסטו עס דורכפירן, — וועט די דאָנער אַרמיי דיר דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ווי נאָר מיר וועלן זיך פאַראייניקן מיט אונזערע, וועל איך אָנשרייבן אַ ראַפּאָרט צום צייטווייליקן אַטאַמאַן אַליין. אַלע דיינע פאַרדינסטן וועל איך באַשרייבן, און דו וועסט זיכער אַוואַנסירן...

קודינאָוו האָט אַ קוק געטון אויף גריגאָריען און זיך פאַרהאַקט אינמיטן וואָרט: מעליעכאָווס פּנים, וואָס איז ביז איצט געווען רויִק, איז שוואַרץ און צעקרומט געוואָרן פון כּעס.

— פאַר וועמען האַלטסטו מיך?... — גריגאָרי האָט פלינק פאַרלייגט די הענט אויפן רוקן, זיך אויפגעהויבן. — צוליב אַוואַנסן וועל איך גיין?... דינגסט מיך?... אַוואַנסן זאָגסטו מיר צו?... איך...

— אָבער וואַרט נאָר!

— ...שפּיי אויף דיינע אַוואַנסן!

— וואַרט נאָר! דו האָסט מיך...

— איך שפּיי!

—...דו האָסט מיך נישט גוט פאַרשטאַנען, מעליעכאָוו!

— איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען! — גריגאָרי האָט טיף אָפּגעזיפצט און זיך צוריקגעזעצט אויפן טאַבורעט. — זוך דיר אַ צווייטן, איך וועל נישט אַריבערפירן די קאָזאַקן איבערן דאָן!

— דו היצסט דיך צו שטאַרק.

— איך וועל זיי נישט אַריבערפירן! ניין, וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

— נייט איך דיך נישט און בעט דיך נישט. ווילסט — פיר, ווילסט נישט — ווי דו ווילסט. די לאַגע איז אַצינד ביי אונז זייער אַן ערנסטע, דעריבער טאַקע האָבן מיר באַשלאָסן אָנצומאַכן ביי זיי אַ בהלה, נישט לאָזן זיי צוגרייטן צום אַריבערגיין. און וועגן דעם וואָנס האָב איך דאָך געזאָגט אין שפּאַס! וואָס, דו פאַרשטייסט גאָרנישט קיין שפּאַס? אויך וועגן דער פרוי האָב איך דערמאָנט אין שפּאַס, און דאָ זע איך, דו ביסט עפּעס גאָר אָנגעצונדן געוואָרן, טראַכט איך מיר — לאָמיך אים נאָך מער צערייצן! איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַ נישט דערבאַקענער באָלשעוויק און האָסט נישט ליב קיין שום ראַנגעס. און דו האָסט געמיינט, אַז איך האָב דאָס געזאָגט ערנסט? — האָט קודינאָוו זיך אַרויסגעדרייט און געלאַכט אַזוי נאַטירלעך, אַז גריגאָריען איז שוין אפילו אויף אַן אויגנבליק איינגעפאַלן: „און אפשר האָט ער טאַקע מיך אָנגעצויגן?“ — ניין, כאַ-כאַ-כאַ!... דאָס ביסטו שוין איינמאָל, ברידערקע, אַריינגעפאַלן אין אַ ירגזון! באמונות, אין שפּאַס געזאָגט! איך האָב געוואָלט דיך אַ ביסל רייצן...

— אַלצאיינס זאָג איך מיך אָפּ צו גיין איבערן דאָן אַריבער, איך האָב מיך מישב געווען.

קודינאָוו האָט זיך געשפּילט מיטן עק פון פּאַסעקל, אַ גלייכגילטיקער לאַנג געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— נו, מילא, זיך מישב געווען אָדער מורא געקריגן — דאָס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דו צעשטערסט אונזער פּלאַן! אָבער מיר וועלן, פאַרשטייט זיך, שיקן עמעצן אַנדערש. די וועלט שטייט נאָך דערוויילע נישט אויף דיר... און אַז די לאַגע איז ביי אונז אַצינד זייער אַן ערנסטע — דאָס זע אַליין. הייַנט האָט אונז קאָנדראַט מיעדוויעדיעוו געשיקט פון שומילין אַ נייעם באַפעל. מען שיקט אַרויס קעגן אונז מיליטער... נאַדיר, לייען אַליין, וואָרים דו קאָנסט נאָך אמאָל נישט גלייבן... — קודינאָוו האָט אַרויסגענומען פון אַ מיליטערישן טאַש אַ געל בייגעלע פּאַפּיר מיט טונקל-בלויע פלעקן פון פאַרטרוקנט בלוט אויף די ברעגן, און אים דערלאַנגט. —

דאָס האָט מען געפונען בײַ אַ קאָמיסאַר פֿון עפּעס אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלער ראָטע. אַ לאַטיש איז געווען דער קאָמיסאַר. ער האָט זיך אָפּגעשאָסן, די שלאַנג, ביז דער לעצטער קויל, און דערנאָך זיך געוואָרפֿן אויף אַ גאַנצער אָפּטײלונג קאָזאַקן מיט דער אויס־געשטרעקטער ביקס... צווישן זײ טרעפֿן זיך אויך אַזעלכע אידע־אישע... דעם קאָמיסאַר האָט אַוועקגעלײגט קאָנדראַט אַלײן. ער האָט דאָס טאַקע געפֿונען בײַ אים אין דער בוזעם־קעשענע דעם באַפֿעל.

אויפֿן געלן, מיט בלוט־באַשפּריצטן זײטל פּאַפּיר איז מיט דראָבנעם שוואַרצן כּתב געדרוקט געווען:

באַפֿעל

פֿון פּאַרזיצער פֿון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן ראַט פֿון דער רעפּובליק צו די עקספּעדיציע־חיילות.

8 № 100

באָגוטשאַר. **25־סטער מאַי 1919**

איבערלײענען אין אַלע ראָטעס, עסקאַדראָנען, באַטאַרײעס און קאָמענדעס.

אַ סוף צום נידערטרעכטיקן דאָנער אויפֿשטאַנד!

עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה!

אַלע נײטיקע צוגרײטונגען זענען געמאַכט. עס זענען קאָנצענטרירט געוואָרן גענוגנדע כּוחות, כּדי צו וואַרפֿן זײ אויף די קעפּ פֿון די פֿאַר־רעטער. עס האָט געשלאָגן די שעה פֿון אָפּרעכענונג מיט די קײנס, וועל־כע האָבן העכער צוויי חדשים דערלאַנגט קלעפּ אין רוקן אונזערע טעטיקע חיילות פֿון דרום־פֿראָנט. דאָס גאַנצע רוסלאַנד פֿון די אַרבעטער און פּוי־ערן קוקט מיט עקל און פֿאַראַכטונג אויף די מיגולינער, וויעשענסקער, יעלאַנער, שימולינער באַנדעס, וואָס באַנוצן זיך פֿאַלש מיט דער רויטער פֿאָן און העלפֿן צו די שוואַרץ־מאהדיקע גוטבאַזיצער: דעניקינען און קאָלטשאַקן.

סאָלדאַטן, קאָמאַנדירן, קאָמיסאַרן פֿון די שטראָף־חיילות!

די צוגרײטונגס־אַרבעט איז פֿאַרענדיקט. אַלע נײטיקע כּוחות און מיטלען זענען קאָנצענטרירט. אײערע רײען זענען פֿאַרמירט.

אַצינד אויפֿן סיגנאַל — פֿאָרויס!

די נעסטן פֿון די נידערטרעכטיקע פֿאַררעטער מוזן צעשטערט ווערן, די קײנס מוזן אויסגעראָטן ווערן. קײן שום רחמנות אויף די סטאַניצעס, וואָס וועלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד. שוינען בלויז די, וואָס וועלן פֿרײַווי־

ליק אָפּגעבן דאָס געווער און איבערגיין אויף אונזער זייט. קעגן די מיטהעלפער פון קאָלטשאַקן און דעניקינען — בליי, שטאָל און פייער!

ראַטנרוסלאַנד האָפט אויף אייך, חברים־סאָלדאַטן. אין משך פון עטלעכע טעג מוזן מיר אָפּרייניקן דעם דאָן פון שוואַרצן פלעק פון פאַרראַט.

עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה!

אַלע ווי איינער — פאָרויס!

LXV

דעם צוועלפטן מאַי איז מישקאַ קאָשעוואָי געשיקט געוואָרן דורך גומאַנאָוון — דעם שטאַב־אָנפירער פון דער עקספּעדיציע־בריגאַדע פון דער 9־טער אַרמיי — מיט אַן עקסטרע פּאַקעט צום שטאַב פון 32־סטן פּולק, וועלכער האָט זיך געדאַרפט געפינען, לויט די ידיעות, וואָס גומאַנאָוו האָט דערהאַלטן, אין כוטאָר גאָרבאַטאָוו.

דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט־צו איז קאָשעוואָי אָנגעקומען אין גאָרבאַטאָווער כוטאָר, אָבער דעם שטאַב פון 32־סטן פּולק דאָרט נישט געטראָפן. דער כוטאָר איז געווען איבערפולט מיט די וואָגנס פון טאַבאָר, וואָס האָט געהערט צו דער צווייטער אָפּטיילונג פון דער 23־סטער דיוויזיע. זיי זענען אָנגעקומען פון דאָניעץ, אונטער דער באַשיצונג פון צוויי ראָטעס פּוסגייער, מיטן ציל זיך אָוועקצולאָזן אין דער ריכטונג פון אוסט־מיעדוויעדיצאַ.

מישקאַ האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן כוטאָר עטלעכע שעה און, לויט די ידיעות, וואָס ער האָט באַקומען, געפּרווט פעסטשטעלן דאָס אָרט, ווו דער שטאַב געפינט זיך. ענדלעך האָט איין רויטאַרמייאישער רייטער אים איבערגעגעבן, אַז נעכטן האָט דער שטאַב פון 32־סטן פּולק זיך געפונען אין יעלאַנטיעווער כוטאָר, לעבן דער באָקאָווער סטאַניצע.

נאָכדעם ווי ער האָט פריער גוט אָנגעפּאַשעט זיין פערד, איז ער ביינאַכט אָנגעקומען קיין יעלאַנטיעוו, אָבער אויך דאָרט דעם שטאַב נישט געטראָפן. ערשט נאָך האַלבער נאַכט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין גאָרבאַטאָוו, האָט ער אָנגעטראָפן אין סטעפּ אַ רויטאַרמייאישן פּאַטראָל.

— ווער רייט? — האָט מען אויסגעשריגן פונווייטנס צו מישקען.

— אַן אייגענער.

— אַנו, וואָס פאַר אַן אייגענער... — האָט דער קאָמאַנדיר אין אַ ווייסער קובאַנקע און בלויער טשערקעסקע געזאָגט מיט אַ נישט-הויכן פאַרקילטן באַס, צורייטנדיק. — פון וועלכער אָפּטיילונג?

— פון דער עקספּעדיציע-בריגאַדע פון דער ניינטער אַרמיי.

— אַ פּאַפּירל פון דער אָפּטיילונג האָסטו?

מישקאַ האָט געוויזן דעם דאָקומענט. באַטראַכטנדיק אים ביי דער שיין פון דער לבנה, האָט דער קאָמאַנדיר פון פּאַטראָל מיט אומצוטרוי אים ווייטער געפאָרשט.

— און ווער איז ביי אייך קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע?

— חבר לאַזאָווסקי.

— און ווו געפינט זיך אַצינד די בריגאַדע?

— אויף דער צווייטער זייט דאָן. און איר פון וועלכער אָפּטיילונג זענט, חבר? נישט אַמאָל פון צוויי-און-דרייסיקסטן פּולק?

— ניין. מיר זענען פון דער דריי-און-דרייסיקסטער קובאַנער דיוויזיע. פונוואַנען-זשע פאָרסטו אַצינד?

— פון יעלאַנסקיע.

— און וווהין?

— קיין גאָרבאַטאָוו.

— אַהין גאָר!? אין גאָרבאַטאָוו זענען דאָך אַצינד די קאָזאַקן.

— עס קאָן נישט זיין! — האָט מישקאַ זיך געוווּנדערט.

— איך זאָג דיר, אַז דאָרט זענען אַצינד די קאָזאַקן-אויפשטענדער. מיר רייטן דאָך פון דאָרט.

— ווי אַזוי-זשע קאָן איך קיין באָגראָוו זיך דורכקריגן? — האָט מישקאַ פאַרלוירן אַ זאָג געטון.

— דאָס איז שוין, ווי דו פאַרשטייסט אַליין.

דער קאָמאַנדיר פון פּאַטראָל האָט אַ טרייב געטון זיין שוואַרץ פערד מיטן שיפּן הינטן, אַוועקגעריטן, אָבער באַלד זיך אויסגעדרייט אין זאָטל און אַן עצה געגעבן:

— רייט-מיט מיט אונדז, וואָרים מען קאָן דיך נאָך אַמאָל מיט אַ קאָפּ קירצער מאַכן.

מישקאַ איז גערן צוגעשטאַנען צום פּאַטראָל. ער איז די

זעלבע נאַכט אָנגעקומען צוזאַמען מיט די רויטאַרמייער אין קרוּשילינער כוּטאָר, ווּ עס האָט זיך געפוּנען דאָס 294-סטע טאַגאַנראָגער פוּלק, איבערגעגעבן דעם פּאַקעט דעם קאָמאַנדיר פוּן פוּלק און, אויפקלערנדיק אים פאַרוואָס ער האָט נישט געקאָנט צושטעלן דעם פּאַקעט אויפן באַשטימטן אָרט, האָט ער אים געבעטן צו דערלויבן אים בלייבן אין פוּלק ביים רייטער-פּאַטראָל.

די 33-סטע קובאַנער דיוויזיע, וואָס איז נישט לאַנג פאַרמירט געוואָרן פוּן די טיילן פוּן דער טאַמאַנער אַרמיי און די פרייווילקע קובאַנער, איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן פוּן הינטער אָסטראַכאַן אין ראַיאָן וואָראָניעזש–ליסקי. איינע פוּן אירע בריגאַדעס, אין וועמענס קאָמפּלעט עס זענען אַריינגעגאַנגען די טאַגאַנראָגער, טערבענטאָווער און וואָסילקאָווער פוּלקן, איז אַרויסגערוקט געוואָרן קעגן אויפשטאַנד. זי האָט דאָס דורכגעפירט דעם אָנגריף אויף מעליעכאָווס דיוויזיע, אָפּשטויסנדיק זי ביז אויף דער צווייטער זייט דאָן.

די בריגאַדע איז דורכגעגאַנגען מיט אַ פאָרסירטן קאַמף-מאַרש איבערן רעכטן ברעג דאָן פוּן דעם יוּרט פוּן דער קאַזאַנער סטאַניצע ביז די ערשטע כוּטאָרן פוּן דער אוּסט-כאָפּערער סטאַניצע אויף מערב, פאַרכאַפּט מיטן רעכטן פליגל די כוּטאָרן ביים טשיר און ערשט דעמאָלט זיך אויסגעדרייט צוּריק, פאַרהאַלטנדיק זיך אויף אַ צוויי וואָכן אין דער געגנט פוּן דאָן.

מישקאַ האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט פאַרן באַהערשן די קאַרגינער סטאַניצע און די כוּטאָרן ביים טשיר, וואָס האָבן זיך געפוּנען דערלעבן. דעם 27-סטן אינדערפרי האָט דער קאָמאַנדיר פוּן דער דריטער ראָטע פוּן 294-סטן טאַגאַנראָגער פוּלק אויסגעשטעלט ביים וועג אין סטעפּ, הינטער דעם ניזשניע-גרוּשינער כוּטאָר, די רויטאַרמייער און פאַר זיי איבערגעלייענט דעם נאָר-וואָס באַקוּמענעם באַפעל. און מישקאַ קאָשעוואָיען האָבן זיך גוּט איינגעקריצט אין זכרון די ווערטער: „...די נעזטן פוּן די נידערטרעכטיקע פאַררעטער מוּזן צעשטערט ווערן, די קינס מוּזן אויסגעראָטן ווערן...” און נאָך: „...קעגן די מיטהעלפער פוּן קאָלטשאַקן און דעניקינען – בליי, שטאָל און פייער!”

נאָכן דערהרגענען שטאָקמאַנען און נאָכדעם ווי צו מישקען איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן טויט פון איוואַן אַלעקסיעיעוויטשן און די יעלאַנער קאָמוניסטן, איז זיין האַרץ באַהערשט געוואָרן פון אַ ברענענדיקן האַס צו די קאָזאַקן. ער האָט שוין נישט אַריינגעטראַכט, זיך נישט צוגעהערט צום שטילן קול פון רחמנות-געפיל, ווען אין זיינע הענט איז אַריינגעפאַלן אַ געפאַנגענער קאָזאַק, אַן אויפשטענדער. ער האָט פון דעמאָלט אָן זיך נישט באַצויגן צו קיין איינעם פון זיי מיט ריקזיכט. מיט רוגזהדיקע, אייז-קאַלטע אויגן געקוקט אויפן קאָזאַק, אים געפרעגט: „האָסט געקעמפט מיט דער ראַטנמאַכט?" — און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, נישט ליינגנדיק קיין אַכט אויפן טויט-בלייכן פנים פון געפאַנגענעם, אים מיט דער שווערד דערהרגעט. ער האָט געהרגעט אומרחמנותדיק! און נישט בלויז געהרגעט, נאָר אויך דעם „רויטן האָן" אַרונטערגעלאָזט אונטער די דעכער פון די כאַטעס און פאַרלאָזטע אויפשטענדערישע כוטאָרן. און ווען די אָקסן און קי, מבולבלע פון שרעק, האָבן געבראָכן די פלויטן פון די ברענענדיקע הויפן און אַרויסגעלאָפן מיט אַ רעווען אין געסל, האָט ער זיי פון דער נאָענט מיט זיין ביקס דערשאָסן.

אַן אַנטשלאָסענע אומרחמנותדיקע מלחמה האָט ער געפירט מיט דער קאָזאַקישער זעטיקייט, מיטן קאָזאַקישן פאַרראַט און דעם גאַנצן פעסט-איינגעפונדעוועטן לעבנסשטייגער, וואָס האָט אין משך פון יאָרהונדערטער זיך אויפגעהאַלטן אונטער די דעכער פון די כאַטעס. דער טויט פון שטאָקמאַנען און איוואַן אַלעקסיעוויטשן האָבן דעמדאָזיקן האַס געשפייזט, און די ווערטער פון באַפעל האָבן בלויז מיט שאַרפער בולטקייט אויסגעדריקט מישקעס שטימע געפילן... דעם זעלבן טאָג האָט ער מיט דריי חברים אונטערגעצונדן אַ הונדערט און פופציק הויפן פון דער קאַרגינער סטאַניצע. ער האָט ערגעץ אין אַ סוחרישן מאַגאַזין געפונען אַ באַניע נאַפט, געגאַנגען איבערן פלאַץ מיט אַ פעקל שוועבעלעך פאַרדריקט אין דער שוואַרצער האַנט און נאָך אים האָבן מיט ביטערן רויך און פלאַמען זיך אַרומגענומען די געשאַלעוועטע, שיין-געפאַרבטע סוחרישע און פאָפישע הייזער, די כאַטעס פון די פאַרמעגלעכע קאָזאַקן, די

וווינונגען פון די זעלבע, „וואָס האָבן מיט זייערע פאַררעטערישע הינטער-וועגלעך געשטויסן די פינסטערע קאָזאַקישע מאַסע צום אויפשטאַנד".

דער רייטער-פּאַטראָל איז דער ערשטער אַריינגעטרעטן אין די כוטאָרן, וואָס זענען פאַרלאָזט געוואָרן פון קעגנער, און איידער די אינפאַנטעריע איז אָנגעקומען, האָט קאָשעוואָי שוין אוועקגעלאָזט מיטן רויך די רייכסטע כאַטעס. ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז זיך אַריינכאַפּן אין טאָטערישן כוטאָר, כּדי זיך נוקם צו זיין פאַרן טויט פון איוואַן אַלעקסעיעוויטשן און די יעלאַנער קאָמוניסטן, צו פאַרברענען אַ האַלבן כוטאָר. ער האָט שוין אין רעיון אויסגעשטעלט דעם צעטל פון די, וואָס מען דאַרף פאַרברענען, און אין פאַל, ווען זיין אָפּטיילונג זאָל אַוועקגיין פון טשיר מער לינקס און אויסמיידן וויעשענסק, האָט מישקאַ באַשלאָסן אומגעפרעגטערהייט ביינאַכט זיך אַוועקצוכאַפּן און דאָך באַזוכן דעם אייגענעם כוטאָר. עס איז געווען אויך אַ צווייטע סיבה, וואָס האָט אים געטריבן אַריינצופאָרן אין טאָטערישן כוטאָר. אין די לעצטע צוויי יאָר, אין משך פון דער צייט, וואָס ער האָט מיט הפסקות זיך געזען מיט דוניאַשקאַ מעליעכאָוו, האָט זיי פאַרבונדן אַ געפיל, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט ווערטער. דאָס האָבן דוניאַשקעס ברוינע פינגער אויסגענייט מיט קאָלירטער וואָלוטשקע דעם טיטון-ביטל, וואָס ער האָט באַקומען אַלס מתנה, דאָס האָט זי, אין געהיים פון די עלטערן, אים ווינטער געבראַנגט די הענטשקעס פון גרויען ציגן-פוך, דאָס האָט דוניאַשקען אַמאָל געהערט דאָס געהאָפטענע טיכל, וואָס קאָשעוואָי האָט אַזוי פאַרזיכטיק באַהאַלטן אין דער בוזעם-קעשענע פון זיין זעלנערישער בלוזע. און דאָסדאָזיקע קליינע טיכעלע, וואָס האָט דריי חדשים לאַנג אויפגעהאַלטן אין די קנייטשן דעם לייכטן ריח פון מיידלישן לייב, וואָס האָט דערמאַנט אַן אַראָמאַט פון היי, איז אים אַזוי אומפאַרגלייכלעך טייער געווען. ווען ער פלעגט, זייענדיק אַליין, אַרויסנעמען דאָס טיכעלע, — פלעגט תמיד אומגעבעטענערהייט אויפקומען אין אים אַן אומרויִקע דערינערונג: דער טאָפּאָל, איינגעהילט אין טוי-געפריר ביים ברונעם, די זאַווירוכע,

וואָס שמייסט פון טריב־פאַרוואָלקנטן הימל, דוניאַשקעס האַרטע, ציטערנדיקע ליפּן און דער שטאָלערנער גלאַנץ פון די שנייעלעך, וואָס צעגייען אויף אירע אויסגעבויגענע וויִעס...

ער האָט זיך טיכטיק געגרייט צו דער נסיעה אַהיים. פון אַ וואַנט אין טוהרישן הויז אין קאַרגין אַראָפּגעריסן אַ געבלימט טעפּיכל, עס אונטערגעלייגט אונטערן זאָטל פאַר אַ דעק און די־דאָזיקע דעק, וואָס האָט פונוויטנס געקוויקט דאָס אויג מיט דער העלער פאַרשידנאַרטיקייט פון אירע פאַרבן און דעסנס, האָט אויסגעזען וווּנדערלעך־שיין. ער האָט פון קאָזאַקישן קעסטל אַרויסגענומען די נאָך כמעט נייע שאַראָוואַרן מיט די לאַמפּאַסן, דאָס האַלבע טוץ ווייבערישע שאַליקלעך באַנוצט אויף דריי פּאָר אָנוטשעס, די ווייבערישע הענטשקעס אָבער אַריינגעלייגט אין דער זאָטלקעשענע, כּדי זיי אָנצוטון נישט באַלד, אין די גרויע וואָכן־טעג פון דער מלחמה, נאָר ערשט אויפן בערגל פאַרן אַריינרייטן אין טאָטערישן כוטאָר.

פון קדמונים אָן האָט זיך געפירט, אַז אַ קאָזאַק אין דינסט, וואָס איז אַריינגעריטן אין כוטאָר, האָט געדאַרפט זיין אָנגעטון שיין. און מישקאַ, וואָס האָט זיך נאָך נישט באַפרייט פון די קאָזאַקישע טראַדיציעס, כאָטש ער איז געווען אין דער רויטער אַרמיי, — האָט זיך געקליבן היייליק אָפּצוהיטן דעם אַלטן מנהג.

דאָס פערד אונטער אים איז געווען אַ פליגקס, אַ טונקל־ברוינס, מיט ווייסע נאָזדרעס. זיין פריִערדיקן באַלעבאָס — אַ קאָזאַק פון אוסט־כאָפּערער סטאַניצע — האָט קאָשעוואָי צעהאַקט מיט דער שווערד אין אַן אַטאַקע. דאָס פערד איז געווען אַ טראָפיי, מען האָט זיך געקאָנט דערמיט רימען: עס האָט אימפּאָנירט אי מיטן געשטאַלט, אי מיט דער פלינקייט, אי מיטן טענצלדיקן גאַנג, אי מיט דער מיליטערישער אויסשטאַטונג. בלויז דאָס זאָטל אונטער קאָשעוואָיען איז געווען — אַזוי זיך אַ זאָטל. דאָס קישן צעריסן און פאַרלאַטעט, דער אונטערשטער גורט פון רויען רימען, די רייט־אייזנס שטאַרק פאַרזשאַווערט, שוין נישט צום אָפּפּוצן. אויך אַזוי באַשיידן, אָן דער מינדסטער באַשיינונג, איז געווען דאָס ציימל. עפּעס האָט מען געדאַרפט טון, כּדי צו באַציִרן כאָטש דאָס ציימל.

מישקאַ האָט זיך לאַנג געמאַטערט ביים לעזן דידאָזיקע פּראַגע, און ענדלעך איז אים איינגעפאַלן אַ גליקלעכער אויפטו. ביים סוחרישן הויז, פּשוט אויפן פּלאַץ, איז געשטאַנען אַ ווייס ניקעלן בעט, וואָס איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון ברענענדיקן הויז דורך דער סוחרישער דינערשאַפט. אין די ווינקלען פון בעט האָבן בלענדענדיק געפינקלט, אָפּשפּיגלענדיק די זון, ווייסע קוילן. ס׳איז גענוג געווען זיי אַראָפּצונעמען אָדער אָפּברעכן און דערנאָך אָנהענגען ביי די טראַלזן, אַז דאָס ציימל זאָל אָנהייבן גאָר אַנדערש אויסזען. מישקאַ האָט טאַקע אַזוי געטון: ער האָט אַראָפּגעשרויפט פון די ווינקלען פון בעט די הוילע קוילן, זיי אָנגעהאָנגען אויף זיידענע שנירלעך ביים ציימל, צוויי — אויף די רינגען, צוויי — אין די זייטן פון די אויגן, — און די קוילן האָבן זיך צעפינקלט אויפן קאָפּ פון זיין פערד מיט דער פולער זוניקייט פון האַלבן טאָג. אָפּשפּיגלענדיק די שטראַלן פון דער זון, האָבן זיי געלויכטן אומדערטרעגלעך! געלויכטן אַזוי, אַז דאָס פערד איז געגאַנגען קעגן דער זון מיט פאַרזשמורעטע אויגן, אָפּט זיך שטרויכלענדיק און נישט זיכער שטעלנדיק די פיס. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס די ראיה פון פערד האָט געליטן פון בלענדענדיקן גלאַנץ פון די קוילן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דעם פערדס אויגן, געבלענדט פון גלאַנץ, זענען איבערגעגאַנגען פון טרערן, — האָט מישקאַ נישט אַראָפּגענומען פון ציימל קיין איין קויל. און דאָ האָט שוין באַלד אָנגערוקט די צייט אַרויסצוטרעטן פון דער האַלב־פאַרברענטער קאַרגינער סטאַניצע, וואָס איז דורכגעזאַפּט געווען מיטן עיפּושדיקן ריח פון די פאַרברענטע ציגל און אַש.

דאָס פולק האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו גיין צום דאָן, אין דער ריכטונג פון וויעשענסק. דערפאַר האָט מישקען נישט געקאָסט קיין גרויס אָנשטרענגונג זיך אָפּצובעטן ביים קאָמאַנדיר פון פאַטראָל אויף אַ טאָג, כדי צו באַזוכן די אייגענע.

דער קאָמאַנדיר האָט אים נישט בלויז געגעבן אַ קורץ־טערמיניקן אורלויב, נאָר געטון נאָך מער:

— אַ ווייב האָסטו? — האָט ער מישקען געפרעגט.

— ניין.

— האָסטו דאָך, מסתמא, אַ טערכענעכץ?...

— אַ וואָס ?... וואָס איז דאָס אַזוינס ? — האָט מישקאַ זיך געוווּנדערט.

— נו, אַ געליבטע !

— אַ-אַ-אַ! דאָס — ניין. אַ באַקאַנטע, אַן אָרנטלעך מיידל, — יאָ !

— און אַ זייגער מיט אַ קייט האָסטו ?

— ניין, חבר.

— עך, דו ! — און דער קאָמאַנדיר פון פּאַטראָל — אַ סטאַווראָפּאָלער, אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ — נאַכטערמיניקער אונטעראָפיציר, וואָס פלעגט אַליין נישט איינמאָל אַהיימגיין פון דער אַלטער אַרמיי אויף אורלויב, און געוווּסט פון דער פּראַקטיק, ווי ביטער עס איז די האַלעדראַנצעס זיך אומצוקערן פון מיליטער, — האָט אַראָפּגענומען פון זיין ברוסט דעם זייגער מיט דער אומגעווייגלעך מאַסיווער קייט און געזאָגט : — אַ קעמפער ביסטו אַ גוטער ! נאַ, טראָג עס אינדערהיים, זאָלן ביי די מיידן די אויגן איבערגיין. כ׳בין אַליין יונג געווען, מיידן קאָליע געמאַכט, ווייס בער אויסגעקוועטשט, כ׳ווייס... די קייט — איז פון ניי אַמעריקאַניש גאָלד. אויב ס׳וועט דיך עמעצער פרעגן — זאָג טאַקע אַזוי. און אויב ס׳וועט זיך טרעפן אַ צודרינגלעכער, וואָס וועט קריכן און פרעגן, ווו די פּרווו איז, — דערלאַנג אים גלייך אין דער מאָרדע אַריין ! עס זענען דאָ אַזעלכע פרעכע בירגער, אַזעלכע דאַרף מען אָן טענות דערלאַנגען אין דער מאָרדע אַריין. צו מיר פלעגט אַמאָל אין אַ שענק אָדער עפנטלעך הויז, גאָר פשוט — אין אַ באָרדאַק זיך צורוקן עפּעס אַ פראַנטל, פון די סוביעקטן אָדער שרייבערלעך, און וועלן מיך פאַרן גאַנצן עולם פאַרשעמען : „צעהאַנגען איבערן גאַנצן טרעלבויך די קייט, ווי זי וואָלט געווען פון אמת גאָלד... און ווו איז אויף איר די פּרווו, דערלויבט צו וויסן ?" און איך פלעג אַזעלכן קיינמאָל נישט לאָזן צו זיך קומען : „די פּרווו ? אָט איז זי !" — און מישקעס גוטמוטיקער קאָמאַנדיר האָט צונויפגעדריקט אַ גרויסע פויסט, וואָס איז אַזוי גרויס געווען, ווי אַ קינדערישער קאָפּ, און זי אַרויסגעוואָרפן מיט אַ ווילדער און שרעקלעכער קראַפט.

מישקאַ האָט אָנגעטון דעם זייגער, ביינאַכט ביי דער שיין

פון שייטער זיך אָפּגעגאָלט, אָנגעזאָטלט דאָס פערד, אַוועקגעריטן. באַגינען איז ער אַריינגעפאָרן אין טאַטערישן כוטאָר.

דער כוטאָר איז נאָך אַלץ געווען דער זעלבער: דאָס נישט הויכע גלאָקן-טורעמל פון דער געמויערטער צערקווע האָט נאָך אַלץ אַזוי אויפגעהויבן צום בלויען הימל דעם אָפּגעקראָכענעם געגילדטן צלם; די ברייט-צעוואַקסענע פּאָפּישע און סוחרישע הייזער האָבן נאָך אַלץ אַזוי ענג אַרומגענומען דעם פּלאַץ פון כוטאָר; דער טאָפּאָל איבערן האַלב-חרובן כאַטקעלע פון די קאָשעוואָיס האָט נאָך אַלץ אַזוי געשעפּטשעט מיטן זעלבן היימישן לשון...

עס האָט איבערראַשט בלויז די גרויסע שטילקייט, וואָס איז נישט אייגן געווען דעם כוטאָר, און האָט ווי מיט שפּינגעוועב פאַרצויגן די געסלעך. אויף די גאַסן איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. די לאָדנס פון די כאַטעס זענען געווען פעסט פאַרמאַכט, אויף די טירן זענען דאָ-און-דאָרט געהאָנגען שלעסער, אָבער די מערהייט טירן זענען געווען ברייט אויפגעפּראַלט. ווי אַ מגפה וואָלט דורכגעגאַנגען מיט שוואַרצע טריט איבערן כוטאָר, אויסגעליידיקט די הויפן און גאַסן, מיט פּוסטקייט און פרעמדקייט אָנגעפילט די וווינונגס-בנינים.

מען האָט נישט געהערט נישט קיין קול פון אַ מענטש, נישט קיין ריטש פון אַ בהמה, נישט דאָס מונטערע קרייען פון די הענער. בלויז שפּערלען האָבן ווי פאַר אַ רעגן הויך געטשירקעט אונטער די דעכער פון די שאָפּעס און אויף די הויפנס טרוקענע צווייגן.

מישקאַ איז אַריינגעריטן צו זיך אין הויף. קיינער פון די אייגענע איז נישט אַרויסגעקומען אים אַקעגן. די טיר אין פעדערהויז אַריין איז געווען ברייט געעפנט. פאַר דער שוועל האָבן זיך געוואַלגערט: אַ צעריסענער רויטאַרמייאישער וויקלער, אַ צעקנייטשטע באַנד, שוואַרץ פון בלוט, הינערישע קעפּלעך, באַקלעפּטע מיט פליגן, שוין אינגאַנצן צעפוילטע. רויטאַרמייער האָבן, אפנים, מיט עטלעכע טעג צוריק געגעסן מיטאָג אין דער כאַטע: אויפן דיל זענען געלעגן שאַרבנס פון צעבראָכענע טעפּ, אַרומגעגריזשעטע הינערישע ביינדלעך, פּיטומס פון פּאַפּיראָסן, צעטרעטענע שטיקלעך צייטונג... דערשטיקנדיק אין זיך אַ שווערן זיפץ, איז מישקאַ אַריינ-

געגאַנגען אין שטוב. דאָרט האָט אַלץ אויסגעזען ווי פריער. בלויז איין ברעט פון קעלער, ווו מען פלעגט געוויינטלעך אין האַרבסט אַריינלייגן די אַרבוזן, האָט אויסגעזען אונטערגעהויבן. מישקעס מאַמע האָט געהאַט אַ געוווינהייט צו באַהאַלטן דאָרט פאַר די קינדער די געטרוקנטע עפּל.

זיך דערמאַנענדיק אָן דעם, איז מישקאַ צוגעגאַנגען צום ברעט. „צי האָט די מאַמע זיך נישט גערעכט אויף מיר? אפשר האָט זי דאָ עפּעס באַהאַלטן?“ — האָט ער אַ קלער געטון. און, אַנטבלויזנדיק די שווערד, מיט איר שפּיץ געפּרוווט אונטערהייבן דאָס ברעט. עס האָט אַ סקריפּע געטון און זיך נאָכגעגעבן. פון קעלער האָט זיך דערטראָגן אַ ריח פון פייכטקייט און שימל. מישקאַ האָט זיך געשטעלט אויף די קניען. נישט געווינט צו דער פינסטערניש, האָבן זיינע אויגן לאַנג גאָרנישט אונטערגעשיידט. ענדלעך האָבן זיי דערזען! אויף אַן אויסגעשפּרייט אַלט טישטיכל איז געשטאַנען אַ האַלבע פלאַש סאַמאָגאָן, אַ פענדל פאַרשימלט געפּרעגלטס; עס איז געלעגן אַ שטיקל ברויט, וואָס איז שוין געווען האַלב אויפגעגעסן פון די מייז; אַ טעפּל, גוט באַדעקט מיט אַ הילצערן שטערצל... די אַלטע האָט זיך גערעכט אויפן זון. זי האָט אים אָפּגעוואַרט, ווי דעם טייערסטן גאַסט! מיט ליבשאַפט און פרייד האָט אַ ציטער געטון מישקעס האַרץ, ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער אַריין. צו די אַלע זאַכן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט מיט אַ סדר אויף דעם אַלטן ריינעם טישטיכל, האָבן מיט עטלעכע טעג צוריק זיך צוגערירט דער מאַמעס זאָרגעוודיקע הענט!... דערלעבן, אויפגעהאַנגען אונטערן בעליק, האָט זיך געבלייכט אַ לייוונטענע טאָרבע. מישקאַ האָט איילִיק זי אַראָפּגענומען און געפונען אין איר זיינס אַ פּאָר אַלטע וועש, וואָס זענען געווען קונציק פאַרלאַטעט, אויסגעוואַשן און אויסגעגלעט מיטן מאַגל-ברעט.

די מייז האָבן פאַראומריייניקט דאָס עסן; בלויז די מילך און דער סאַמאָגאָן זענען געבליבן נישט גערירט. מישקאַ האָט אויסגעטרונקען דעם סאַמאָגאָן, אויפגעגעסן די מילך, וואָס איז זעלטן גוט געשטאַנען געוואָרן אין קאַלטן קעלער, גענומען די וועש, אַרויסגעקראָכן.

די מוטער האָט מסתמא זיך געפונען אויף יענער זייט דאָן.

„זי האָט מורא געהאַט צו בלייבן, און עס איז גלייכער אַזוי, וואָרים די קאָזאַקן וואָלטן זי סיי־ווי דערהרגעט. זיי האָבן זי אַזוי אויך צוליב מיר געטרייסלט, ווי אַ באַרנע־ביימל...״ — האָט ער אַ קלער געטון, געצעגערט אַ ווײַלע און אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אָפּגע־בונדן דאָס פערד, נאָר רייטן צו די מעליעכאָווס זיך נישט אַנט־שלאָסן: זייער הויף איז געווען ביים סאַמע דאָן, און פון יענער זייט דאָן האָט וועלכער פלינקער שיסער אים געקאָנט לייכט מכבד זיין מיט אַ בלייערנער אויפשטענדערישער קויל. און מישקאַ האָט באַשלאָסן אַוועקצורייטן צו די קאָרשונאָווס, בין־השמשות זיך אומצו־קערן אויפן פּלאַץ, און אונטער דער באַשיצונג פון דער פינסטער־ניש, אונטערצוצינדן מאָכאָווס הויז און די איבעריקע סוחרישע און פּאָפּישע הייזער.

איבער די הינטערוועגן לענגאויס די הייף איז ער אָנגעקו־מען צום ברייטן הויף פון די קאָרשונאָווס, אַריינגעריטן אין אויפ־געפּראַלטן טויער, אָנגעבונדן דאָס פערד ביים פּאַרענטש און שוין געוואָלט אַריינגיין אין דער כאַטע, ווי אויפן גאַנעק איז אַרויסגע־קומען דער זיידע גרישאַקאַ. זיין שניי־ווייסער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט, די אויגן, שוין אָפּבליאַקירטע פון אַלטקייט, האָבן זיך געזשמורעט, ווי ביי אַ בלינדן. דער נישט אָפּגעטראָגע־נער קאָזאַקישער מונדיר, מיט די רויטע לאַצן איבערן פאַר־פעצטן קאָלנער, איז געווען פינקטלעך פאַרקנעפּלט, נאָר די לויז־נאָכהענגענדיקע שאַראָוואַרן האָבן אים געהאַלטן ביי אַראָפּפאַלן, און דער זיידע האָט זיי כסדר אונטערגעהאַלטן מיט די הענט.

— וואָס מאַכסטו, זיידע! — מישקאַ איז שטיין געבליבן פאַרן גאַנעק, פאָכענדיק מיטן ראַפּניק.

דער זיידע גרישאַקאַ האָט געשוויגן. זיין שטרענגער בליק איז געמישט געווען פון כעס און פאַראַכטונג.

— וואָס מאַכסטו, פרעג איך! — האָט מישקאַ גענומען אַ העכערן טאָן.

— גאָט צו דאַנקען, — האָט דער אַלטער אומגערן געענטפערט.

ער האָט כסדר באַטראַכט מישקען מיט אומגעשטילטער ביי־זער אויפמערקזאַמקייט. און יענער איז געשטאַנען מיט אַ דרייס־

טער מינע, געפּאַכעט מיטן ראַפּניק, זיך געכמורעט, פאַרפרעסנדיק די מיידליש־אַנגעקוואָלענע ליפּן.

— פאַרוואָס האָסטו, זיידע גריגאָרי, נישט אָפּגעטרעטן אויף יענער זייט דאָן?

— און פונוואַנען ווייסטו, ווי מען רופט מיך?

— איך בין אַ געבוירענער פונדאַנען, דערפאַר ווייס איך.

— וועמענס־זשע ביסטו?

— קאָשעוואָיס.

— אַקימס זון? דער, וואָס האָט ביי אונז געאַרבעט?

— דער זעלבער.

— ביסטו דאָס, ליבינקער? מישקאַ האָט מען דיר אַ נאָמען געגעבן ביים הייליקן טויפן! אַ פיינער מענטש! איינגאַנצן אין טאַטן אריין געראָטן! יענער פלעגט זיך באַמיען פאַר גוטס מיט ד... צאַפּצוצאָלן, ביסטו דערפאַר אויך דער אייגענער?

קאָשעוואָי האָט אָראָפּגעצויגן די הענטשקע פון דער האַנט, נאָכמער זיך אָנגעכמורעט.

— ווי מען זאָל מיר נישט האָבן אַ נאָמען געגעבן און וואָסער מענטש איך זאָל נישט זיין, גייט עס דיך נישט אָן. איך פרעג דיך, פאַרוואָס דו ביסט אויף דער צווייטער זייט דאָן נישט אַוועקגעפאָרן?

— איך האָב נישט געוואָלט, בין איך נישט אַוועקגעפאָרן. און דו וואָס האָסט געטון? צו די אַנטיקריסטן פאַר אַ קנעכט צוגעשטאַנען? אַ רויטן שטערן אויפן היטל זיך אָנגעהאָנגען? דאָס גייסטו, הייסט עס, היינטישער זון, גאַטלאָזער, קעגן אונזערע קאָזאַקן? קעגן די אייגענע כוטאָר־לייט?

דער זיידע גרישאַקאַ איז מיט אומזיכערע טריט אַראָפּגעגאַנגען פון גאַנעק. ער האָט, משמעות, שלעכט זיך דערנערט נאָכדעם, ווי די גאַנצע פאַמיליע פון די קאָרשונאָווס איז אַוועקגעפאָרן אויף דער צווייטער זייט דאָן. איבערגעלאָזט דורך די אייגענע, אַן אויסגעצערטער, אַ זקניש־פאַרשמאַדעטער, איז ער געשטאַנען קעגן מישקען און מיט פאַרוואונדערונג און רוגזה געקוקט אויף אים.

— קעגן, — האָט מישקאָ געענטפערט. — און מיר וועלן זיי אָט שוין דעם סוף מאַכן!

— און אין דער הייליקער שריפט — וואָס איז געזאָגט געוואָרן? מיטן זעלבן מעסטל, וואָס איר מעסט יענעם, וועט מען אייך באַצאָלן. נישט אַזוי?

— דו, זיידע, פּאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ מיט די הייליקע שריפטן, איך בין נישט צוליב דעם אַהערגעקומען. דערווייטער דיך שוין פון דעם הויז, — איז מישקאָ שטרענגער געוואָרן.

— וואָס הייסט דאָס?

— אַזוי הייסט עס.

— וואָס ווילסטו דען טון?...

— גאָרנישט! דערווייטער דיך, זאָג איך דיר!...

— פון מיינע הייזער וועל איך נישט אַוועקגיין. איך ווייס, וואָס און נאָכוואָס... דו — ביסט אַ דינער פון אַנטיקריסט, זיין צייכן טראָגסטו אויפן היטל! דאָס האָט וועגן אייך דער נביא ירמיהו געזאָגט: „איך וועל זיי אָנעסן מיט ווערמוט און וועל זיי אָנטרינקען מים שלאַנגען־גיפט, און עס וועט אַרויסגיין פון זיי אַן אומווערדיקייט איבער דער גאַנצער ערד".

— דו, זיידע, פּאַררעד מיר נישט די ציין! דאָ האַנדלט זיך נישט אין „אַ ברודער קעגן אַ ברודער", דאָ איז אַ פשוטע אַריכמעטיק: מיין טאַטע האָט אויף אייך ביזן סאַמע טויט אַריין געאַרבעט, אויך איך האָב פאַר דער מלחמה אייער ווייץ געמאָלן, מיט אייערע זעק זיך די יונגע געדערים אָפּגעריסן, איז אַצינד געקומען די צייט זיך אָפּצורעכענען. גיי אַרויס פון הויז, איך וועל עס באַלד אונטערצינדן. איר האָט געוווינט אין באַקוועמע הייזער, וועט איר אַצינד וווינען, ווי מיר האָבן געוווינט: אין שטרוי־געדעקטע כאַטעס. האָסטו שוין פאַרשטאַנען, אַלטער?

— וואָ־וואָ! צו דעם איז עס טאַקע דערגאַנגען! אין ספר פון נביא ישעיה איז טאַקע אַזוי געזאָגט געוואָרן: „און זיי וועלן אַרויסגיין און זען די פגרים פון די, וואָס האָבן ווידערגעשפעניקט קעגן מיר, — אַז די ווערים, וואָס וועלן פרעסן זייער לייב, וועלן קיינמאָל נישט פאַרלענדט ווערן, — אַז דאָס פייער, אין וועלכן זיי

װעלן ברענען, װעט קײנמאָל נישט פאַרלאָשן װערן, און זײ װעלן זײן צו שאַנד פאַר אַלע לעבעדיקע".

— נו, איך האָב דאָ נישט קײן צײט מיט דיר אײנצוטענהן! — האָט מישקאַ געזאָגט מיט קאַלטן צאָרן. — גײסט אַרויס פון הויז?

— נײן! דערװײטער דיך, נישט-גוטער!

— דאָס קומט איבער אײך טאַקע, פאַרביסענע, פאַר די מלחמה! דאָס העצט איר דאָס פאָלק קעגן דער רעװאָלוציע... — מישקאַ האָט אײליק אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די ביקס...

נאָכן שאָס איז דער זײדע גרישאַקאַ אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אַרויף, געזאָגט:

— נישט... פון אײגענעם גנאָד... נאָר מיטן װילן פון באַשעפער אונזערן... האַר, נעם צו דײן קנעכט... אין פרידן...— און ער האָט אָנגעהויבן כאָרכלען. פון אונטער זײן װײסער װאָנסע איז אַפּערגערונען אַ שנירעלע בלוט.

— ער װעט דיך צונעמען! מען האָט שוין לאַנג, אַלטער טײװול, דיך געדאַרפט אַהין אַריבערפעקלען!

מישקאַ האָט מיט עקל אויסגעמיטן דעם אַלטן, װאָס איז געלעגן אויסגעצויגן פאַר די שטיגעלעך, און אַרויפגעלאָפן אויפן גאַנעק.

די טרוקענע שפענדלעך, װאָס זענען אָנגעטראָגן געװאָרן דורכן װינט אין פעדערהויז אַרײן, האָבן זיך צעפלאַקערט מיט אַ ראָזן פלאַם, דאָס הילצערנע װענטל, װאָס האָט אָפּגעטײלט די שפּײז-קאַמער פון פעדערהויז, האָט זיך שנעל אָנגעצונדן. דער רויך האָט זיך אויפגעהויבן ביזן סופיט און — פאַרכאַפּט דורכן צוג-װינט — אַרײַגעשטראָמט אין די צימערן.

קאָשעװאָי איז אַרויסגעגאַנגען, און ביז ער האָט אונטערגעצונדן די שאָפּע מיטן שפּײכלער, — האָט דאָס פײער פון הויז זיך שוין אַרויסגעקריגן אינדרויסן, מיט געשאָרן אומזעטיק געלעקט די סאָסנאָװע פוטרינעס פון די פענסטער, זיך גיריק געריסן צום דאַך...

ביז פאַרנאַכט איז מישקאַ געשלאָפן אין דער שכנותדיקער לעװאַדע, אין שאָטן פון די דאָרן-קוסטעס, װאָס זענען געװען אַרומגעפלאָכטן מיט װילדע האָפּן. דערלעבן, פויל ציפּנדיק די זאַפּטיקע שטענגלעך פון װילדן קאָרן, האָט זיך געפּאַשעט זײן אויסגעזאָטלט

און געפּענטעט פערד. פאַרנאַכט, שוין שטאַרק דורשטיק, האָט דאָס פערד זיך צעהירזשעט, אויפוועקנדיק דעם באַלעבאָס.

מישקאַ איז אויפגעשטאַנען, אַרומגעבונדן דעם שינעל מיט די זאָטל-רימענס, אָנגעטרונקען דאָס פערד מיט ברונעם-וואַסער און דערנאָך עס אָנגעזאָטלט און אַרויסגעריטן אין געסל אַריין.

אין אָפּגעבערענטן הויף פון די קאָרשונאָווס האָבן זיך נאָך נערייכערט די שוואַרצע, פאַרקוילטע אַקער-אייזנס, פאַרשפּרייטנ-דיק אַרום זיך אַ ביטער רויכל. פון גרויסן הויז איז געבליבן בלויז דער הויכער געמויערטער פונדאַמענט און דער האַלב-איינגעפאַלענער אויוון, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם פאַרקאָפּטשעטן קוימען צום הימל.

קאָשעוואָי איז גלייך אַוועקגעריטן צום הויף פון די מעליעכאָווס.

איליניטשנאַ האָט גראָד זיך אָנגעשיט אונטער דער שאָפּע שפּענדלעך אין פאַרטוך אַריין, ווען מישקאַ, נישט אַראָפּשטייגנדיק פון זאָטל, האָט געעפנט דאָס טירל און אַרייַנגעריטן אין הויף.

— גוטן אָוונט, מומענקע! — האָט ער ליבלעך באַגריסט די אַלטע.

נאָר יענע האָט זיך דערשראָקן, אפילו מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט, אָפּגעלאָזט די הענט, און די שפּענדלעך האָבן זיך אויס-געשיט פון איר פאַרטוך.

— וואָס מאַכט איר, מומענקע?

— דאַנקען... דאַנקען גאָט, — האָט איליניטשנאַ אומדרייסט געענטפערט.

— איר זענט געזונט?

— געזונט, וועגן געזונט פרעג שוין בעסער נישט.

— ווו-זשע זענען אייערע קאָזאַקן?

מישקאַ איז אַראָפּגעשטיגן פון פערד, צוגעגאַנגען צו דער שאָפּע.

— אויף יענער זייט דאָן...

— זיי וואַרטן אויף די קאַדעטן?

— איך פאַרנעם מיך מיט ווייבערישע זאַכן... אין די ענינים האָב איך קיין ידיעה נישט...

— און יעוודאָקיע פּאַנטעלעיעווע אַין אינדערהיים?

— אויך זי איז אויף יענער זייט דאָן.

— דער טייוול האָט זיי אַהין אַוועקגעטראָגן! — מישקעס קול

האט א ציטער געטון. זיך אָנגענומען מיט צאָרן. — איך וועל אייך, מומענקע, זאָגן אזוי: גריגאָרי, אייער זינדל — האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר דעם ערגסטן שונא פון דער סאָוויעטישער מאַכט. מיר וועלן אריבערגיין אויף דער צווייטער זייט — וועלן מיר אים דעם ערשטן אָנטון דאס שטריקל אויפן האלז. נאָר פאַנטעלעי פּראָקאָפּיעוויטש איז אומזיסט אנטלאָפן. אַן אַלטער און הינקענדיקער מענטש, וואָלט פאַר אים צום גלייכסטן געווען צו זיצן אינדערהיים...

— און ווארטן אויפן טויט? — האָט איליניטשנא שטרענג געפרעגט און ווידער אָנגעהויבן אויפצוקלויבן די שפּענדלעך אין פאַרטוך אריין.

— נו, צום טויט איז אים נאָך ווייט. א ביסל ראָפּניקעס וואָלט ער אפשר אריינגעכאַפּט, אָבער דערהרגעט וואָלט מען אים נישט. נאָר איך בין, פאַרשטייט זיך, נישט צוליב דעם צו אייך געקומען. — מישקאַ האָט זיך גלייך געמאַכט די קייט פון זייגער אויף דער ברוסט, אראָפּגעלאָזט די אויגן. — איך בין געקומען צוליב דעם, כּדי צו באַזוכן יעוודאָקיאַ פּאַנטעלעיעוונען. עס איז מיר זייער אַ שאָד, וואָס זי איז אויך אוועקגעפאָרן. נאָר אייך, מומענקע, ווי איר לייבלעכער מוטער, קאָן איך דאָס אויך זאָגן. און זאָגן וועל איך אַזוי: איך טראַכט שוין וועגן איר לאַנג. נאָר אַצינד האָבן מיר זייער נישט קיין צייט וועגן מיידלעך צו טראַכטן, מיר קעמפן מיט דער קאָנטראַ און שלאָגן זי אומרחמנותדיק. ווי נאָר מיר וועלן זי אינגאַנצן פאַרענדיקן און עס וועט זיך איינשטעלן די סאָוויעטישע מאַכט אויף דער גאַנצער וועלט, וועל איך דעמאָלט, מומענקע, שיקן צו אייך שדכנים וועגן אייער יעוודאָקיען.

— עס איז נישט קיין צייט אַצינד צו רעדן וועגן דעם!

— ניין, עס איז יאָ אַ צייט! — מישקאַ האָט זיך אָנגעכמורעט, אַן עקשנותדיקער קנייטש האָט זיך איינגעשניטן צווישן זיינע ברעמען — שדכענען זיך, איז נישט צייט, אָבער רעדן וועגן דעם, קאָן מען. איך האָב נישט קיין אנדערע צייט אויף דעם אויסצוקלויבן. היינט בין איך דאָ, און מאָרגן וועט מען מיך אפשר אוועקשיקן איבערן דאָניעץ. דערפאַר בין איך אייך מתרה: יעוודאָקיען זאָלט איר פאַר קיינעם נישט אויסגעבן, וואָרים, אַז נישט, — וועט זיין שלעכט. ערשט אַז עס וועט קומען פון מיין אָפּטיילונג אַ בריוו, אַז איך בין דערהרגעט, — דעמאָלט קאָנט איר איר שדכענען אַן אַנדערן, אָבער אַצינד — טאָר מען נישט, ווייל צווישן אונז ביידע איז — אַ ליבע. קיין מתנה האָב איך איר נישט געברענגט, עס איז נישט געווען ווו צו נעמען אַזאַ מתנה, נאָר אויב איר דאַרפט עפּעס פון בורזשואישן סוחרישן גוט — זאָגט: איך וועל גלייך גיין און ברענגען.

— גאָט באַהיט! איך האָב קיינמאָל קיין פרעמדס נישט גענומען!

— נו, דאָס איז שוין ווי איר ווילט. אַ האַרציקן גרוס פון מיר גיט איבער יעוודאָקעיאַ פאַנטעלעיעוונע. אויב איר וועט זי זען פריער פאַר מיר, און אַצינד — זייט געזעגנט, און איך בעט אייך, מומעניקע, פאַרגעסט נישט מיינע ווערטער.

איליניטשנאַ האָט נישט געענטפערט. זי איז אַריינגעגאַנגען אין דער כאַטע, און מישקאַ איז אויפגעזעסן אויפן פערד און אַוועקגעריטן צום פּלאַץ פון כוטאָר.

אויף ביינאַכט זענען פון באַרג אין כוטאָר אַריין אַראָפּגעקומען רויטאַרמייער. זייערע הייטערע שטימען האָבן געקלונגען איבער די געסלעך. דריי פון זיי, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען מיט אַ מאַשין־ביקס אויף וואַך צום דאָן, האָבן אויסגעפרעגט מישקען, קאָנטראָלירט זיינע דאָקומענטן. קעגנאיבער סעמיאָן משוגונס כאַטקעלע האָט ער באַגעגנט נאָך פיר. צוויי פון זיי האָבן געפירט אויף אַ פור האָבער, און צוויי האָבן — צוזאַמען מיט טשוגונס שווינדזיכטיקן ווייבעלע — געטראָגן אַ ניי־מאַשין און אַ זאַק מעל.

די טשוגוניכע האָט דערקענט מישקען, זיך באַגריסט.

— וואָס שעכטו, מומע? — האָט מישקאַ זיך פאַראינטערעסירט.

— דאָס אַרדענען מיר איין פאַר אַ פרוי פון אָרימען קלאַס אַ באַלעבאַטישקייט: מיר טראָגן איר אַ בורזשואַזע מאַשין און מעל, — האָט איינער פון די רויטאַרמייער ווילעריש אָפּגעענטפערט.

מישקאַ האָט אונטערגעצונדן איינס נאָכן אַנדערן זיבן הייזער, וואָס האָבן געהערט צו די סוחרים מאָכאָוו און אַטעפין־צאַצאַ, צום פּאָפּ וויסאַריאָן, צום רעכטפאַרטיקן פאָטער פאַנקראַטי און נאָך דריי פאַרמעגלעכע קאַזאַקן, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן איבערן דאָניעץ, און ערשט דעמאָלט האָט ער פאַרלאַזט דעם כוטאָר.

ער איז אַרויפגעריטן אויפן באַרג, אויסגעדרייט דאָס פערד. אונטן, אין טאָטערישן כוטאָר, האָט אויפן סאָן פון שוואַרצן, שיפער־שטיינערנעם הימל דער געלער פלאַם זיך פוכיק אויסגעשפרייט, ווי אַ צעפינקלטער פוקסן־ווײַדל. אָט איז דאָס פייער אויפגעשטיגן אַזוי הויך, אַז זיין אָפּגלאַנץ האָט געפלעמלט איבערן שטראָמיקן פלוס פון דאָן, און אָט איז עס אַראָפּגעפאַלן, זיך פאַרנומען אויף מערב, גיריק פרעסנדיק די בנינים.

פון מזרח איז אָנגעלאָפן אַ לייכט ווינטל פון סטעפּ. עס האָט אויפגעבלאָזן דעם פלאַם און ווייט געטראָגן שוואַרצע און רויטגליענדיקע שטיקער סאַזשע פון דער שרפה.

סוף פון דריטן באַנד, צוועלפטן בוך.